STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07046

DER REVOLT FUN A GOLES-FOLK

Jechiel Halpern

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל האלפערן

דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק

(קאָמוניזם אין ישראל)

ג

קיום
פארלאג
פועלי-ציון-התאחדות

קיום

יחיאל האַלפּערן

דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק

(קאָמוניזם אין ישראל)

משה פייגענבלום.

בוענאָס־איירעס, תשי״ד — 1954

* * *

דורך דעם בוך „דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק" פון ד"ר יחיאל האַלפּערן, וואָס דערשיינט אין יידיש דורך אונדזער פאַרלאַג „ק י ו ם", ווערט געגעבן בלי-ספק זייער אַ וויכטיקער ביטראַג צו דעם געניעם, וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון אַ פּראָבלעם וואָס איז וועזנטלעך פאַר דעם יידישן פאָלק און פאַר מדינת ישראל: די באַציאונג פון דעם קאָמוניזם צו עם ישראל און צו דער יידישער מדינה.

דאָס ווערק פון ד"ר יחיאל האַלפּערן, וואָס איז דערשינען אין ישראל מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אַרויסגעגעבן דורך דער מפלגת פּועלי ארץ ישראל (מפא"י), געהערט צו יענע ביכער וואָס קענען אָנגערופן ווערן ווי אַ קלאַסיש ווערק אויפן שטח פון יידישער סאָציאָלאָגיע און באַגרינדונג פון דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער טעזע. עס איז אַ בוך געשריבן מיט וויסן, אָביעקטיוויטעט און מיט אַן אויסעראָרדנטלעכער לאָגישער קאָנסעקווענץ, ווען אַפילו די אויספירן קענען אויסזען טיילמאָל צו שאַרף און שניידיק. דאָס ווערק איז אָבער, תמיד טריי דעם אמת, דעם יידישן אמת און דעם ציוניסטישן אמת.

דער פאַרלאַג „ק י ו ם" איז צופרידן צו פאַרברענגען דעם בוך דעם יידישן לייענער, וואָס וועט אים געוויס אויפנעמען מיט פולער ערנסט און מיט דער באַציאונג וואָס דאָס ווערק און דער מחבר פאַרדינען.

* * *

די יידישע אויפלאַגע פון דעם בוך, וועלכער הייסט אויף העברעאיש „י ש ר א ל ו ה ק מ ו נ י ז ם", איז פאַרטראַכט געוואָרן דורך דעם טראַגיש-אומגעקומענעם שליח פון איחוד עולמי פאַר די לענדער פון דרום-אַמעריקע, שמואל נועם ז"ל. ע ר האָט ניט נאָר גענומען די איניציאַטיוו דערצו, נאָר אויך איבערגעזעצט אַ העלפט פון ווערק. ליידער, האָט אַן אַוויאַציע - אַקצידענט, וואָס האָט אים געקאָסט דאָס לעבן, איבערגעריסן אויך די אַרבעט זיינע. די אַנדערע פּרקים פון בוך זענען איבערגעזעצט געוואָרן דורך די ח"ח י. רינקעוויטש און מ. מיידאַנעק.

מיר זענען געצוווּנגען געוואָרן צו קירצן די פּרקים וועלכע

האָבן צו טאָן מיט אַלגעמיינע פראגן, ניט ספּעציפיש־יידישע: „דער אינטערנאַציאָנאַל און די אונטערדריקטע פעלקער", „דער באָלשעוויזם" און „דער קאָמינטערן". די אַנדערע קאַפּיטלען זענען געבליבן געניי ווי אין דער העברעאישער אויפלאגע. מיר האָבן אויך ניט אַריינגעפירט אין דער פאָרליגנדיקער אויפלאגע דעם צוגאָבטייל מיט דאָקומענטן. מיר האָבן דאָס צו קענען טאָן ביי אַ נייער אויסגעברייטערטער אויפלאגע פון בוך.

די רעדאקציע איז געמאַכט געוואָרן דורך י. פּאָלאָטיצקי.

***

ד"ר יחיאל האַלפערן האָט געווידמעט זיין בוך דעם גרויסן לערער פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, בערל כצנלסון ז"ל. די יידישע אויפלאגע ווערט געווידמעט אַ סאָלדאט פון דער גרויסער באַפרייאונגס־אַרמיי וועמעס פירער בערל כצנלסון איז געווען: שמואל נועם ז"ל.

רעדאַקציע־ראַט
פון
„קיום"־פאַרלאַג

דער אינטערנאַציאָנאַל און די
אונטערדריקטע פעלקער

אין יאָר 1849 האָבן מאַרקס און ענגעלס פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „נויער רייניש ער צייטונג“ וועגן די רעוואָלוציעס פון 1848, אין וועלכע זיי ברענגען צום אויסדרוק די שנאה און פאַראַכטונג צו די סלאַווישע פעלקער, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין גרויסע חטאים און פשוטן פאַראַט לגבי די דערמאָנטע רעוואָלוציעס:

„מיטן נצחון פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע“ (געמיינט: די פראַנצויזישע) — זאָגן מאַרקס און ענגעלס — וועלן אויך באַפרייט ווערן די דייטשן, מאַדיאַרן און עסטרייכער און די נקמה אין די סלאַווישע באַרבאַרן וועט זיין אַ שרעקלעכע... די מלחמה וואָס וועט דאַן אויסברעכן וועט אָפּשווענקען ניט נאָר רעאַקציאָנערע קלאַסן און דינאַסטיעס, נאָר אויך גאַנצע רעאַקציאָנערע פעלקער, און אויך דאָס וועט הייסן פּראָגרעס“.

איבערהויפּט איז געווען די שנאה קעגן די רוסן:

— „די שנאה צו די רוסן פאַרבלייבט ביז היינטיקן טאָג די ער־שטע רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט פון די דייטשן...“

„אן אומברחמנותדיקע מלחמה קעגן דעם סלאַוויזם, וואָס האָט פאַר־ראַטן די רעוואָלוציע; טעראָר און פאַרטיליקונג אָן אַ גרענעץ און אָן רחמנות, ניט לטובת דייטשלאַנד, נאָר לטובת דער רעוואָלוציע“.

די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ מאָמענט פון אַ שטורמישן ויכוח. מאַרקס און ענגעלס האָבן טאַקע מער קיינמאָל נישט איבערגעחזרט זייער שווערן טעות און די שרעקלע־כע ווערטער זייערע. אָבער פון דעם קענען מיר לערנען, אז שוין ביים ערשטן פעריאָד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועג־גונג, ווען אירע טרעגער און פורמער זיינען געווען רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַרן אידעאַל פון פולער גלייכהייט און גערעכ־טיקייט, איז די פראַגע פון דער באַציאונג צו אונטערדריקטע און שוואַכע פעלקער געווען אַ האַרבע און אַ סך מער קאָמפּליצירטע ווי אַ סך האָבן דעמאָלט געמיינט און צומאָל אויך ווי מאַרקס און ענגעלס אליין.

קעגן מאַרקסן און ענגעלסן איז אַרויסגעטראָטן מיכאַיל באַקונין. לויט זיין מיינונג זיינען די דייטשן דער הויפּט־מקור פון רעאַקציע אין דער וועלט. אין קעגנטייל קוועלט די שנאה פון די סלאַוון צו די דייטשן אויס דער ליבע צו פרייהייט און רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען.

איז נישט מער ווי אַ צופאַל אַז די קעגנזעצלעכע מיינונגען פון

מאַרקס־ענגעלס און באַקונין? לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז אַפילו פּאַר רעוואָלוציאָנערע דענקער נישט מעגלעך צו באַפרייען זיך פון דער השפּעה פון זייער סביבה.

פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנדפּונקט ווי מאַרקס און ענגעלס האָט זיך וועגן דער פראַגע אַרויסגעזאָגט לאַסאַל. ער האָט געהאַלטן אַז די רעכט צו אַ זעלבסטשטענדיקן קיום פון נאַציאָנאַלן גייסט האָט יעדן פאָלק: — „אויב די אַנטוויקלונג זיינע קומט פאָר אויף אַ זעלבסטשטענדיקן אופן און שפּרייזט פאָראויס מיטן ריטם פון דעם אַלגעמיינעם קולטור־פּראָצעס". אין קעגנטייל „אויב אַ פאָלק קען נישט שפּרייזן מיטן ריטם פון אַלגעמיינעם קולטור־פּראָצעס", ווערט דאָס באַהערשן אים פאַרוואַנדלט אין אַ רעכט און עס איז דערלויבט צו ליקווידירן די רעשטלעך פון זיין אומאָפּהענגיקייט און אים פאַרניכטן דורך סיסטעמאַטישער אויסהונגערונג און פיזישן אונטערגאַנג, אויב ער געהערט צו אַ פרעמדער ראַסע און דורך אַסימילאַציע און אויסמישונג אויב דאָס באַהערשטע פאָלק געהערט צו דער זעלבער ראַסע.

לאַסאַל איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין באַהויפּטונג נישט צוליב זאָרג פאַר דער רעוואָלוציע, אַזוי ווי מאַרקס און ענגעלס, נאָר כדי צו פאַראייביקן די גערמאַנישע העכערקייט.

אַ מער ליבעראַלע שטעלונג לגבי די אונטערדריקטע פעלקער האָבן דאַן אָנגענומען די עסטרייך־אונגאַרישע סאָציאַליסטן. קאַרל רענער און אָטאָ באַוער האָבן געפאָדערט קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די אונטערדריקטע פעלקער. אָבער זיינען דורכאויס געווען קעגן דער שטרעבונג פון די קליינע פעלקער צו פולשטענדיקער זעלבסטשטענדיקייט. אין צענטער פון זייערע באַטראַכטונגען איז שטענדיק געשטאַנען די זאָרג ווי אַזוי אויסצומיידן די צעפאַלונג פון דער עסטרייכיש - אונגאַרישער אימפּעריע.

די דאָזיקע ליבעראַלע שטעלונג נעמט זיך פון דעם, ווייל די צוויי הערשנדיקע פעלקער פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע האָבן זיך נישט געפילט אַזוי שטאַרק אין זאָטל. זיי האָבן געהאַלטן אַז די גאַנצקייט פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע איז אַ גאַראַנטיע פאַר דער עקאָנאָמיש - אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און צוליב דעם מוזן די קליינע פעלקער מוותר זיין אויף זייער זעלבסטשטענדיקייט. די רעכט פאַר דער פולער זעלבסטשטענדיקייט פון די צוויי הערשנדיקע פעלקער איז אַפילו צו דיסקוסיע נישט געשטעלט געוואָרן.

דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג פון די פירערס פון דייטשן און עסטרייך־אונגאַרישן סאָציאַליזם האָט אייגנטלעך געשטימט מיטן געדאַנ־

קען־גאנג, וואָס האָט געהערשט אין די אַרבעטער־באַוועגונגען פון די דאָזיקע לענדער.

אין פראנקרייך, בעלגיע, האָלאנד, ענגלאנד א״א, איז די ליטע־ראטור וועגן דעם פּראָבלעם פון די שוואכע אונטערדריקטע פעלקער ניט געווען אַזוי רייך. אָבער אויך דאָרטן האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נישט אָנגעפירט קיין ערנסטן קאַמף קעגן דער פאַרשקלאַפונג, רויב און גזלה פון די שוואכע פעלקער. דאָס דאָזיקע שווייגן האָט צוגעגעבן מוט די פארשקלאפער און אָפטמאָל האָבן די סאָציאליסטן זיי אָפן געשטיצט.

אַפילו אין רוסלאנד, וואו דער הערשנדיקער שיכט איז געווען דער רעאקציאָנערסטער און צוריקגעשטאנענסטער, האָבן זיך געפונען סאָציאַ־ליסטישע דענקער, וואָס האָבן געפּרואווט איבערצייגן, אַז די פעלקער פון דער רוסישער אימפעריע טאָרן נישט קעמפן פאַר זייער זעלבסטשטענ־דיקייט, אַז זייער באַהעפטונג צום רוסישן פאָלק איז אַ ברכה אָן און פאַר זיך, און אַז די אַרבעטער פון די ניט־רוסישע פעלקער דארפן מוותר זיין אויפן נאַציאָנאלן קאמף ווייל דאָס קען שטערן דער קאָנסאָלידאציע פון רעוואָלוציאָנערן קאמף.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע זיינען שטאַרק אויסגע־וואַקסן צום סוף פון ניינצנטן און אָנהויב צוואנציקסטן יאָרהונדערט; זייער צאָל מיטגלידער איז שנעל געוואקסן און צוזאַמען מיט דעם אויך גע־שטיגן זייער השפעה און וואָג. אָבער זייער באַציאונג צו די אונטער־דריקטע פעלקער האָט זיך נישט געביטן. דער אייראָפּעאישער אַרבעטער האָט געקעמפט פאַר זיין אייגענעם וואוילזיין. אָבער האָט אין די מער־סטע פאלן געשוויגן און גאָרנישט געטאָן קעגן דער הערשאַפט פון רויב און גזלה, וואָס האָט פאַראורטיילט פעלקער צו הונגער און דעגענעראציע און צוגערויבט ביי מיליאָנען קינדער אין אַזיע, אין אפריקע און אויך אין אייראָפּע זייער קינהייט און זיי פאַרוואנדלט פון דער פריעסטער על־טער זייערער אין קנעכט. די אַרבעטער פון די רייכע פעלקער זיינען מערסטנס געווען שותפים צו דער עקספּלואטאציע. די סאָציאליסטישע תורה, די סאָציאליסטישע מאָראל האָבן זיי אויסגענוצט ווי אַ געווער פאַר זייער אייגענער פאַרבעסערונג. אָבער זיך ניט צוגעהערט צום גע־שריי פון די שוואכע פעלקער.

דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויפגעשטיגן אויף אַ העכערן סטאנדארט לעבן, אַ דאנק דער עקספּלואטאציע פון די פעלקער אין די קאָלאָניעס; דער דייטשער אַרבעטער האָט דערגרייכט צו קולטור און באַ־קוועמלעכקייט אויפן חשבון פון א סך פעלקער וואָס האָבן געלעבט אין דלות; רוסישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטויסן די פאַרשקלאפטע פעל־

קער פון די בעסערע און באַקוועמערע אַרבעט־פּאָזיציעס, און די אַלע האָבן גערעדט פון „אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט", פון „פעלקער־פאַרברידערונג" אאז"וו. אָפטמאָל האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם כאָר אויך פאָרשטייער פון אונטערדריקטע פעלקער גופא, נישט וואָגנדיק צו מאָנען די טאָפּלטע באַרואיקונג פון יענע וועמען זיי רעפּרעזענטירן, דענקענדיק אַז דאָס וועט חלילה שטערן צו דער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט. אַזוי זיינען געווען פּוילישע סאָציאַליסטן וואָס האָבן נעגירט דעם קאַמף פון זייער פאָלק פאַר אומאָפּהענגיקייט, יידישע סאָציאַליסטן האָבן געקעמפט קעגן ציוניזם און אַ קאָלאָניאַלער סאָציאַליסט וואָס האָט געלויבט די פּראָלעטאַרישע דערגרייכונגען אין אייראָפּע. דאָס איז געווען אַ פאַלשע אידיליע פון גערעכטיקייט און גלייכקייט אויף אַ ווולקאַן פון רויב, אונטערדריקונגען, ליידן און פאַרביטערונג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער דייטשער אַרבעטער געקומען צו דער מאַכט אין איין לאַנד. דייטשלאַנד איז געווען אַ באַזיגטע, די קאָלאָניעס און אויך די ניט־דייטשע געביטן זיינען פון איר צוגענומען געוואָרן; עס זיינען אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן באַגרעניצונגען און שווערע רעפּאַראַציע־צאָלונגען. די אַלע באַקוועמלעכקייטן פון פריער האָבן מער נישט עקזיסטירט. די רעגירונג איז דעמאָלט געשטאַנען פאַר צוויי וועגן: זיך נעמען אויפן וועג פון רעוואָלוציע און אויסשטיין אַ שווערן קאַמף מיט די קאַפּיטאַליסטן און גרויסע ערד־באַזיצערס אין דייטשלאַנד גופא און מיט די קאַפּיטאַליסטישע זיגער־מלוכות, אָדער זיך פאַרגלייכן און זאָרגן בעיקר פאַר דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער און אויסברייטערן זיינע דערגרייכונגען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג.

די דייטשע און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער זיי האָבן ווי געהעריק באַלוינט דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער, דעם פאַכמאַן מיט די געהעריקע אַרבעט־באַדינגונגען. און די לעצטע האָבן מיט זיי מיטגעאַרבעט. די דאָזיקע מיטאַרבעטערשאַפט איז פאַרגעזעצט געוואָרן אויך דעמאָלט ווען מאסן אַרבעטער זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און געוואָרן אַרבעטסלאָז; אויך ווען אַ גאַנצער דור האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט; אויך שפּעטער ווען די גאַנצע לאַסט פון סאָציאַלער טעטיקייט איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די שוואַכע פּלייצעס פון דעם פּויער; אויך ווען אַ גאַנצער דור פון אינטעליגענץ איז אויסגעלאָשן געוואָרן און אויסגעגאַנגען פאַר זייערע אויגן, צוליב דעם וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם. פאַר די אויגן פון דעם סאָציאַליסטישן אויסגעשולטן דייטשן אַרבעטער,

זיינען דערנענעריטט געוואָרן מיליאָנען פון זיינע פאָלקס-גענאָסן און ער האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט דער זעלביקער אַכזריות ווי פריער צו די באַהערשטע און אונטערדריקטע, דורך די דייטשן, פרעמדע פעלקער.

אַ גרויסע שנאה האָט אַרומגערינגלט דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער און נישט דוקא פון אויבן. ווען דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער האָט נאָך אַלץ געזען זיך אליין אַ עקספּלואַטירטן, רעוואָלוציאָנער און מאָראַליש אַפילו אין די בייע באַדינגונגען; ווען ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די פאָן פון צדק און יושר ווי זיינעם אַ מאָנאָפּאָל, בעת מיליאָנען אַרבעטס-לאָזע האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קיין ענטפער נישט באַקומען; ווען צווישן אַ דור וואָס איז פאַר-וועלקט געוואָרן איידער ער האָט אויפגעבליט איז נאָך אַלץ פאַרן דייטשן אָרגאַניזירטן אַרבעטער געווען אַ הוספה פון אַ מאַרק אויף זיין גע-האַלט דער אידעאַל און קודש קדשים פון זיין לעבן — איז די פאַרבי-טערונג געוואַקסן און שטאַרקער געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ מער. נאָך יאָרן פון אַכזריותדיקן גלייכגילט מצד די אַרבעט-געבער און אַרבעטער צוזאַמען צום גורל פון די מער באַעוולטע, איז די שנאה אויסגעבראָכן ווי אַ וואולקאַן און אָפּגערוימט דעם וועג פאַר די נאַציס.

דער דייטשער אַרבעטער, דער מיטגליד פון די שטאַרקע אָרגאַניזא-ציעס און פון סאָציאַליסטישן סטאַזש האָט שנעל שלום געמאַכט מיט די נייע מאַכטהאָבער, ער האָט מיט זיי נישט געקעמפט; ער האָט מיט זיי מיטגעאַרבעט און געצויגן נוצן פון זייערע מעשים. ווען היטלער האָט געמאָרדעט און פאַרשקלאַפט אייראָפּעאישע פעלקער האָט דער דייטשער אַרבעטער הנאה געהאַט פון זיין לעבן און ווען די שחיטה האָט דער-גרייכט אין די צענדליקער מיליאָנען און צעבראָכן כמעט פולשטענדיק די אייראָפּעאישע פעלקער, זיי פאַרשקלאַפט און איינגעשפּאַנט אין יאָך פון דער דייטשער עקאָנאָמיע — האָט דער לעבנס-סטאַנדאַרט פון דייטשן אַרבעטער דערגרייכט די העכסטע הייך. אויך יענע וואָס זיינען ערשט נעכטן, אייער-נעכטן געווען סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן, אויך זייער ליבע צום „פירער" איז געוואַקסן.

אין דעם פעריאָד צווישן די צוויי וועלט-מלחמות האָבן די אַרבע-טער-פאַרטייען אין די אימפּעריאַליסטישע מדינות זיך באַטייליקט די-רעקט אין די רעגירונגען. דאָ און דאָרטן איז גערעדט געוואָרן וועגן דער נויטיקייט צו בייטן די באַציאונגען צו די קאָלאָניאַלע פעלקער; עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פאַרשלאָגן און אַפילו אָנגענומען באַ-שלוסן. אָבער ווייטער פון דעם איז עס נישט געגאַנגען. פאַקטיש איז ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן דער רויב און גזלה אַזוי ווי פריער. ווען

די פאַרשקלאפטע פעלקער האָבן אָנגעהויבן אַ קאמף האָט דאָס מיליטער אונטערדריקט די אויפשטאנדן מיט דער זעלבער אַכזריות ווי פריער, און די פלענער מיט די נייטיקע ביודזשעטן זיינען באַשטעטיקט געוואָרן אויך דורך סאָציאליסטן, אַמאָל נאָך אַ געוויסער וואקלונג און אַמאָל אָן קיין שום וואקלעניש.

דאָס זעלבע איז געשען ווען די ענגלישע לייבאָר־פאַרטיי איז גע־קומען צו דער מאַכט און דער גראַנגל פון די קאָלאָניאלע פעלקער פאַר זייער פרייהייט איז געוואָרן שטאַרקער. דער ענגלישער אַרבעטער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון זיינע באַקוועמלעכקייטן וואָס ער באַ־קומט פון דער עקספּלואטאציע פון די פאַרשקלאפטע פעלקער, און האָט פאַרשטאַרקט זיין קאמף קעגן די אויפשטענדלער און פאַרגאָסן זייער בלוט אזוי ווי פריער די קאַפּיטאליסטישע רעגירונגען. נאָך מער, ווען ענגלאַנד האָט נישט פאַרמאָגט די גענוגנדיקע כוחות האָט זיך די אַר־בעטער־רעגירונג נישט געוואָקלט צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע קאַפּי־טאַליסטישע רעגירונגען און פאַרזיכערן מיט זייער הילף איר הערשאַפט איבער די דאָזיקע פעלקער.

די לייבאָר־רעגירונג האָט זיך אָנגעשטרענגט איינצופירן „גערעכ־טיקייט” ביי זיך אין לאַנד, אַז די רייכטימער וואָס שטאַמען אין לאַנד פון די קאָלאָניאלע פעלקער זאָל פאַרטיילט ווערן צווישן אַלעמען אויף אַ מער גלייכן און „גערעכטן” אופן. אָבער לגבי די שוואַכע פעלקער איז די געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבעטער־רעגירונג אויך די געשיכטע פון אכזריותדיקע קאָלאָניאלע קאמפן מיט די יידן, מאלאיער און אַנ־דערע פעלקער און שבטים.

די מיינונג, אַז „מער ווי די קייטן קען דער אַרבעטער ניט פאַר־לירן” — האָט געדינט פאַר אַ יסוד צו גלויבן אין זיין רעוואָלוציאָנע־רישקייט לגבי די העכערע שיכטן און אין זיין גערעכטיקייטס־געפיל לגבי די אונטערשטע שיכטן. די באַדינגונגען פון זיין לעבן האָבן אים פעאיק געמאַכט צום קאמף און דאָס האָט אויך געדינט פאַר אַ גאַראַנטיע, אַז דער נצחון זיינער וועט נישט ברענגען מיט זיך דאָס אַרויפצווינגען אַ נייעם יאָך אויף וועמען ס'ניט איז. דער פּראָלעטאַריאט וואָס האָט ניט גאָר־נישט און איז דער נידעריקסטער שיכט פון דער געזעלשאַפט וועט מיט זיין אַרויפשטייג באַפרייען די מענטשהייט און ממילא אויך די פאַרשקלאפטע פעלקער. די דאָזיקע מיינונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש.

שטימונגען וועגן העכערקייט זיינען אויך פאַרוואָרצלט צווישן די אַרבעטער־שיכטן פון די שטאַרקע און הערשנדיקע פעלקער. אַפילו אַזעל־

כע ריזן־דענקער ווי מארקס און ענגעלס האָבן שווער געקעמפט צו באַ־פרייען זיך פון די דאָזיקע שטימונגען, אַנדערע סאָציאַליסטישע דענקער האָבן אַפילו נישט געפּרואווט קעמפן און האָבן אין קעגנטייל אָנגע־האַלטן די טענדענץ פון העכערקייטס־געפיל ביי די אַרבעטער פון זייער לאַנד און זי געפּרואווט באַגרינדן וויסנשאַפטלעך. אָפּגערעדט שוין פון דעם איינפאַכן ארבעטער, אַז ער האָט זיך זיכער נישט באַפרייט פון דער דאָזיקער באַציאונג צו די אונטערדריקטע פעלקער. די מיינונג אַז וואָס מער דער פּראָלעטאריאט וועט דערקענען זיינע קלאַסן־אינטערעסן, אַלץ מער וועט אָפּגעשוואַכט ווערן זיין העכערקייט־געפיל — האָט פולשטענ־דיק באַנקראָטירט. וואָס מער די ענגלישע, פראַנצויזישע, בעלגישע און אַנדערע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין די רעגירונגען פון זייערע לענדער, אַלץ מער האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די רייכטימער וואָס שטאַמען פון די קאָלאָניאַלע לענדער באַרייכערן ניט נאָר די אויבער־שטע שיכטן, נאָר שאַפט אויך אַ הויכן לעבנס־ניוואָ פאַר זיי, פאַר דעם אַרבעטער קלאַס גופא. די פאָדערונג פון די ארבעטער צו אַ גרעסערן טייל אין די נאַציאָנאַלע הכנסות נעמט אויך אַרום די הכנסות וואָס קומען פון די פאַרשקלאַפטע קאָלאָניאַלע פעלקער; און וואָס מער די דאָזיקע פאָדערונגען ווערן באַפרידיקט אַלץ מער זיינען זיי פאַראינטערעסירט אין דער הערשאַפט פון זייער פאָלק איבער די קאָלאָניעס. ווען די אַרבעטער באַקומען די מאַכט אין זייערע הענט און מיינען אַז איצט זיינען זיי בכוח אויסצונוצן די קאָלאָניאַלע רווחים פאר זיך אליין — פאנגען זיי אָן איינ־צוזען אַז זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פאָרזעצונג פון דער קאָ־לאָניאַלער הערשאַפט נישט ווייניקער פון דער בורזשואַזיע.

אין די צייטן ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך נישט געהאַט קיין דירעקטע באַטייליקונג אין די רעגירונגען פון די הערשנדיקע אייראָפּע־אישע לענדער, אָדער די באַטייליקונג איז געווען אַ מינימאַלע, האָבן נאָך די אונטערדריקטע פעלקער ווען ניט ווען זיך געקענט שטיצן אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון יענע לענדער, כדי אויסצושרייען פאַר דער וועלט די באַגאַנגענע עוולות און מאַכן אויפּציטערן דעם געוויסן פון דער וועלט און אַזוי אַרום עטוואָס צוימען די הערשער. אָבער ווען דער אַרבע־טער אַליין איז געוואָרן דער רעגירער, איז אויך דער מקור פאַרשטאָפּט געוואָרן. אין קעגנטייל, אַן אַרבעטער־רעגירונג גיט זיך איין אָפּטמאָל לייכטער צו פאַראייניקן דאָס גאַנצע פאָלק אַרום דעם ענין פון נאַציאָ־נאַלער אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, אַזוי אַז עס בלייבט קיין שפּעלטעלע ניט דורך וועלכער עס זאָל קענען דורכדרינגען דער געשריי פון די פאַרפאָלגטע.

די העכערקייט־ און באַהערש־ליידנשאַפטן פון די אַרבעטער און זייערע פּאַרטייען זיינען ניט קיין רעזולטאַט נאָר פון אַלטע איינגעוואָר־צלטע מיינונגען, אָדער בורזשואזע השפּעות. די ליידנשאַפטן עקזיסטירן אויך דעמאָלט ווען די השפּעות ווערן קלענער. זיי ווערן גענערט פון דער קאַלעקטיווער הנאה וואָס זיי באַקומען פון דער עקספּלואַטאַציע פון שוואכן בכלל און פון די אונטערדריקטע פעלקער בפרט. ווען דער פּראָ־לעטאַריאַט באַפרייט זיך פון די פאַרשקלאַפנדיקע געזעלשאַפטלעכע קייטן, איז נישטאָ קיין שום גאראנטיע פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון נאַציאָ־נאַלער גלייכהייט און ליקווידאַציע פון עקספּלואַטאַציע און פאַרשקלא־פונג. עס פּאַסירט אַז דער פּראָלעטאַריאַט נוצט אויס זיין אויפשטייג כדי צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון די פריערדיקע עקספּלואַטאַטאָרן און פאַר־שקלאפער און פאַרזעצן זייער אַרבעט.

דער באָלשעוויזם

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אויפגעקומען אין אַ צוריקגעשטאַנען אַגראַר־לאַנד, וואו אַריבער אַכציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבן געהערט צום פויערים־שטאַנד, און האָבן אין זייער גרויסער מערהייט לחלוטין נישט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון סאָציאַליסטישע קרייזן, פון זייערע קאַמפן, אויפשטאַנדן, ליידן און פאַרפאָלגונגען. און דער קליינער טייל פון די פויערים, וואָס האָבן יאָ געהערט, האָבן זיך באַציגן צו דעם גאַנץ גלייכגילטיק.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געווען אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן. זיי האָבן באַקעמפט די „נאַראָדניקעס", וואָס האָבן געדענקט, אַז די קאָלעקטיווע פאָרמען פון לעבן, וואָס זיינען איינגעהיט געוואָרן אין דאָרף, וועלן קענען דינען ווי אַ שפּרונגברעט צום סאָציאַליסטישן רעזשים. זיי זיינען אויך אַרויסגעטראָטן קעגן די טעראָר־אַקטן פון די נאַראָדניקעס. זיי האָבן געגלויבט, אַז נאָר דאָס אויפקומען פון אַ גרויסער אינדוסטריע מיט אַ גרויסן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט וועט פירן צום סאָציאַליזם.

זיי האָבן זיך אָבער ביטער אַנטוישט. דער רעוויזיאָניזם פון בערנשטיינען האָט געוואונען גרויסע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער און איז אויך אַריינגעדרונגען אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס איז אַפילו אויפגעקומען אַ סעקציע „עקאָנאָמיסטן", וואָס איז געווען גרייט מוותר צו זיין אויף זייער אַ סך, כדי צו לעגאַליזירן די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. זיי זיינען פּרינציפּיעל געווען קעגן יעדער פּאָליטישער טעטיקייט און קעגן אַלץ, וואָס איז אויסער די ראַמען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין.

אין 1903, אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואו עס איז דיסקוטירט געוואָרן דער רעגלאַמענט פון דער פּאַרטיי האָט לענין פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַ פּאַרטיי־חבר קען נאָר זיין יענער, וועלכער אַקצעפּטירט פולשטענדיקע געהאָרכזאַמקייט, וועלכער וועט אינגאַנצן זיך איבערגעבן מיט מסירות נפש דער פּאַרטיי.

אַ צווייטן, אַ מער ליבעראַלן שטאַנדפּונקט האָט פאַרטראָטן מאַרטאָוו. שפּעטער האָט זיך לענינס מיינונג מער אויסקריסטאַליזירט און געוואָרן דער יסוד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי: די רעוואָלוציע קען און וועט דורכגעפירט ווערן נאָר דורך אַ גרופּע „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", וואָס זיינען ספּעציעל צוגעגרייט צו זייער אויפגאַבע. די

גוטע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער איז לחלוטין נישט קיין גאַראַנטיע, אַז די רעוואָלוציע זאָל דורך זיי נישט געשטרויכלט ווערן. אויך נאָכן נצחון וועט די מאַכט זיך געפינען, אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, אין די הענט פון דער גרופּע „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", כדי צו פאַר־מיידן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך רעוואַנשירן פאַר זייער פריערדיקע באַ־ליידיקונגען און וועלן אונטערדריקן דעם שוואַכן שיכט, שבט און פאָלק, און כדי די מאַסן זאָלן דערצויגן ווערן אין פּרינציפּן פון גלייכקייט און גערעכטיקייט.

אין 1917 זיינען די באָלשעוויקעס געקומען צו דער מאַכט. זיי האָבן קאָנצענטרירט אַרום זיך נישט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך די פּויערים, וואָס האָבן געלעכצט נאָך שלום און ערד, און די ביידע זאַכן האָבן זיי גע־געבן די באָלשעוויקעס. דאָס פאָלק האָט פאַרטיידיקט די באָלשעוויסטישע רעגירונג קעגן אירע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. אָבער גלייך נאָכן נצחון האָבן די באָלשעוויקעס זיך אָנגעשטויסן אויף די גרעסטע שוועריקייטן: די אינדוסטריעס אין שטאָט זיינען געווען צעשטערט, אָדער פּאַראַליזירט. די פּויערים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצושטעלן אומבאַצאָלט שפּייז פאַר די אַרבעטער אין שטאָט און פאַר די רויטע אַרמייער, וואָס האָבן אויסגעקעמפט פאַר זיי זייערע רעכטן. די שטאָט האָט געהונגערט און דער פּויער האָט באַהאַלטן זיין תבואה, אָדער פּראָדוצירט נישט מער ווי פאַר זיין אייגענעם געברויך. שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער אויפ־שטאַנד אין קראָנשטאַט, וואו עס איז געפאָדערט געוואָרן מער פרייהייט. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי איבערגעבן די פאַבריקן, אַזוי ווי עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די פּויערים די ערד. און עס האָט גע־דראָעט, עס זאָל אויסברעכן אַ שרעקלעכער בירגער־קריג. די רעגירונג האָט דעמאָלט פּראָקלאַמירט דעם „נעפּ" ווי אַ צייטווייליק מיטל. די לאַ־גע איז דורכדעם אַביסל פאַרלייכטערט געוואָרן און עס האָט זיך געשאַפן אַ פּראָ־קאַפּיטאַליסטישע שטימונג. די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט אָנ־גענומען די וויטגייענדיקסטע מיטלען. עס זיינען פאַרבאָטן געוואָרן אַלע פּאַרטייען אַ חוץ דער באָלשעוויסטישער. אַפילו די סעקציעס אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי גופא זיינען ליקווידירט געוואָרן — טאָמער וועלן זיי דינען דער קאָנטררעוואָלוציע. די פרייקייט איז פאַרקלענערט געוואָרן צוזאַמען מיט דער גלייכקייט. די איינציקע פרייקייט וואָס איז געבליבן איז געווען דאָס שעפן רווחים.

דער „נעפּ" איז סוף־כל־סוף בטל געוואָרן און די רעגירונג האָט ווי־דעראַמאָל איבערגענומען אין אירע הענט דעם קאָנטראָל איבער אַרבעט און פּראָדוקציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סיסטעם פון פּלאַניפיקאַ־

ציע, פינף־יאָר פּלענער, קאָלעקטיוויזאַציע פון אַגראַר־ווירטשאַפטן, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ כוואַליע פון אויפשטאַנד פון די אַזוי־גערו־פענע קולאַקעס און שטראָף־עקספּעדיציעס צו דערשטיקן זיי, אַרעסטן, פאַרשיקונגען און גאָר אַ סך, זייער אַ סך געהרגעטע. די קעגנערשאַפט האָט סוף־כל־סוף אויפגעהערט. די דערפער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָלכאָזן. אָבער די פראַגע ווי אַזוי באַוועגט מען דעם פּויער ער זאָל פּראָדוצירן אין דער נייטיקער מאָס איז ווידער געבליבן נישט געלייזט. פון די קאָלכאָזן איז טאַקע גרינגער אויפצומאָנען די קוואָטע פאַר דער שטאָט, לייכטער ווי ביי הונדערט אינדיווידועלע ווירטשאַפטן. אָבער ווי מאַכט מען אַז דער פּויער זאָל נישט פאַרזעצן זיין פריערדיקן וועג?

די קאָלעקטיווע פאָרם פון ווירטשאַפט איז זייער וויכטיק פון עקאָ־נאָמישן און פּראָדוציר־שטאַנדפּונקט. די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט קען מען לייכט מעכאַניזירן. אָבער וואו נעמט מען טראַקטאָרן, קאָמביינען, וואָס אָן זיי איז דער קאָלכאָז אַ דורכפאַל. דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פון אַרבעטער, אינזשעניערן און פאַרוואַלטער. — איז ווי אַזוי הייבט מען זייער אַרבעטס־קראַפט, זייער ווילן צו אַרבעטן? ווי אַזוי באַוועגט מען זיי צו דעם?

די ווירטשאַפט אין קאָלכאָז איז געוואָרן אַ קאָלעקטיווע. אָבער די רעגירונג האָט נישט איינגעפירט דעם פּרינציפּ „יעדער לויט זיין באַ־דאַרף“ און אויך נישט „אַלע באַקומען אין אַ גלייכער מאָס“, נאָר דעם פּרינציפּ: „יעדערער לויט זיין אַרבעט און אירע רעזולטאַטן“. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ קאָמפּליצירטער סיסטעם פון פּרעמיעס, צוגאָב־געהאַלטן און טאַריפן פאַר יחידים און גרופּעס, פאַר איניציאַטיוועס צו פאַרגרעסערן און אויסבעסערן די פּראָדוקציע. עס זיינען דעמאָלט אויפגע־קומען רייכע און אָרעמע קאָלכאָזן; ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן אונטערשיידן צווישן פעאיקע און ווייניקער פעאיקע, צווישן שטאַרקע און שוואַכע, אַרבעטזאַמע און פוילע. די טענדענץ איז געווען צו פאַרגרעסערן דעם ווילן און פלייסיקייט צו דער אַרבעט דורך פּרעמיעס און באַזונדערע באַ־לוינונגען פאַר די דערפאָלגרייכע.

די רעגירונג האָט אומאויפהערלעך זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרטיפן דאָס קאָלעקטיווע אין דער ווירטשאַפט, אָבער האָט אויך פאַרטיפט און גרעסער געמאַכט די אונטערשיידן אין סטאַנדאַרט לעבן פון איין קאָל־כאָזניק ביז אַ צווייטן, פון אַ רייכן קאָלכאָז ביז אַן אָרעמען.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט ביי דעם יונגן אַרבעטער, איבערהויפּט אין די אינדוסטריעלע צענטערס אַ גרויסן ענ־טוזיאַזם. דער פּויער אין דאָרף האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט דעם

שטיקל ערד, וואָס די רעוואָלוציע האָט אים צוגעטיילט. אָבער פאַר די הונדערטער, טויזנטער אַרבעטער איז פאַרווירקלעכונג פון פולער גלייכ־קייט געווען די גרעסטע איבערלעבונג.

די אַרבעטער האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט דעם נייעם רעזשים און האָבן זיך באַטייליקט אין די וויכוחים איבער אַלע פּראָבלעמען וואָס זיי־נען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג, אָן פּחד און אָן מורא ווי פרייע מענטשן. אַ סך פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן פעאיקייט פון זעלבסט־אָריענטאַציע און דענקען, אַנטפּלעקן פאַרשידענע דערפינדונגען און אַריינברענגען וויכטיקע חידושים אין דער אַרבעט און אין דעם פאַר־וואַלטן די ענינים. זייער אידעאַליזם האָט אויך אָנגעשטעקט אַ סך אַנדע־רע אַרבעטער.

מיטן אָנפאַנג פון דער פּלאַניפיקאַציע פון די ערשטע פינף־יאָר־פּלענער איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן. און אויך די שטימונג האָט זיך ביי די שטאָטישע אַרבעטער געביטן. דאָס באַשליסן וועגן וויכטיקע ענינים איז איצט געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון פּראַקטישע מענטשן. פּאַקטיש האָט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי גופא אויפגעהערט דער פרייער וויכוח. די אַלע פאַרזאַמלונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען, זיינען בעצם געווען נישט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע־מיטינגען. דאָס געפיל וועגן גלייכע רעכט ביי באַשטימען דעם וועג פון נייעם רעזשים איז פאַר־שוואונדן. דער „נעפּ״ האָט פאַרענדיקט מיטן לעצטן ביסל התלהבות פאַר עקאָנאָמישער גלייכקייט. די אַרבעטער וואָס האָבן געהאַט דערפאָלג איז דער גאַנצער ענין — גלייכקייט — נישט אָנגעגאַנגען. די אַרבעטער־מאַסן ווידער זיינען געווען דערשעפּט און אויסגעמאַטערט פון דלות און אָרעמקייט. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען אַרויסצוהעלפן זיך ניט מיט דעם סאָציאַלן באַוואוסטזיין פון דעם אַרבעטער, וואָס איז אָפּגע־שוואַכט געוואָרן אַפילו ביים באָלשעוויק — דער פּאַרטיי־מאַן, וואָס האָט געזאָלט דינען פאַר אַ ביישפּיל — נאָר זיך ווענדן צום פערזענלעכן, פּרי־וואַטן אינטערעס פון יעדן איינעם, דעם אינטערעס פון פערזענלעכן אויפ־שטייג. און דערפאַר איז איינגעפירט געוואָרן דער סיסטעם פון אונ־טערשייד אין די לוינען, פּרעמיעס, צוגאָב־געהאַלטן, ספּעציעלע באַדינ־גונגען אאז״וו. די כוונה איז געווען נישט נאָר אַרויסצורופן די ענערגיע פון דעם שטאַרקן, פעאיקן און פלייסיקן, נאָר אויך אויפצווועקן דעם ווילן צו שטייגן, אויך ביי די שוואַכערע און נאַכלעסיקע. איבערהויפּט איז געווען וויכטיק דער אַרבעטס־פאַרוואַלטער, ווייל פון זיינע פעאי־קייטן, איניציאַטיווע און אָנשטרענגונג איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענ־גיק געווען דער גוטער, אָדער שלעכטער רעזולטאַט און די פּראָדוק־

ציע פון די צענדליקער אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אונטער זיין האַנט. ער האָט באַקומען נישט נאָר פאַרשידענע פּרעמיעס, נאָר אויך אַ טייל פון די פּרעמיעס און צוגאָב־לוינען, וואָס זיינע אַרבעטער האָבן גע־קראָגן.

מיט דער צייט איז דער סיסטעם פון פּרעמיעס פאַרפולקאָמט גע־וואָרן מיט פאַרשידענע שטראָפן פאַר די שוואַכע און נאַכלעסיקע. די פאַרוואַלטערס האָבן געמוזט אויספירן די שטרענג־געזעצלעכע שטראָפן אַפילו נאָר אויפן סמך פון אַ חשד, כדי אַליין נישט ליידן נאָכדעם פון אַ שטרענגער שטראָף פאַר נישט געהעריק אויסנוצן זייערע ווייטגייענדיקע פולמאַכטן.

דער רעזשים פון די פינף־יאָר־פּלענער, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען סוף צוואַנציקער יאָרן שטייגט איבער דעם „נעפּ" מיט דעם, וואָס ס'איז פולשטענדיק בטל געוואָרן פּריוואַט־אייגנטום. ער שטייגט איבער בכלל אַלע סיסטעמען וואָס זיינען געווען פאַר אים, אויך דעם מיליטערישן קאָמו־ניזם, מיט דער פולשטענדיקער פּלאַניפיקאַציע פון דער פּראָדוקציע און קאָנסום צוזאַמען. אָבער דער נייער רעזשים האָט נישט דערנענטערט די גלייכקייט צווישן אַרבעטער און אַרבעטער. אדרבה, די עקאָנאָמישע אונ־טערשיידן זיינען נאָך גרעסער געוואָרן, און גרעסער און שאַרפער איז אויך געוואָרן די באַגרענעצונג פון דער פרייהייט.

ביים אָנפאַנג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָבן די באָל־שעוויקעס זי באַטראַכט, ווי אַן אָנפאַנג צו דער וועלט־רעוואָלוציע, ווי אַ שפּרונג־ברעט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין מערב־אייראָפּע. אָבער שפּעטער ווען עס איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג, ווען אַפילו אין לענדער, וואו עס זיינען געווען סאָציאַליסטישע רעגירונגען, זיינען זיי געגאַנגען אויף פשרות מיטן קאַפּיטאַליזם; ווען אַפילו קאָמוניסטן פון פאַרשידענע לענדער האָבן געוואָרנט נישט צו מאַכן זיך קיין אילוזיעס וועגן אַ באַלדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען דער חשד, אַז אויך דער רוסישער רעוואָלוציע זאָל אַמאָל נישט דערוואַרטן דער זעלבער גורל פון דער פראַנצויזישער — דעמאָלט האָט סטאַלין פּראָקלאַמירט די אידעע וועגן סאָציאַליזם אין איין לאַנד, ד"ה אויפן וועלט־פּראָלעטאַריאַט קענען מיר זיך נישט סוך זיין; די סאָ־וועטישע פעלקער וועלן אַליין מיט זייער אייגענעם כוח מוזן אויפבויען זייער לאַנד און זייער נייעם שטייגער לעבן.

דער נייער וועג האָט געפאָדערט אַ שנעלן אַריבערגאַנג צו אַ העכ־ערן אַנטוויקלונגס־שטאַפּל, כדי דאָס לאַנד זאָל קענען שטיין אויף אירע אייגענע פיס. די פינף־יאָרפּלענער, די קאָלעקטיוויזאַציע, דער פאַרשנע־

לערטער ריטם פון אינדוסטריאַליזאַציע — דאָס אַלץ איז געווען באַ־שטימט אַרויפצופירן דאָס לאַנד אויפן נייעם וועג און אויף וויפל די רוסישע מאַסן האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער איינגעשפּאַנט אין יאָך פון דער דאָזיקער אויפגאַבע — אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט ביי אַ סך די נאַציאָנאַלע זיכערקייט און דער גלויבן אין רוסישן פאָלק און זיין ספּעציעלער מיסיע.

אין די דרייסיקער יאָרן זיינען אויפגעקומען שטאַרקע רעאַקציאָנע־רע כוחות אין מערב־אייראָפּע. אין דייטשלאַנד האָבן מיליאָנען זיך קאָנ־צענטרירט אַרום היטלערן און נאָך אַזוי פיל מיליאָנען זיינען געווען גרייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע ווען עס וועט זיין נויטיק. דער פאַ־שיזם איז אויסגעוואַקסן אויך אין אַנדערע לענדער. דער פאַשיזם איז ניט געווען סתם אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, נאָר אַ באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען אין די מאַסן גופא און דורך די מאַסן. די זעלבע מאַסן, פון וועלכע דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אין די פריערדיקע יאָרן דערוואַרט סאָ־לידאַריטעט אין וועלט־מאַסשטאַב, זיינען איצט געווען אירע עקסטרעמ־סטע שונאים. און כדי צו באַקעמפן די גרויסע געפאַר איז געווען נייטיק די גייסטיקע צוגרייטונג פון צענדליקער מיליאָנען בירגער, צו קעמפן און קענען זיך ברענגען פאַר אַ קרבן. די אַלטע התלהבות פאַר סאָציאַלער גלייכהייט איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן און דעריבער האָט די סאָוועטישע רעגירונג אין איר פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג־קאַמפּיין געזוכט צו וועקן די נאַציאָנאַלע געפילן אין דעם סאָוועטישן בירגער. ניט קיין קעמפער פאַר צדק און יושר; נישט קיין אויפשטאַנד קעגן אומ־רעכט און געוואַלד; נישט ספּאַרטאַקוס, נישט די פּאַריזער קאָמונע און די רעוואָלוציע פון 1905 האָבן געדינט ווי דערציערישע ביישפּילן פאַר די מאַסן, פאַר דער צוגרייטונג פון די געמיטער צו די שווערע טעג פון נסיון, נאָר לאָזונגען און העלדן פון דער רוסישער געשיכטע, אַזעלכע ווי: פּיאָטר דער גרויסער, דער טיראַן און דעספּאָט, אַלעקסאַנ־דער נעווסקי, איוואַן דער גרויזאַמער, אַלעקסאַנדער סואוואָראָוו. זיי און זייערע אויפטוען זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ ביישפּיל, זיי און זייערע מעשים, וואָס האָבן געבראַכט צו דער אויסברייטערונג פון די רוסישע גרענעצן — זאָל זיין דורך אונטערדריקונג פון פרעמדע פעלקער, דורך פאַרשקלאַפן און פייניקן די אייגענע בירגער — זיי זיי־נען אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי העלדן און זייערע מעשים ווי אַן אויס־דרוק פון פּאַטריאָטיזם און ליבע צום פאָלק און פאָטערלאַנד.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט נישט באַוויזן צו דערהויבן נישט דעם אַלטן דור און אויך נישט דעם נייעם דור, וואָס איז דערצויגן גע־

וואָרן אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע צו דער הויך פון זיין דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון צדק און יושר, פון גלייכקייט און פרייקייט, אידעען מיט וועלכע זי האָט זיך באַנוצט אין די יאָרן פון בירגער־קריג; די סאָוועטישע רעגירונג האָט עס נישט געקענט באַווייזן, ווייל מיטן אָנפאַנג פון דער פלאַניפיקאַציע האָט זי אַליין פאַרוואָרפן אָט די אידעען.

***

אין 1941 איז היטלער באַפאַלן ראַטנפאַרבאַנד און איינגענומען אַ ריזיקן שטח פון איר טעריטאָריע. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצונוצן די נאַציאָנאַלע קעגנערשאַפטן צווישן די סאָוועטישע גרענעץ־פעלקער און גאָר אַ גרויסע צאָל פון אוקראַינער און קאָזאַקן האָבן מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס. עס זיינען אַפילו געשאַפן געוואָרן באַטאַליאָנען, וואָס האָבן געהאָלפן היטלערן אין זיין מלחמה מיט סאָוועט־רוסלאַנד.

די אַלע ידיעות זיינען אָנגעקומען קיין סאָוועט רוסלאַנד, און נאָך דעם ווי די רוסן האָבן דורך איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג פאַראורזאַכט די דייטשן אַ שרעקלעכע מפלה, אין זייער פּרוואו אַרומצורינגלען מאָסקווע — האָבן זיי פאַרוואָרפן אויך דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכקייט, דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן אָנגעהאַלטן, נאָך דער ליקווידאַציע פון דער עקאָנאָמישער גלייכקייט, און אָנשטאָט דעם פּראָקלאַמירט העכערקייט פון די גרויס־רוסן און זייער ספּעציעלער מיסיע. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער „אינטערנאַציאָנאַל". דער נייער הימן האָט אונטערגעשטראָכן די נייע ליניע, די אויסדערוויילטקייט פון גרויס־רוסלאַנד.

אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן זיך אויך אויסקריסטאַליזירט די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און די מערב־מאַטענצן. רוסלאַנד איז אַרויס פון איר איזאָלאַציע און ענגער זיך פאַרבונדן מיט די מערב־מאַטענצן. די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין די אמעריקאַנער, אַזיאַטישע, אייראָפּעאישע און אַפריקאַנישע לענדער האָבן אַרויסגעשטעלט זייער נאַציאָנאַליזם און געשטיצט די הערשנדיקע רעאַקציאָנערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און באַקעמפט די טראָצקיסטן וועלכע האָבן געפּרוווט פאַרוואַנדלען די פעלקער־מלחמה אין אַ קלאַסן־מלחמה. דער קאָמינטערן איז בטל געוואָרן. דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע אין רוסלאַנד איז געגעבן געוואָרן רעכטן צו זיין טעטיק פריי, און ס'איז אַפילו אויפגעשטעלט געוואָרן דער הייליקער סינאָד. אַלץ איז מאָביליזירט געוואָרן

פאַרן נצחון איבער היטלערן, די אַלע שריט האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף דער גאַנצער וועלט.

דער זיג איבערן נאַציזם איז געווען צו פאַרדאַנקען דער ריזיקער און שנעלער אינדוסטריאַליזאַציע פון גרויסע אַזיאַטישע געביטן און דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דער אַגריקולטור. דאָס האָט דערמעגלעכט די מי־ליטערישע מעכאַניזירונג און דאָס צושטעלן שפּייז אין אַ גענוגנדיקער מאָס הן פאַרן מיליטער און הן פאַר דער באַפעלקערונג, ווען נישט די צוויי פאַקטאָרן וואָלט סאָוועטנרוסלאַנד צוזאַמענגעבראָכן נאָך די ער־שטע מפּלות. אָבער דאָס אַליין איז נישט געווען גענוג. עס איז נויטיק געווען צו מאָביליזירן צענדליקער מיליאָנען מענטשן און זיי דורכדריי־גען מיטן געפיל צו זיין גרייט אויף אַלץ, זיך אַליין מקריב צו זיין און קעמפן קעגן דעם ביטערן שונא מיט אַלע כוחות. כדי דאָס צו דערגרייכן האָט מען געמוזט זיך ווענדן צום נאַציאָנאַלן געפיל און אַרויסברענגען פאַר אַ ביישפּיל די געשטאַלטן פון פאַרשיידענע צאַרן און גענעראַלן. אַרויסברענגען די פריינדשאַפט מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און ליקווידירן דעם קאָמינטערן, די „בעזבאָזשניקעס״. באַגרענעצן די טעטי־קייט פון פּאָליטישע קאָמיסאַרן און געבן אַלע פרייהייטן און רעכטן דער קירכע. ליבע צום פאָטערלאַנד, בלוט און ראַסע און היסטאָרישע זכרונות, דאָס האָט געדינט ווי אַ פאַקטאָר צו הייבן דעם גייסט און קאַמף־לוסטי־קייט פון דעם רוסישן סאָלדאַט. דאָס האָט בעיקר דורכגעפירט דאָס אַפּיצירנטום.

נאָך דער מלחמה איז ראַטנפאַרבאַנד געשטאַנען פאַר דעם גרויסן פּראָבלעם ווי צוריק אויפבויען די פולשטענדיק צעשטערטע אינדוסטריע און באַנייען צוריק די עקאָנאָמישע און קולטור־אַנטוויקלונג. די גע־שטאַלטן פון די פאַרשידענע צאַרן און גענעראַלן האָבן נישט געקענט דינען פאַר קיין ביישפּיל צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, איר מעכאַני־זירן און פּלאַניפיצירן.

נאָך דער מלחמה זיינען אויך פאַרשאַרפט געוואָרן די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און די מערב־מלוכות און אַנשטאָט וואָס פריער איז געפּלעגט געוואָרן די קעגנערשאַפט נאָר צום פאַשיזם, איז זי איצט געווענדט געווען קעגן גאַנצן מערב. אין דער צייט פון מלחמה איז די אויבערשטע אָנפירערשאַפט, ווי געזאָגט, געווען אין די הענט פון די מי־ליטערישע קרייזן אָבער נאָכן נצחון האָט געמוזט פאַרקומען אַ גרונטיקער כדי צוריק איבערגעבן די פירערשאַפט אין די הענט פון דער אַדמיניס־טראַציע פון די עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען און פון די פּאַרטיי־צעלן צוזאַמען מיט די מענער פון וויסנשאַפט און דערציאונג. און אויך די אי־

דעאָלאָגישע אינסטרומענטן האָבן געמוזט צוגעפּאַסט ווערן צו די נייע באַדערפעניש.

אין דער זעלבער צייט וואָס אַ סך קליינע פעלקער זיינען באַשטראָפט, אָדער ליקווידירט געוואָרן פאַר זייער אויפפירונג אין דער צייט פון דער מלחמה — איז אויך אָנגעפאַנגען געוואָרן אַ טעטיקייט צוזאַמענצושליסן די סאָוועטישע פעלקער אויף נייע פּאַטריאָטישע יסודות. עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פערזאָנען און געשעענישן ניט־רוסישע וואָס האָבן סימבאָליזירט די שטרעבונג פון איינפאַרשטענדיקונג און געמיינזאַמע טעטיקייט מיטן רוסישן פאָלק.

מיטן פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און די מערב־פּאַטענצן האָט מען אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז אונטער דער מאַסקע פון קאָסמאָפּאָליטיזם זוכן די מערבניקעס, איבער־הויפּט אַמעריקע, צו פאַרענדיקן מיט דער זעלבסטשטענדיקייט פון די סאָוועטישע פעלקער און אַרויפצווינגען אויף זיי דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך; און אַז די אויפגאַבע פון ראַטנפאַרבאַנד איז צו פאַרטיידיקן די מענטשהייט און אירע ווערטן און די פרייהייט פון אַלע פעלקער איבער דער גאַנצער וועלט. די נייע טענדענץ איז צו באַווייזן אַז די סלאַווישע פעלקער און איבערהויפּט די רוסן זיינען פון אייביק אָן געווען די קעמ־פער פאַר פרייהייט, און דער אוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט אויף די מערסטע געביטן; אין טעכניק, נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע אאז״וו.

פון אָנפאַנג ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַרויפגעשטיגן צו דער מאַכט האָבן זיי געפּרואווט איינגאַנצן פאַרענדיקן מיט דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אומגלייכקייט, און כדי צו פאַרטיידיקן די גלייכקייט האָבן זיי באַגרענעצט די בירגערלעכע פרייהייט. נאָכן „נעפּ״, ווען עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די פּלאַניפיקאַציע און „פּיאַטילעטקעס״ האָט דער שטאַט ווידעראַמאָל נאַציאָנאַליזירט די גאַנצע פּראָדוקציע און זי איבערגענומען אין די אייגענע הענט. אָבער די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע גלייכקייט איז נישט באַנייט געוואָרן. אין קעגנטייל די אומגלייכקייט האָט וואָס וייטער אַלץ מער געשטיגן און אָפּטמאָל איז דער אונטערשייד אין פּרנסה און געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע צווישן דעם פּראָסטן אַר־בעטער און דעם פון די העכערע שיכטן, געווען גאָר אַ גרויסער.

די באָלשעוויקעס האָבן פון אָנפאַנג געמיינט, אַז דאָס באַגרענעצן די פרייהייט איז נישט מער ווי צייטווייליק, ביז די קאָמוניסטישע דער־ציאונג וועט דערמעגלעכן צו פאַרקלענערן עס, און ביז אין גאַנצן עס צו ליקווידירן.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש. נישט נאָר זיינען נישט קלע־

נער געוואָרן די באַגרענעצונגען, נאָר אין קעגנטייל, מיטן פאַרענדיקן מיט דער גלייכקייט, זיינען זיי וואָס ווייטער אַלץ גרעסער געוואָרן. צום ביישפּיל: אין דער ערשטער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבן אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען געקענט אָנגיין מיט מינדלעכער און שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע. שפּעטער איז דערלויבט געוואָרן נאָר די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעגירונג. נאָך שפּעטער איז די פרייהייט פון פּראָפּאַגאַנדע און פאַרטיי־טעטיקייט איבערגעלאָזן געוואָרן נאָר פאַר דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי אַליין. אַלע אנדערע פאַרטייען זיינען פאַרבאָטן געוואָרן. נאָך דעם איז די לעצטע פרייהייט אויך בטל געוואָרן און אַלע פראגן, וועגן וועלכע עס זיינען געוועזן מיינונג־פאַרשיידנקייטן האָבן געקענט באַהאַנדלט ווערן נאָר אין די באָלשעוויסטישע קעמערלעך און נישט צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאסן. אין דער צייט פון גרעאַנגל צווישן די אָנהענגער פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד״ און „פּערמאַנענטע רעוואָלוציע״, זיינען פאַרגעקומען אַ סך אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון קאָמוניסטן וואָס זיינען געוועזן קעגן דער מערהייט, וואָס ווייטער איז די פרייקייט פון וואָרט נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן און עס האָבן זיך געמערט די באַוואוסטע פּראָצעסן און האַרבע שטראָפן, וואו צענער־טויזנטער פון דער באָלשעוויסטישער מאַסע און פון די שפּיצן זיינען פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט און שוין יאָרן אַז די וויכוחים זיינען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און קאָנצענטרירן זיך אין דעם העכסטן און ביז גאָר ענגער קערפּערשאַפט — די פּאָליטביוראָ. און אַ סברא אַז אויך דאָרטן עקזיסטירט נישט די פרייקייט פון ויכוח, און נישט נאָר אין סאָציאַלע און פּאָליטישע פראגן איז אָפּגעשאַפט די פרייקייט פון ויכוח, נאָר דאָס זעלבע געשעעט אויך מיט דער וויסנשאַפט: מיט עקאָנאָמישע, הומאַניסטישע, נאַטור־וויסנשאַפט צווייגן. מענטשן ווערן שטרענג באַשטראָפט פאַר אַרויסזאָגן אַ זעלבסטשטענדיקע מיינונג. דאָס אויג און אויער פון דער ברייט־פאַרצווייגטער פּאָליציי דערגרייכט אין יעדן ווינקל און צו יעדן בירגער. קעגן אירע אורטיילן קען מען נישט אַפּעלירן, ווייל יעדער אַפּעלאַציע וואַרפט אַ חשד און מען איז אויסגעשטעלט צו פאַרשיקונג און אַרעסט.

***

די באָלשעוויקעס האָבן דערגרייכט אַז דער שטאַט איז געוואָרן דער איינציקער באַלעבאָס איבער די נאַטור־אוצרות, פּראָדוקציע־מיטלען און צו פולשטענדיקער עקאָנאָמישער פּלאַניפיקאַציע און צו אַן אָרדענונג, וואָס גיט יעדן די מעגלעכקייט צו שטייגן אויפן לייטער פון לעבן. אָבער

זיי האָבן נישט דערפירט צו גלייכקייט און פרייקייט, דאָס צו וועלכן עס שטרעבט דער סאָציאַליזם. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי קאָנצענטרירט אַרום זיך מיליאָנען מענטשן, אָבער עס איז נישטאָ אַפילו קיין זכר פון אַ דעמאָקראַטישן סדר לעבן. דער ווילן און די שטימונגען פון די בירגער קומען לחלוטין נישט צום אויסדרוק. אומדירעקט זיינען משפּיע נאָר יענע מענטשן, וואָס פאַרנעמען אַ געוויסע פּאָזיציע, אָדער פירן דורך אַ גע־וויסע אויפגאַבע. די דאָזיקע קרייזן באַשטייען פון מענטשן וואָס באַקו־מען די גרעסטע הכנסות און וואָס זייער שטאַנדאַרט פון לעבן איז געוווּג הויך, אָפטמאָל זייער הויך. די אַלגעמיינע אָרעמקייט און די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע רירט זיי נישט אָן. דאָס אומגלייכקייט שאַפט פאַר זיי מעג־לעכקייטן צום ווייטערדיקן שטייגן. די דאָזיקע מענטשן זיינען די אויס־פירער פון די ברייטע פלענער. אין זייערע הענט איז פאַקטיש איבער־געגעבן געוואָרן די הערשאַפט איבער די פּראָדוקציע־מיטלען פון לאַנד און איר רייכטום, זיי זיינען די פאַרוואַלטער פון דער אינדוסטריע, פון די קאָלכאָזן און סאָווכאָזן, פון די מינעס, קאָמוניקאַציע, וואוינונגען אאז״וו. זיי האָבן דעם קאָנטראָל איבער אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען משפּיע אינערלעך און גייסטיק; אָנפאַנגענדיק פון דער שולע, ציימונג, ראַדיאָ, מוזיק. די דאָזיקע מענטשן באַזיצן די ברייטסטע פול־מאַכטן און זיינען די פאַקטישע באַלעבאַטים איבער דער פרייקייט איבער־צובייטן די אַרבעט אָדער וואוין־אָרט. ביי זיי אין די הענט איז פאַקטיש קאָנצענטרירט די גוואַלדיקע מאַכט איבער דעם מענטשן, אַ מאַכט וואָס איז נאָר מעגלעך אין אַזאַ טאָטאַליטאַרן שטאַט ווי די סאָוועטן, אַפילו דאָס געריכט איז אָפּהענגיק פון זייער ווילן.

דאָס איז אַ שיכט פון צענער טויזנטער מענטשן, וואָס באַזיצן אומ־באַגרענעצטע ווירטשאַפטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע פולמאַכטן, מענטשן וואָס זייער עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע העכערקייט איז אויפגעקומען אַ דאַנק דער אומגלייכקייט און איז אויך מערסטנס אָפּ־הענגיק פון דער ווייטערדיקער פאַרזעצונג פון דער דאָזיקער אומגלייכ־קייט. צי וועלן זיך דען נישט געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן אויסנוצן זייער מאַכט פאַר דער אָנהאַלטונג פון דער אומגלייכקייט? די מיליאָ־נען סאָוועטישע בירגער, וועלכע ליידן פון דער דאָזיקער אומגלייכקייט און אויך וועמען די אָרעמקייט דריקט מיט איר גאַנצער וואָג, זיינען זי־כער אַ פאַקטאָר, וואָס וואָלט געקעמפט קעגן דער אומגלייכקייט. אָבער דאָס פעלן פון פרייהייט מאַכט אומעגלעך אַזאַ קאַמף. וועלן דען זיך ניט געפינען אַזעלכע פון די פאַראינטערעסירטע פאַרצוזעצן די אומגלייכ־קייט וואָס וועלן זוכן נאָכמער צו פאַרלענגערן די באַגרענעצונגען פון

דער פרייהייט, אַפילו פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער רעוואָלוציע, לויט ווי עס זעען זי באַלשעוויסטישע רעוואָלוציאָנערן? און פאַרוואָס זאָלן נישט ווערן פאַרלענגערן וויפל עס לאָזט זיך נאָר דעם שטרענגן רעזשים און די פרייקייט־באַגרענעצונג, יענע וואָס פּראָפּיטירן פון דער אומ־גלייכקייט? אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פון „נעפּ" צו פּלאַנאַפּיקאַציע זיינען צוגעצויגן געוואָרן צום משפּט אַ היפּשע גרופּע פון פאַרוואלטער און סאָוועטישע וויסנשאַפטלער אונטער דער באַשולדיקונג פון סאַבאָ־טאַזש און פאַרשווערונג כדי אַזוי אַרום צו באַנייען דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים אין רוסלאַנד. אין אַ צווייטן משפט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ צייט אַרום זיינען באַשולדיקט געוואָרן די פירער פון רעכטן פליגל פון דער פאַרטיי אין אַ פּרואוו צו שטיצן די קולאַקן און צוריק איבער־געבן אין זייער רשות די ערד אין דאָרף. אין דער צייט ווען עס זייגען פאָרגעקומען „רייניקונגען" אין אוקראַינע, זיינען באַשולדיקט געוואָרן באַלשעוויקעס, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער אָנפירונג, אַז זיי האָבן געזוכט צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע גלייכקייט און אונטערדריקן דעם אוקראַינישן פאָלק. ענלעכע באַשולדיקונגען זיינען אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אין אַנדערע פראָצעסן און „רייניקונגען", אַ סך האָבן עס באַ־טראַכט, ווי אַן אויסרייד כדי פּטור צו ווערן פון פאַרטיי־ריוואַלן. אָבער אַ סך האָבן געגלויבט אין די באַשולדיקונגען און די באַלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַווייזן אַז די פאַראורטיילטע זיינען באמת שולדיק.

אין די דרייסיקער יאָרן זיינען אריינגעבראַכט געוואָרן רעפאָרמעס אין די געזעצן וועגן דערציאונג, און עס זיינען איינגעפירט געוואָרן אָפּ־צאָלונגען פאַר געוויסע באַדינונגען אין די אינטערנאַטן ביי די הויכשולן. אַזוי אַז ביי די פשוטע אַרבעטער, וואָס פאַרדינען קוים אויף ברויט איז צוגענומען געוואָרן איבערהויפּט ביי די דאָרפס־מענטשן די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ העכערע מאַקסימאַלע בילדונג. און עס איז אַ געפאַר אַז די פולע גלייכקייט, וואָס האָט געהערשט אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג זאָל פאַרענדיקט ווערן אָבער דאָס איז שפּעטער בטל געוואָרן.

די אַלע פּרואוון צו באַגרענעצן די סאָציאַלע דערגרייכונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, קומען בעיקר פון דער באַלשעוויסטישער פאַרטיי גופא. די אַלע באַשולדיקונגען אין ווען צוריקברענגען דעם קאַפּיטאַליזם, זיי־נען געוואָרפן געוואָרן אויף באַלשעוויסטישע מנהיגים און אויף גאַנצע באַלשעוויסטישע סעקציעס. צו די „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן" זיינען אין משך פון דער צייט צוגעקומען פאַרשידענע שיכטן, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר זייערע טיילווייזע און צופעליקע אינטערעסן, און

עס זיינען צוגעקומען קרייזן, וואָס האָבן אָט־די אינטערעסן פאַרטיידיקט. די אַלע פאַרשידענע רעפאָרמעס און אויפטרייסלונגען אין דער געשיכטע פון דער הערשנדיקער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, זיינען די מחלוקת צווישן די סעקציעס, די משפטים און „רייניקונגען", דאָס אָפּשוואַכן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, דאָס שטרענגער מאַכן די סאָציאַלע אומגלייכ־קייט, דאָס באַגרענעצן די מענטשלעכע פרייקייט, דאָס פאַרשטאַרקן די אונטערדריקונג פון פרייער מיינונג, דאָס זיינען אַלץ רעזולטאַטן פון די צוזאמענשטויסן צווישן די פאַרשידענע פאַראינטערעסירטע שיכטן, צווישנאַנאַנדער, איבער דער השפעה אויף דער פאַרטיי, אויף איר פאָ־ליטיק און אויף אירע שטאַנדפּונקטן.

דאָס רוסישע יידנטום

נאָך דעם ווי מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל און עס זיינען ביי אונדז צוגענומען געוואָרן אַלע אונדזערע מאַטעריעלע גיטער, איז די וועלט געווען זיכער אַז עס איז געקומען אונדזער סוף. ווען אונדזער קיום איז דאָך געוואָרן פאַרגעזעצט ווי אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין באָדן אונטער זיינע פיס, אין אַ וועלט אין וועלכער עס איז נישט פאַראַן קיין פלאַץ פאַר אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, — איז די זאַך באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַרויספאָדערונג און אַ גרינגשאַצונג צו אַ כלל וואָס איז דורך אַלעמען אָנגענומען. אין די מערסטע פאַלן, האָט אונדזער עצם־עקזיסטענץ אויפגערעגט די וועלט; מיר זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַלעמענס קעגנער. מיר — דערנידעריקטע און פאַרטריבענע, באַרויבטע פון באָדן און אָן פיזישן כוח אויף צו גיין אין אַ מלחמה.

אין מיטלאַלטער האָט דאָס קריסטנטום געלערנט, אַז אונדזער שלי־חות האָט זיך געענדיקט און אַז אונדזער רעכט אויף קיום איז פאַר־שוואונדן. דאָס קריסטנטום האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין זיגן אין אייראָפּע און זי איז געווען דער פּוסק אחרון אין אַ סך פראַגן. האָט מען דען געדאַרפט האָבן נאָך אַ מאָראַלישע צוגאָב־אסמכתא אַז ווי יידן דאַרפן מיר פאַרשווינדן?

די בורזשואַזע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אייראָ־פּע אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם האָבן אויפ־געהויבן אויף זייער פאַן די רעכט פון דעם מענטש צוליב זיין עצם זיין אַ מענטש; זיי האָבן פּראָקלאַמירט די גלייכקייט פון אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון רעליגיע אָדער ראַסע, און זיי האָבן אויך צוגעטיילט ביר־גער־רעכט די יידן. אָבער, אפילו די פירער פון דער רעוואָלוציע האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן אַז ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דער באַקו־מענער גלייכקייט דאַרפן מיר זיך אַסימילירן.

אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און זי האָט די באַגריפן פון גלייכקייט און פרייקייט זייער שטאַרק אויסגעברייטערט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשטרעבט צו דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכקייט פון אַלע מענטשן און צו דער באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער. אָבער דער אור־טייל קעגן דעם יידישן פאָלק איז ניט געוואָרן באַרירט. פאַרקערט, עס

זיינען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען אים צו באַגרינדן אויף אַ מאָדער־נעם סאָציאַליסטישן אופן.

די אומות־העולם, מיט זייערע פריצים און פויערים, די קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער, אַרטאָדאָקסן און פריידענקער, קאָנסערוואַטיווע און רעוואָלוציאָנערן — יעדע איינע פון זיי האָט איר אייגענעם לשון און קולטור, טראַדיציע און שטייגער, איר אינטים נאַציאָנאַל לעבן, און זי וויל נישט פאַרליידן ביי זיך קיין פרעמדן גוף. פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן דערנענטערן אונדזער סוף מיט חרמות און גירושים, פּאָגראָמען און שחיטות; און פאַראַן וואָס וואַרטן אויף אָט דעם סוף מיט דער פולער רואיקייט און מיט וויסנשאַפטלעכער זיכערקייט. אָבער, אין די אויגן פון די ערשטע ווי פון די לעצטע זיינען מיר אַ פאָלק וואָס לעבט קעגן די געזעצן פון דעם סדר־העולם און אויסער זיי.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער קאַמף בכדי צו ליקווידירן אונדזער עקזיסטענץ צווישן די פעלקער איז ווידער אַמאָל געוואָרן בולט ווי טראַגיש עס איז דער גורל פון אַ פאָלק וואָס איז באַדנלאָז צווישן פעלקער וואָס זיינען לאַנדבאַזיצער. צום סוף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך זייער געשטאַרקט אַלערליי נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און אַ סך פעלקער האָבן אויפגעהויבן זייערע באַפרייאונג־מלחמות. ביי יידן איז דעמאָלט אויפגעקומען די ציוניסטישע באַוועגונג. אויב מיר האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע צוליב אונדזער גלות, זיינען מיר אָבער כלל וכלל ניט געווען די איינציקע אין אונדזער שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט אין אונדזער פאָטערלאַנד. אויב מיר האָבן צעשטערט דעם סדר־העולם און באַשווערט די פעלקער ווי אַ פרעמדער גוף צווישן זיי, — איז דאָך דער ציוניזם באַשטימט געוואָרן בכדי זיי צו באַפרייען פון דער דאָזיקער לאַסט. די נייע קאָניוקטור האָט, אין פלוג, געדאַרפט זיין לטובת אונדז, אָבער די וועלט האָט אונדז נישט געוויזן קיין פריינדלעך פנים, נייערט זי האָט זיך קעגנגעשטעלט אויך צו דעם דאָזיקן קאַמף אונדזערן: דער ציוניזם איז נישט ענלעך צו אַן אַנדער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג־באַוועגונג.

זינט דער מענטש האָט אנערקענט אַז עס איז אַ חטא צו באַרויבן זיין שכן פון זיין אייגנטום, איז דאָס באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרויסע מאָראַלישע דערגרייכונג. די געזעלשאַפטלעכע אַנשויאונגען וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויפן סמך פון דער דאָזיקער דערקענטעניש, די געזעצן וואָס זיינען אַנטשטאַנען בכדי צו באַשיצן דאָס אייגנטום פון דעם יחיד, זיינען געריכט בכדי צו זיכערן אַז אַ זאַך וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן

דורך אַ מענטש מיט מי און שווייס זאָל נישט קענען אַרויסגעריסן ווערן פון זיין באַזיץ דורך אַ גזלן אָדער רויבער. אָבער דאָס איז געווען נאָר איין זייט פון דער מטבע; די סאָציאַליסטישע תורה האָט נישט געוואָלט אַנערקענען די אַלגעמיינקייט פון דער דאָזיקער מאָראַל. די סאָציאַליס־טישע דאָקטרין האָט געפרעגט: איז טאַקע יעדער באַזיץ דערוואָרבן גע־וואָרן דורך אַרבעט און שווייס? דער סאָציאַליזם האָט טיף געפאָרשט די געשיכטע פון פּריוואַט־אייגנטום און זיינע קוואַלן, און געשטעלט די פראַ־גע פאַרוואָס זיינען פאַראַן אַזוי פיל מענטשן וואָס באַזיצן גאָרנישט הגם זיי אַרבעטן און מיען זיך אָן אויפהער. דאָס אייגנטום וואָס זאַמלט זיך צונויף אין די הענט פון יחידים, איז נישט אַליין דער רעזולטאַט פון דעם וואָס די שעפער ווערן באַרויבט פון זייער שאַפונג? מאַרקס' גרויס ווערק, „דער קאַפּיטאַל" איז קודם־כל אַ גרויסע אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג צו געבן אַ תשובה אויף אָט די פראַגן און אויפהייבן די מענטשלעכע מאָ־ראַל אויף אַ העכערן שטאַפּל. דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער מענטש־הייט איז פאַראינטערעסירט דירעקט אין דער פאַרוואָרצלונג פון דעם סאָ־ציאַליסטישן געדאַנק, אַז די נאַטור־אוצרות און פּראָדוקציע־מיטלען גע־הערן צום גאַנצן כלל; זי איז פאַראינטערעסירט וויטאַל אַז דער דאָזיקער געדאַנק זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַנטשיידנדיקן פאַקטאָר אין אונ־דזער לעבן, פונדעסטוועגן זיינען זייער גרויס די שטרויכלונגען און זייער שטאַרק די קעגנערשאַפט צו דער אָנווענדונג פון אָט־דער נייער מאָראַל. דער וועג פון דער נייער נאַציאָנאַלער מאָראַל, וואָס דער ציוניזם איז איר טרעגער איז נאָך אַ סך אַ סך שווערער.

עס איז געווען אַ דערגרייכונג און אַ גרויסער פאָרשריט אין דעם ווען אין האַרץ פון דער מענטשהייט האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען דער באַוואוסטזיין, אַז אַ לאַנד געהערט צו די וואָס זיצן אויף אים. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף די פעלקער־פאַרשקלאַפער ווי אויף פאַר־ברעכער, און דער פאַקט האָט געשטאַרקט און סטימולירט די קעמפער פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט. אָבער דער פרינציפּ, „דאָס לאַנד פאַר אירע באַוואוינער" — איז ער תמיד אַ גערעכטער? און וואָס זאָל געשען מיט די, וועלכע זיינען נישט קיין תושבים פון קיין שום לאַנד? דער ציוניזם פרעגט אָפּ די אַלגעמיינקייט פון דעם דאָזיקן פרינציפּ. דער ציוניזם פרעגט: ווי אַזוי איז דאָס געשען וואָס אַ גרויס פאָלק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז געבליבן אָן אַ לאַנד? איז דאָס נישט געשען דערפאַר ווייל זיין פאָטערלאַנד איז אים געוואָרן צוגערויבט? און וואו ליגט דער יושר אין דעם וואָס מען וויל פאַראייביקן דעם דאָזיקן רויב?

אין אַ וועלט וואָס איז אין גאַנצן צוזאַמענגעשטעלט פון פעלקער וועלכע זיינען לאַנד־באַזיצער, אין אַ מענטשהייט אין וועלכער עס איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין לאַנד, און עס ווערט דעריבער פאַרמשפט צו שמד און אונטערגאַנג, איז דען נישט אַ מאָראַלישער חוב פון ערשטער מדרגה צוריקצוגעבן אָט דעם פאָלק זיין פאַטערלאַנד?

אין דעם דאָזיקן אָפּפרעגן פון דער אַלגעמיינער נאָרמע איז נישט געווען פאַראינטערעסירט נישט דער רוב פון דער מענטשהייט, און אויך נישט קיין סך פעלקער, נייערט אייך־און־איינציק פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט, וואָס די וועלט האָט שוין פון לאַנג באַשלאָסן, אַז עס מוז שטאַרבן און וואָס איז פולשטענדיק אָפּהענגיק פון פרעמדע חסדים — דאָס יידישע פאָלק. מיר האָבן אָנגעהויבן דעם ציוניסטישן קאַמף ווען דער באַוואוסטזיין אַז דאָס לאַנד דאַרף געהערן צו די וואָס באַוואוינען עס, האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין האַרץ פון דער מענטשהייט, און דאָס איז געווען אַ גרויסער וואָפן אין די הענט פון די דעמאָקראַטישע כוחות און פון די אונטערדריקטע פעלקער. עס איז, דעריבער, געווען גרויס דער פחד אַז עס זאָל נישט אַנטשטיין קיין שפּאַלט אין אָט־דעם פּרינציפּ, וואָס זיינע קעגנער זיינען פיל און שטאַרק, און אין אונדזער באַמיאונג און אַנשטרענגונג אַריינצוברענגען אונדזער נייעם באַנעם האָבן מיר זיך אין די מערסטע פאַלן אָנגעטראָפן אויף אַ טויבער וואַנט. וואָס מערער אַ יחיד אָדער אַ באַוועגונג איז געווען אָרטאָדאָקסאַל אין דער געטריישאַפט צו די אָנגענומענע פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע, אַלץ מער האָבן זיי געזען פאַר זייער חוב צו באַקעמפן אונדז טיפער און שטאַרקער. נישט נאָר אונדזער עקזיסטענץ אין גלות, נאָר אויך דעם אַרויסגיין פון גלות און באַקומען פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, אויך דאָס האָט אויפגערעגט די וועלט און זי אויפגעשטעלט קעגן אונדז.

אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ גייע דערוואַכונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין רוסלאַנד האָט זיך די מערהייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אָנגעשלאָסן אין די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן געפּאָדערט גרייטקייט צו אַ ווייט־גייענדיקער רעוואָלוציע. עס זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן די אָנשטרענגונגען צו שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע עקספּלאָאַטירטע און געדרודפטע אין דער וועלט, און די נאַציאָנאַלע פראַגע איז ווידעראַמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין סאַמע צענטער פון דער פּראָבלעמאַטיק. עס איז

אויפגעהויבן געוואָרן די פאָדערונג פאַר דער פולער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער אין אייראָפּע און פאַר קאַמף קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע פון די קאָלאָניעס. אין אַ סך פראַגן האָבן די באָלשעוויקעס רעוואָלטירט קעגן דעם פּאַראייביקן עוולות און דיסקרימינאַציעס, וועלכע האָבן געהאַט פאַרטיידיקער אפילו אין די רייען פון די סאָציאַליסטן; אָבער זיי האָבן אָן רעזערוואַציעס מסכים געווען צו דער אַלגעמיין־אָנגענומענער מיינונג אין דער יידישער פראַגע, און זיי האָבן זיך נאָך אָנגעשלאָסן צו די סאַמע עקסטרעמע מיינונגען בנוגע דער שעדלעכקייט פון דעם „ציוניסטישן שאָוויניזם״. זיי זיינען גרייט געווען אונדז צו פאַרטיידיקן קעגן גזירות און דיסקרימינאַציעס, זיי האָבן אָבער צוגעגעבן נאָך און נאָך אַרגומענטן בכדי צו באַווייזן אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שום האָפענונג פאַר דער פאַרזעצונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, איז אין זייער רוק־זאַק געלעגן דער אַלטער גזר־דין וועגן דער צוקונפט פון דעם סאַמע פאַרפאָלגטן צווישן די פעלקער: עס קען נישט עקזיסטירן אַ פאָלק אָן אַן אייגענער טעריטאָריע, האָט געלערנט די באָלשעוויסטישע תורה, און אַזוי ווי יידן האָבן נישט קיין טעריטאָריע מוזן זיי זיך אַסימילירן.

* * *

די זאַך איז געשען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. אין די פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אויפשטעלן פון דעם נייעם רעזשים. דער נייער רעזשים איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אין די הינטערשטעליקע געגנטן פון דער אַזיאַטישער רוסלאַנד. אָבער, נישט געקוקט אויף די גוואַלדיקע פּאָליטישע שינויים, האָט זיך ווייניק וואָס געביטן דער לעבנס שטייגער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אין אָט די געביטן איז נישט געווען קיין אינדוסטריע וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען. ס'איז דאָרט געווען אַ דינער שיכט פון ספּעציאַליזירטע אַרבעטער, ווי למשל באַן־אַרבעטער, אָבער כמעט אַלע זיינען געווען ר ו ס ן. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער זייער קליינער אין צאָל אינטעליגענץ: באַאַמטע, לערער, מעדיקער, אאַז״וו. דער צאַרישער רעזשים האָט געזאָרגט פאַר דעם אַז די אַלע זאָלן זיין רוסן; די קרייזן פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און פון דער רוסישער אינטעליגענץ זיינען געווען זיין הויפּט־אָנשפּאַר אין אָט די ווייטע געביטן. די איינגעבוירענע פעלקער האָבן דאָס רוב אפילו נישט אַנטוויקלט קיין אמתע לאַנדווירטשאַפט, און גאַנץ אָפט האָבן זיי געלעבט

ווי פּרימיטיווע האַלבע וואַנדער־שבטים. די צאַרישע הערשער האָבן זיך באַמיט אַז די באַזיצער פון די אַנטוויקלטע און אייגנעאָרדנטע אַגריקול־טור־ווירטשאַפטן זאָלן אויך זיין בעיקר ר ו ס י ש ע פּויערים־זיד־לער. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט נישט באַוויזן אויפצושטעלן אַן אייגענע אינטעליגענץ, און האָט נישט געהאַט כמעט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער וועלט. אויך די ווייניקע סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען האָבן נישט געשטאַמט פון די ערטער גופא, נאָר זיינען געווען ר ו ס ן. ווען די מאַכט איז אין אָט־די הינטער־שטעליקע געביטן איבערגעגעבן געוואָרן, — נאָך דער רעוואָלוציע, — אין די הענט פון די אַרבעטער, האָבן זי פּאַקטיש איבערגענומען די רוסישע אַרבעטער און די רוסישע אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ פון די מקו־מות, אין דער מאָס אין וועלכער אויך דער דאָרף האָט באַקומען אַ גע־וויסע השפּעה, האָבן ווידער אַמאָל נהנה געווען דערפון די מער־„אויפ־געקלערטע״ רוסישע פּויערים, וועלכע זיינען געווען מער מקורבים אויך צו דעם נייעם „מלכות״. אין אַ סך געביטן האָט נישט אויפגעהערט די דיסקרימינאַציע קעגן דעם אָרטיקן פּויער דורך די רוסישע קאָלאָניסטן, אויך נאָך דער רעוואָלוציע. ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפט, האָט זי קאָנצענטרירט איר טעטיקייט אין די אייראָפּעאישע געביטן, וואָס זיינען געווען מער אַנטוויקלט. דאָ האָבן זיך געפונען די אינדוסטריע־צענטערן, וואָס זיינען אויפגע־שטעלט געוואָרן נאָך אונטערן צאַריזם, און זיי האָבן געדינט פאַר אַ יסוד פון אויסברייטערונג און נייער אַנטוויקלונג; דאָ האָבן זיך געפונען צענדליקער טויזנטער עקספּערימענטירטע אַרבעטער, אינטעליגענטע פאַכ־לייט, און עס איז געווען אַ מער דירעקטע און באַקוועמע פאַרבינדונג מיט די צענטערן פון דער מאַכט און פון וויסן. פון דעם עקאָנאָמישן און פּראַק־טישן שטאַנדפּונקט איז, בכן, געווען מער לוינבאַר צו אַרבעטן אין די אַנטוויקלטע געביטן און נישט דווקא אין די הינטערשטעליקע.

די צאַרישע פּאָליטיק האָט געשטרעבט דערצו, אַז די פעלקער און שבטים פון אַזיע, וועלכע געפינען זיך אין רוסלאַנד זאָלן פאַרבלייבן פאַר־לאָזט און הינטערשטעליק, און זי האָט איר ציל דערגרייכט. אפילו די רעוואָלוציע און אירע קאָנסעקווענצן, די גרויסע שינוים וואָס זיינען פאָרגעקומען, האָט נישט באַוויזן צו פאַריכטן די היסטאָרישע עוולה קעגן אָט־די פעלקער. די מאַכט אין די לענדער איז ווייטער פאַרבליבן אַ רו־סישע, און זיי גופא — ד״ה די פעלקער — זיינען ווידער אַמאָל די סאַ־מע פאַרנאַכלאָזיקסטע און אומאַנטוויקלטע. נאָך מער, ס׳האָט זיך אַפילו

אָפּגעזוכט עמעצער וואָס האָט געוואָלט שאַפן אַ מין „רעוואָלוציאָנערע" טעאָריע וואָס האָט געצילט צו פאַראייביקן די עוולה, און געפּרואווט אי־בערצייגן אַז קיין אַנדער וועג איז נישט פאַראַן: די הינטערשטעליקע פעלקער, מיט זייער אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפט און פאַרעלטערטן לעבנס־שטייגער — דאַרפן על־פּי־נויטווענדיקייט אונטערגיין און נעלם ווערן, און מיט זיי צוזאַמען וועלן אפשר פאַרשווינדן גאַנצע שבטים און פעלקער, די סאַמע „נידעריקסטע" פעלקער. דאָס זיינען די „גרויזאַמע געזעצן פון דער רעוואָלוציע", און מ׳קען זיך פון זיי נישט אַרויסדרייען. אויף די דאָזיקע חורבות וועט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ זיך צעבליען אַ נײַ לעבן, מאָדערנע שטעט און דערפער, אַן אינדוסטריע, קאָמוניקאַציע־מיט־לען, וויסנשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, אאַז״וו. — לויטן מוסטער פון די נבואות פון די סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן פון נײַנצנטן יאָר־הונדערט לגבי דער כלומרשטער צוקונפט פון די טשעכן, סערבן, קראָאַטן און אַנדערע פעלקער. אויך דעמאָלט האָט מען געטענהט, אַז „דער שיק־זאַל פון אָט־די פעלקער איז אונטערגיין אין דעם רעוואָלוציאָנערן וועלט־שטורעם".

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָט־די טעאָריע אָפּגעוואָרפן. אָן אי־בערצייגנדיקער אַרגומענט קעגן איר זיינען געווען די עקספּערימענטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע צדדים צו פאַרוואַנדלען די אָפּגעשטאַנענע גרענעץ־פעלקער אין אינסטרומענטן אויף צו שטערן די נײַע מאַכט. דער גרויסער שטורעם וואָס איז דורכגעגאַנגען איבער רוסלאַנד האָט אויך די דאָזיקע פעלקער אויפגעטרייסלט אין זייער וועזן, און נאָך דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע איז נישט פאַרגעקומען קיין שום שינוי צום גוטן אין זייער מצב. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוהערן צו די שונאים פון דער ראַטנמאַכט, סײַ פון אינעווייניק ווי פון דרויסן. עס איז, בכן, אויפגעקומען די סכנה, אַז די אונטערדריקטע פעלקער זאָלן נישט זיין קיין אַליאירטע און קיין אָנשפּאַר פון דעם נײַעם רעזשים, נאָר פאַרקערט — אַ קעגנערישער און פיינטלעכער פאַקטאָר. דער געראַנגל מיט דער געפאַר האָט גייסטיק זייער שטאַרק באַרירט די באָלשעוויסטי־שע פּאַרטיי, און גערופן אירע פירער און טעאָרעטיקער צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער פראַגע. דאָס האָט געטריבן די מאָראַל פון דער רעוואָ־לוציע צו אַ העכערן שטאַפּל: אויב די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע און זייער פאַרווירקלעכונג זיינען נישט בכוח צו פאַרניכטן די דיסקרימינאַציע און די אונטערדריקונג, קען אָבער, אָט דער פאַקט בשום אופן נישט די־נען פאַר אַן אַרגומענט בכדי די עוולות צו באַרעכטיקן און שלום מאַכן

מיט זייער עקזיסטענץ; פונקט פאַרקערט, דאָס איז נאָר אַ באַווייז אַז די אויבנדערמאָנטע פּרינציפּן פאָדערן אַ טיפע און אויסשעפּנדיקע רע־וויזיע. אויב די יסודות פון דעם נייעם רעזשים און זיינע געזעצן, וואָס זיינען גלייך פאַר יעדן יחיד און פאַר יעדן פאָלק, זיינען נישט ביכולות אַ סוף צו מאַכן מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט און דעגענערירונג וואָס זיינען אַנטשטאַנען ווי אַ רעזולטאַט פון אַ היסטאָרישן חטא וואָס איז באַגאַנ־גען געוואָרן במשך פון דורות, איז דאָס אַ סימן אַז עס דאַרפן אָנגענומען ווערן גאָר ספּעציעלע מיטלען, אַז עס דאַרפן געגעבן ווערן ספּע־ציעלע פּריווילעגיעס פאַר די דיסקרימינירטע פעלקער, בכדי זיי צו פאַרגיטיקן און פאַריכטן די שרעקלעכע קאָנסעקווענצן פון די ספּע־ציפישע גזירות און רדיפות פון וועלכע זיי זיינען געווען די קרבנות אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס פּראָבלעם פון די אָפּגעשטאַנענע טעריטאָריעס אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז „געלייזט״ געוואָרן ניט דורך די „גרוי־זאַמע געזעצן״ פון דער רעוואָלוציע, נייערט נאָך דעם ווי עס זיינען אינ־וועסטירט געוואָרן ספּעציעלע כוחות און מיטלען, און עס זיינען געמאַכט געוואָרן ספּעציעלע געזעצן לטובת זיי, לטובת די פעלקער און שבטים וואָס באַוואוינען זיי. אַ גאַנצע סעריע פון גרויסע אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די אָפּגעשטאַנענע גרע־נעץ־געביטן, הגם מ׳האָט זיי געקענט אויפשטעלן אין דעם אייראָפּעאישן טייל פון רוסלאַנד מיט אַ סך קלענערע הוצאות און אין אַן אַ פאַרגלייך באַקוועמערע באַדינגונגען. די סאָוועטישע מאַכט האָט געטאָן זאַכן וואָס מ׳קען זיי אָנרופן „מעשי־בראשית״, בכדי עס זאָל אויפוואַקסן אַ נאַציאָ־נאַלע קולטור ביי פעלקער „אָן אַ שפּראַך און אָן אַ געשיכטע״. אין גע־וויסע געביטן, ווי למשל די קירגיזישע פליינען, זיינען אַרויסגעגעבן גע־וואָרן געזעצן וועלכע האָבן באַגרענעצט די טעטיקייט פון די רוסן, און זיי פאַרבאָטן זיך ווייטער צו באַזעצן דאָרט, און די מאַכט האָט זיך פאַרפליכטעט איבערצוגעבן דעם באָדן צו די אָרטיקע איינוואוינער, בכדי צו פאַרלייכטערן דאָס איבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט פון די דאָזיקע האַלב־וואַנדערנדיקע שבטים, וואָס דער צאַרישער רעזשים האָט זיך דווקא באַמיט זיי צו איבערלאָזן אין דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מצב.

אין דער גרויסער רעוואָלוציע האָבן זיך אַנטפּלעקט נישט פאַראויס־געזעענע וועגן, און די פירער פון דעם נייעם רעזשים האָבן געשטרעבט צו לייזן די נייע פּראָבלעמען, און נישט דווקא אָפּהיטן די אָנגענומענע פאָרמולן. די דאָזיקע אידעאישע וואַכזאַמקייט און געוואַגטקייט האָט סטימולירט אַ סך מענטשן, און עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו

באַוועגן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי צו אַן ענלעכן חשבון־הנפש אויך אין באַצוג צום יידישן פאָלק: דאַרף מען פּאַראייביקן די עוולה וואָס ליגט אין דעם וואָס מען האָט צוגערויבט ביי אַ פאָלק זיין פאָטערלאַנד, און דערפאַר נאָך פאַרמשפּטן דאָס דאָזיקע פאָלק צו אונטערגאַנג? עס האָבן זיך מיט דעם ענין באַשעפטיקט, אין פאַרשיידענע פאָרמען, סיי יחידים ווי גאַנצע אָרגאַניזאַציעס. די פּועלי־ציון באַוועגונג (די לינקע פּוע״צ), וואָס איז געווען איינע פון די גרעסטע יידישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד, איז געגאַנגען זייער ווייט אין אירע פּשרות לגבי די פּאָליטישע פאָדערונגען פון דער קאָמוניסטישער מחנה; זי האָט אפילו גוזר געווען אויף זיך אַליין דעם פאַרבאָט פון וועלכער עס איז שותּפות מיט אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק, און וועלכער עס איז באַטייליקונג אין אַל־ציוניסטישע און אַל־יידישע אינסטיטוציעס אָדער אָרגאַניזאַציעס, — נאָר בכדי צו שאַפן עפּעס אַ בריק צווישן דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און דעם ציוניסטישן ציל. שפּעטער צו, האָט די חלוצישע באַוועגונג אין רוסלאַנד געפּרוּווט גיין אויף אַן אַנדער וועג, בכדי מעגלעך צו מאַכן דעם המשך פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין די ראַמען פון דעם נייעם רוסישן רעזשים. אין דעם זין, האָט זי אָנגעשטרענגט אַלע אירע כּוחות אויף דער פראַגע פון דעם רעכט פון יידן זיך מכשיר זיין צו זייער עליה קיין ארץ־ישראל. די נייע מדינה האָט געפּלעגט אַ באַציאונג פון כּבוד און אַכטונג צו דעם אַרבעטס־מענטש און צו דער אַרבעט גופא, און אַזוי ווי דער „החלוץ״ און זיינע הכשרה־פאַרמס האָבן אַריבערגעפירט מאַסן יידן פון נישט־פּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען צו שעפערישער אַרבעט, האָבן אַ סך געהאָפט אַז דווקא אויף דעם דאָזיקן שטח וועט זיך עפּעס אַ ריר טאָן אין דער באַציאונג פון די קאָמוניסטן צום ציוניזם. אָבער דער שינוי איז נישט געקומען.

אַ רעוואָלוציע אין אירע מאָראַלישע האָריזאָנטן, דאָס זיינען נישט קיין אַבסאָלוטע און פאַרענדיקטע דערשיינונגען, און די מאָראַל פון אַ רעוואָלוציע הייבט זיך נישט דווקא דורך מוסר־רייד אָדער דורך אויפקלערונג. אין שטורעמדיקע תּקופות שפּראָצן אַרויס און הייבן זיך אויף אונטערדריקטע מענטשלעכע גרופּן, וועלכע גלייכן אויס זייערע רוקנס און פאָדערן צו פאַריכטן דעם באַגאַנגענעם קעגן זיי אומרעכט, אָבער אפילו ביי רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען שטייגן די באַגריפן פון צדק און גערעכטיקייט נאָר אין דער מאָס אין וועלכער זיי ווערן געטריבן דורך די דירעקטע אינטערעסן פון די דאָזיקע באַוועגונגען, אָדער דורך דער סכּנה פון דעם שאָדן וואָס קען פאַר זיי אַרויסקומען אויב געוויסע ספּעציפישע באַדערפענישן וועלן נישט ווערן באַפרידיקט.

אויף דער אָפּגעשטאַנענקייט און דיסקרימינאַציע פון די אַזיאַטישע פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן זיך געזוכט און געפּרואווט שטיצן און אָנשפּאַרן פרעמדע אימפּעריאַליסטישע מדינות און אין רוסישע רעאַק־ציאָנערע כוחות, און דאָס בטל מאַכן פון דעם אומרעכט לגבי זיי איז אויך באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ צוגאָב־מיטל בכדי צו שטאַרקן די סאָ־וועטישע מאַכט. אָבער, וואָס נוגע די יי ד ן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט דאָך קיינער נישט געקענט אפילו טראַכטן, אַז עס קען פאַר דער מדינה אַנטשטיין וועלכע עס איז סכנה אויב זי וועט זיך אָפּזאָגן זיך צו רעכענען מיט זייער ווילן און מיט זייערע סצעפּיפישע באַדערפענישן. די צאָל פון די יידן איז, טאַקע, געווען אָן אַן ערך גרעסער ווי די צאָל פון די קירגיזן אָדער באַשקירן; און פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם קולטור־ניוואָ און דעם אַרבעטס־כוח אויף אַלערליי וויטאַלע שטחים זיינען זיי געוויס געשטאַנען פיל העכער פון אַ סך אַנדערע פעלקער. אָבער די יידן זיינען געווען צעשפּרייט ווי קליינע מיעוטים צווישן די רוסישע פעלקער. זיי זיינען געווען מאַכטלאָז, און דערפאַר אויך אָן מעגלעכע אַלטערנאַטיוון ווי אַ קאָלעקטיוו, ווי אַן אומה. נאָך דער רעוואָלוציע האָט דאָס רוסישע יידנטום דורכגעמאַכט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע דערוואַכונג, אָבער דאָס איז נישט געוואָרן קיין שום וואָגיקער פאַקטאָר אין די באַ־ציאונגען צווישן דעם יידישן פאָלק און די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד.

די סאָוועטישע מאַכט האָט געזען אַ סכנה פאַר דעם נייעם רעזשים און די מעגלעכקייט אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל זיך פאַרגרעסערן און נאָך געווינען פאַר זיך די הערצער פון די מאַסן, און זי האָט געטאָן מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער רעזשים בכדי אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל אָט־די מכה. אָבער די באַלעבאַטים פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן ניט געזען קיין שום שאָדן פאַר זיך און פאַר די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן וואָס זיי האָבן רעפּרעזענטירט, אויב זיי זאָלן פאַרזעצן מיט זייער אַנטי־ציוניסטישער שטעלונג. און עס האָבן נישט געהאָלפן אויף דעם שטח קיין שום באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען, און אפילו נישט די טיפע ציוניסטישע געפילן און שטרעבונגען פון די רוסישע יידן גופא.

***

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן זיך ווען־ניט־ווען געפילט וועלכע עס איז שינויים אין דער באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט צו דער הכשרה־טעטיקייט פון דער חלוצישער באַוועגונג, אָבער במשך פון דער גאַנצער צייט האָבן נישט אויפגעהערט די רדיפות קעגן

דעם ציוניזם. פאַרקערט, די פאַרפאָלגונגען זיינען כסדר געשטיגן. וואָס מערער דער סאָוועטישער רעזשים האָט זיך קאָנסאָלידירט, אַלס שאַרפער מיטלען האָט ער אָנגענומען לגבי דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. ס'האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פאַרפאָלגונגען קעגן העבּרעאיש, סיי ווי אַ לערן־שפּראַך, סיי ווי אַ שפּראַך פון ליטעראַרישער שאַפונג, אאַז"וו. ביסלעכווייז זיינען ליקווידירט געוואָרן און פאַרשוואונדן די הכשרה־פאַרמס פון דער לעגאַלער „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע. פון יאָר צו יאָר האָבן זיך געמערט די אַרעסטן און די פאַרשיקונגען; זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ סך טויזנטער פון די אַקטיוויסטן פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען, פון די חלוצישע באַוועגונגען און פון דער ציוניסטישער יוגנט, די לעגאַלע און אומלעגאַלע. דער אָפיציעלער פאַרבאָט פון דעם „החלוץ" און פון דער פאַרטיי פון לינקע פועלי ציון, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָנהייב 1928, איז פאַקטיש געווען נישט מער ווי אַ פאָרמעלע באַשטעטיקונג פון דער אויסראָטונגס־פּאָליטיק קעגן דעם ציוניזם וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט געפירט במשך פון אַלע יאָרן.

אַ טייל פון די מענטשן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין אַלע אירע צווייגן, איז צעבראָכן געוואָרן, האָט זיך אָפּגעקערט פון ציוניזם און זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. די צאָל פון די דאָזיקע אָפּטריניקעס איז געווען צעיקר זייער גרויס אין דער פאַרטיי וועלכע איז געגאַנגען צום ווייטסטן אין איר גרייטקייט צו מאַכן פשרות מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און מיט אירע אויפפאַסונגען: — די פאַרטיי פון די לינקע פועלי־ציון. אַנדערע, און זייער צאָל האָט דעררייכט צו צענער טויזנטער, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו אונטערגאַנג אין די פּאָליט־איזאָלאַטאָרס און אין די סאָוויעטישע תפיסות.

דאָן איז געקומען דער סאַמע שווערסטער קלאַפּ, וואָס דער ציוניזם האָט וועט עס איז באַקומען אין גלות. דער סאָוועטישער רעזשים האָט פאַראורזאַכט נישט נאָר די נאַציאָנאַליזירונג פון די מאַטעריעלע גיטער פון די לענדער פון ראַטנפאַרבאַנד, נייערט ער האָט אַריינגעבראַכט אַ פונדאַמענטאַלן שינוי אין דער באַציאונג צווישן דער מ ד י נ ה און דעם מענטש, דעם י ח י ד, וואָס וואוינט אין איר. דער דאָזיקער רעזשים איז אויפגעקומען בכדי בטל צו מאַכן אין זיינע גרענעצן די אונטערשיידן און קעגנזאַצן וועלכע זיינען פאַראַן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צווישן דעם רייכטום פון דער נאַציע און דער אָרעמקייט פון אירע אַרבעטנדיקע זין, צווישן דער שפע פון דער פּראָדוקציע, וועמענס באַזיץ געהערט צו ווייניקע רייכע און דער נויט פון וועלכער עס ליידן

די פּראָדוצירער גופא, די אַרבעטס־מענטשן, וואָס זיינען נישט ביכולת צו דערוועַרבן די סחורות און אַרטיקלען וואָס זיי אַליין שאַפן. דאָ געהערט דאָס גאַנצע רייכטום פון לאַנד צו דעם גאַנצן פאָלק גופא; און אין דער מאָס ווי דאָס דאָזיקע רייכטום וועט וואַקסן, אין דער מאָס ווי עס וועט שטייגן די אַרבעט און די פּראָדוקציע פון דער באַפעלקערונג — וועט ממילא שטייגן די באַפרידיקונג פון זייערע באַדערפעניש. דערי־בער איז אין דעם סאָוועטישן רעזשים נישט פאַראַן אַזאַ מין זאַך ווי אי־בער־פּראָדוקציע, און עס קאָן אויך נישט זיין קיין אַרבעטסלאָזיקייט. יע־דער אַרבעטנדיקער מענטש, — און ווי באַוואוסט קען אַ מענטש אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן פּרנסה נאָר פון זיין אַרבעט, — איז דאָ, אין דעם רעזשים, אַ טייערער „אַרטיקל״. פּונקט ווי עס זיינען אין דעם סאָוועטישן רעזשים נישט פאַראַן קיין איבעריקע סחורות, אַזוי איז דאָרט אויך נישט פאַראַן קיין איבעריקע מענטשן. פּונקט פאַרקערט, אין די מערסטע פאַלן איז זייער גרויס אין ראַטנפאַרבאַנד דער מאַנגל אין אַרבעטס־מענטשן, און דאָס איז איינע פון די הויפּט־סיבות פון דעם פאַרבאָט אַרויסצופאָרן פון די גרענעצן פון לאַנד.

איז באַרעכטיקט אָט־די שטרענגע באַגרענעצונגען פון דער מענטש־לעכער פרייהייט? די וועלכע שטייען בראש פון סאָוועטנלאַנד, ענטפערן אויף דער פראַגע פּאָזיטיוו. דער דאָזיקער רעזשים האָט גענומען אויף זיך די אחריות צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון יעדן מענטש וואָס לעבט אין זיינע גרענעצן: צו געבן אים פּרנסה, דערציען זיינע קינדער, דער־הייבן ווירטשאַפטלעך און קולטורעל אַלע פעלקער וועלכע וואוינען אין ראַטנפאַרבאַנד. און די מלוכה קען נישט אויספירן פול די דאָזיקע פאַר־צווייגטע און אומפאַסנדיקע אויפגאַבע, זי קען נישט באַפרידיקן אינטע־גראַל אַלע אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון אירע ביר־גער, סיידן דער בירגער גיט איבער אין אירע הענט די אַבסאָלוטע אוי־טאָריטעט זיך צו באַנוצן מיט זיינע פעאיקייטן און מיט זיין אַרבעטס־קראַפט, ווייל זיי בילדן דעם עיקרדיקן קוואַל פאַר דער באַפרידיקונג פון די פאַרשיידענע באַדערפענישן. דאָס פאַרמאַכן די אַרויספאַר־טויערן פון לאַנד, בכדי אויסמיידן די סכנה אַז דער דאָזיקער טייערער מאַטעריאַל, — די מענטשן־קראַפט אין ראַטנפאַרבאַנד, — זאָל אויפן אָרט פון וואַקסן גאָר ווערן פאַרקלענערט, איז דעריבער, לויט דער מיינונג פון די סאָווע־טישע פירער, לטובת דעם סאָוועטישן בירגער גופא, צום גונסטן פון דעם אויפשטייג און קיום פון די ראַטנפאַרבאַנדישע פעלקער.

איז פאַראַן אַ יסוד פאַר דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע אויך לגבי

דעם יידישן פאָלק? די באָלשעוויסטישע תורה אנערקענט נישט די מעגלעכקייט אַז אַ פאָלק זאָל קענען עקזיסטירן אָן אַן אייגענער טערי־טאָריע, און דעריבער לייקנט זי אויך די מעגלעכקייט פון דער עקזיס־טענץ פון אַ יידישן נאַציאָנאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד. אין די שולן, אין דער ליטעראַטור און אין דער זשורנאַליסטיק אויף יידיש, — דאָס מאַמע־לשון פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, — האָבן די פירער פון סאָוועטנ־פאַרבאַנד געזען אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג וואָס וועט שנעל פאַר־שווינדן. די סאָוועטישע מאַכט האָט נישט באַזאָרגט, האָט נישט געקענט באַזאָרגן און באַפרידיקן, די סאַמע וויטאַלסטע באַדערפעניש פון אירע יידישע בירגער: פאַרטיידיקן זיי קעגן נאַציאָנאַלער דעגענערירונג און פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק. אָבער, טראָץ דעם, איז פון די יידן געפאָדערט געוואָרן דער פולער, דער טאָטאַלער קרבן. די אַרויספאַר־טויערן זיינען פאַרהאַקט געוואָרן אויף פאַר זיי, און עס איז ביי זיי צוגע־רויבט געוואָרן די מעגלעכקייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. נאָך מע־רער: די יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן איבערצוגעבן צו זייערע זין און טעכטער די אַלטע קולטור פון זייער פאָלק, עס איז געאסר׳ט געוואָרן דאָס לערנען פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. די רוסישע יידן האָבן זיך געראַנגלט זייער שווער און האָבן זיך געפּרואווט אָנכאַפּן אָן יעדער מינדסטער מעגלעכקייט בכדי זיך צו ראַטעווען פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, אָבער די סאָוועטישע מאַכט, — וואָס איז שטאָלץ מיט אי־רע גרויסע אָנשטרענגונגען אויף צו אַנטוויקלען אויך דעם נאַציאָנאַליזם פון פעלקער און שבטים „אָן געשיכטע און אָן אַ שפּראַך״ — האָבן אונ־טערגעשניטן גרויזאַם די וואָרצלען פון נאַציאָנאַלער יניקה פון זייערע יידישע בירגער.

***

אַ נאָרמאַל פאָלק, אפילו ווען עס איז אונטערדריקט דורך אַנדערע, פאַרמאָגט עס דאָך אַ גרויסן און פאַרשיידנאַרטיקן רכוש: די באַפעלקע־רונג, דער באָדן און זיינע אוצרות, די שטעט און דערפער, די אינדוסטריע, דער טראַנספּאָרט און די קאָמוניקאַציע־מיטלען, און אַלע אַנדערע מאַ־טעריעלע גיטער וואָס די זין און טעכטער פון דעם פאָלק האָבן באַוויזן צו שאַפן און אַקומולירן במשך פון דורות. אַנדערש איז דער גורל פון אונדזער פאָלק וועלכער געפינט זיך אין גלות. די ערד אונטער אונדזערע פיס געהערט נישט צו אונדז, און דאָס וואָס מיר האָבן אויפגעבויט און אויפגעזאַמלט דאָרט שטייט נישט צו דער דיספּאָזיציע פון אונדזער פאָלק.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן מיט העכער פופציק יאָר צוריק דעם קאַמף פאַר אונדזער פולער באַפרייאונג, איז ווידער אַמאָל און אויף אַ נאָך מער בולטן אופן קלאָר געוואָרן ווי אָרעם מיר זיינען אין מיטלען. יידן בעלי־יכולת און מיט השפעה האָבן זיך דערווייטערט פון זייער פאָלק, און דער ציוניזם איז פאַר זיי אין די מערסטע פאַלן געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. מענטשן מיט קאַפּיטאַלן האָבן כמעט נישט געשטיצט אונדזער ווערק. שטאַטסמענער, וויסנשאַפטסלייט און באַרימטע שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם, האָבן אָפּגעלייקנט זייער צוגעהעריקייט צו אונדז, און אָפטמאָל אפילו געלייגט זייער גאַנצע וואָג קעגן אונדזער זאַך. במשך פון דער צייט איז ביי יידן אין פאַרשיידענע גלותן צוגענומען געוואָרן אויך זייער פּריוואַטע עשירות, — סיי אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַלי־זאַציע אָדער סאָציאַליזאַציע, סיי דורך דער הילף פון ספּעציעלע אַנטי־יידישע געזעצן, סיי דורך פּשוטן רויב. נאָר איין רכוש איז אונדז פאַר־בליבן, — דער ייִד, דער יידישער מענטש אַליין.

ווען אַ ייִד האָט באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, האָבן די פעלקער צווישן וועלכע ער האָט געוואוינט, און אויך זייערע רעגירונ־גען, אים נישט געשטערט. מיטן פאַרמאַכן די אַרויספאָר־טויערן פאַר יידן, איז ביי אונדזער פאָלק צוגערויבט געוואָרן זיין איינציק רכוש און זיין איינציק וואָפן; מיטן פאַרבאָט פון דער עליה פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין גוף דער וואַכזאַמסטער און אַק־טיווסטער יידישער קיבוץ. דאָס רוסישע יידנטום, — וואָס איז פון ערשטן מאָמענט אָן געגאַנגען בראש פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און איז געווען דער עמוד התוך פון ציוניזם, — איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון פאָלקס־רשות אין דער סאַמע גורלדיקסטער און סכנהפולסטער תקופה פון זיין געשיכטע.

דורך שטרענגע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, דורך פאַרבאָטן און שטראָפן, רדיפות און גירושים, באַגלייט דורך אַ ווילדער אַנטיציוניס־טישער העצע מצד די יידישע קאָמוניסטן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן די סאָוועטישע באַהערדן זיך אונטערגענומען צו צעברעכן דעם רצון פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין רוסלאַנד און אויספלאַסטערן דעם וועג צו זייער פולער אַסימילאַציע צווישן די גויים, ווי עס האָט עס פאַראויסגעזאָגט די באָלשעוויסטישע תורה און אַנדערע תורות וועלכע זיינען נאָך געווען פאַר איר.

⁂

ביים אָנהייב האָט די זאַך אויסגעזען זייער פשוט: די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט בטל געמאַכט אַלע דיסקרימינאַציעס לגבי יידן אין די אַלגעמיינע זאַכן און זיי געגעבן פולע בירגערלעכע גלייכהייט. עס האָבן זיך פאַרן ייד געעפנט כמעט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו שטייגן אין דער נייער געזעלשאַפט. די נייע לעבנס־אומשטענדן וועלן דעם יידן צווינגען צו דערלערנען די שפּראַך פונעם פאָלק צווישן וועלכן ער זיצט און זיין ענלעך צו אים. דאָס איבעריקע וועלן שוין טאָן: די מלחמה וואָס די סאָוועטישע מלוכה האָט דערקלערט דער רעליגיע, איינגעשלאָסן די יידישע רעליגיע אויך, און דער פאַרבאָט אויף ציוניזם און אויף דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. במשך פון דער צייט וועלן די יידן פאַרלירן יעדן אינטערעס אויך פאַר די שולן וואָס זייער שפּראַך איז יידיש, פאַר דער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, אאַז״וו און וועלן זיך אַסימילירן פולשטענדיק.

נאָך דעם ווי די מאַכט האָט אונטערדריקט און ליקווידירט אַלע ציוניסטישע פאַרטייען, די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס און אַלע אַנדערע אַלגעמיין־יידישע אינסטיטוציעס, האָט זיך די יידישע סעקציע פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי פאַרוואַנדלט אין דער איינציקער ראַם אין וועלכער ס׳איז געווען מעגלעך וועלכע עס איז יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. צו דער „יעווסעקציע“ (דער קיצור פון די ווערטער „יעווריעיסקאַיאַ סעקציאַ“ — וואָס מיינט: יידישע סעקציע) האָבן געשטראָמט טויזנטער יידן וועלכע האָבן פריער געהערט צו פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, סיי צוליב דעם וואָס זיי האָבן געביטן זייער פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, סיי צוליב דעם וואָס די רדיפות און פאַרשיקונגען האָבן זיי צעבראָכן. ס׳האָבן זיך אָבער צו דער יעווסעקציע אויך אָנגעשלאָסן מאַסן סתם־יידן, וואָס זיינען בשעתם דערצויגן געוואָרן אין נאַציאָנאַלן גייסט, און די יידישע טראַדיציע איז געבליבן אין זייער בלוט. די יידישע סעקציע איז געווען די פּאָליטישע אינסטאַנץ וואָס האָט דעצידירט בנוגע אַלע ספּעציפישע יידישע אַקטיוויטעטן וואָס זיינען געטאָן געוואָרן אויף דער גאָרער ראַטנפאַרבאַנדישער טעריטאָריע, אַזוי אויפן קולטורעלן און דערציערישן געביט, ווי אויפן סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן. מיט דער דאָזיקער אינסטאַנץ זיינען געווען פאַרבונדן און פון איר זיינען געווען אָפּהענגיק די לערער, שרייבער, קינסטלער און זשורנאַליסטן וועלכע האָבן געשאַפן אין יידיש, און אין אַ געוויסער מאָס אויך די עסקנים אויפן שטח פון קאָאָפּעראַציע, לאַנדווירטשאַפט, אאַז״וו, וועלכע האָבן געאַרבעט צווישן יידן. די „יעווסעקציע“, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַן אַדמיניסטראַטיווער אָפּטייל פון דעם קאָמוניסטישן צענ־

טראַל־קאָמיטעט, ווען ס׳האָבן געפעלט וועלכע עס איז וואָרצלען אין יידישן פאָלק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַקטאָר אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט, ברצון אָדער באונס, כמעט אַלע נאַציאָנאַלע כוחות פון רוסישן יידנטום, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט זייער טעטיקייט אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים. און פון אים איז, טאַקע, אַרויסגעקומען אַ גאַנץ קאָנטיקער צוריק־איינפלוס אויף דער „יעווסעקציע״ גופא.

האַנט ביי האַנט מיט באַקאַנטע און ענטוזיאַסטישע חסידים פון דער אַסימילאַציע, האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער יידישער קאָמוניסטישער עפנטלעכקייט עסקנים, שרייבער און דענקער, וועלכע האָבן געזען אַ וויכטיקע שליחות אין דער טעטיקייט צו פלעגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אין די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, און האָבן אינוועסטירט אַ סך כוחות און אָפּפערוויליקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן שולוועזן, און פון דעם טעאַטער, זשורנאַליזם און ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך. עס זיינען אויפגעשוואומען פלענער ווי צו אָרגאַניזירן יידישע סאָוויעטן, ווי צו קאָנצענטרירן זייער טעטיקייט אין די ראַמען פון די פאַרשיידענע רעפּובליקן און אין לאַנד־מאַסשטאַב אין דער גאַנצער סאָוועטישער מלוכה; מ׳האָט גערעדט וועגן אַן אינסטאַנץ וואָס זאָל פאַרוואַלטן מיט אַלע יידישע ענינים אין ראַטנפאַרבאַנד, געוויילט דורך די יידישע סאָוויעטן, אאַז״וו. — אַ מין פּרוואו צו פאַרווירקלעכן עפּעס פון דעם געדאַנק פון יידישער אויטאָנאָמיע, צו וועלכער די באָלשעוויקעס און זייער יידישע סעקציע זיינען פון תמיד אַן געווען קעגנעריש.

טראָץ זייער אויפפאַסונג אַז, בסופו של דבר, וועלן זיך יידן פולשטענדיק אַסימילירן, האָט די סאָוועטישע מאַכט נישט געשטערט מיט גאָרנישט די פאַרצווייגטע טעטיקייט פאַר דער יידישער שול, און פאַר דעם טעאַטער און דער ליטעראַטור אין יידיש. זיי האָבן געגעבן די יעניקע וועלכע האָבן זיך מיט דער זאַך באַשעפטיקט די פולע פינאַנציעלע און אַדמיניסטראַטיווע שטיצע. אויך דער געזעץ וואָס פאַרפליכטעט צו לערנען דאָס קינד זיין מוטער־שפּראַך, איז אויסגעטייטשט געוואָרן לטובת אָט־דער טעטיקייט. עס האָט געטראָפן אַז מען האָט זיך מיט דעם געזעץ באַנוצט בכדי צו צווינגען עלטערן אַז זיי זאָלן זייערע קינדער שיקן דווקא אין די יידישע שולן און נישט אין די רוסישע.

אָבער די דערוואַכונג אין דעם יידישן ציבור און די שטיצע מצד דער רעגירונג, האָבן נישט געהאָלפן אויף אַ לאַנגער צייט. יידן האָבן אָנגעהויבן איבערגיין פון קליינע וואַרשטאַטן צו גרויסע פאַבריקן פון יידישע אַרבעטס־פלעצער צו אַרבעטס־פלעצער מיט אַ נאַציאָנאַל־געמישטער אַרבעטערשאַפט, פון שטעטלעך און שטעט, פון אַ יידישער סביבה

צו אַ סביבה פון רוסן, אוקראַינער אאַז״וו. עס האָט כסדר געשטיגן די צאָל יידן אין די רעגירונגס־אַמטן, קאָאָפּעראַטיוון, אַלגעמיינע דערציִ־אונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן, און זיי זיינען געקומען אין טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט אַ מאַסע וואָס האָט גערעדט רוסיש, אוקראַיניש, און אַנ־דערע שפּראַכן. די העכערע בילדונג וואָס אַ גרויסע טייל פון דער יידי־שער יוגנט האָט געוואָלט דערווערבן, אויך זי איז געגעבן געוואָרן אין די דאָזיקע שפּראַכן. פון דער אַנדערער זייט, זיינען פון דעם רוסישן יידנטום אַרויסגעריסן געוואָרן די הויפּט־פאַקטאָרן און כלי־זיין וואָס האָבן געקעגנט העלפן אין קאַמף מיט דער אַסימילאַציע: די פאַרבינדונג מיט דער יידישער טראַדיציע און מיט דער אַלטער יידישער קולטור, די פאַר־בינדונג מיט די מיליאָנען יידן וועלכע וואוינען אויסער רוסלאַנד, דער קשר מיט ארץ־ישראל. די יידן פון סאָוועטנפאַרבאַנד זיינען אָפּגעריסן געוואָרן לגמרי פון דעם ציוניסטישן ווערק, פון דער עליה און פון דעם בנין הארץ, פון דעם קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין זעלבסטשטענדי־קייט און זיין פאָטערלאַנד, און עס איז פאַר זיי פאַרמאַכט געוואָרן דער וועג צו פאַרווירקלעכן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל, צוליב וועלכן עס איז כדאי און מעגלעך צו קעמפן פאַר יידישע ווערטן אויך אין דער פרעמד. די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד זיינען צוגעטראָטן צו בויען נאָך מיט מער אייפער זייערע זעלבסטשטענדיקע קולטורן, און זייערע לענדער זיינען מיט יעדער יאָר געוואָרן מער נאַציאָנאַלער: אוקראַינע איז געוואָרן מער אוקראַיניש, ווייסרוסלאַנד — מער ווייסרוסיש, אוזבעקיסטאַן — מער אוזבעקיש, און אַזוי כסדר. אָבער, וואָס האָבן געקענט דערוואַרטן די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זיי בילדן אומעטום אַ מינדערהייט און זיינען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון דער מאָס אין וועלכער זיי זיינען ביכולת צו דינען די פעלקער אין וועמענס מיט זיי וואוינען, אין דער מאָס פון זייער צופּאַסונג צו אָט די פעלקער און צו זייער שפּראַך? ווי אַ קאָנסעקווענץ פון דעם צושטאַנד הערן יידן אויף צו שיקן זייערע קינדער אין די יידישע שולן, עס פאַרקלענערט זיך דער טיראַזש פון די ביכער אין יידיש, און עס ווערט אויך רעדוצירטער די צאָל לייענער פון די יידישע צייטונגען און פון די באַזוכער אין יידישן טעאַטער. אַלע די אינסטיטוציעס ווערן ביסלעכווייז פאַרשוואונדן, און דער איינציקער יידישער טעאַטער וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין מאָסקווע באַפרידיקט נישט דווקא די באַדערפעניש פון די יידיש־ריידנדיקע, נייערט ער דינט פאַר אַ צענטער פון די אַלע, וועלכע פילן אַ נאָסטאַלגיע נאָך אַוועלכן עס איז יידישן סימ־באָל.

טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען און דער גרויסער שטיצע פון דער רע־

גירונג, האָבן יידן פאַרלאָזט די יידישע שפּראַך, אין דעם נייעם דור זיי־נען כמעט נישט פאַראַן קיין יידיש־ריידנדיקע. די נבואה פון דער באַל־שעוויסטישער תורה אויף דעם געביט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן כמעט פול. אָבער — איז דורך דעם געלייזט געוואָרן די יידישע פראַגע אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

***

גלייך אויף צומאַרגנס נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד איז די ערד איבערגעגאַנגען אין באַזיץ פון די פויערים, און זייער סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער מצב האָט זיך געהויבן. די אינדוסטריע איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געטאָן אַלץ בכדי זי צו אַקטיוויזירן. די רעגירונג האָט געדאגהט פאַר דער מעגלעכסט פולער באַשעפטיקונג פון די אַרבעטער, דער הויפּט שטיץ־פונקט פון דעם נייעם רעזשים. אויך די באַאַמטע, לערער, און אַנדערע, האָבן געקענט פאַרזעצן מיט זייערע אויפגאַבן. די צאָל יידן אין די דאָ־זיקע דריי שיכטן איז געווען זייער קליין, כמעט נול. דער רוב מנין און רוב בנין פון יידן זיינען געווען סוחרים און בעלי־מלאכה. די דאָזיקע צוויי שיכטן זיינען חרוב געוואָרן ווי אַ קאָנסעקווענץ פון דעם גרויסן סאָ־ציאַלן שטורעם. דער האַנדל איז בטל געוואָרן בכלל אין די צייטן פון מיליטערישן קאָמוניזם; ער איז דערלויבט געוואָרן אויף אַ געוויסן פּע־ריאָד אין די קורצע יאָרן פונעם „נעפּ", אָבער נאָך דעם איז ער אויסגע־ריסן געוואָרן מיט מער סיסטעם און איז שוין מער צוריק נישט אויפגע־קומען. די בעלי־מלאכהס האָט מען נישט פאַרבאָטן צו פאַרזעצן מיט זייער אַרבעט, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו ציען פרנסה. ווען דער מאַנגל אין רוי־שטאָפן איז געוואָרן גרויס, האָט די מאַכט פאַרשטאַנען אַז עס איז וויכטיקער איבערצוגעבן דעם נישט־גרויסן רעזערוו פון רוישטאָפן צו די פאַבריקן בכדי צו באַ־שעפטיקן דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דערנאָך איז געקומען די רעשיקע און וואונדערלעכע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, וואָס די רעגי־רונג זעט אין איר עד היום הזה איר צענטראַלע אויפגאַבע. פאַר די באַ־דערפעניש פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג האָט די רעגירונג געשטעלט אַלץ וואָס איז פאַראַן אין איר רשות, און אין דעם סאָוועטישן רעזשים איז כמעט נישט פאַראַן קיין שום זאַך וואָס זאָל זיך נישט געפינען אין רשות פון דער רעגירונג, אָנהייבנדיק מיט דאָס אַרויסגעבן געזעצן — און פאַרענדיקנדיק מיט די נאַטור־אוצרות און מיט די מענטשלעכע כוחות.

האָט דען דער יידישער בעלי־מלאכה געקענט באַשטיין אין דער דאָזיקער קאָנקורענץ, אפילו נאָך דעם ווי פאַרמעל־לעגאַל האָט מען אים יאָ דער־לויבט צו פאַרזעצן מיט זיין פאַך? די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס אויך פון אָט דעם יידישן שיכט, זיינען חרוב געוואָרן און אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

יענע יידן, וועלכע האָבן פאַר דער רעוואָלוציע זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט, האָבן אויך נאָך איר פאַרגעזעצט מיט זייער באַשעפטי־קונג. אַנדערע ווידער, ספּעציעל פון דעם יונגן דור, האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע, אין דעם פינאַנציעלן, אַד־מיניסטראַטיוון, מיליטערישן און פּראָפּאַגאַנדיסטן אַפּאַראַט. אָבער זיי אַלע צוזאַמען האָבן פאַרמירט זייער אַ קליינעם פּראָצענט פון דער יידי־שער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. די איבעריקע זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן, און די מערהייט פון די רוסישע יידן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עדה פון מאַכטלאָזע קבצנים. די רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אַ רעוואָלוציע פון אַרבעטער און פויערים, איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ קוואַל פון מוראדיקע ליידן פאַרן פאָלק פאַר וועלכן מ׳האָט במשך פון הונדערטער יאָרן פאַרמאַכט דעם וועג צו לאַנדווירטשאַפט, און אין דער גייער צייט — אויך פאַרמאַכט דעם וועג צו דער אינדוסט־ריע. די גרויסע סאָציאַלע אומוואַנדלונגען האָבן געטראָפן דאָס רוסישע יידנטום קאָנצענטרירט אין דער גרעסטער מערהייט אין יענע פּרנסות אויף וועלכע די רעוואָלוציע האָט גוזר געווען אַז זיי מוזן אונטערגיין. ממש אין איין כהרף־עין זיינען די פּרנסות חרוב געוואָרן. האָט דען גע־קאָנט אַ קליטעניק פון דורי־דורות, זיך פאַרוואַנדלען אין איין אָטעם אין אַן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריער, אין אַ מינען־אַרבעטער, אָדער אין אַ פויער?

אין דער יידישער קאָמוניסטישער געזעלשאַפטלעכקייט איז דעמאָלט אויפגעקומען און זיך געשטאַרקט די מחשבה אַז עס איז נייטיק זען צו באַנוצן מיטן כוח פון דער סאָוועטישער מאַכט און מיט די אומבאַגרע־נעצטע מיטלען וואָס געפינען זיך אין אירע הענט, בכדי אויסצוהיילן די רוסישע יידן פון די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פּלאָגן, וועלכע זיי זיינען אָנגעשטעקט ווי אַ רעזולטאַט פון דער אונטערדריקונג און דיסקרי־מינאַציע במשך פון דורות, און זיי פאַרוואַנדלען אין רוסלאַנד אין אַ פאָלק פון אַרבעטער און פויערים, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון ראַטנ־פאַרבאַנד. עס האָבן זיך אָפּגעזוכט איבערגעגעבענע טוער, וואָס האָבן אין דער אַרבעט געזען זייער לעבנס־אויפגאַבע. זיי האָבן געזאַמלט אַרום זיך

הונדערטער ספעציאַליסטן, וואָס אויך זיי האָט געלאָקט דער צוועק, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע אַקטיוויטעט בכדי צו אָריענטירן די יידישע מאַסן צו אינדוסטריע און ערדאַרבעט.

***

תחילת האָט מען געזאָלט שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקן יידישן ראַיאָן אין קרים, דרום־רוסלאַנד. אין דער דאָזיקער געגנט האָבן עקזיסטירט יידישע קאָלאָניעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן מיט הונדערט יאָר פריער, און עס איז געוועז אָנגענומען די מיינונג, אַז די קאָלאָניעס זיינען עלול צו דינען ווי אַ וויכטיקער קערן פאַר דער שאַפונג פונעם אויטאָנאָמען יידישן ראַיאָן. נישט ווייט פון דאָרט האָבן זיך געפונען אַ סך שטעטישע ישובים מיט אַן אנזיכטיקער יידישער באַפעלקערונג און מען האָט געמיינט, אַז דאָס וועט פאַרלייכטערן די קאָנצענטרירונג פון יידן אין דעם צוקונפטיקן אויטאָנאָמען ראַיאָן. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער פּלאַן האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט צווישן די קרימער פויערים, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט פאַר די אייגנציקע באַלעבאַטים פון דער ערד פון זייער לאַנד און זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט מען זאָל אָפּגעבן די יידן אַ טייל. די רעגירונג פון דער קרימער רעפּובליק האָט זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך און אין אַ צייט אַרום איז דער פּלאַן צונישט געוואָרן. דעמאָלט איז באַשלאָסן געוואָרן צו קאָלאָניזירן יידן אין ביראָבידזשאַן — אַ פאַרוואָרפענער און אומבאַזעצטער פונקט אינעם ווייטן מזרח, נאָענט פון מאַנדזשוקאָ, מיט דער טענדענץ דאָרט צו שאַפן אַ יידישע רעפּובליק.

די רעגירונג האָט פאַר דעם צוגעטיילט די נויטיקע ערד און האָט געגעבן די קאָלאָניסטן פינאַנציעלע און אַדמיניסטראַטיווע הילף. די יידישע קאָמוניסטן און אַ סך אומפּאַרטייאישע טוער וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם דאָזיקן פּלאַן, זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אים צווישן די רוסישע יידן. אין דער דיאַספּאָראַ אויסערן ראַטנפאַרבאַנד זיינען דורכגעפירט געוואָרן קאַמפּיינען און מען האָט געזאַמלט גרויסע געלטער פאַר הילף די קאָלאָניסטן און דער פאַרשטאַרקונג פון זייער אונטערנעמונג. עטלעכע צענדליקער טויזנט יידן זיינען אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן, און די רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט די ערד־שטרעקע ווי דער אויטאָנאָמער יידישער ראַיאָן. עס זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן רעגירונגס־אַמטן, דערציאונגס־אַנשטאַלטן, פאַרשידענע סאָציאַלע און קולטורעלע אונטערנעמונגען, יידיש איז פּראָקלאַמירט גע־

וואָרן ווי די אָפיציעלע שפּראַך, און אַ סך מענטשן זיינען געווען זיכער, אַז די יידישע באַפעלקערונג וועט זיך שנעל צעוואַקסן און דער דאָזיקער ראַיאָן וועט זיך פאַרוואַנדלען טאַקע אין אַ יידישער רעפּובליק. אָבער אויך דער דאָזיקער וועג צו דער לייזונג פון דער יידנפראַגע אין די גרע־ניצן פון ראַטנפאַרבאַנד, אַ וועג אַן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַלער, האָט נישט געפירט צום ציל.

די יידן האָבן זיך שווער אַקלימאַטיזירט אין דעם נייעם מקום. אַ סך קאָלאָניסטן האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם יידנס־פּרואוו, וואָס איז גע־ווען פאַרבונדן מיטן איבערגאַנג צו אַ פּויערים־לעבן אין דעם וויטן לאַנד, און האָבן זיך באַמיט צוריקצוקערן צו זייערע פריערדיקע וואוין־ער־טער. די דאָזיקע שטרויכלונגען און דורכפאַלן האָבן געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג און די צאָל יידן וואָס האָבן איינגעשטימט אויסצוואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן איז געוואָרן וויניקער, טראָץ דער פּראָ־פּאַגאַנדע און די גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס עס זיינען געמאַכט גע־וואָרן מצד די סאָוועטישע רעגירער און די פאַרשידענע יידישע אָרגאַני־זאַציעס צוזאַמען גענומען. אייגנטלעך איז די באַפעלקערונג פון ביראָ־בידזשאַן שטאַרק אויסגעוואַקסן אין פאַרלויף פון דער צייט און איר צאָל האָט דערגרייכט מיליאָנען, אָבער איר רוב מנין און רוב בנין זיינען נישט קיין יידישע. און נישט נאָר מאַכן אויס די יידן אין ביראָבידזשאַן אַ מי־נימום, נאָר זייער טייל צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פאַרמי־נערט זיך וואָס אַ מאָל מער, און זיי אַסימילירן זיך דאָרט אויך שפּראַכ־לעך. לויט דער קאָנסטיטוציע איז יידיש די אָפיציעלע שפּראַך, פאַק־טיש אָבער באַנוצט מען זיך נישט מיט איר. אין די רעגירונגס־אַמטן, אין די געריכטס־הייזער, אין די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אונטערנע־מונגען, אין די דאָזיקע אַלע ערטער הערשט כמעט די רוסישע שפּראַך, און דעסטגלייכן אין די מערסטע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. עס האָט דאָרט אויך אויפגעהערט דערשיינען די יידישע פּרעסע.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז באַנייט געוואָרן דער פּרואוו אַריבערצופירן יידן פון אייראָפּעאישן ראַטנפאַרבאַנד, איבערהויפּט פון דער אוקראַאינע, קיין ביראָבידזשאַן, דער דאָזיקער פּרואוו אָבער ווערט מער נישט באַגלייט פון דער האָפענונג צו לייזן דורך דעם די נאַציאָנאַלע פראַגע פון די רוסישע יידן. ד״ה, צו שאַפן אַ יסוד פאַר יידישער זעלבסט־שטענדיקייט אין די גרעניצן פון סס״ר. אין דער מאָס וואָס יידן וואַנ־דערן אויס קיין ביראָבידזשאַן, איז אין דער דאָזיקער עמיגראַציע נישטאָ קיין באַזונדערער נאַציאָנאַלער ציל. זי איז מער ענלעך צו די טראַדיציאָ־נעלע יידישע עמיגראַציעס אין די צייטן פון די פאַרשידענע רעזשימען

ערב דער סאָוויעטישער אָרדענונג. זי קומט ווי אַ רעאַקציע צו דער פאַר־שאַרפונג פון דער יידנפראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט אָנגענומען אַן ערנסטן און זייער קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, ווי אַ רעזולטאַט פון די ענדערונגען וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען אויפן נאַציאָנאַלן געביט.

***

איינעם פּעריאָד פון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס אין אייראָפּע איז אַרויפגעשוואומען די מיינונג, אַז די דיפערענצירונג צווישן די פעלקער וועט פאַרמינערט ווערן צוזאַמען מיט דער נייער עקאָנאָמישער אַנטוויק־לונג, אַז עס וועט פאַלן די וויכטיקייט פון טראַדיציע און פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, פון די באַזונדערע היסטאָרישע פאַרבינדונגען צווישן דער נאַציע און איר פאָטערלאַנד אאז״וו. אַ סך יידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער מיינונג. די מענטשן פון דער יידישער „עמאַנציפּאַציע״, וואָס זיינען אַרויף אויף דער סצענע ביים עפענען זיך פון די געטאָ־טויערן, זיינען געווען גרייט אַרויסצורייסן פון זייער האַרצן זייער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און אויך זייערע יידישע אייגנשאַפטן. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן זיך אַזוי אַרום קענען אַסימילירן צווישן די פעלקער און ווערן איינס מיט זיי. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ סך קאָמפּליצירטער ווי זיי האָבן געדענקט.

די אינטעלעקטואַלן פון צווישן דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע, וועל־כע האָבן סוף 18טן יאָרהונדערט און 19טן יאָרהונדערט אַרויפגעבראַכט די קאָסמאָפּאָליטישע אידעען, זיינען געווען זיכער, אַז זיי זיינען עס די וואָס זעען זיך פאָר אין דער אַנטוויקלונג פון די פעלקער, זיי האָבן זיך אָבער טועה געווען. דער פּשוטער מענטש וואָס איז אויפגעקומען מיט די רע־וואָלוציעס און איז געוואָרן אַן אַקטיווער היסטאָרישער פאַקטאָר, איז אויפגעשטורעמט געוואָרן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. די פעסטונגען פון פעאָדאַליזם וואָס האָבן צעפּיצלט לענדער אין אַ סך שטאַטן און סוב־שטאַטן, האָבן צוגעגעבן איין חומרה נאָך דער אַנדערער בכדי צו פאַר־אייביקן די אָפּגעזונדערטקייט און דיפערענצירונג צווישן קלאַס און קלאַס, צווישן דעם פּויער אין דאָרף און דעם בעל מלאכה און קרעמער אין שטאָט. זיי האָבן פאַקטיש צעריסן און צעפּיצלט לעבעדיקע פעלקער. ווען עס זיינען צעפאַלן די דאָזיקע גרעניצן און מחיצות און עס זיינען געשאַפן געוואָרן די נאַציאָנאַלע איינהייטלעכע מדינות, ווי למשל, פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד א״א, האָט עס נישט געהייסן ביי די פעלקער אין די אויגן דער אָנהייב פון דער ליקווידירונג פון די נאַציאָנאַלע מחי־צות. די רעוואָלוציע איז איינגעקריצט געוואָרן אין די הערצער פון די

מאַסן ווי אַ טיפע איבערלעבונג, ווייל זי האָט דערמעגלעכט אַ דירעקטע
מחיצה־לאָזע באַרירונג צווישן ברידער פון געמיינזאַמער שפּראַך און
גורל, וואָס שטאַמען אָפּ פון פאַרשידענע ראַיאָנען און קלאַסן. זייער פאַר־
בינדונג מיט די נאַציאָנאַלע ווערטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן טיפער און
אינטימער פון די פאַרבינדונגען פון די אַריסטאָקראַטישע און קאַפּיטאַ־
ליסטישע שיכטן.

די מוטער־שפּראַך, וואָס איז די באַשטענדיקע און פּערמאַנענטע
בראשית־שאַפונג פון דעם נאַציאָנאַלן געניוס, זי איז זייער איינציקע
שפּראַך. דער פּשוטער מענטש שטייגט און וואַקסט מיט איר צוזאַמען.
אין דער מוטער־שפּראַך, נאָר אין דער מוטער־שפּראַך דערוועררבט ער גייע
באַגריפן און נייע קענטעניש. פאָלקס־מעשהלעך, די פּאָעזיע פון די אי־
בערלעבונגען פון דער אומה אין פאַרלויף פון דער פאַרברידערונג פון די
דורות, וואָס אויך זי איז בולט געוואָרן אינעם פּעריאָד פון די רעוואָלו־
ציעס, האָט אויסגעדריקט די שטימונג פון די מאַסן מיט מער צוטרוי ווי
די פּרואוון צו פאַרווישן די היסטאָרישע פאַרבינונגען און דעם נאַציאָ־
נאַלן אָפּשטאַם. אין דער מאָס וואָס דער פּשוטער מענטש, דער אַרבעטס־
מענטש „גייט אַריין אין דער געשיכטע" און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ
ווירקנדיקן פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפט און איר אַנטוויקלונג —
ברענגט ער אַריין אַ טיפע אור־באַציאונג, אַ מער אינטימערע אויך צו
דער פאַרבינדונג צווישן לאַנד און אירע איינוואוינער. די דאָזיקע באַצי־
אונג נערט זיך פון ענגע אַרבעטס־פאַרבינדונגען מיט דער ערד, וואָס איז
באַאַרבעט געוואָרן אין משך פון אַ סך דורות דורך די עלטערן און זיי־
דעס. זי ווערט גענערט פון דער פאַרבינדונג וואָס שאַפט זיך צווישן לאַנד
און דעם מענטשן וואָס בויט איר ממש, וואָס שטעלט אויף מיטן שווייס
פון זיין פּנים אירע הייזער און אירע אונטערנעמונגען, וואָס לעגט אירע
שאָסייען, ברענגט אַרויס אוצרות פון אירע טיפענישן אאז"וו. די דאָ־
זיקע אינטימע באַציאונג, קוועלט אויך אַרויס פון פּערמאַנענטער באַרי־
רונג פונעם אַרבעטס־מענטשן מיט דעם פּייסאַזש פון לאַנד, וואָס איז על
פּי רוב דאָס איינציקע וואָס עס זעט בכלל דער פּשוטער מענטש. די
בילדער־איינגעשאַפּטן פון דעם דאָזיקן פּייסאַזש פורעמען אויס זיין דמיון,
טאָג־איין טאָג־אויס, און זיי דרינגען אַריין אין זיין נשמה און גיסן זיך
צונויף מיט זיין וועזן.

די קאָסמאָפּאָליטישע אידעען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין איי־
ראָפּע מיט די בורזשואַזע רעוואָלוציעס האָבן אַבסאָלוט נישט אָפּגע־
שפּיגלט די שטימונג פון די אויפגעוואַכטע פעלקער. עס איז אין זיי גע־
ווען מער אַ פאָרזעצונג פון דער שטימונג פון די געלערנטע פון די קיר־

כע־קרייזן אין מיטלאַלטער, וואָס האָבן מערסטנס גערנער געפריי־דיקט וועגן אייביקע אידעען פון אַן אַבסטראַקטער מענטשהייט, איידער די ממשותדיקע שווערע זאָרג פאַרן גורל פון מענטשן, וואָס קניט אונטער דער פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע פון זייער פאָלק און לאַנד. זיי האָבן צייטנווייז געהאַט דעם אויסדרוק פון געשעפטלעכע פאַרבינדונג, אָדער געדאַנקען־טויש פון אַ באַגרענעצטן קרייז פון רייכע און בורזשואַזע אינטעלעקטואַלן — על פי רוב מענטשן וואָס געניסן אַ סך פון לעבן און עס איז זיי באַקוועמער אין דער געזעלשאַפט פון דער מינדערהייט, וואָס איז ענלעך צו זיי פון אַנדערע לענדער, איידער אין דער ענגער אַט־מאָספערע פון דער מערהייט פון צווישן זייער אייגענעם פאָלק און אָפּשטאַם.

צווישן די פעלקער זיינען די קאָסמאָפּאָליטישע אידעען וועגן אַ אי־בער־נאַציאָנאַליזם, וועלט־בירגערשאַפט א״א פאַרוועלקט געוואָרן, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן זיך צו צעבליען. דער קרעמער, דער נישט־ייד האָט געזען אין דעם פאַרווישן די גרעניצן די פאַרקלענערונג פון די שאַנסן צו קאָנקורירן דערפאָלגרייך מיטן יידישן קרעמער, און ער האָט געהאָלפן בולט מאַכן דאָס נאַציאָנאַלע און אַנטיסעמיטישע, וואָס האָבן דערמעגלעכט צוציען קונים אין זיין קלייט. די קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגן דערשפּירן די סכנה, וואָס לויערט אויף דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים דורך דעם שכל הישר פון דעם מענטשן, און זיי באַמיען זיך אים צו פאַרטונ־קלען באַוואוסטזיניק אָדער נישט, מיט האַלב־מיסטישע טעאָריעס וועגן געלייטערטן נאַציאָנאַליזם, ראַסע וכד׳.

די לעצטע אויף דעם קאָסמאָפּאָליטישן מויער זיינען איבערגעבליבן פאַרשידענע יידישע קרייזן, איבערהויפּט פון צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס די פאַרטיפונג פון נאַציאָנאַליזם צווישן די פעלקער האָט זיי גע־שטערט צו אַסימילירן זיך. זיי האָבן זיך אַנטווישט פון דער נישט־יידי־שער בורזשואַזיע, אָבער זיי האָבן געפּרואווט זיך אָנהאַלטן אָן דער גלייכ־גילטיקייט צו נאַציאָנאַלע ענינים, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט דאָ און דאָרטן צווישן נישט־יידישע אַרבעטער. אָפטמאָל זיינען זיי געווען די הויפּט־פלעגער פון דעם דאָזיקן גלייכגילט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער אויך דער אויפשטייגנדיקער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט אָנגענומען די קאָסמאָפּאָליטישע אידעען. זיי זיינען אים פרעמדער גע־ווען ווי יעדן אַנדערן קלאַס.

דער אויפקומענדיקער בורזשואַזער קלאַס האָט געבראַכט מיט זיך אַן אויסגעשפּראָכענע איינשטעלונג צו אַלע אַרומיקע, אויך צום מענטשן: יעדע אייגנשאַפט אין מענטשן, וואָס איז נישט קיין „אַרבעטס־כוח״ און אַ

קוואַל פאַר רווחים האָט קיין שום ווערט נישט. דער אַרבעטער איז אין זייערע אויגן געווען נישט מער ווי אַ צוגעקומענער אינסטרומענט אין פאַבריק, אַ מין חפץ, וואָס זיין ווערט איז ווי דער ווערט פון אַ זאַך וואָס מען קען זיך מיט דעם באַנוצן, ווי אַ זאַך וואָס איז עובר לסוחר. איז וואָס פאַר אַ ווערט האָבן בכן די נאַציאָנאַלע און פאָטערלאַנד־געפילן פון דעם אַרבעטנדיקן מענטש? די בורזשואַזיע האָט אָנגעשטעקט מיט דעם דאָזיקן באַרבאַרישן שטאַנדפונקט די גאַנצע געזעלשאַפט, און אַפט־מאָל דעם אַרבעטער זעלבסט. די קולטור־אוצרות פון זיין פאָלק זיינען אַ לאַנגע צייט געווען געשלאָסן פאַרן אַרבעטער, די מאַטעריעלע אוצרות פון זיין לאַנד האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די רייכע, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט זיי צו עקספּלואַטירן דעם אַרבעטס־מענטשן; און ער אַליין איז צו שוואַך געווען אין דער ערשטער צייט און נישט זיכער גע־ווען, אַז ער איז דער צוקונפטיקער באַלעבאָס פון די רייכטימער. אויף דעם באָדן האָט אויפגעשפּראָצט דאָ און דאָרטן צווישן די אַרבעטער אַ מין נאַציאָנאַלער ניהיליזם, וואָס אומדירעקט איז אין אים געווען אויך אַ גילגול פון יענעם געשעפטלעכן צוגאַנג פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט אַנטבלויזט דעם מענטשן פון יעדן ווערט, וואָס איז נישט קיין מקור פאַר רווחים.

אָבער דער דאָזיקער ניהיליזם איז קיינמאָל נישט געווען מער ווי דאָס אייגנס פון אַ מינדערהייט, און אויך זי האָט זיך פון אים באַפרייט אין משך פון דער צייט. ווען דער אַרבעטער שטייגט אויף און פאַנגט אויך אָן צו געניסן פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער פון פאָלק, פאַנגען אָן אויפשטייגן און ריזלען מיט מער קראַפט די טיפע גע־פילן, וואָס באַצייכענען די פאַרבינדונג פון דעם אַרבעטס־מענטשן צו זיין פאָלק און פאָטערלאַנד. ווען ער פאַנגט אָן צו באַפרייען זיך פון דער השפעה פון דער קאַפּיטאַליסטישער קולטור און ער פּרוּווט אויסוועבן זיין אייגענעם וועלט־קוק, וואַקסט אין אים די שטרעבונג צו אַ באַציאונג פון העכערער חשיבות צום מענטשן און צו אַן אָפּשאַצונג פון זיינע נשמה־פאַרלאַנגען ווי אַ טייערע זאַך אַן און פאַר זיך. אין דער מאָס וואָס דער אַרבעטער שטייגט אין דער געזעלשאַפט און באַווירקט איר מיט זיין גייסט, אַנטפּלעקט זיך די פאַרבינדונג פון דעם מענטשן צו זיינע נאַציאָנאַלע רייכטימער, ווי טיפע, אָרגאַנישע און מער אינטי־מערע באַנדן.

***

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז אויפגעקומען אין אַן אויסגעשפּראָכן אַגראַר־לאַנד. דאָס אויסשפּרייטן זיך פון דער רעוואָלוציע איבער אינדוסטריעלע און מער פּראָלעטאַרישע לענדער איז פון אָנפאַנג געווען ביי די באָלשעוויקעס אַ באַדינג פאַר דער פאַרזעצונג און פאַרפעסטיקונג פון דעם נייעם רעזשים אין רוסלאַנד גופא. דאַריבער איז געווען אַזוי שטאַרק דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער יסוד צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן וואָס זיינען געקומען צו דער מאַכט און די זאַך האָט אויך אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער סאָוועטישער רעגירונג. די דערציאונגס־אַנשטאַלטן, די ליטעראַטור, דאָס צייטונגסוועזן, די מינדלעכע באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיך באַמיט צו דורכדרינגען דאָס האַרץ פון רוסישן פאָלק מיטן באַוואוסטזיין פון דער קרובהשאַפט און איינהייטלעכקייט מיט די גרויסע רעוואָלוציעס אין פאַרשידענע לענדער און תקופות. אויך פון דער רוסישער געשיכטע האָבן זיי אויסגעקליבן די אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס און זייערע גבורים, און פון זיי הויפּטזעכלעך האָבן זיי זיך באַמיט צו וועבן דעם פאָדעם פון דורות־פאַרברידערונג. אָבער די רוסישע געשיכטע איז געווען צו אָרים אין רעוואָלוציעס און די רוסישע קולטור און טראַדיציע, וואָס אויף איר האָבן זיי תחילת געפּרואווט שטיצן דעם נייעם רעזשים, איז אויך געווען אָרים. דאַריבער איז נאָך גרעסער געוואָרן דער באַדאַרף זיך צו שטיצן אויף די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און קולטור פון אַנדערע פעלקער. אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר זיי דאָס אָפּגרענעצן זיך פון די נאַציאָנאַלע פאַרמעגנס פון די סאָוויעטישע פעלקער, און אַפילו אַ מינדערשעצונג אין זייער גרעסטן טייל, און פון דער צווייטער זייט — אַ ווייטגייענדיקע פאַרערונג צו יעדער אַנטפּלעקונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס מען האָט געקענט אויסטייטשן ווי אַן אויפהייבן זיך איבערן „שמאָלן נאַציאָנאַליזם״, ווי אַן אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. די דאָזיקע טענדענץ איז בשעתה געווען די עיקר־ליניע פון דער שטאַטלעכקייט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און איר רעגירונג.

אָבער די פּויערים־ און אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן אין זייער גרויסער מערהייט פאַר דער רעוואָלוציע נישט געקענט לייענען און שרייבן, און האָבן נישט געקענט די געשיכטע פון זייערע פעלקער און זייערע גייסטיקע רייכטימער — אויף וויפל די דאָזיקע אוצרות האָבן זיך פאַר זיי געעפנט און זיי האָבן אָנגעהויבן שטילן זייער גייסטיקן אַלץ מער שטייגנדיקן דורשט אין זייערע קוואַלן — האָט זיך אַנטפּלעקט אין זייערע הערצער (און איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שטאַרקער) אַ טיפע

ליבע צו זייער קולטור און נאַציאָנאַלער טראַדיציע. זיי האָבן שטאָלצירט איבער דעם, וואָס אין זייער לאַנד איז אויפגעקומען צום ערשטן די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געווען אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צום נאַציאָנאַלן ניהיליזם, וואָס עס האָבן געפּרעדיקט שרייבער און קינסטלער אָן וואָרצלען אין פאָלק און אינעם אינטערנאַציאָנאַליזם, דער סטימול פאַרן סופער־נאַציאָנאַלן מצד דער מאַכט און אויף וויפל די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט זיך אויסגעברייטערט און איז געוואָרן אַן אַמתע פאָלקס־פּאַרטיי; אויף וויפל די אויפמערקזאַמקייט צו דעם איינמאָליקן רעוואָלוציאָנערן אַקט האָט זיך אָפּגעווענדט צו דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע פון בויען דאָס לאַנד און אויפהייבן די סאָוויעטישע מאַסן פון פאָלק צו אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט און קולטור — אַלץ מער האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגענייגט פון זייער פריערדיקן וועג. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער נייער באַציאונג פון די מאַסן צו דער געשיכטע פון זייערע פעלקער און נאַציאָנאַלע קולטורן. און די געשעענישן אין דער וועלט, איבערהויפּט אין די לענדער אויף וועלכע די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געלייגט פון אָנפאַנג זייערע האָפענונגען — האָבן פאַרשנעלערט דעם דאָזיקן פּראָצעס.

**
*

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע האָט זיך נישט אויסגעשפּרייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. נאָך אַ שווערן געראַנגל האָט די סאָוויעטישע רעגירונג באַשטימט פאַר זיך אַ וועג צו בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד. אַפילו ווען דער סססר זאָל פאַר אַ לאַנגער צייט בלייבן די איינציקע סאָוויעטישע מדינה. דער ווענדפּונקט איז געווען נאָך אַ צוגעקומענער פאַקטאָר צו איבערשאַצן די ווערטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און אירע מנהיגים. די שנאה צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז איצט געווען געווענדט נישט נאָר קעגן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, נאָר אויך קעגן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַרום זיי האָבן זיך גרופּירט די מערהייט אַרבעטער אין אייראָפּע און אַמעריקע. דער גלויבן אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט וועלן בקרוב מאַכן אַ גרויסע רעוואָלוציע, איז כמעט אין גאַנצן פאַרשוואונדן; אַנשטאָט דעם איז געוואַקסן דער זלזול צו די דאָזיקע פּאַרטייען, וואָס האָבן נישט דערפילט די האָפענונגען, וואָס מען האָט אויף זיי געלייגט. עס זיינען פאַרטריקנט געוואָרן נשמה־פעדים, וואָס האָבן

פאַרבונדן דעם ראַטנפאַרבאַנד מיט דער אויסערלעכער וועלט. די רוסישע רעוואָלוציע האָט מער נישט אויסגעוויזן אין די אויגן פון אירע שעפער, ווי אַ שפרונג־ברעט צו עטוואָס גרעסערס און וויכטיקערס פון איר, נאָר ווי אַ מעשה־בראשית, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט, און די סאָוויעטישע פעלקער — ווי דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט און אירע וועגווייזער. די אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע פעלקער, זייער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז איינציק אין זייער מין, זייער קולטור און זייער אופן פון זען די וועלט — דאָס אַלץ איז געזען געוואָרן איצט אין אַן אַנדער ליכט — ווי אַ מער זיכערער אָנשפּאַר, איידער די גרייטקייט און רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אַזוי אַנטוישט. און ס׳איז גרויס געווען דער ווילן צו פלעגן און שטאַרקן דעם דאָזיקן אָנשפּאַר.

מיטן ווענדן זיך צו דער פּאָליטיק פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד״, מיטן שטייגן פון סטאַלינס השפּעה, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם דאָזיקן ווענד־פונקט — וואַקסט די זאָרג פאַר דער פולער אַנטוויקלונג פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע קולטורן, וואָס דאָס האָט סטאַלין באַטראַכט פון דעמאָלט אָן ווי אַ תנאי פאַר דעם נצחון פון באָלשעוויזם. די דערציאונג, די ליטעראַטור, די קונסט, דער לימוד פון היסטאָריע, די פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע, נעמען אָן פון יאָר צו יאָר אַן אַלץ מער אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. נאַציאָנאַלע העלדן, און נישט דווקא שעפער פון מרידות און רעוואָלוציעס, דערשיינען ווי געשטאַלטן, וואָס דאַרפן דינען ווי אַ ביישפּיל. אין אַזאַ אַטמאָספער ווערט וואָס ווייטער אַלץ שווערער דאָס צוזאַמענלעבן און אויסמיש פון פאַרשידענע פעלקער, אַן רייבונגען. דאָס ברענגט צו אָפּזונדערן די פעלקער אויך טעריטאָריעל, און שאַפן מדינות און ראַיאָנען פון אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע איינסן. דאָס איז איצט דער יסוד פון דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון סאָוויעטישן רעזשים. מינדערהייטן גייען אַריבער און ווערן אַריבערגעפירט אין די נאַציאָנאַלע מדינות פון זייערע פעלקער. עס ווערן געשאַפן פּאַסיקע באַדינגונגען פאַר אַ טיפן און אינטימען איחוד פון יעדן איינעם מיט זיין פאָלק, זיין קולטור, זיין געשיכטע, זיין טראַדיציע, זיינע מנהגים אאז״וו, אָן קיין שום שטערונג מצד פרעמדע. די אוקראַאינער וואוינען צווישן זייער פאָלק, אַזוי אויך די רוסן, אוזבעקן, טאַטאַרן א״א. עס בלייבט איבער נאָר איין פאָלק, אַ צעשפּרייטס צווישן די אַנדערע און שטערט זיי ווי אַ פרעמדער נאַציאָנאַלער קערפּער — די יידן. אָט־די דאָזיקע סיבות האָבן געשטאַרקט די מיינונג, אַז אויך די יידן, וואָס האָבן זיך נישט אַסימילירט אין גאַנצן, דאַרף מען אָפּזונדערן

פון די אַנדערע סאָוויעטישע פעלקער און קאָנצענטרירן זיי אין זייערן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן ראַיאָן אָדער מדינה.

**
*

מיטן אויפשטייג פון די נאַציס צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט שטאַרקער געוואָרן די האָפענונג און עס האָבן זיך געמערט די פּלענער צו ליקווידירן דעם סאָוויעטישן רע־זשים. און די זאָרגן פון דער סאָוויעטישער רעגירונג האָבן זיך קאָנצענ־טרירט אויף דער מלחמה־געפאַר. אין דעם יאָך פון די זאָרגן זיינען איינ־געשפּאַנט געוואָרן דאָס רייכטום און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פון לאַנד און אין דער מאָס וואָס איז מעגלעך אויך די גייסטיקע און נשמה־כוחות פון די סאָוויעטישע פעלקער. די שאַנסן צו באַקומען הילף אין דער פאַר־טיידיקונג פון ראַטנפאַרבאַנד פון די קאָמוניסטישע כוחות פון דייטש־לאַנד האָבן אויסגעזען צו זיין נישטיק. אויך די האָפענונגען אויף די קאָ־מוניסטן פון די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען געווען בלאַסע. די מערב־לענדער האָבן אויסגעזען אין די אויגן פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי מדינות וואָס זייערע פעלקער זיינען פעסט גע־שלאָסן אַרום זייערע רעגירונגען און גרייט פאַר יעדן פאַל פון מלחמה, מעג עס זיין קעגן ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו שטאַרקן די נאַציאָנאַלע פאַטערלאַנד־געפילן ביי די פעל־קער פון סס״ר. דער גייסטיקער אינטערעס פון דעם סאָוויעטישן ביר־גער איז אָפּגעווענדט געוואָרן מיט מער קראַפט צו די ענינים פון זיין לאַנד, צו די איבערלעבונגען און ראַנגלענישן פון זיין פאָלק, צו די פראַגן פון זיין עבר און נאַציאָנאַלער קולטור — צו דערקענען די דאָזיקע פראָ־בלעמען און פאַרמעגנס און צו פאַרטיפן דעם אינערלעכן צוזאַמענבונד מיט זיי. די געשעענישן און די היסטאָרישע פערזענלעכקייטן זיינען אָפּ־געשאַצט געוואָרן בעיקר פון דער זייט פון דער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן בשעתם אויסגעפילט, נישט רעכענענדיק זיך פיל מיט זייער שטאַנד, מיט זייערע סאָציאַלע שטאַנדפּונקטן און מיט זייער באַ־ציאונג צו אַנדערע פעלקער. רוסישע צאַרן, רעאַקציאָנערע גענעראַלן וכד׳, זיינען דערהויבן געוואָרן צו געשטאַלטן פון דערציערישן ווערט צו־ליב זייערע פאַרדינסטן און צוריקשטויסן די אויסערלעכע פיינד פון לאַנד׳, אין אויסברייטערן די שטחים פון דער רוסישער אימפעריע, אין פאַרשטאַרקן די אינערלעכע מאַכט, אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. כאָטש אָט די אַלע דערגרייכונגען זיינען געווען באַגלייט דורך אַ פּאָלי־טיק פון אַ אכזריותדיקער אונטערדריקונג אין באַצוג צו אַ סך נישט־רו־

סישע פעלקער און מיט אַ שלעכטער באַציאונג צו די אַרבעטס־מענטשן און פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ צווישן רוסישן פאָלק גופא. ענלעך האָבן זיי זיך אויך נוהג געווען צו די נאַציאָנאַלע העלדן פון די אוקראַאינער, בעלאָרוסן, גרוזינען, אוזבעקן וכד׳.

דאָס איז געווען אַ היפּש קאָמפּליצירטע „ענדערונג פון די ווערטן״. די צאַרן, גענעראַלן און אַנדערע רוסישע נאַציאָנאַלע העלדן זיינען אין זייער גרויסן טייל געווען די פאַרפאָלגער און הענקער פון די פאַרגעשריטענע און רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן פריער אַרויסגעשטעלט ווי דערציערישע געשטאַלטן. זיי זיינען דערשינען אין דער געשיכטע פון אַנדערע סאָוויעטישע פעלקער, צום ביישפּיל פון די אוקראַאינער, גרוזינער אאַז״וו ווי אויסגעשפּראָכענע טיראַנישע פיינד און אונטערדריקער. פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען באַקאַנט די היסטאָרישע העלדן פון די ניט־רוסישע סאָוויעטישע פעלקער ווי פיינד פון אַנדערע פעלקער אין דער רוסישער אימפּעריע. די דאָזיקע סאָוויעטישע פעלקער האָבן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט קעגנגעשטעלט דער מאַכט פון די רוסן און זייערע אונטערדריקער. זיי האָבן אָפט געקעמפט צווישן זיך אַליין און זייערע נאַציאָנאַלע העלדן זיינען איבערהויפּט אויפגעשטיגן אין די דאָזיקע רעוואָלטן און מלחמות. עס איז גישט אַנגעקומען גאָר לייכט אויפצובלאָזן די היסטאָרישע נאַציאָנאַלע געפילן פון די פאַרשידענע סאָוויעטישע פעלקער נישט אַנצורירן אייניקייט די סאָוויעטישע אייניקייט און פאַטריאָטיזם, און נישט צו טרעפן חלילה דעם שלום צווישן די סאָוויעטישע פעלקער זעלבסט. די רעגירונג האָט געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג כדי צו באַקעמפן די געפאַרן. אין דער דאָזיקער אַקציע האָבן זיך איינגעשפּאַנט דערציאונגס־אַנשטאַלטן, די שיינע ליטעראַטור און קונסט, די וויסנשאַפט־אינסטיטוציעס, דאָס צייטונגסוועזן און מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע. זי האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן דערפאָלג, ווייל זי איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק פון האָמאָגענישן נאַציאָנאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד. די קעגנזאַצן, די מלחמות און שנאה זיינען געווען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און זיי האָבן עס אַריינגעטייטשט די אויסטייטשער, די דערציער און די וויסנשאַפטלער אַ פּירוש וואָס איז געווען געצילט צו די באַדערפענישן פון דעם מאָמענט; אָבער ביי דער קעגנוואַרטיקערווירקלעכקייט האָט דער ראַטנפאַרבאַנד באַוויזן צו קומען צו אַ כמעט פולער טעריטאָריעלער אָפּגעזונדערטקייט צווישן אירע פאַרשידענע פעלקער. אין די דרייסיקער יאָרן איז ראַטנפאַרבאַנד איבערהויפּט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אויסגעשפּראָכענע איינפעלקערדיקע לענדער און אָפּגעטיילטע איינער פו־

נעם אַנדערן און עס איז נישט געווען קיין יסוד פאַר צוזאַמענשטויסן און קריגערייען צווישן פאָלק און פאָלק.

אויך אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי אַן אויסערגעוויינלעכער שאַרפער צופאַל — די לאַגע פון די יידן.

וואָס טיפער און רייכער עס איז געוואָרן דער נאַציאָנאַליזם פון די סאָוועטישע פעלקער, וואָס מער פאַרוואָרצלט עס איז געוואָרן זייער אייגיקייט מיט זייערע פאָטערלענדער — אַלץ מער האָט שאָקירט און געשטערט די אָנוועזנהייט און אַריינמישן זיך פון די יידן. אויך דער ייד וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך כדי זיך אין גאַנצן צו אַסימילירן, קען נישט מיטנעמען מיט זיך, קען נישט מיטברענגען קיין געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע פ א ר ג א נ ג ע נ ה יי ט מיט די פעלקער צווישן וועלכע ער לעבט. צי האָט דען עפּעס געמיינזאַמעס די פאַרגאַנגענהייט פון קינדער פון יידישע קרעמער און בעלי־מלאכות פון די אוקראַאינישע און בעלאָרוסישע שטעטלעך מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון אוקראַאינישע, בעלאָרוסישע אָדער רוסישע פויערים־קינדער? דער ייד ווערט באַטראַכט ווי אַ פרעמדער קערפּער פון וועלכן מען וויל זיך באַפרייען. דער דאָזיקער געפיל באַקומט אַ זייער האַרבע באַדייטונג, מחמת דעם פאַקט וואָס די שנאה צו יידן גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדים אין דער געשיכטע פון די פעלקער און העלדנטאַטן פון זייערע היסטאָרישע פערזענלעכקייטן. די העלדנטאַטן פון באָגדאַן כמעלניצקי וועמענס געשטאַלט עס איז אַרויסגעהויבן געוואָרן ווי אַ דערציאונגס־וואונדער פאַר די מאַסן פון אוקראַאינישן פאָלק, זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פאַרניכטונג פון יידישע קהילות און אויסמאָרדונג פון צענדליקער טויזנטער יידן. אין די אָפּשטאַמיקע פון די גרעאַטעוועטע פון כמעלניצקיס שחיטות שלאָגט זיך אָן דער אוקראַאינער טאָג־טעגלעך. זיי קאָנקורירן מיט אים אין דער אַרבעט און אינעם אויפשטייגן צו אַ מער לייכטערער און וויכטיקער פּאָזיציע. זיי באַשווערן אים ווי אַנגעשטעלטע, ווי מאַכטהאָבער, ווי אויפזעער, זיי דענערווירן אים מיט זייער אָנוועזנהייט און איינפלוס, אַן איינפלוס פון מענטשן וואָס זיינען נישט פון אייגן בלוט און פלייש. און דער דאָזיקער היסטאָרישער נאַציאָנאַלער העלד באַזיצט אין זיך דעם כוח נישט נאָר צו דרעסירן זיינע לאַנדסלייט צו העלדישער מלחמה מיטן דרויסנדיקן שונא, נאָר אויך צו פאַרשטאַרקן דעם האַס צום פרעמדן אינעווייניק — צום יידן. און ענלעכס געשעט אויך לגבי היסטאָרישע פערזענלעכקייטן און געשעענישן, וואָס זיינען אַרויסגעהויבן געוואָרן ווי אַ פאָן צווישן אַנדערע סאָוועטישע פעלקער.

ווי שוין געזאָגט איז דער בירָאָבידזשאַנער פּלאַן דורכגעפאַלן. די

יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זיינען פאַרבעטן געוואָרן אויפצובויען דאָס דערמאָנטע לאַנד און קאָלאָניזירן אירע וויסטעניש, אויפצוגעבן צו־ליב איר דאָס שטאַטישע לעבן צו וועלכן זיינען צוגעוואוינט און מאַכן שלום מיט פרימיטיווע און זייער שווערע באַדינגונגען; האָט קיין באַזונ־דער פאַקטאָר ג י ש ט פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער פאַרוואָרפענער געגנט אין אַזיע, וואָס זיי זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו באַטראַכטן ווי זייער פאַטערלאַנד. אין דער נייער אַטמאָספער אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר וועלכער עס איז כאַראַקטעריסטיש דער ווילן צו כאָווען געפילן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, צו פאַרטיפן די באַציאונג פון מענטשן צו זיין היס־טאָרישער פאַרגאַנגענהייט און היסטאָרישן פאַטערלאַנד, און שאַפן אַ נאַ־ציאָנאַלע קולטור און געשיכטע אויך פאַר געשיכטע־ און שפּראַכלאָזע פעלקער, — שטעלט זיך אַרויס זייער מאָדנע דער עקספּערימענט אַרויפ־צווינגען ווי אַ „פאַטערלאַנד" אַ פרעמדן און צופעליקן ערד־שטח אַן אַלטן פאָלק מיט אַ רייכער פאַרגאַנגענהייט, מיט איינע פון די הויפּט־קולטורן פון דער מענטשהייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים צו זיין היסטאָרישן פאַטערלאַנד. אין ביראָבידזשאַן איז נישט געשאַפן געוואָרן אַפילו קיין גייסטיקער קולטור־צענטער. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד צעזייט און צעשפּרייט, וואָרצלאָז און אַרומגערינגלט מיט שנאה און האַס ווי אין יעדן גלות־לאַנד.

***

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען צוגעקומען צום ראַטנפאַרבאַנד די מזרח־גרענעצן פון פּוילן. הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס האָבן געוואוסט און מיטגעלעבט אין משך פון אַלע יאָרן אַלץ וואָס עס איז פאַרגעקומען אינעם וועלט־יידנטום און אינעם יידישן ישוב פון ארץ־ישראל, האָבן זיך פלוצלינג פאַרוואַנדלט אין סאָוועטישע ביר־גער. צו זיי זיינען צוגעקומען טויזנטער יידן פון צענטראַל־ און מערב־פּוילן, וואָס זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן מיטן אַריינדרינגען פון די דייטשן. די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד זיינען געקומען אין באַרירונג מיט אַ גרויסן ציבור וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף יידישער טראַדיציע, ציוניזם, חלוציזם, העברעאיש און העברעאישע קולטור, גערעגל פאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל. די באַנייאונג פון דעם דאָזיקן באַ־ריר איז געקומען אין אַ צייט וואָס דער פאַרניכטונגס־צוג קעגן די אייראָפּעאישע יידן האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט. עס האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד גופא. און עס איז קלאָר געוואָרן אַז די אַנשטרענגונגען איבערצורייסן די נשמה־

פאַרבינדונגען פון די רוסישע יידן מיט אַלע אַנדערע יידן פון דער וועלט, און די פּרואוון אַרויסצורייסן דעם שותפותדיקן גורל־געפיל מיטן גאַנצן פאָלק און מיט זיין געראַנגל פאַר נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין זיין לאַנד האָבן נישט געבראַכט די דערוואַרטע רעזולטאַטן פאַר די אַרויסרייסער.

די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד זיינען אין זייער מערהייט געבליבן גלייכגילטיק צום ביראָבידזשאַנער פּלאַן, נישט דערפאַר וואָס זיי האָט געפעלט דער נאַציאָנאַלער געפיל און דער באַוואוסטזיין פון אַ פאָטערלאַנד. די דאָזיקע געפילן, וואָס האָבן אויך נישט ווייניק געשטערט צו דער פולער אַסימילאַציע פון די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אויך זיי געשטערט זיך צו באַגנוגענען מיט לאָקאַלן יידישן סאָוועטישן נאַציאָנאַליזם און מיט אַ געקינסטלטן פאָטערלאַנד. ביי דער באַרירונג מיט יידן פון פּוילן האָבן פונסניי געשטיגן די יידישע געפילן. עס איז נישט געווען קיין אָפּגעפרעמדקייט צווישן די יידן וואָס זיינען אויפגעוואַקסן און זיך דערצויגן אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן דור אין די באַדינגונגען פון סאָוועטן־רעזשים, און צווישן די יידן וואָס האָבן ערשט נעכטן אייערנעכטן זיך אויסגעלעבט יידיש און ציוניסטיש, עס האָט געהערשט גרויס אינטערעס צום שותפותדיקן גורל.

דער דאָזיקער שותפותדיקער גורל און זיין אָנערקענונג, האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט נאָך דער דייטשישער אינוואַזיע אויפן ראַטנפאַרבאַנד. די סאָוועטישע שטחים מיט קאָנצענטרירטער יידישער באַפעלקערונג, זיינען אין זייער מערהייט איינגענומען געוואָרן פון די דייטשן און זיי האָבן זיך דאָרט אויפגעפירט אויף זייער שטייגער — זיי האָבן זיי אומגעבראַכט. גרויסע טיילן פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אין די אינוואַדירטע געביטן, האָבן געשלאָסן שותפות מיט די דייטשן. זיי האָבן גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין די שחיטות אויף יידן. אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעפירט נאָך אַ האַלבן יובל יאָרן פון סאָוועטישער דערציאונג, נאָכן אָפּלעבן כמעט אַ דור אין אַ קאָמוניסטישן רעזשים, וואָס האָט געקעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם מיט ביישפּיללאָזער ענערגיע און מוט.

אַ סך יידן פון ראַטנפאַרבאַנד איז געלונגען צו אַנטלויפן פון די נאַציס און זיי האָבן אַזוי אַרום געראַטעוועט זייער לעבן. אויפן וועג האָבן זיי זיך געטראָפן מיט צענדליקער טויזנטער עמיגראַנטן פון פּוילן, ליטע אאַ״וו. די איבערלעבונגען זיינען געווען די זעלבע, און דעסטגלייכן דער אָפּגרונט פון שנאה וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. ווי אַ ברויזנדיקער קוואַל האָבן אויפגעקוועלט ברידערלעכע יידישע געפילן, איבערלעבונגען פון אַלטער יידישער טראַדיציע און קולטור און די גרויסן

פון די פוילישע יידן וועגן דעם ציוניסטישן ווערק און אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל — האָבן צוגעגעבן די באַנייטע יידישע ליידן אַ רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג.

אין משך פון אַלע יאָרן איז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, און מיט איר די סאָוועטישע מאַכט, געווען קעגן די דערשיינונגען פון יידישער וועלט - סאָלידאַריטעט און דאָס פלעגן פון אינערלעכער צוגעבונדנקייט צום יידישן ווייטן און זעלבסטשטענדיקן עבר. אָבער אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אינוואַזיע, האָט אַזאַ טיפער יידישער געפיל גע־קענט מוטיקן די יידן פון סס״ר אין זייער קאַמף קעגן דייטשלאַנד, וואָס האָט געשטעלט אין געפאַר די פרייהייט פון רוסישן פאָלק און פון אַנ־דערע סאָוועטישע פעלקער. און די מאַכט האָט אינגאַנצן איבערגעביטן איר פּאָליטיק אין דעם ענין. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַנטיפאַשיסטי־שער יידישער קאָמיטעט, וואָס האָט געפּרואווט באַנייען דעם בונד צווי־שן די יידן פון סס״ר מיט די אַנדערע תפוצות און אויך מיטן יידישן ישוב אין ארץ ישראל. אין טעאַטער זיינען אַרויפגעבראַכט געוואָרן טע־אַטער - שטיק, וואָס האָבן געכאָוועט דעם גלויבן אין נצח ישראל, און אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך געמערט די אַסאָציאַציעס און זכרונות פון די באַפרייאונגס־מלחמות פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. אין דערציילונגען און אין לידער פון יידישע שרייבער זיינען דערשי־נען העלדן וואָס ריידן מיט יידישן שטאָלץ וועגן די דאָזיקע מלחמות און שעפּן דערמוטיקונג אין זייער מלחמה מיט דעם יידישן און אַלמענטש־לעכן צורר.

נאָכדעם ווי עס האָט זיך אַ קער געטאָן צום גוטן דער גאַנג פון דער מלחמה, און דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט אַוואַנסירט צום מערב — האָט זיך אויסגעברייטערט און פאַרטיפט געוואָרן די באַרירונג פון די יידן פון סססר מיטן וועלט־יידנטום. אין אָנפאַנג פון מלחמה האָבן זיך באַגעגנט סאָוועטישע יידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלערן מיט אַנ־דערע יידן וואָס זיינען פון אים אַנטלאָפן. איצט האָבן מאַרשירט יידישע קעמפער פון ראַטנפאַרבאַנד צו מערב און האָבן זיך באַגעגנט אין איי־ראָפּע מיט יידן קעמפער פון די מערב־לענדער און מיט יידישע סאָל־דאַטן פון ארץ ישראל. צווישן די יידישע קבוצים וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן אין די דאָזיקע טרעפונגען, צווישן די ססס״ר יידן מיט די אַנדערע, זיינען אין משך פון יאָרן אויסגעוואַקסן מחיצות און אונטער־שיידן, אַז עס איז אַ ספק צי זיינען אַזוינע אַמאָל געווען אין דער גע־שיכטע פון יידישן פאָלק, צווישן איין קיבוץ און אַ צווייטן. ביים סוף פון דער מלחמה האָבן זיך באַגעגנט צענדליקער טויזנטער יידן אין פאַר־

שיידענע אוניפאָרמעס. זיגרייכע האָבן זיי זיך באַגעגנט אויף די חורבות פון די יידישע תפוצות, און עס איז געווען אַ דערשיטערנדיקער קאָנטראַסט צווישן דעם יובלען פון נצחון און דעם יידישן חורבן און צעשטערונג פון אַרום. מאָראַלישע אייגנשאַפטן איינגעוואָרצלטע פון אַן אַלטן שטאַם, אהבת ישראל, בענקעניש נאָכן פאָטערלאַנד, וואָס זיינען מיט מסירות נפש איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור אַז זייער אָפּקלאַנג האָט זיך פאַרהיט אַפילו ביי די גאָר אָפּגעפרעמדטע — האָבן אויפגעוואַכט און דערגענטערט די הערצער. אַ סך פאַקטאָרן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אַזעלכע וואָס מען זעט זיי און אַזעלכע וואָס זיינען פאַרשטעלט פון מענטשלעכן אויג און פון זיין שכל — האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן און געהאָלפן צו מאכן צעגיין די קעלט פון אַנדערשקייט און פרעמדקייט. עס איז אויסגעוואַקסן אַ בשותפותדיקע איבערלעבונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די אָנגענומענע שטימונגען. אַ יידישער סאָלדאַט וואָס איז אַריינגעקומען אין אייראָפּע ווי אַ זיגער האָט דערפילט אין די טויט־לאַגערן די שרעק פון זיין אייגענעם מאָרגן. און אויך ביי דעם יידישן סאָלדאַט פון סס"ר איז געשען און עס איז קלאָר געוואָרן, עס זיינען אָפּגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט אַלע דערגרייכונגען און דערפאָלגן, עס איז צעשטערט געוואָרן די זיכערקייט, עס האָט זיך אַריינגעגנבעט דער פחד, אַז אויך ער, זיין פרוי און זיינע קינדער קענען אַמאָל געפירט ווערן צו די טויטן־קאַמערן, אַזוי ווי עס זיינען געפירט געוואָרן די יידן אין אייראָפּע. זייער לעבן וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון די יידן פון אַנדערע לענדער האָבן אָנגעהויבן באַקומען אַן אַנדער באַדייטונג, דאָס פאַרגעקומענע אַרום זיי האָט זיך צו זיי באַוויזן אין גאָר אַן אַנדער ליכט, אין איין יידישער ליכט און ווידער האָט גובר געווען אַ וואונדערבאַרער יידישער נשמה־געפיל וואָס האָט דערהויבן די מענטשן און זיי באַוואויגן צו געדאַנקען און מעשים וואָס זיי האָבן זיך פריער נישט פאָרגעשטעלט.

סוף מלחמה האָבן צענדליקער טויזנטער סאָוועטישע יידן זיך אומגעקערט אין זייערע וואוינערטער אַ סך אָפּגעטיילטער און דערווייטערטער פון די גויים צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט און ענלעכער און גאַנצער מיט די איבעריקע יידן אין דער וועלט, ווי זיי זיינען געווען ווען עס איז אַמאָל.

***

נאָך דער מלחמה איז ראַטנפאַרבאַנד אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ סך האַרבע פראַגן פון אויפבוי. גרויסע טיילן, איבערהויפּט אין די אייראָפּעאישע זאָנעס וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער נאַציסטישער

מיליטערישער אָקופּאַציע הערשאַפט, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן שיעור נ׳יט אין אַ מדבר. די מלחמה האָט זיך אָפּגערופן אויך אין די אַנ־דערע ראַיאָנען אין לאַנד. אַ סך אַרבעטס־געביטן זיינען פולשטענדיק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. ווען די רעגירונג האָט אונטערגענומען אַן אַקציע צוריקצושטעלן דאָס רואינירטע און באַנייען די נאָרמאַלע אַרבעט פון דער מלוכה ־ אַדמיניסטראַציע, האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ שווערן מאַנגל אין מענטשן, איבערהויפּט אין אינטעלעקטועלע פאַכמענער, וואָס מען קען אויף זיי פאַרטרויען. אַ גרויסער טייל פון דער סאָוועטישער אינטעליגענץ, איבערהויפּט פונעם יונגן קאָמוניסטישן דור איז אומגע־בראַכט געוואָרן אין מלחמה צייט; די דאָזיקע אינטעליגענץ איז געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער קעמפנדיקער מחנה זינט דעם אָנהויב מלחמה, און אויך אין דער צייט וואָס דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט געליטן דורכפאַלן און געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. אויסער דעם איז עס ביי די דייטשן סתם געווען אַ טענדענץ צו פאַרניכטן **געגצלעד** די קאָמו־ניסטישע אינטעליגענץ.

און דאָ האָט זיך ווידער באַוויזן דער יידישער טאַלאַנט און זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן ווי אַ טרייער שטיצפּונקט פון דער רעגירונג און אירע פּלענער. דער ייד האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די נייע באַ־דינגונגען און באַדאַרף און ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע אויפגאַבן אויך אין די פאַלן אין וועלכע ער האָט קיינמאָל פריער נישט געהאַט די מינדעסטע פּראַקטיק. אין דער ערשטער צייט נאָך דער מלחמה זיינען געשטאַנען ליידיק אַ סך פּאָסטנס און פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס, וואָס האָבן אומזיסט געוואַרט אויף מענטשן וואָס זאָלן זיי באַזעצן, און אַ סך יידן האָבן אַזוי אַרום געגומען שטייגן און שטייגן.

אין אַ גאַר קורצער צייט האָט אויך אין ראַטנפאַרבאַנד געגומען שטייגן די וויכטיקייט פון יידן ווי אַזעלכע. אין ארץ ישראל האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן יידישן ישוב און דער מאַנדאַט־מאַכט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גערוואַנגל פאַר פולער פּאָליטי־שער זעלבסטשטענדיקייט. באַלד דערנאָך איז אונטערגעקומען די דע־קלאַראַציע וועגן דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה און די מלחמה מיט די אַראַבישע אַריינדרינגער און זייער אַרויסשטויסונג פון די גרע־נעצן פון ישראל. די רעגירונג פון דעם ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו דער יידישער מלחמה, און די סאָוועטישע פּרעסע האָט דער־ציילט אירע לייענער וועגן דער שטעלונג פון די סאָוועטישע פאָרשטייער אין אונדזער ענין, ווי אויך וועגן דער העלדישקייט פון אונדזערע קעמ־פער. דער סאָוועטישער בירגער וואָס האָט נישט געוואוסט דאָס מינ־

דעסטע וועגן ציוניזם, אָדער ער האָט גאָר געהערט וועגן אים זידל־וווערטער און סתם טאַדלונג איז איבעראַשט געוואָרן ווען מען האָט אים דערציילט וועגן אַ קעמפעריש און זיגרייכערישן יידישן פאָלק און וועגן זיין מלחמה פאַר זעלבסטשטענדיקייט און דער פאַרטיידיקונג פון זיין לאַנד און נאַציע. עס האָט ביי אים אין די אויערן געקלונגען ווי עפּעס אַ וואונדער, און ער האָט שוין אויך געגומען מער שאַצן זיינע יידישע שכנים.

עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן די ווירקונג פון די דאָזיקע צוויי פאַקטאָרן וואָס האָבן אויף אַ וויַיל געהאַט געשטאַרקט די פּאָזי־ציע פון די יידן ווי בירגער פונעם ראַטנפאַרבאַנד און געהויבן זייער כבוד ווי אַ פאָלק. די סאָוועטישע רעגירונג האָט געאַרבעט מיט גרויס ענערגיע פאַר דער באַנייאונג, פאַרבעסערונג און אויסברייטערונג פון איר דערציאונגס־וועזן אויף אַלע געביטן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט גרויס פאַרמעסט און פאַרשנעלטן טעמפּ. אין אַ רעלאַטיוו קורצער צייט אַרום האָבן די פאַכשולן, טעכניקומס און אוניווערזיטעטן אָנגע־הויבן אַרויסלאָזן צענדליקער טויזנטער פראָפעסיאָנאַלן, אַ נייע אינטע־ליגענץ וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די פאַרשיידענע לעבנס־געביטן, באַוואָפנט מיט ידיעות און מיט גרויסע אויספיר־פעיקייטן. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט נישט באַטראַכט די יידן מיט די גוטע שטעלעס ווי די רעטונג פון שטאָט אין אַ שווערן מאָמענט, נאָר ווי קאָנקורענטן וואָס האָבן זיך געפּעדערט און פאַרכאַפּט די בעסטע און באַקוועמ־סטע פּאָזיציעס, און עס טרעפט אויך אַז זיי פאַרצוימען דעם וועג פאַר דער נישט־יידישער אינטעליגענץ.

אין לויף פון דער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער באַציאונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג צום ציוניסטישן ענין. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָוועטישע פּאָליטיק שטרעבט אָפּצושוואַכן די פּאָזיציע פון די מערב־שטאַטן און ווער עס שפּאַנט זיך נישט איין אין דער דאָזיקער פּאָליטיק, איז די סאָוועטישע רעגירונג פון אים נישט צופרידן. די ידיעות וועגן מדינת ישראל אין דער סאָוועטישער פּרעסע זיינען געוואָרן ווייניקער און ווייניקער ביז זיי זיינען כמעט אין גאַנצן פאַרשוואונדן. דאַקעגן האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ ביטערע קריטיק וואָס שטעלט פאַר מדינת ישראל ווי אַ נאָכשלעפּעניש נאָך דער אינ־טערנאַציאָנאַלער רעאַקציע, אַ שטאָט וואָס דריקט אונטער דעם אַרבעטס־מענטשן, די פרייהייט אאז״וו. עס איז אויך באַנייט געוואָרן די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע קעגן ציוניזם. סוף 1948 האָט דער ער־שטער געגעבן דעם צייכן איליא ערנבורג, דער סאָוועטישער שרייבער פון

יידישן אָפּשטאַם און אין זיינע טריט זיינען באַלד אַרויס אויך אַנדערע. ערנבורג האָט געטאַדלט די עליה קיין ישראל, און דער גערא־נגל פון יידישן פאָלק קומט אַרויס פון זיין פּלאַן ווי אַ געמיינע און רעאַקציאָ־נערע זאַך.

דער באַזונדערער אויפשטייג פון יידישן כבוד און יידישע וויכטי־קייט אין ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער מלחמה איז געווען נישט מער ווי אַ צופעליקע דערשיינונג, דאַקעגן האָבן אָנגעהאַלטן די נעגאַטיווע פאַקטאָרן און עס זיינען געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער די פּראָצעסן וואָס גראָבן אונטער די יידישע פּאָזיציע צווישן די סאָוועטישע פעלקער און דערשיטערן איר.

דער איבערגאַנג צו פאַבריק־אַרבעט האָט אויסגעזען וויכטיקער קאָמפּליצירט. דאָס איז נישט געווען פאַרבונדן מיטן איבערגיין צום דאָרף־לעבן, פון וועלכן יידן זיינען, בדרך כלל, ווייט געווען אַלע יאָרן פון גלות. אַ קענטיקער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דורות־לאַנג געצויגן זיין פּרנסה פון מלאכה און פאַר אים איז דער איי־בערגאַנג צו פאַבריק־אַרבעט געווען מער נאַטירלעך. דאָס האָט זיך אויך געלייגט אויפן שכל פון די באַלשעוויסטישע קרייזן מיט השפּעה, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט אַריבערצופירן אין דאָרף אַזאַ דורכאויס שטאָטישע באַפעלקערונג, ווי עס זיינען די יידן, באַזונדערס אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד האָט געברויזט מיט אינדוס־טריאַליזאַציע, בעת גרויסע מאסן האָבן געשטראָמט פון דאָרף אין שטאָט אריין. די וואָס האָבן געדענקט, אַז די יידן דאַרפן זיך סוף־כל־סוף אויס־מישן — און אַזוי האָבן געמיינט כמעט אַלע קאָמוניסטישע מנהיגים — האָבן געזען אין דעם איבערגאַנג צו אינדוסטריעלער אַרבעט אַ פאַקטאָר, וואָס וועט פאַרשנעלערן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס. אין דעם יידישן ווערקשטאַט זיינען אַלע אַרבעטער געווען יידן — דער בעל־מלאכה, די העלפער און לערן־ייִנגלעך. אין פאַבריק, אָבער, האָבן מערסטנס געאַר־בעט צוזאַמען יידן מיט נישט־יידן אויסגעמישט. פאַר אַ סך יידן איז דער איבערגאַנג צו אינדוסטריעלער אַרבעט געווען פאַרבונדן מיטן איבער־וואַנדערן פון קליינעם שטעטל, וואו כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען אַ יידישע, אין דער גרויסער שטאָט מיט אַ גרויסער מערהייט רוסן אָדער אוקראַינער. די רעגירונג האָט געזען אין דער אָנשטרענגונג אַרי־בערצופירן יידן צו אינדוסטריעלער אַרבעט, דעם וועג צו דער לייזונג פון דעם יידישן פּראָבלעם, אין גייסט פון דער באַלשעוויסטישער טראַ־דיציאָנעלער תורה, און דערפאַר האָט זי זיך געשטעלט צו דינסט פון דער דאָזיקער זאַך מיט איר גאַנצער וואָג און קראַפט.

נאָך פאַר דער רעוואָלוציע האָבן יידן אין רוסלאַנד, דאָ און דאָרט, געפּרואווט אַריבערגיין צו פאַבריק־אַרבעט, אָבער זיי האָבן זיך כמעט שטענדיק אָנגעשטויסן אויף אַ קעגנערשאַפט נישט נאָר מצד די אַרבעט־געבער, נאָר אויך מצד די ניט־יידישע אַרבעטער. אָפטמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַרבעטער האָבן געשטרייקט און געצוואונגען דעם אַרבעט־געבער צו דערווייטערן די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן אין דער פאַבריק. ביי דער ניט־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך איינ־געוואָרצלט די מיינונג, אַז פאַבריק־אַרבעט איז נישט פאַר יידן. די דאָ־זיקע מיינונג איז אויך ניט פאַרשוואונדן נאָך דער רעוואָלוציע. די פאַר־וואַלטער פון מלוכהשע אונטערנעמונגען האָבן אין זייער אַ סך פאַלן גע־מאַכט שוועריקייטן פאַר יידן, וואָס זייערע פריערדיקע פּרנסות זיינען חרוב געוואָרן, און האָבן זיך געפּרואווט איינוואָרצלען אין פאַבריק־אַר־בעט. אויף דער זייט פון די פאַרוואַלטער האָבן זיך אָפטמאָל געשטעלט אויך די אַלטע ניט־יידישע אַרבעטער. און אַזוי האָט זיך געשאַפן אַן אומפריינדלעכע אַטמאָספערע, וואָס האָט אַוועקגענומען ביים יידן די מעגלעכקייט צו באַזיצן די אַנדערע שוועריקייטן, אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיינע אָנשטרענגונגען צוצופּאַסן זיך צו דער נייער אַרבעט.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָנטשלאָסן געקעמפט מיט די אַנטי־יידישע דערשיינונגען און אָנגענומען שאַרפע מיטלען אויסצואָוואָרצלען זיי ביזן גרונט. נאָכמער, זי האָט מחייב געווען די לאָקאַלע מאַכט אָנצו־נעמען אויסערגעוויינלעכע שריט צו פאַרגרינגערן די יידן ביים איבער־גאַנג צו פאַבריק־אַרבעט. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פעסטער פּרואוו, דורך באַזונדערע אַקציעס לטובת זיי, מתקן צו זיין דאָס, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון יידישער רעכטלאָזיקייט במשך פון דורות.

***

איינע פון די פאַראָרדענונגען פון דעם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט האָט מחייב געווען דער מאַכט אויפצושטעלן נייע אינדוסטריעלע ווערק נישט נאָר אין די גרויסע שטעט, נאָר אויך אין די קליינע יידישע שטעטלעך, כדי דער איבערגאַנג צו פאַבריק־אַרבעט זאָל נישט שטענדיק זיין פאַר־בונדן מיט אַרויסרייסן פון דעם איינגעזעסענעם אָרט און איבערוואַנדערן דווקא אין דער גרויסער שטאָט. לויט די סאָוועטישע געזעצן פלעגן אין די פאַבריק־שולן אָנגענומען ווערן נאָר קינדער פון אַרבעטער. פאַרמעל איז אין דעם נישט געווען קיין שום דיסקרימינאַציע לגבי יידן. קינדער פון נישט פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם זיינען נישט אויפגענומען געוואָרן אין

פראָפעסיאָנעלע שולן אָן אונטערשייד צי זייערע עלטערן זיינען יידן אָדער נישט־יידן. אָבער למעשה האָט דער באַדינג (פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַם) געטראָפן די יידן, וואָס פאַר זיי איז אינדוסטריע אין די צאַרישע צייטן געווען געשלאָסן. דער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַזוי אין גרעסטן טייל געווען פון סוחרים, בעלי־מלאכות און פרייע פּראָפעסיעס. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַז דער נייער געזעץ, וואָס זיין כוונה איז געווען צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטער־שטאַנד, האָט פּאַקטיש פאַרשטעלט דעם וועג צו דער פאַבריק פאַר דער יידישער יוגנט פונקט ווי פריער. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דעמאָלט באַשלאָסן בטל צו מאַכן דעם באַדינג פון פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם לגבי יידן. זי האָט אויך פאַראָרדנט דער מאַכט צו באַשטימען ספּעציעלע ביודזשעטן פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון די יידן בכלל און גאַנץ באַזונדערס פאַר דער יידישער יוגנט.

די דאָזיקע אַקציע האָט געבראַכט רעזולטאַטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן יידן אין די פאַבריקן נישט נאָר ווי אָנגעשטעלטע און אינזשעניערן, נאָר אויך ווי פּשוטע אַרבעטער און זייער צאָל איז וואָס ווייטער אַלץ מער געוואַקסן. די נישט־יידישע אַרבעטער האָבן זיך צו דעם צוגעוואוינט און געאַרבעט צוזאַמען מיט זייערע יידישע חברים. באַזונדערס נאָך דעם, ווי די לעצטע האָבן זיך אויסגעלערנט די לאַנדשפּראַכן — רוסיש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש אאַז״וו, און זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין גלייך מיט די אַנדערע.

נאָך דער רעוואָלוציע זיינען אַ סך יידן געוואָרן באַאַמטע, בעיקר דער יונגער דור. אויף דעם געביט האָבן זיך געעפנט זייער אַ סך גרויסע מעגלעכקייטן. די רעגירונג האָט נאַציאָנאַליזירט די אינדוסטריע, די קאָמוניקאַציע, די נאַטור־אוצרות, די פּראָדוקטן ־ פאַרטיילונג אאַז״וו, צו פאַרוואַלטן און אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט האָט זיך געפאָדערט אַ ריזיקער אַפּאַראַט פון באַאַמטע און פאַרוואַלטערס. אַ סך פון דעם צאַרישן באַאַמטנטום האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבן, מיט דער כוונה צו שעדיקן דעם נייעם רעזשים. אַ סך ווידער זיינען פון דער מאַכט אַליין דערווייטערט געוואָרן צוליב פּאָליטישע טעמים. די יידן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט גייסטיקער וואַכזאַמקייט, האָבן אַ סך לייכטער פון אַנדערע זיך צוגעפּאַסט צו דער אויספירונג פון די אויפגאַבן אין דעם נייעם פאַרצווייגטן אַפּאַראַט, און האָבן פאַרנומען אַ פיל גרעסערן פּלאַץ, גאָר ניט אין ערך לויט זייער פּראָפּאָרץ צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דאָס האָט אַרויסגערופן גענוג קנאה ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. בדרך כלל איז די אַרבעט פון דעם באַאַמטן און פאַרוואַל־

טער געווען אַ באַקוועמערע און פאַרבונדן מיט פריווילעגיעס ביים באַ־
קומען שפּייז, אַ וואוינונג וכד׳. די רעגירונג ־ פאַראָרדענונגען האָבן
פאַראורזאַכט דער באַפעלקערונג אַ סך באַגרענעצונגען און גרויסע שווע־
ריקייטן, און ווען דער בירגער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם יידישן
באאמטן, דעם יידישן פאַרוואַלטער, וועלכע האָבן די האַרבע באַפעלן גע־
מוזט אויספירן, איז דער גאַנצער כעס און פאַרביטערונג געווענדט גע־
וואָרן קעגן יידן. נאָך קאָמפּליצירטער זיינען געווען די זאכן אין די גרע־
נעץ־לענדער, איבערהויפּט אין אוקראַינע, וואו עס האָט עקזיסטירט אַ
שטאַרקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, דורכגעזאַפּט מיט שנאה צו דער צענ־
טראַלער מאַכט אין מאָסקווע. די דאָזיקע אויפבראַזן האָבן זיך אויך גע־
פילט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גופא. די מאַכט האָט זיך גאָר
שטאַרק געשטיצט און סומך געווען אויף די יידן מערער ווי אויף די אַנ־
דערע. אָבער די אוקראַינער האָבן באַטראַכט די גרויסע צאָל יידן אין
דעם רעגירונג־אַפּאַראַט, ווי פאָרשטייער פון דער ניט־סימפּאַטישער רו־
סישער מאָסקווע.

די קאַנצעלאַריעס און די פאַרשידענע פאַרוואַלטונגען זיינען געווען
ברייט אָפן פאַר יידן. אָפטמאָל האָבן די יידן אין דעם פאַרצווייגטן באַ־
אַמטן־אַפּאַראַט אויסגעמאַכט דער עיקר און הויפּט־אָנשפּאַר פאַר דער
רעגירונג און זי האָט געמוזט שטאַרק אָנקומען צום דאָזיקן אָנשפּאַר.
אָבער פון דער צווייטער זייט איז שווער געווען נישט צו דערזען דעם
פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם צוליבן אַריינשטראָם פון יידן אויף די
רעגירונגס־אַמטן און די געפאַר וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן נישט נאָר
פאַר יידן אַליין. אַנטי־סאָוועטישע פאַקטאָרן האָבן אויסגענוצט דעם
פאַקט פון דער גרויסער צאָל יידן אויף סאָוועטישע רעגירונגס־שטעלעס
און די אַזוי בולטע און זייער ניט־אָנגענעמע אויפגאַבן וואָס זיי פירן
אויס, כדי צו אידענטיפיצירן אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג די
קאָמוניסטן מיט די יידן. דאָס האָט נאָך טיפער געמאַכט דעם ריס
צווישן אַ קענטיקן טייל פון דער באַפעלקערונג און דעם סאָוועטישן
רעזשים.

נאָך דעם ווי עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס אַריינשטראָמען פון
יידן אין דער אינדוסטריע, און דאָס כסדרדיקע פאַרגרעסערן זיך פון
דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אַ סך געמיינט אַז
אויף דעם וועג וועט מען קענען באַקעמפן די נייע אַנטיסעמיטישע דערשיי־
נונגען. סיי אין די רעגירונג־קרייזן, סיי אין דער יידישער קאָמוניסטי־
שער געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך געשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז
וואָס ווייטער ווערן די יידן אַלץ מער ענלעכער אין אַלצדינג צו די פעל־

קער צווישן וועלכע זיי וואוינען און גאָר אין גיכן וועט קיין שום מחיצה צווישן זיי נישט פאַרבלייבן.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן, אין דער צייט פון ערשטן פינפיאָר־פּלאַן. ראַטנפאַרבאַנד האָט אין גאַנצן געברויזט מיטן אינטענסיוון איבערגאַנג פון דעם צושטאַנד פון אַן אויסגעשפּראָ־כענעם אַגראַר־לאַנד צו אַן אינדוסטריעלער פאַטענץ. יידן אין די צענד־ליקער טויזנטער האָבן פאַרלאָזט זייערע שוואַכע פּרנסות, זייער באַ־זונדערע שפּראַך, זייער אייגנאַרטיקן שטייגער־לעבן און טראַדיציע, אָפּטמאָל אויך זייערע וואוין־ערטער און אָנגעהויבן אריינדרינגען אין די פאַבריק־אונטערנעמונגען ווי אַרבעטער, אינזשעניערן אאז״וו. פון דאָרט האָבן זיך געצויגן פויערישע קינדער ניט־יידן און פון די קליינע שטעט־לעך האָט געשטראָמט די יידישע יוגנט, און ביידע האָבן זיך באַגעגנט אין די נייע אינדוסטריעלע צענטער. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס הויבן אָן צו פאַרשווינדן די מחיצות צווישן זיי און זיי ווערן ענלעך איינער צום אנדער כמעט אין אַלץ. איז עס דען נישט געווען קיין געניו־גנדיקער באַווייז, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם דערנענטערט זיך סוף־כּל־סוף צו זיין לייזונג און אז מיטן זיג פון דער רעוואָלוציע וועלן די יידן אויפהערן צו עקזיסטירן ווי אַ באַזונדער פאָלק?

***

פון דעם ערשטן מאָמענט אָן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג געוואָלט אויספאָרמירן ווי מעגלעך שנעלער אַ שיכט פון פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ פון צווישן די אַרבעטער־שיכטן. די מאַכט און די באָלשע־וויסטישע פּאַרטיי האָבן געשענקט דער דאָזיקער זאַך גאָר אַ סך אויפ־מערקזאַמקייט אויף אַלע געביטן פון אַרבעט. אַ דאָפּלטע ענערגיע האָבן זיי געווידמעט דער דאָזיקער זאַך אין די גרענעצן פון דער אינ־דוסטריע, וואָס איר ראַשיקער וואוקס האָט פון חודש צו חודש פאַרגרע־סערט די נאָכפראַגע נאָך אינזשעניערן, כעמיקער, אַרבעט־פאַרוואַלטער, פאַבריק־באַאמטע אאז״וו. יעדער אַרבעטער וואָס האָט נאָר ארויסגעוויזן פעאיקייטן און מעגלעכקייטן איז געמוטיקט געוואָרן און עס איז אים גע־געבן געוואָרן די נייטיקע הילף צו פּערפעקציאָנירן זיך אין זיין פאַך.

צווישן די וואָס זיינען אַרויפגעשטיגן צו פאַראַנטוואָרטלעכע און זעלבסטשטענדיקע אויפגאַבן, וואָס זיינען אַריבער פון אַרבעטער־שטאַנד צו פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, זיינען געווען זייער אַ סך יידן. זייער צאָל האָט מיט דער צייט אריבערגעשטיגן די צאָל יידן וואָס זיינען אַרי־בער צו דער אינדוסטריע ווי פּשוטע אַרבעטער, און דער טייל פון יידן

אין פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ קלענער. דער ניט־יידישער אַרבעטער, וואָס האָט ערשט נעכטן שלום געמאַכט מיט דער לאַגע און איינגעשטימט צו אַרבעטן צוזאַמען מיטן יידן און אים אַפילו אָפּטמאָל געהאָלפן צופּאַסן זיך צו דער אַרבעט — האָט נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן פּראָצעס מיט אַלץ וואַקסנדיקער קנאה. ער האָט געזען ווי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ווערן אַלץ ווייניקער די יידישע אַרבעטער אַרום אים, און פון דער צווייטער זייט ווערט אַלץ גרעסער די צאָל פון יידישע באַאַמטע, אינזשעניערן און פּאַרוואַלטער, וועלכע ווערן איבער אים ממונים און גיבן אים אָנווייזונגען, און וואָס זייער אַרבעט איז אַ באַקוועמע און ברענגט אַריין מער פאַרדינסטן. איז ווידער אַמאָל געשטיגן דער אַנטיסעמיטיזם. ער איז אַריינגעדרונגען אויך אין אַזעלכע קרייזן, וועלכע זיינען פריער פרעמד געווען פון דעם און האָבן אים נישט געקענט. אמת, די יידן האָבן גערעדט רוסיש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש און האָבן זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין ענלעך צו די גויים צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט און געאַרבעט. דאָך, ביי דעם אַלעם, האָבן זיי אַרויסגערופן שנאה צו זיך צווישן די הונדערטער טויזנטער, וואָס זיינען פאַר דעם נישט געקומען אין קיין שום באַרירונג מיט יידן און קיין שום אינטערעס נישט געהאַט אין דער יידן־פראַגע. פון אָנפאַנג האָט די קעגנערשאַפט זיך גענערט בעיקר פון געפילן פון קנאה. מיט דער צייט איז עס שאַרפער געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צונויפגעשטויס צווישן פאַראינטערעסירטע פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמיקע.

***

די טעכנישע דערפינדונגען און די נייסטע אַרבעט־סיסטעמען האָבן אין גאַנצן רעפאָרמירט דעם מהות פון די אויפגאַבן פון דעם אַרבעט־מענטש אין דער מאָדערנער אינדוסטריע, סיי פון דעם אַרבעטער, ווי אויך פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. דער בעל־מלאכה טוט אַ סך פאַרשיידענע אַרבעטן ביז ער פאַרענדיקט דאָס וואָס ער דאַרף פאַרענדיקן. אַנדערש איז דער פאַבריק־אַרבעטער. אין פאַבריק איז די אַרבעט איינגעטיילט אין פראַגמענטן, אָדער טיילן, און די הויפּט־אַרבעט פון די אַרבעטער איז דאָס שטענדיקע איבערחזרן איינציקע זייער אייגפאַכע באַוועגונגען. די דאָזיקע אַרבעט ווערט פּינקטלעכער און ביליקער אויסגעפירט דורך דער מאַשין. ווערט זי דעריבער טאַקע צוגענומען פון די מענטשלעכע הענט און גייט אַריבער צו דער מאַשין. דער אַרבעטער ווערט פאַרוואַנדלט, דער עיקר, אין אַן אויפזעער איבער דער פונק־

ציאַנירונג פון דער מאַשין. אין דער מאָס וואָס דער דאָזיקער קאָנטראָל פאָדערט נישט מער ווי רוטינערע אויפמערקזאַמקייט און איינפאכע רו־טינערע רעאקציע מצד דעם אַרבעטער, ווערט אויך די דאָזיקע אויפגאַבע איבערגענומען פון דער מאַשין און איר „מעכאַנישן מוח“. עס ווערט, בכן, פאַרווירקלעכט די טענדענץ איבערצוגעבן דעם מענטשן, וואָס אַר־בעט ביי דער מאַשין, נאָר אַזעלכע אַרבעטן, וואָס קענען אויסגעפירט ווערן נאָר מיט דער הילף פון מענטשלעכן מוח, מיטן כוח פון זיין וואַכזאַמקייט און זיין גייסטיקער איניציאַטיוו־פעאיקייט. דער „שוואַר־צער אַרבעטער“ פאַרוואַנדלט זיך כמעט אין אַן אנאַכראָניזם אין דער מאָדערנער אינדוסטריע. זיין אויפגאַבע פירט דורך די מאַשין מיט דער קראַפט. דער מאָדערנער אַרבעטער אין פאַבריק איז רעדוצירט צום ספעציאַליסט, צום מענטשן מיט די ספעציפישע מעגלעכקייטן, וואָס זיי־נען דורכאויס נישט קיין מעכאַנישע.

די מאַשין באַפרייט דעם אַרבעטער פון די שוואַרצע און מער מע־כאַנישע אַרבעטן. פון דער צווייטער זייט ווערן די אויפגאַבן פון דער פראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ אויך נישט מער ווי טיילווייזע, איינפאכע און אויך מער רוטינערע. די קליינע אונטערנעמונג קען באַשעפטיקן איינעם אָדער עטלעכע אינזשעניערן און דאָרטן איז ניט שייך צו טראַכטן וועגן ערנסטער סיסטעמאַטישער אַרבעט־פאַרטיילונג אויפן שטח פון זייער טעטיקייט. אַנדערש איז ביי די מאָדערנע גיגאַנטישע אונטערנע־מונגען, ביי די טראַסטן, וואָס זיינען כולל צענדליקער און הונדערטער גרויסע פאבריקן אונטער איין אָנפירונג. דאָ זיינען באַשעפטיקט טויזנ־טער אינזשעניערן, כעמיקער, אַרבעט־פאַרוואַלטער. די אַלע אַרבעטן אונ־טער די אָנווייזונגען פון אַ צאָל גרויסע ספעציאַליסטן, וואָס נעמען אַרום דעם גאַנצן פראָדוקציע־פּראָצעס. זיי זיינען די פלאַנירער, איניציאַטאָרן און מאָדערנע דערפינדער. די מאַסע אינזשעניערן, כעמיקער און פאַר־וואַלטער דאַרפן זיך קאָנצענטרירן יעדער איינער אין זיין טיילווייזער באַגרענעצטער אויפגאַבע, וואָס איז אים אָנגעצייכנט געוואָרן און רעאַ־ליזירן דאָס אַלץ, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, נאָר אין די ראַמען פון די פּינקטלעכע אָנווייזונגען וואָס ווערן אים געגעבן פון אויבן. דער אונטערשייד פון דעם מאָדערנעם אַרבעטער ביז דעם פּראָפעסיאָנעלן אינטעליגענט ווערט אַלץ וויינִיקער אין אונדזערע צייטן, אין דעם רוב פון די אינדוסטריעלע לענדער. אין ראַטנפאַרבאַנד גייט אָן אַ כסדרדיקע סיסטעמאַטישע טעטיקייט צו פאַרקלענערן דעם דאָזיקן אונטערשייד ביז זיין פולשטענדיקער ליקווידאַציע. צענער טויזנטער אַרבעטער באַטייליקן זיך אין דער אָנפירונג פון די אונטערנעמונגען, אויף אַלע געביטן און

פלאַנקן, אין די קאָמיסיעס פון געמישטע גרופּעס. זיי אַרבעטן צוזאַמען מיט אינזשעניערן, כעמיקער, סטאַטיסטיקער, בוכהאַלטערס, אַרבעט־פאַר־וואַלטער, מיט ספּעציאַליסטן פאַר איינקויף־ענינים, קאַלקולאַציע פון פּרייזן אאַז״וו. זיי זוכן צוזאַמען וועגן צו לייזן פּראָבלעמען, וואָס קומען אויף מיטן פּראָצעס פון פּראָדוצירן; זיי זוכן צו מאָדערניזירן און פּער־פעקציאָנירן וכד׳. די פאַבריקן האַלטן אָן אַ פּערמאַנענטן לערן־סיסטעם — פּערפעקציאָניר־קורסן, פאַרש־גרופּעס אאַז״וו. מיט זייער הילף שטייגט אַרויף דער אַרבעטער צו מער פאַראַנטוואָרטלעכע און זעלבסט־שטענדיקע אויפגאַבן. אַרבעטער וואָס פאַרלאַנגען עס, ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט איבערצורייסן זייער אַרבעט, און לערנען אַ באַשטימטע צייט און ווערן ממש אינזשעניערן.

פון אָנפאַנג זיינען עס געווען הויפּטזעכלעך יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויפגעשטיגן צו העכערע אויפגאַבן און דאָס האָט אַרויס־גערופן קנאה. ווי אַ רעזולטאַט פון דער טעטיקייט פון דער מאַכט האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס אַרויפשטייגן פון מאַסן אַרבעטער אויך פון צווישן אַנדערע פעלקער. די דאָזיקע קוקן אָפּט זייער שלעכט וואָס די מער וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן געפינען זיך אין יידישע הענט, בשעת עס וואַקסט און ווערט גרעסער די צאָל רוסן, אוקראַי־נער, ביעלאָרוסן א״א, וואָס זיינען אויך פעאיק אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבן.

דער דראַנג צו איינגלידערן זיך אין דעם שיכט פון דער פּראָפעסיאָ־נעלער אינטעליגענץ האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט דער אַנטוויקלונג פון סאָוועטישן דערציאונג־וועזן און די רעפאָרמעס וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין אים.

אין די פריערדיקע צייטן זיינען אין מערסטן טייל לענדער געווען רעלאַטיוו ווייניק מענטשן, בעיקר פון צווישן דעם פאַרמעגלעכן קלאַס וואָס האָבן דערגרייכט צו די העכערע דערציאונג־אַנשטאַלטן, און די דערציער האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו געבן זיי נישט נאָר אַ פאַסיקע פּראָפעסיע אין האַנט, נאָר אויך העכערע אַלגעמיינע בילדונג, אַ געוויסע מאָס אוניווערסאַליזם דורכן דערווערבן פונדאַמענטאַלע ידיעות, אַ ברייטן געדאַנקלעכן אומפאַנג, פעאיקייט פון זעלבסט־אורטייל אאַז״וו. אין די איצטיקע צייטן שטייגט אין די אַנטוויקלטע און פאָרגעשריטענע לענדער די טענדענץ צו עפענען אַלע דערציאונג־אַנשטאַלטן פאַר די ברייטע מאַסן פון פאָלק, און באַגנוגענען זיך הויפּטזאַכלעך דערמיט, וואָס דערמעגלעכן דעם שילער אויסצולערנען זיך די פּראָפעסיע, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיך אין שול. די פּראָפעסיאָנעלע דערציאונג

פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער הויכשול, און פאסט זיך צו אויף וויפל עס איז מעגלעך צו די פּראָדוציר־פּראָצעסן, צו זייערע הצטרכותן און ענדערונגען. דער שטאַט, די דערציאונג צענטערן פון ארבעט־געבער און אַרבעטער — אַלע שטרעבן זיי דערצו, אַז די מער קאָמפּליצירטסטע פּראָפעסיעס זאָלן צעברעקלט ווערן אויך אין די גרענעצן פון לימוד. אַז אויך דאָס לערנען זאָל ווערן וואָס פשוטער, תכליתדיקער, באַגרענעצ־טער, געצילט איבערהויפּט צו דער טיילווייזער באַגרענעצטער אויפגאַבע, וואָס דעם תלמיד וועט אויסקומען צו דערפילן אין דער מאָדערנער פאַבריק־אונטערנעמונג.

דאָס לערנען איז געוואָרן לייכטער און פשוטער אויך צוליב די ענ־דערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די לערן־סיסטעמען. דער פּסי־כאָ־טעכנישער אינסטיטוט דערמעגלעכט בעיקר צו אַנטדעקן אין פאָר־אויס די באַזונדערע פעאיקייטן פון שילער. דער בחור און מיידל קאָנען שוין פון דעם ערשטן מאָמענט פון זייער לערנען זיך קאָנצענטרירן אין דעם איינציקן און באַזונדערן ענין — די פּראָפעסיע. זיי זיינען פריי פון צו לערנען אַ סך זאַכן און עקספּערימענטירן אויף פאַרשיידענע געביטן. מיטן קאָנצענטרירן זיין גאַנצע צייט און פעאיקייט אויף אויסצולערנען נאָר דעם פאַך־מאַטעריאַל אַליין, קען אַ מענטש דערגרייכן אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין די אויפגאַבן פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ אויך אָן אַ גרעסערער גייסטיקער זעלבסט־מעגלעכקייט, די מאָדערנסטע שיטות ענדערן שטופנווייז אויך דעם מהות פון די לימודים. אין דער פאַרגאַנ־גנהייט האָט זיך געפאָדערט פון תלמיד אַ באַשטימטע מאָס שאַרפזין און אויפנעם־פעאיקייט פון אבסטראַקטע ענינים. אָבער די נייע לערן־סיסטעמען פון דער היינטיקער שול פאָדערן בעיקר באָאָבאַכטונג־פעאי־קייט, וויסן און בקיאות, וואָס ווערן דערגרייכט דורך געוואוינהייט און געדולד.

אין ראַטנפאַרבאַנד שטרעבט דער שטאַט אויפריכטיק צו דעם, אַז אַלע פּראָפעסיעס, אויך די אזוי גערופענע הויכע, זאָלן זיין אָפן און צו־געגנגלעך פאַר אַלעמען. זי שטרעבט צו אַ שנעלער און וויטגייענדיקער אינדוסטריאַליזאַציע פאַר וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך, און זעט אין דער טעכנישער אנטוויקלונג און אין די מאָדערנע פּראָדוציר־סיסטעמען דעם וועג צום דאָזיקן ציל. נאַטירלעך, אַז די שטרעבונג צו פאַראיינפאַכן וואָס מערער דעם פּראָפעסיאָנעלן לימוד, צופּאַסן אים צו די מאָדערנע פּראָדוציר־פּראָצעסן און איינפּאַסן אים אין זיי — איז דאָ צום מערסטן שטאַרק. און ווייל אין ראַטנפאַרבאַנד איז קאָנצענטרירט דער גאַנצער חינוך־וועזן אין די הענט פון שטאַט, וואָס באַזיצט אומבאַגרענעצטע

מעגלעכקייטן צוצופאַסן דאָס לערנען, סיי צו דער מער רוטינערער פּשטות פון דער אַרבעט פון דער אינטעליגענץ אין אונדזערע צייטן, סיי צו דער באַשיידענער מעגלעכקייט פון דעם שוואַכסטן שילער — נוצט אויס דער שטאַט די דאָזיקע מעגלעכקייטן אין אַ וואָס גרעסערער מאָס.

יאָר־איין, יאָר־אויס גייען אַרויס אין ראַטנפאַרבאַנד פון הונדערטער הויכע פּראָפעסיאָנעלע שולן טויזנטער און טויזנטער פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ פון צווישן די פעלקער פון לאַנד. אין זייער אַרבעט שלאָגן זיי זיך אָן אָפּט אויף יידן, וואָס זיינען אַרויפגעשטיגן פון פריער און פילן אויס די אָנגעזעענסטע אויפגאַבן אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע, אין די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אין מעדיצינישן דינסט אאַז״וו. זיי אַליין אָבער מוזן זיך מיינסטנס צו־פרידנשטעלן מיט וויניקער וויכטיקער פּאָזיציעס. זיי זעען אין דעם יידן וואָס אַרבעט נעבן זיי, אָדער וואָס איז ממונה איבער זיי, איינעם וואָס האָט „פאַרכאַפּט" די בעסטע שטעלעס און פאַרשטעלט דעם וועג צו זיי פאַר דעם ניט־יידן. אין דעם דאָזיקן שיכט, וואָס איבט אויס אַ גרויסע השפּעה אין פאָלק, האָט זיך זייער פאַרשפּרייט און פאַרשטאַרקט די שנאה צו די יידן.

די האָפענונג, וואָס עס האָבן אויסגעשטעלט די סאָוועטישע רעגי־רער און די יידישע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטלעכקייט אויף דעם אי־בערגאַנג פון מאַסן יידן צו פיזישער אַרבעט אין דער אינדוסטריע — איז נישט דערפילט געוואָרן. דאַקעגן האָט דער אויפשטייג פון דער יידי־שער אינטעליגענץ אַרויסגערופן קנאה און שנאה ביי די ניט־יידישע אַר־בעטער, וואָס האָבן ניט געשטיגן, צווישן די יעניקע פון זיי, וואָס זיינען נישט געשטיגן און דערגרייכט קלענערע שטעלעס. און דעסגלייכן צווישן אַ סך פון דער באַפעלקערונג, וואָס לגבי זיי שטעלט מיט זיך פאָר דער יידישער אָנגעשטעלטער און יידישער דירעקטאָר די מאַכט מיט אַלע אירע חומרות. די יידן האָבן כמעט פאַרגעסן ריידן אויף זייער מוטער־שפּראַך, זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דער יידישער קולטור און איר טראַדיציע, און דאָך זיינען זיי געבליבן פאַרשיידן פון די אַנדערע. די סאָציאַלע סטרוקטור פון די יידן איז געבליבן פאַרשיידן און אַנדערש ווי ביי אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער, און די באַפעלקערונג רעאַגירט דערויף מיט שנאה, ווי זי איז געווען געוואוינט אין די פריערדיקע צייטן.

וואָס מער ס'איז קלאָר געוואָרן אַז דורך איבערפירן יידן אין דער אינדוסטריע איז נישט דערגרייכט געוואָרן דער געגאַרטער ציל, איז אָנ־געווענדט געוואָרן די אויפמערקזאַמקייט אויפן צווייטן עקספּערימענט

צו לייזן די יידן־פראגע אין די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד — פאַרן עקספּערימענט פון אריבערפירן זיי צו קאָלאָניזאַציע.

***

תחילת איז געווען אין דעם יידישן אריבערגאַנג צו קאָלאָניזאַציע אַ ספּאָנטאַנער אַקט פון יחידים, וואָס האָבן זיך אַזוי אַרום פּאַרטיידיקט קעגן הונגער. אַזוי איז עס געשען אין דער ערשטער צייט נאָך דער רע־וואָלוציע. די דחקות אין שטאָט איז געווען אומדערטרעגלעך, דאָס קליי־נע שטעטל איז לגמרי חרוב געוואָרן פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, דאַ־קעגן אין דאָרף האָבן די פּויערים זיך געקענט דערנערן פון זייער מי, באַ־זונדערס נאָך דעם ווי עס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן ערדן פון דער רעגירונג און פון די גוט־באַזיצערס. ענלעכס איז געשען אויך מיט די יידן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ערד־אַרבעט נאָך פון 19טן יאָרהונ־דערט. דאָס האָבן געזען די יידן פון קליינעם שטעטל, וואָס זייערע פּרנסות זיינען צעשטערט געוואָרן, און זיי האָבן געפאָדערט פון דער מאַכט, אַז ביים פאַרטיילן די ערד זאָל מען זיי אויך אין זינען האָבן. די מאַכט האָט זיך צוגעהערט צו זייערע פאָדערונגען און איינציקע צענדלי־קער טויזנט יידן זיינען אַריבערגעפאָרן פון שטעטל אין דאָרף אַריין און האָבן דאָרט געפונען זייער חיונה. דער דאָזיקער אַריבערפאָר האָט בכן נישט געהאַט קיין שום געזעלשאַפטלעך - אידעאישע טענדענץ. ווען עס איז אונטערגעקומען דער פעריאָד פון נעפּ, אין 1921, און דער פּריוואַט־האַנדל איז דערלויבט געוואָרן, האָבן כמעט אַלע נייע יידישע קאָלאָ־ניסטן איבערגעלאָזט די ערד, און האָבן זיך צוריקגעקערט צום האַנדל.

איינצווישן זיינען אויפגעקומען געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן אונטערגענומען אַן אָרגאַניזירטע און געפּלאַנטע אַקציע אריבערצופירן וואָס מעגלעך מער יידן צו ערד־אַרבעט, אין וועלכער זיי האָבן געזען דעם וועג צו לייזן די יידן־פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד. די דאָ־זיקע שטרעבונג האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין וויכטיקע רעגירונג־קרייזן, און די מאַכט האָט איר דערמוטיקט. עס זיינען געגעבן געוואָרן דירעקטיוון אויסצוטיילן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע פּאַסיקע ערד־שטחים. אין דער מאָס וואָס די אַלגעמיינע געזעצן האָבן געשטערט צו אַזאַ קאָלאָניזיר - אַקציע, זיינען זיי געענדערט געוואָרן בשייכות צו יידן לטובת זיי. דאָס געזעץ האָט מחייב געווען דער מאַכט צו פאַרטיילן די ערד צווישן די פּויערים, אויסער צו די יעניקע פון זיי, וואָס האָבן פריער נישט אָנגעהערט צום אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע באַגרענעצונג איז אָפּ־געשאַפט געוואָרן בנוגע צו יידן, און לויט באַזונדערע אָנווייזונגען איז

דערמעגלעכט געוואָרן די קאָלאָניזירונג פון יידן אויך פון נישט ־ פראָ־לעטאַרישן אָפּשטאַם. מיטן לויף פון דער צייט איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו קאָלאָניזירן מאַסן יידן אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן, כדי צו שאַפן אַן אויטאָנאָמען קרייז, אָדער אַ יידישע רעפּובליק אין די גרע־נעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. ווי עס שיינט איז אין די רעגירונג קרייזן אָפּ־געשוואַכט געוואָרן די זיכערקייט אין דער מעגלעכקייט צו לייזן די יידישע פראַגע אין גייסט פון דער טראַדיציאָנעלער באָלשעוויסטישער טעאָריע און זי איז צוגעשטאַנען אויך צו דעם דאָזיקן עקספּערימענט.

**
*

אין זייער פּראָפּאַגאַנדע אין די אָקופּאַציע־געביטן האָבן זיך די נאַ־צים באַנוצט מיט אַלע מיטלען און אַלע מעגלעכקייטן. אָבער קיין זאַך האָט נישט גערעדט אַזוי צום האַרצן פון דער באַפעלקערונג און אויפגע־נומען געוואָרן מיט אַזאַ שטויגענדיקער לייכטקייט ווי דער געדאַנק, אַז מען דאַרף פּטור ווערן פון די יידן. דער אַנטיסעמיטיזם וואָס איז אויפ־געקומען און געוואַקסן אין סססר אין די דרייסיקער יאָרן איז אויסגע־בראָכן מיט אַ שטאַרקער קראַפט מיטן אָנקומען פון די דייטשן. די באַ־פעלקערונג פון די אָקופּירטע געביטן האָבן אַרויסגעוויזן אָפט קעגנער־שאַפט צו די נאַציס אויף פאַרשיידענע שטחים. זיי האָבן מיט דער צייט אויך אָנגעהויבן דאָ און דאָרט אַ קאַמף קעגן זיי. אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן כמעט קיין שום קעגנערשאַפט צום אויסהרגענען די יידן וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן באַצייטנס און זיינען איבערגע־בליבן אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד אאז״וו. און אַ סך פון זיי האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין די הריגות, אַפילו צווישן די פּאַרטיזאַנער־טרופּן, וואָס זיינען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון סאָוועטישן מילי־טער, האָט זיך געפילט די שנאה צום יידן פונעם ערשטן טאָג אָן און זי איז אַלץ געוואַקסן און שטאַרקער געוואָרן.

די נאַציסטישע פּראָפּאַגאַנדע, דאָס פּערמאַנענטע דערנידעריקן די יידן און די פאַרניכטונגס ־ אַקציע קעגן זיי — האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויך פון דער צווייטער זייט פון די פראָנטן. דער אַנטיסעמי־טיזם האָט זיך געשטאַרקט אין זייער אַ שאַרפער פאָרם צווישן דעם סאָ־וועטישן מיליטער גופא. מיט די קלאַנגען וועגן דאָס דערנענטערן זיך פון די דייטשן האָבן זיך געמערט און האַרבער געוואָרן די שנאה־אויסברוכן אויך אין פאַרשיידענע ערטער פון רעטאַגאַרד. דער קאַמף פון דער מאַכט קעגן די דערשיינונגען איז פון חודש צו חודש געוואָרן שווערער. אין די באַדינגונגען פון מלחמה, און הויפּטזעכלעך נאָך די גרויסע נצחונות פון

די נאַציס אין אָנהויב פון דער מלחמה — איז זיכער נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט אַרויסצורייסן דעם אַנטיסעמיטיזם און צו דערגרייכן דאָס, וואָס איז ניט דערגרייכט געוואָרן דורך פּערמאַנענטע אָנשטרענגונגען אין משך פון דרייסיק יאָר און מער. דאקעגן האָט דער קאַמף פון דער מאַכט מיטן אַנטיסעמיטיזם געדינט פאַר נאָך אַ שפּאָגל־נייע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל פאַר די נאַציס און זייערע אַגענטן קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים און די יידן. די שנאה צום באָלשעוויזם איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו שטאַרקן די שנאה קעגן די יידן און די שנאה צו יידן — כדי צו פאַרגרעסערן די פיינטשאַפט צו באָלשעוויזם. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַציס אין די אָקופּירטע געביטן איז אויך אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון דעם יונגן קאָמוניסטישן דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין סאָוועטישן רעזשים און האָט פון קיין אַנדערן קיינמאָל נישט געוואוסט. אַ שטאַרקע שנאה צו יידן האָט פאַרפּלייצט אַלע שיכטן, און עס איז ניט געווען כמעט קיינער, וואָס זאָל זיך איר קעגנשטעלן. זי איז אַריינגעדרונגען אין יעדן אָרט און אין יעדן ווינקעלע, און זי איז שוין נישט פאַרשוואונדן אויך נאָך דעם ווי די נאַציס זיינען פאַרטריבן געוואָרן. די סאָוועטישע מאַכטהאָבער אַליין זיינען מערסטנס געווען אוממעכטיק קעגן איר.

***

נאָך דעם ווי דער ראַטנפאַרבאַנד איז צוגעשטאַנען צו דער מלחמה מיט דייטשלאַנד, האָט ער זיך באַמיט אָוועקצורוימען יעדע שטרויכלונג, וואָס האָט געקענט שטערן צו דער בשותפותדיקער צוזאַמענאַרבעט מיט די מערב־לענדער. מיטן פאַרענדיקן די מלחמה זיינען די באַציאונגען ווידעראַמאָל פאַרערגערט געוואָרן און מער פאַרשאַרפט געוואָרן. אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט די מיינונג, אַז נאָך דעם ווי דער נאַציזם איז צעשטערט געוואָרן גרייט זיך דער מערב צו אונטערטעניקן אויך דעם ראַטנפאַרבאַנד און ליקווידירן דעם סאָוועטישן רעזשים. די מלחמה מצד די מערב־פּאָטענצן האָט אויסגעזען ביי פיל צו זיין נאָך שווערער פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, פון באַשטימטע שטאַנדפּונקטן, אפילו פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד. די עקאָנאָמישע רייכטימער פון די פאַראייניקטע שטאַטן שטייגן אַ סך אַריבער דייטשלאַנד, די טעכניק און די ווויסנשאַפט אין אַמעריקע האָבן דערגרייכט צו אַ סך אַ גרעסערע הויך, און די דעמאָקראַטישע אָרדענונג פון די מערב־לענדער קענען זיכער געווינען דאָס האַרץ פון די סאָוועטישע בירגער אַ סך מער ווי דער היטלעריסטישער רעזשים. נאָך דעם ווי די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז אַפילו

די נאַציס איז געלונגען צו געווינען אַ סך אָנהענגער צווישן די סאָוועטישע גרענעץ־לענדער — איז נאָך גרעסער געוואָרן דער פאַרדאַכט פאַר דער געפאַר פון אַ דריטער וועלט־מלחמה.

מיט דער פאַרשאַרפונג פון די באַציאונגען צווישן ססס״ר און די מערב־לענדער, וואַקסט די סאָוועטישע אָפּגעשלאָסנקייט און די שטרעבונג אויסצורייסן פון די הערצער פון די סאָוועטישע פעלקער, און באַזונדערס פון דעם רוסישן פאָלק, דעם אינפעריאָריטעט־געפיל כלפּי דעם מערב. די סאָוועטישע רעגירונג האָט מיט אַ סך אויסגעהאַלטנקייט און מיט אַלע מיטלען וואָס זי פאַרמאָגט געהויבן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון אירע בירגער, דעם קולט פון סאָוועטישער העכערקייט. פאַרן רוסישן פאָלק איז באַשטימט דער ערשטער פּלאַץ, אָבער אויך פאַר יעדן פון די סאָוועטישע פעלקער איז רעזערווירט זיין פּלאַץ. די וויסנשאַפטלער אויף פאַרשידענע געביטן, באַזונדערס אַרכעאָלאָגן, היסטאָריקער, פילאָלאָגן, ליטעראַטור־ און קונסט־פאָרשער וכד׳, באַמיען זיך זייער אַ סך אַרויסצוברענגען און בולט מאַכן זייער דערהויבנקייט אויף פאַרשיידענע קולטור־געביטן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט פון יעדן בירגער, כדי צו באַווייזן די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט פון יעדן פאָלק.

אין אַזאַ אַטמאָספער קומט אַרויס דער אָנזען פונעם יידן מאָדנע און זייער משוּונהדיק.

נאָך דער מלחמה זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך ענערגישערע שריט, כדי צו דערפירן צו אַ פולשטענדיקער טעריטאָריעלער אָפּגעזונדערטקייט פון פאָלק צו פאָלק. אויך די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער וואָס זיינען אונטערגעפאַלן דעם סאָוועטישן ווירקונג־קרייז האָבן זיך אַזוי נוהג געווען. די פעלקער פון דעם גאַנצן מזרח־בלאָק האָבן זיך קאָנצענטרירט און וואָס ווייטער אַלץ ענגער געשלאָסן, יעדער איינער אויף זיין ערד און אין זיין פאָטערלאַנד. נאָר דער ייד לעבט נישט אויף זיין לאַנד און אין זיין פאָטערלאַנד. ער וואוינט אויף דער ערד פון אַנדערע פעלקער און געפינט זיך צווישן זיי, אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער עבר און די פאַרבינדונג מיטן פאָטערלאַנד פאַרנעמען נישט קיין שום פּלאַץ אין זיין נשמה. אָט באַטראַכט זיך אַ ייד פאַר אַ ווייסרוס, אין דער זעלבער צייט קען זיין ברודער אָדער זון וואָס וואוינט צופעליק אין מאָסקווע אָדער טאַשקענט זיך באַטראַכטן פאַר אַ רוס, אָדער אוזבעק.

אָט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַריבערצופירן יידן קיין בירא־בידזשאַן, און זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן און טרומייטערן וועגן אַ לאַנד, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט פון דעם פריער, און פראָקלאַמירן עס פאַר זייער פאָטערלאַנד. נאָך אַ גע־

וויסע צאָל יאָרן האָבן זיי אין גאַנצן פאַרגעסן פון דעם ענין — בירא־ בידזשאַן האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר זיי אַ פאָטערלאַנד. ווידער־ אַמאָל זיינען זיי גרייט געווען צו ווערן רוסן, אוקראַינער, פאָליאַקן, אוז־ בעקן און נאָך, כאָטש זיי האָבן נישט קיין שום בשותפותדיקע פאַרגאַנגענהייט מיט די דאָזיקע פעלקער, און וואַנדערן שטענדיק פון לאַנד צו לאַנד. יידן וואָס מיט יאָרן צוריק האָבן זיי און זייערע על־ טערן גערעדט רוסיש און זיינען אין אַלץ געווען רוסן, ריידן איצט אוקראַיניש און זאָגן אַז זיי זיינען אוקראַינער אַזוי ווי דער אוקראַי־ נער. און אָט זיינען יידן וואָס פאַר דער מלחמה נאָך האָבן אַלע געמיינט, אַז זיי זיינען גאָר ווייסרוסן אָדער ליטווינער. אַלע נאַציאָנאַלע מינדער־ הייטן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון די געמישטע לענדער און אַוועק־ געשיקט יעדער אין זיין לאַנד און פאָטערלאַנד. נאָר די יידן זיינען גע־ בליבן, ווייל עס איז נישט געווען וואוהין זיי צו שיקן. עס קימערט זיי נישט צו פארלייקענען זייער אָפּשטאַם, אָדער ווען זיי בייטן יעדן מאָל איבער זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט, נאָר כדי זיי זאָלן קענען לעבן אַ באַקוועם לעבן...

דער משונהדיקער מעמד פון די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד האָט גע־ שאַפן פאַר זיי אַ שטיקנדיקע אַטמאָספער און אַ שווערע אינערלעכע דערדריקטקייט אין האַרצן ביי אַ סך פון יענע, וואָס זיינען פולשטענדיק זיכער געווען, אַז די יידישע פראַגע האָט מיט זיי גאָר קיין שייכות ניט.

***

מיטן פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן סססר און די אנגלאָזאַק־ סישע לענדער, איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דאָס אָפּגעשלאָסנקייט פון ראַטנפאַרבאַנד אויך אויפן קולטור־שטח, און עס איז שטרענגער געוואָרן די קעגנערשאַפט צו יעדער גייסטיקער השפעה פון מערב און באַזונדערס די אַמעריקאַנישע. אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט, ווי אין דער ליטע־ ראַטור ווערט געשילדערט די אַמעריקאַנער קולטור ווי אַ קאָסמאָפּאָ־ ליטישע, — וואָס צעשטערט די נאַציאָנאַלע קולטורן פון די פעלקער און שטויסט זיי צו אונטערטעניקייט און פאַרשקלאַפונג פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. אַ סך און שטרענגע „רייניקונגען״ זיינען געמאַכט גע־ וואָרן אין סס״ר אין דעם גאַנצן אָפּשניט פון גייסטיקער טעטיקייט, וואָס איז משפיע אויף דער אויספורעמונג און געשטאַלטונג פון דעם בירגער און זיין כאַראַקטער. די „אָפּנייגלער״ זיינען באַשולדיקט געוואָרן מערס־ טנטייל אין פעלן פון באַציאונג צו די נאַציאָנאַלע ווערטן פון די פעל־ קער פון סס״ר. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן, ווי „אַ קאַמפּאַניע קעגן

די אָפּשטאַמלאָזע און פאָטעניק־לאַנדלאָזע". און די בליקן זיינען ממילא געווענדט געווען צו די יידן, איבערהויפּט צו די יידישע אינטעלעקטואַלן — שרייבער, ליטעראַטור־קריטיקער א"א.

אין אַזאַ אַטמאָספערע, דורכגעזאַפּט מיט היסטאָרישע זכרונות און נאַציאָנאַלער גאווה אויף זייער פאַרגאַנגענהייט און די באַזונדערקייט פון די פאַרשיידענע פעלקער — האָט געמאַכט עפּעס אַ מאָדנעם איינדרוק. די ליבע פון די יידן צום אוקראַינישן פאָלק און זיין פאָטערלאַנד, צום אוזבעקישן פאָלק און זיין פאָטערלאַנד אאז"וו; די ליבע און די התפּעלות אין די שאַפונגען פון יידן, וואָס זיינען געווידמעט צו באַווייזן די העכערקייט פון די פאַרשיידענע סאָוועטישע פעלקער. די דערהויבענע אייגנשאַפטן פון זייערע פּויערים, זייערע אַרבעטער און באאמטע, פון זייערע היסטאָרישע העלדן וכד׳ האָט גענומען אויסזען פאַרדעכטיקט אין די אויגן פון אַ סך.

פון דער צווייטער זייט האָט אַרויסגערופן גרויס צאָרן די קריטישע באַציאונג פון יידן, סיי בנוגע צו נעגאַטיווע דערשיינונגען אין לעבן פון פאַרשיידענע סאָוועטישע פעלקער, סיי אין שייכות צו זייערע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע שאַפונגען. אין די פריערדיקע צייטן ווען פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַליסטישע טענדענצן האָבן געהערשט אין ראַטנפאַרבאַנד איז דער יידישער שרייבער און דענקער געגאַנגען בראש. אים איז אַ סך לייכטער געווען ווי אנדערע „צו אויפהויבן זיך איבער דעם שמאָלן נאַציאָנאַלן האָריזאָנט" און אַרומנעמען „די גאַנצע וועלט". איצט זיינען אַזעלכע שטימונגען באַטראַכט געוואָרן ווי אויס־געוואָרצלטקייט, ווי מזלזל זיין אין די נאַציאָנאַלע פאַרהייליקטע ווערטן, ווי אונטערטעניקייט פאַר פרעמדע, קאָסמאָפּאָליטיזם וואָס שטייט צו דינסט דעם אימפּעריאַליזם; און דער ייד איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם נאַטירלעכן טרעגער פון די דאָזיקע פלעקן און חטאים. עס איז נישט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט ביי די באַאָבאַכטער, מיט וואָס פאַר אַ התלהבות די יידן פון ססס"ר האָבן באַגריסט ביי דער ערשטער געלעגנהייט וואָס זיי איז געגעבן געוואָרן, זייערע פאַרבינדונגען מיט די יידן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע, ווי פיבערהאַפט זיי זיינען צו די ידיעות וואָס באַקומען זיך פון ארץ ישראל, זייער היסטאָריש פאָטערלאַנד, וואָס געפינט זיך אין דער ענגליש־אַמעריקאַנישער ווירקונגס־ספערע.

בעת די אַטאַקעס אויף די שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין קאָסמאָפּאָליטיזם, אין פעלן פון פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַלע געטריישאַפט — האָט זיך אויסגעטיילט די גרויסע צאָל יידן פון צווישן די אָנגעגריפענע. אויך די קריטיק וואָס

איז קעגן זיי געמאַכט געוואָרן איז געווען אַ שאַרפערע. צווישן די באַשול־דיקטע זיינען געווען שרייבער, ליטעראַטור־קריטיקער, טעאַטער־מענטשן אאז״וו, וואָס זייער יידישער אָפּשטאַם איז פריער געווען אומבאַקאַנט דער געזעלשאַפט. אין די באַשולדיקונגס־אַרטיקלען קעגן זיי זיינען דערשינען זייט ביי זייט די אַדאָפּטירטע רוסישע און אוקראַינישע נעמען און די אמתע יידישע נעמען פון די באַשולדיקטע פון איין זייט, און די אויסגעשפּראָכענע סלאווישע נעמען (די ניט קיין אדאָפּטירטע) פון די פאַרפאָלגטע דורך די דאָזיקע באַשולדיקטע פון דער צווייטער זייט. די מסקנה איז געווען פאַרשטענדלעך פון זיך זעלבסט.

די אנטי־יידישע געפילן וואָס זיינען געוואַקסן צווישן דער געזעלשאַפט און דער ווילן פּטור צו ווערן פון דער השפעה און אַריינמישונג פון די יידן אין גייסטיקן לעבן פון די סאָוועטישע פעלקער, האָבן געפונען אויך זייער ליטעראַרישן אויסדרוק דורך די פּאַרטיידיקער פון דער אָפיציעלער ליניע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

**
*

ווען די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה צוריקגעקערט צו זייערע פריערדיקע וואוין־ערטער, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן וואָס זיי האָבן פאַר דער מלחמה פון זיי נישט געוואוסט. זייער אַ ס ך האָבן זיך אומגעקערט פון די פראָנטן, אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט פון די אַזיאַטישע טיילן, וואוהין זיי זיינען עוואַקואירט געוואָרן ווען די נאַציס זיינען געגאַנגען פאָראויס אין דעם אייראָפּעאישן טייל פון סאָוועט־רוסלאַנד. זיי האָט געצויגן קודם־כל צו זייערס אַן אייגן ווינקעלע, צו אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער זייערע דירות זיינען געווען פאַרנומען דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג וואָס איז נישט אַנטלאָפן פאַר די דייטשן, און זיינען געבליבן די גאַנצע צייט אין די אָקופּירטע געביטן, און האָבן אין גרעסטן טייל אויך קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס. דאָס געזעץ און גערעכטיקייט איז געווען אויף דער זייט פון די יידן וואָס האָבן געמאָנט זייערע דירות, אָבער דער דעת־הקהל איז געווען קעגן זיי. די נייע שכנים האָבן פאַרגעזעצט צו באַנוצן זיך מיט די דירות און דעם מעבל, די יידן האָבן זיך געוואַלגערט פון איין אָרט צו אַ צווייטן. אויך דאַסמאָל האָבן די מאַכטהאָבער אויסגעמיטן אָנצונעמען שאַרפע מיטלען. ווען זיי האָבן געפּרואווט פאַרטיידיקן די יידן און זייערע רעכטן האָבן זיי נישט געפונען ביי קיינעם קיין שטיצע. אַפילו ווען אַ סך זיינען געווען געוועזענע קאָלאַבאָראַציאָניסטן. וואָסער נישט איז טעטיקייט אויף דעם דאָזיקן געביט וואָלט דערוועקט סימ־

פּאַטיע צו די „יידישע קרבנות״ אויפן אָרט פון איזאָלירן זיי פון דער גע־זעלשאַפט.

צווישן די אָפּגעזונדערטע זיינען אויך געווען יידישע פּויערים, פון די באַזונדערע יידישער דערפער אין דרום־רוסלאַנד. זייער צאָל איז איצט נישט לערך קלענער געווען פון דעם וואָס פאַר דער מלחמה. אַ סך זיינען געהרגעט געוואָרן אויף די פראָנטן, אַ סך זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס, ווייל זיי זיינען נישט אַנטלאָפן באַצייטנס, אָדער זיינען אויסגעשטאָרבן בעת די וואַנדערונגען. עס האָבן געפעלט מענטשן צו אויפבויען די צעשטערטע יידישע דערפער, צו באַארבעטן זייער ערד, אַרומצוגיין אַרום די בעלי־חיים אאז״וו, די מאַכט און אויך די יידן אליין האָבן נישט געזען קיין מעגלעכקייט צו פארפולן דעם בלויז, נאָר דורך פּויערים ניט־יידן און אויפשטעלן געמישטע דערפער. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַך קען נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט. די שנאה פון די שכנים צו די צוריקגעקערטע יידן איז אַזוי גרויס, אז דאָס וואוינען צוזאמען איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאר פאַר די יידישע פּויערים. אויך דער פּלאַן צו קאָנצענטרירן יידן פון עטלעכע דערפער אין איין דאָרף — איז שווער געווען צו רעאַליזירן. אין אָנזיכט פון דער שנאה פון דער באַפעלקערונג האָט זיך געשטארקט די מיינונג, אַז אויך יידישע דערפער זיינען אין אַ ערנסטער געפאר אין אַ סביבה פון טויזנטער פּויערים פון איינגעבוירענע. צוליב די אַלע סיבות איז צוריק אַרויפגעשווומען דער געדאנק פון ביראָבידזשאַן און עס איז אַפילו באַנייט געוואָרן די עמיגראַציע אין דעם ווייטן ראַיאָן. אָבער דאָס איז שוין געווען גאַנץ אַנדערש פון דער עמיגראַציע צו וועל־כער עס האָבן געצילט בשעתם די וואָס האָבן געחלומט וועגן יידישער זעלבסטשטענדיקייט אין די ראמען פון ססס״ר.

נאָך דער מלחמה איז ליקווידירט געוואָרן דער יידישער אַנטיפאַ־שיסטישער קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט אין די מלחמה יאָרן געהאט פאַר אַ ציל צווישן אנדערן אָנצוהאלטן דעם קאָנטאַקט מיט די יידישע קבוצים אויסער ססס״ר, און אַ סך האָבן געזען אין דער ליק־ווידאַציע אויך אַ רעזולטאט פון דער פאַרשאַרפונג פון די באציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פון דער פאַרשטאַרקטער נויגונג איבערצורייסן אויך די קולטורעלע באַציאונגען מיט זיי. אָבער נאָך דעם ווי עס זיינען בטל געוואָרן די פאַרבינדונגען צווישן די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד מיטן וועלט־יידנטום, איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן צו דערמוטיקן און צו פלעגן אַ נאַציאָנאַלן יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד גופא. אין קעגנטייל, אין דער צייט וואָס ס׳איז אָנגע־

פירט געוואָרן אַ טעטיקייט פון גרויסן פאַרנעם צו אנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטורן פון די סאָוועטישע פעלקער — איז פאַקטיש ליקווידירט געוואָרן אויך דאָס ביסעלע פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. אויך דער יידישער טעאַטער אין מאָסקווע, כמעט דער לעצטער יידישער קולטור אַנשטאַלט, איז געוואָרן אַלץ מער נעבעכדיקער. דער גרויסער אונטערשייד צווישן זיין קינסטלערישן ניווא פון דער אַלגעמיינער טעאַטראַלער קולטור אין סססר, האָט יעדן אָוונט בולט געמאַכט דאָס נידערשלאָגנקייט פון דעם איבערבלייב פון דער אייגענער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. צום סוף פון די פערציקער יאָרן זיינען אַוועק אין גלות די יידישע שרייבער, און אויך זייער טעטיקייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די וואַנדערונג פון די צענדליקער טויזנטער סאָוועטישע יידן, וואָס זיי מאַכן איצט פון זייערע וואוין־ערטער קיין ביראָבידזשאַן אין ווייטן מזרח, ווערט נישט פון זיי אַליין און אויך נישט פון עמיצן אַנדערש באַטראַכט ווי אַן אויסדרוק פון וועלכער ניט איז יידישער באַנייאונג. קיינער פאַרבינדט נישט מיט זייער אויסוואַנדערונג קיין שום האָפענונגען און אויסזיכטן צו אַ וועלכן נישט איז נאַציאָנאַלן יידישן לעבן. ביראָבידזשאַן זעלבסט האָט שוין מיט יאָרן צוריק פאַרלוירן אַפילו יענץ ביסל כאַראַקטעריסטיש יידישע, וואָס זי האָט געהאַט מיט אַ געוויסער צייט צוריק. ס׳איז ניטאָ קיין שום יסוד צו האָפן, אַז עס וועט געשען עפּעס אַ שנוי אין דער הינזיכט. דער פּראָצענט יידן צווישן די איינוואוינער וואָס האָבן זיך באַזעצט און באַזעצן זיך כסדר אין ביראָבידזשאַן — ווערט וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער. אין יאָר 1950 זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פון ביראָבידזשאַן צום העכסטן ראַט פון ראַטנפאַרבאַנד — פיר נישט־יידן און איין ייד. די יידן ווערן בטל בששים און זיי באַמיען זיך אויך דאָ צו ווערן ענלעך, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך, צו די גויים.

סאָוועטישע יידן פּרוּוון אנטלויפן פון די סאָוועטישע לענדער, וואו די שנאה צו זיי איז שטאַרק געוואַקסן און עס דערוואַרט זיי אַ גרויס געפאַר. זיי זוכן ערטער וואו עס דוכט זיך זיי, אַז דאָרטן איז זייער עקזיסטענץ מער געזיכערט פאַרלויפיק. די טויערן פון אויסוואַנדערונג פון ראַטנפאַרבאַנד זיינען אָבער הערמעטיש געשלאָסן. און סאָוועטישע יידן נישט האָבנדיק קיין אנדער ברירה פּרוּוון אויסוואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן.

**
*

דאָס רוסישע יידנטום איז בשעתה געווען די ערשטע וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פון בנין ארץ ישראל, און כל־זמן עס איז געווען מעגלעך איז ער געווען דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. פון דאָרטן איז געקומען דער ביל״ו, די עליה צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט, די צווייטע עליה און אויך דער גרעסטער טייל פון דער דריטער עליה. די סאָוועטישע רעגירונג האָט איבערגעריסן דעם דאָזיקן פּראָצעס. אין דעם פּעריאָד וואָס דאָס פאָלק און לאַנד האָבן נויטיק געהאַט אַ וואָס מער שנעלערע פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם איז אָפּגעריסן געוואָרן דער הויפּט פאַרווירקלעכער, און די דאָזיקע געשאַפענע לאַגע האָט געלייגט איר שטעמפּל אויפן ריטם פון אונדזערע ציוניסטישע אַרבעטן און זייער פאַרנעם. דאָס אַרויפשטייגן פון היטלערן צו דער מאַכט און די צווייטע וועלט - מלחמה האָט אונדז געטראָפן אָן אַ יידישער מדינה, וואָס וואָלט געקענט זאָרגן פאַר די אייראָפּעאישע יידן און זיי אויפנעמען. אַנדערע האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט דאָס טאָן אַנשטאָט אונדז, אַפילו נישט דער ראַטנפאַרבאַנד. די אייראָפּעאישע יידן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין זייער גרעסטער מערהייט.

אין רוסישן יידנטום האָט פון אָנהויב אויפגעבליט אַ מאָדערנער יידיש - נאַציאָנאַלער לעבן, אַ ליטעראַטור און צייטונגס־וועזן אין העברעאיש און יידיש, יידישע קונסט און וויסנשאַפט, יידישע שולן, יידישע יוגנט־באַוועגונגען, יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען אאז״וו. די רוסישע יידן האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו קאָנסערווירן זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אויך נאָך דעם ווי עס איז אויפגעשטיגן צו דער מאַכט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט שטענדיק פּראָפּאַגאַנדירט און גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון יידישער אַסימילאַציע. אָפטמאָל האָט זיך זיי איינגעגעבן צו ווירקן אויף דער רעגירונג צו שטיצן זייער שטרעבונג צו אַ נאַציאָנאַלן יידישן לעבן. אָבער אַלע פּרוואוון האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט — אָנהויבנדיק מיטן פלעגן אַ יידיש לעבן אין דער צעשפּרייטקייט און ענדיקנדיק מיט קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און מיט דער שאַפונג פון אַ יידישן אויטאָנאָמען ראַיאָן אין ביראָבידזשאַן. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אַ פאַרבאָט אויף דער עליה קיין ארץ־ישראל, אויפן ציוניזם און דער העברעאישער שפּראַך. דורך דעם האָט זי אונטערגעגראָבן די וואָרצלען פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן לעבן אין ססס״ר, זי האָט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט זייערע כוחות און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ פולשטענדיק קראַפטלאָזער געזעלשאַפט. אין דער לעצטער צייט האָט די מאַכט ליקווידירט די לעצטע יידישע אַנשטאַלטן, און ביי די יידישע

שרייבער איז אָפּגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט פאַרצוזעצן זייער אַזוי איינגעשרומפּענע און באַגרעניצטע טעטיקייט.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט קאָנצענטרירט אירע הויפּט ־ אָנ־שטרענגונגען לטובת די יידן, אין דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. אויף דעם געביט האָט זי געווירקט סיי דורך אויפקלערונג, און סיי דורך אָנ־שרעקונגס־מיטלען און אַרויפגעלייגט שטראָפן. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, די סאָוועטישע רעגירונג האָט נישט ליקווידירט און אויך נישט געקענט ליקווידירן די שנאה פון די גויים צו די יידן וואָס זיינען צעשפּרייט צווישן זיי. זי האָט געקאָנט אַרויסראַטעווען די גרעס־טע טייל סאָוועטישע יידן פון פאַרניכטונג און אויסמאָרדונג פון די נאַ־ציסטישע הענט; אָפּטמאָל מיט דער הילף פון די סאָוועטישע מאסן. די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַלץ שטיי־גנדיקע כוואַליעס פון שנאה. זיי אַנטלויפן פון זייערע פיינט און וואַנ־דערן אַזוי ווי עס האָבן געוואַנדערט זייערע טאַטעס און זיידעס אין אַלע תקופות פון זייער פאַרשאָלטענעם גלות, און אַזוי ווי עס וואַנדערן יידן אין אַלע וועלט־טיילן און ביי אַלע רעזשימען.

דער קאָמאינטערן

שוין אויף דער באַראַטונג פון צימערוואַלד און קינטאל איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג, ווי די איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. לענין און זיינע חברים האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף אויסנוצן די מלחמה, כדי אויפצוהייבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ „הויפּט־קאָמאַנדע פאַר דער סאָציאַלער וועלט־רעוואָלוציע". זי וועט אויפהייבן די מאַסן קעגן קאַפּיטאַליזם און וועט זיי פירן אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

אין 1919 האָט זיך אין מאָסקווע פאַרזאַמלט אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס, אויף וועלכן עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער קאָמוניסטישער דריטער אינטערנאַציאָנאַל. די באַטייליקטע אין דעם קאָנגרעס האָבן אייגנטלעך רעפּרעזענטירט גאַנץ קליינע גרופּעס אַרבעטער פון זייערע לענדער, און צווישן זיי זיינען געווען אַ סך קעגן דעם שאַפן פון אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ חשד, אַז אין דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל וועט די עיקר־השפעה האָבן נאָר איין־איינציקע מאַסן פּאַרטיי — די באָלשעוויסטישע פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן זיך שטאַרק געאײַלט. זיי האָבן געמיינט, אַז עס וועט מעגלעך זיין אויסצונוצן די גרויסע אויפברויזן אין צענטראַל און דרום־אייראָפּע, דאַרף, קודם־כל, גלייך געשאַפן ווערן די הויפּט־קאָמאַנדע, וואָס זאָל לענקען דעם אויפברויז אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. דער העכסטער ציל זייערער איז דעמאָלט געווען די באַלדיקע סאָציאַלע וועלט־רעוואָלוציע.

אין דער ערשטער העלפט פון 1919 זיינען אויפגעקומען די צוויי סאָוועטישע רעפּובליקן אין אונגאַרן און באַוואַריע, וואָס זייערע רעגירונגען זיינען געווען פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דער אויטאָריטעט און דירעקטיוון פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ביי גרויסע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער וועלט האָט זיך דעמאָלט געשאַפן דער איינדרוק, אַז די באָלשעוויקעס דערנענטערן זיך צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע פּלענער און דער פּרעסטיזש פון קאָמינטערן איז געוואַקסן.

אָבער דער אויפשטייג פון די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די צוויי קאָמוניסטישע רעפּובליקן זיינען גאָר גיך געפאַלן. די קאַפּיטאַליסטישע כוחות האָבן דערוואַכט און די אומאייניקייט צווישן די אַרבעטער האָט זיי אויך אַ סך צו דעם צוגעהאָלפן. די

אַלע פּרואוון פון די קאָמוניסטן צו קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און איטאַליע זיינען דורכגעפאַלן און דער אויפברויז צווישן די אַרבעטער אין די זיגערישע לענדער איז קלענער געוואָרן און צו ביסלעך זיך איינגעשטעלט.

אויפן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן אין 1920, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער מפּלה פון דער רויטער אַרמיי ביי וואַרשע, איז די שטימונג געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע. דער גלויבן אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע, וועלן אינגיכן ברענגען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, איז לחלוטין צעשטערט געוואָרן, און עס איז אויפגעקומען די פראַגע צי פאַרשפּעטיקט זיך נישט דער קאַפּיטאַליזם אויף זייער א דויערנדיקן פעריאָד. דעמאָלט איז געשטעלט געוואָרן צו דיסקוסיע דאָס פּראָבלעם וועגן „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" און וועגן דער נייטיקייט צוצופּאַסן צו דעם צושטאַנד די אינטערנאַציאָנאַלע באָלשעוויסטישע פּאָליטיק.

וואָס קלענער עס זיינען געוואָרן די האָפענונגען צו ליקווידירן דעם קאַפּיטאַליזם אַלץ שאַרפער איז געוואָרן די פראַגע וועגן אַרויסגיין פון דער איזאָלאַציע, אין וועלכער ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך געפונען. דער בעסטער וועג איז געווען צו שאַפן סכסוכים אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט גופא, וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה געווען צעטיילט אויף זיגער און באַזיגטע, „זאטע" אימפעריאַליזמען און „הונגעריקע". די לעצטע זיינען געווען ווינציקער געפערלעך פאַרן ראַטנפאַרבאַנד ווי די ערשטע, און דערפאַר האָבן די סאָוועטישע שטאַטסלייט באַשלאָסן צו דערנענטערן זיך צו די „הונגעריקע" און זיי העלפן אַרויסגיין פון זייער איזאָלאַציע, דער ערשטער אַקט אויף דעם וועג איז געווען דאָס שליסן דעם ראַפּאַלא־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד אין 1922, און שטאַרקן די פריינדשאַפט מיט טערקיי, די ערשטע באַזיגטע מדינה, וואָס האָט אָנגעהויבן אַן אָפענעם קאַמף קעגן די שלום־באַדינגונגען, וואָס זיינען אויף איר אַרויפגעצוואונגען געוואָרן.

**
*

מיטן איינשטעלן זיך פון די סאָציאַלע אומרוען האָבן אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַרויסטרעטן די שאָוויניסטישע כוחות, וואָס זיינען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרן. זיי האָבן געפאָדערט צו פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט די זיגער ביזן עקסטרעם און אינגאַנצן אַראָפּוואַרפן זייער יאָך. זיי האָבן זיך געגרייט צו רעוואַנש און אין דעם גייסט האָבן זיי דערצויגן די יוגנט. די אַרבעטער האָבן געזען אין די רעאַקציאָנערע כוחות אַ געפאַר פאַר זיך, נישט אַזוי צוליב זייער שאָ־

ווינגיזם, ווי צוליב זייערע סאָציאַלע טענדענצן. די סאָוועטן־רעגירונג האָט אָבער צוליב איר נייער פּאָליטיק דווקא געשטיצט אָט־די כוחות וואָס האָבן געפּאָדערט רעוואַנש.

אין 1923, ווען די ארמייען פון די זיגערישע מדינות האָבן פאַר־כאַפּט דעם רור־געביט, און דייטשלאַנד האָט פּראָקלאַמירט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס האָט אין גאַנצן צעבראָכן די דייטשן עקאָנאָמיש; די פּרייזן זיינען אַרויפגעשטיגן צו אַ פאַנטאַסטישער הייך; די אַרבעטער־לוי־נען האָבן פּאַקטיש קיין ווערט נישט געהאַט און אַלע סאָציאַלע דערגריי־כונגען זיינען בעצם בטול געוואָרן. מיליאָנען האָבן געליטן נויט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג. איז אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געשטאַנען די פראַגע וועגן אויפשטאַנד און סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער פון קאָמינטערן זיינען געקומען נישט קיין קלאָרע און אַפילו סתירותדיקע אָנווייזן. די אַלע פּרואוון, וואָס זיי־נען געמאַכט געוואָרן נאָך דעם זיינען דורכגעפאַלן. דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן אַרויפגיין אויף זיין נייעם וועג און די לאָזונגען פון די קאָמוניסטן זיינען אויפגענומען געוואָרן פון דער אַרבעטערשאַפט מיט גלייכגילט. די אויפשטאַנדן אין 1923 זיינען פול־שטענדיק דורכגעפאַלן. דאָס אַלץ האָט נאָך מער איבערצייגט די אָנהענ־גערס פון דער נייער פּאָליטיק אין איר ריכטיקייט.

אויף דעם באָלשעוויסטישן קאָנגרעס פון 1925 האָט די מערהייט גע־שטיצט סטאַלינס שטאַנדפּונקט וועגן „סאָציאַליזם אין איין לאַנד“. די מי־סיע פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אויפגעהערט צו זיין די וועלט־רעוואָלוציע, נאָר ווי אַרויסצונעמען רוסלאַנד פון איר איזאָלאַציע און מיט אַלע מעגלעכ־קייטן אָפּצוזוכן פאַרבינדעטע. אין דער ריכטונג דאַרף דער קאָמינטערן פירן די קאָמוניסטישע מחנות אין אַלע לענדער און אויסבילדן פון זיי אַ דיסציפּלינירטן כוח וואָס זאָל דינען די שטאַטלעכע אינטערעסן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

פון דעמאָלט האָבן די סאָוועטן זיך נאָך ענגער פאַרבונדן מיט די געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס און געגעבן זיי די גרעסטע שטי־צע. זיי האָט דער ראַטנפאַרבאַנד באַטראַכט פאַר אַ פאַקטאָר וואָס שטערט דעם הסכם צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מדינות, און אַזוי האָט זיך צו זיי באַצויגן אויך דער קאָמינטערן און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די זעלבע באַציאונג איז שפּעטער אַרויסגעוויזן געוואָרן אויך די נאַציס און עס האָט זיך אַפילו אויסגעקריסטאַליזירט דעם געדאַנק פון „גיין אַ שטיקל וועג צוזאַמען“.

צוליב דער נייער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָבן די קאָמוניסטן

אַנגעהויבן באַטראַכטן די סאָציאַליסטן פאַר די ערגסטע שונאים פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. לויט דער דאָזיקער טעאָריע איז דער קאַמף פון די נאַציס קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַ וויכטיקער פאַקטאָר צו ליקווי־דירן זיי. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעפאַנגען אַ ברידער־קריג אין דער אַר־בעטער־באַוועגונג גופא, און וואָס מער די קאָמוניסטן האָבן מיטגעאַר־בעט מיט די נאַציס, אַלץ מער האָבן זיך די סאָציאַליסטן דערווייטערט פון זיי און זיינען געשטויסן געוואָרן צו ענגערער מיטאַרבעטערשאַפט מיט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.

די זעלביקע פּאָליטיק ווי אין אייראָפּע האָבן די באָלשעוויקעס אָנ־געווענדט אויך אין כינע. ווען טשאַן־קיי־שעק איז געקומען צו דער מאַכט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע פאַרפאָלגונגען אויף די אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס, און די כינעזישע קאָמוניסטן האָבן איינגעזען די נייטיקייט צו פאַרלאָזן דעם רעאַקציאָנערן קאָמינטאַנג און אָנהייבן אַ קאַמף מיט דער רעאַקציע, זיינען פון קאָמינטערן געקומען קעגנזעצלעכע אָנווייזן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז באַפוילן געוואָרן פאָרצוזעצן די מיטאַרבעטערשאַפט מיט טשאַן־קיי־שעקן, כדי אָנצוהאַלטן די ווייטערדי־קע צוזאַמענאַרבעט, זאָל זיין אין אַ קליינער מאָס, צווישן רוסלאַנד און כינע. די סאָוועטישע ראַטגעבער האָבן פאַרגעזעצט צו אַרבעטן אין די קאַנצעלאַריעס פון דער כינעזישער רעגירונג. די דאָזיקע מיטאַרבעטער־שאַפט האָט מאָסקווע באַטראַכט ווי נאָך אַ הילף־מיטל פאַרן געראַנגל פון די סאָוועטן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. דערווייל האָט די כינעזישע רעגירונג פאַרשאַרפט אירע רדיפות אויף די קאָמוניסטן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שחיטה און מאַסן־אַרעסטן. די קאָמוניסטי־שע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געמוזט צופּאַסן צו דער סאָוועטישער אויי־סערן־פּאָליטיק און אויספאָלגן די עצות פון די סאָוועטישע ראַטגעבער, האָט געהאַט געבונדענע הענט און נישט געקענט צוגרייטן זיך אָפּצו־שלאָגן די אַטאַקע, און די כינעזישע הערשער האָבן אָנגעמאַכט ממש אַ חורבן אין די קאָמוניסטישע רייען. שפּעטער זיינען אויך אַרויסגעשליי־דערט און דעפּאָרטירט געוואָרן די סאָוועטישע ראַטגעבער. מיט אויסער־געוויינלעכע אָנשטרענגונגען האָט זיך די קאָמוניסטן איינגעגעבן צו פאַר־פעסטיקן אין איינעם פון דרום־ראַיאָנען פון לאַנד, און שאַפן אַ סאָוועטי־שע רעפּובליק אין הייפינג, וואָס האָט שפּעטער אויסגעברייטערט דעם שטח פון איר ממשלה און געדינט ווי אַ שפּרונג־ברעט פאַר נייע אָנגריפן.

פון דעם מאָמענט וואָס דער באָלשעוויזם איז אַרויף אויפן וועג פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד", זיינען צו דעם פּרינציפּ אויך צוגעפּאַסט

געוואָרן די אויפגאַבן פון קאָמינטערן אין אָריענט. דער קאָמינטערן האָט געמוזט צוהעלפן אַלע יענע פאַקטאָרן און געשעענישן, וואָס קאָנען שטערן דער פאַרפעסטיקונג פון דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט אין דער קאָלאָניאַלער וועלט, און אויב אין אייראָפּע האָבן זיי זיך נישט אָפּ־געשטעלט צו מאַכן שותפות און שטיצן די רעאַקציאָנערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע עס איז שפּעטער אויפגעקומען דער היטלע־ריזם — איז פאַרוואָס זאָלן זיי די זעלבע טאַקטיק נישט אָנווענדן אויך אין די קאָלאָניאַלע לענדער? האָבן זיי זיך טאַקע פאַרבונדן און געשטיצט, און אָפּטמאָל, ווען עס איז נייטיק געווען, אַפילו זיך אידענטיפיצירט מיט די פינצטערע כוחות, מיט די פאַרשידענע מולאַס און מופטיס, מיט די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע באַוועגונגען און אין משך פון צייט האָבן זיך די קאָמוניסטן פאַרוואַנדלט אין דירעקטע מיטאַרבעטער פון די דאָזיקע אַלע באַוועגונגען, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די סאָוועטישע אויסערן־פּאָליטיק. אַזוי האָט דער קאָמינטערן שפּעטער זיך נישט אָפּגעשטעלט צו קאָנקורירן מיט נאַצי־דייטשלאַנד, יאַפּאַן און די אַנדערע קאָלאָניאַלע אימפּעריאַליזמען צו געווינען אויף זייער זייט די פאַרשידע־נע שאָוויניסטישע און סתם רויבער־באַנדעס און רוצחים, וואָס ביי זיי שפּילט נישט קיין ראָל קיין שום אידעאָלאָגיעס, וואו אַנשטאָט אויפ־קלערונג און קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע קומען — אָנרייצונג און דראָ־אונג, און אַנשטאָט רעוואָלוציעס — אויפבלאָזן אומאויפהערלעכע בלוטי־קע צוזאַמענשטויסן. אַן אַ געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט און אַן אַ סאָציאַלן, אָדער נאַציאָנאַלן ציל. זיי, אָט־די דאָזיקע באַנדעס, האָבן די סאָוועטן צוגעשטעלט געווער און שפּייז, און זיך אָנגעשטרענגט מיט די זעלבע מיטלען, אויסצואיבן אויף זיי אַ וואָס־גרעסערע השפּעה.

**
*

אין די צוואַנציקער יאָרן און אָנפאַנג די דרייסיקער איז דייטשלאַנד געווען דער טעטיקייט־צענטער פון קאָמינטערן. ער האָט געשטיצט די פאַרשידענע שאָוויניסטיש־רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גע־פּרעדיקט רעוואַנש, כדי אַזוי אַרום צו שטערן די אייניקייט פון די קאַפּי־טאַליסטישע מדינות. שפּעטער, ווען דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד איז געוואָרן דער גרעסטער שונא פון ראַטנפאַרבאַנד, איז פראַנקרייך גע־וואָרן דער טעטיקייט־צענטער פון קאָמינטערן. ער האָט זיך דערנענטערט צו די סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער באַרואיקונג־ און איבערבעט־פּאָליטיק מיט דייטש־לאַנד, און עס איז געשאַפן געוואָרן דער פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט באַ־

קומען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין פראַנצויזישן פאָלק, און דערהויבן דעם פּרעסטיזש פון די אַרבעטער אויף אַזויפיל, אַז עס איז אויפגעקומען די שטרעבונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן צו קעמפן פאַר ווייטגייענדיקע סאָציאַלע רעפאָרמען. אָבער דער קאָמינטערן האָט צו דעם נישט מסכים געווען, און האָט זיך אָנגעשטרענגט צו האַמעווען די דאָזיקע שטרעבונג. דער קאָמינטערן האָט געזוכט אויסצובררייטערן דעם פראָנט און אַריינציען אין שותפות אויך בורזשואַזע, קאַטוילישע, שאָוויניסטישע און רעאַקציאָנערע קרייזן, ווייל די לעצטע זיינען געווען עקסטרעמער אין זייער קעגנערשאַפט צו דייטשלאַנד אָבער זיינען געווען קעגן סאָציאַלע רעפאָרמען. די דאָזיקע קרייזן זיינען פאַר די קאָמוניסטן געווען וויכטיקע פאַרבינדעטע. זיי זיינען געווען קעגן פאַציפיזם און פאַר אַ פאַרשטאַרקטער באַוואָפענונג. כדי אַריינצושטעלן אַ קלין צווישן די מערב־מלוכות און נאַצי־דייטשלאַנד האָט די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע געשטיצט אַ מיליטאַנטישע פראַנצויזישע רעגירונג און די קאָמוניסטן האָבן געפאָדערט צו פאַרוואַנדלען דעם פאָלקס־פראָנט אין אַ נאַציאָנאַלן פראָנט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע פאַרטייען קעגנערישע צו דייטשלאַנד, און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג פון די אַרבעטער איז, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, געהאַמעוועט געוואָרן.

ענלעכס איז געשען בשעת דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע. די שפּאַנישע אַרבעטער און פויערים האָבן געפאָדערט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, און אין דעם גייסט אָנצופירן די מלחמה קעגן די גענעראַלן. אַלע פאַרטייען זיינען געווען פאַר דעם אַ חוץ די קאָמוניסטישע, וועלכע האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט אָפּשטעלן די ליפערונג פון געווער, אויב די איינגעפירטע סאָציאַלע רעפאָרמען וועלן נישט בטל ווערן, און אויב מען וועט בכלל נישט אָפּשטעלן די רעאַליזירונג פון דער סאָציאַלער פּראָגראַם. די מאַכט איז סוף־כל־סוף, אויף דער פאָדערונג פון די סאָוועטן, אַריבער צו דער קאָמוניסטישער מינדערהייט, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון „ריינִיקונגען״, מאַסן־אַרעסטן און אַפילו טויט־שטראָפן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מין בירגער־קריג אינעווייניק, אין דעם פאָלקס־פראָנט גופא.

דאָס אָפּשטעלן די סאָציאַלע רעפאָרמען האָט די קאָמוניסטן נישט געהאָלפן. מען האָט פשוט צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט, און עס האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דערמאָנט וועגן זייער מיטאַרבעטערשאַפט מיט די שאָוויניסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד און געהאָלפן צום אויפקום פון היטלעריזם. אין פראַנקרייך האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען אין פאָלקס־פראָנט. די קאָמוניסטן

האָבן געפאָדערט צו אַנולירן די פּאָליטיק פון „ניט־אינטערווענץ". אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען געווען חלוקי־דעות. אין דער צייט ווען סאָוועטרוסלאַנד האָט געשטיצט די שאָוויניסטיש־מיליטערישע אָר־גאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד, איז שטאַרקער געוואָרן דער פאַרלאַנג אין פראַנקרייך ענגער צו פאַרבינדן זיך מיט ענגלאַנד, כדי נישט בלייבן אי־זאָלירט און שטיין אַליין פּנים אל פּנים מיט דער נאַצישער געפאַר. אָט־דער געדאַנק האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט צווישן די פראַנצייזישע סאָ־ציאַליסטן, און די שותפות מיט ענגלאַנד האָט אַריינגעשלעפּט פראַנק־רייך אין דער „ניט־אינטערווענץ"־פּאָליטיק, וואָס האָט געהאָלפן צום זיג פון פראַנקאָ.

שפּעטער איז צוליב אינערלעכע רייבונגען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אַרבעטער־באַוועגונג. די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אַרויסגע־שטויסן די קאָמוניסטן פון דער רעגירונג, און נאָך שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ רעגירונג, אין וועלכער די סאָציאַליסטן האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו באַטייליקן אין איר. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די שטרע־בונג צו פאַרגלייכן זיך מיט די פאַשיסטישע רעגירונגען, און עס איז פול־שטענדיק בלאָקירט געוואָרן די רעפּובליקאַנישע שפּאַניע. אין דער זעל־בער צייט איז צו פראַנקאָן געגאַנגען אַ שטראָם פון געווער פון דייטש־לאַנד און איטאַליע. אין 1933 איז פאַקטיש צעפאַלן געוואָרן דער פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך און נאָכדעם איז אויך געפאַלן די רעפּובליקאַנישע שפּאַניע.

אין דער צווייטער העלפט פון 1938, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָוואַקיע און נאָכן מינכענער אָפּמאַך האָט די סאָוועטנרעגירונג געמאַכט פאַרשידענע פּרוואון צו שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט מיט די מערב־מלוכות. אָבער אַלע אירע באַמיאונגען זיינען דורכגעפאַלן. די סאָ־וועטן זיינען געבליבן מער איזאָלירט ווי קיינמאָל, און עס האָט זיך פאַר־שטאַרקט דער חשד ביי זיי, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך גרייטן זיך אי־בערצובעטן מיט היטלערן אויפן חשבון פון ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער פאַרדאַכט איז נישט שוואַכער געוואָרן אַפילו נאָך דעם, ווי די באַציאונ־גען צווישן דייטשלאַנד און די מערב־מלוכות זיינען פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב היטלערס פאָדערונגען צו פּוילן. די דאָזיקע חשדים האָבן דער־פירט צום סטאַלין־היטלער אָפּמאַך פון אויגוסט 1939, און גלייך נאָך דעם איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה האָבן די סאָוועטן פאַר־כאַפּט, אַ חוץ מזרח־פּוילן, אויך די באַלטישע שטאַטן און זיי אָנגעשלאָסן

צו רוסלאַנד, זיי האָבן אויך, נאָך אַ קאַמף מיט דער קליינער פינלאַנד, איינגעשטעלט דאָרטן מיליטערישע באַזעס.

מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט דער קאָמינטערן פּראָקלאַמירט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן די גערמאַנישע און ענגליש־פראַנצייזישע אימפּעריאַליזמען, און אויפגעפאָדערט די אַרבעטער צו סאַבאָטירן די מלחמה־אָנשטרענגונגען. דער רוף פון קאָמינטערן איז נישט אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד צוליב היטלערס טעראָר, און ווייל עס האָט דאָרטן בכלל נישט עקזיסטירט קיין קאָמוניסטישע טעטיקייט. היטלער האָט ברייט באַקאַנט געמאַכט סטאַלינס ווערטער וועגן דער פריינדשאַפט און צוזאַמענאַרבעט צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, און דאָס האָט דערפירט צו אָפנהעניקייט אַפילו די קליינע צאָל קעגנער פון די נאַציס.

אין קעגנטייל אין פראַנקרייך האָבן די קאָמוניסטן געפירט אַן אָפענע אָדער אונטערערדישע סאַבאָטאַזש־טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מלחמה. אויך די בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאָפט, דורך היטלערס נצחון, צו פאַרמיידן סאָציאַלע רעפאָרמען, האָט סאַבאָטירט די קריגס־אָנשטרענגונגען. די פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן צווישן מיליטער, די אַרבעטער און אין די באָמבאַרדירטע געגנטן. אין קעגנטייל אין ענגלאַנד, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ שוואַכע, האָט די פּראָפּאַגאַנדע קעגן מלחמה קיין שום ווירקונג נישט געהאַט, און זי האָט אָפּגעשטויסן די נאַציסטישע אַטאַקעס אַפילו נאָך דעם ווי זי איז געבליבן אַליין.

שפּעטער, נאָך די שנעלע דייטשע נצחונות אין מערב־אייראָפּע און היטלערס פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אויף די באַלקאַנען און זיין אָפּזאָגן זיך צו קומען צו אַן הסכם וועגן איינטיילן די ווירקונג־ספערן, האָט ראַטנפאַרבאַנד פאַרשטאַנען, אַז דייטשלאַנד גרייט זיך זי צו אַטאַקירן. דעמאָלט האָט דער קאָמינטערן פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די סאַבאָטאַזש־אַקטן און די פּראָפּאַגאַנדע קעגן מלחמה־אָנשטרענגונגען, און זיך פאַרבינדן מיט די אַנטינאַציזשע אונטערערד־קעמפער.

אין יוני 1941 זיינען די נאַציס איבערגעפאַלן ראַטנפאַרבאַנד.

***

אַריינטרעטנדיק אין מלחמה איז פאַר ראַטנפאַרבאַנד, וואָס ווייטער שטאַרקער געוואָרן די נויטווענדיקייט פון אַ פולער קאָאָפּעראַציע מיט די מערב־מלוכות. די קאָמוניסטן האָבן באַלד פאַרגעסן אַלע רעוואָלוציאָנערע טענדענצן, אַלץ וואָס צעטיילט דעם קאַפּיטאַליזם און דעם קאָמוניזם, די

בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט — דאָס אַלץ איז פאַרשוואונדן פון זייערע צייטונגען, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן ווי אַ נאַציאָנאַ־לע פּאַרטיי, אַ לאָיאַלע און געטרייע די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע און די דעמאָקראַטישע רעגירונגען. זיי זיינען געוואָרן עקסטרעמע קעגנערס פון אַרבעט־סכסוכים, כדי ניט צו שטערן די מלחמה־אָנשטרענגונגען. יע־נע וואָס האָבן געפאָדערט העכערע אַרבעט־לוינען האָבן זיי געשטעמפּלט ווי נאַציסטישע שפּיאָנען. עס זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן די טעטיקייטן פון די קאָמוניסטישע מיליטערישע און האַלב־מיליטערישע אָרגאַניזאַ־ציעס, און יענע פון זייערע מיטגלידער, וואָס זיינען עטוואָס פאַרדעכ־טיקט געוואָרן, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו די אָרטיקע מאַכט־אָר־גאַנען. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעגרענעצט פון וואָסער נישט איז אינטערנאַציאָנאַליסטישער טענדענץ און אין 1943 האָבן זיי ליקווידירט דעם קאָמינטערן.

אין רוסלאַנד גופא איז באַנייט געוואָרן דער פּאַן־סלאַווישער פאַר־באַנד, כדי טיפער מאַכן די טראַדיציאָנעלע שנאה צווישן די סלאַוון און דייטשן. דער פּאַן־סלאַוויזם האָט שפּעטער געדינט די סאָוועטן אויך אין זייער קאַמף פאַר השפעה אויף די באַלקאַנען מיט די מערב־לענדער.

נאָכן נצחון זיינען די באַפרייטע לענדער איינגעטיילט געוואָרן צווישן די זיגער־מלוכות אין ווירקונגס־ספערן.

אין די לענדער וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער סאָוועטי־שער ווירקונג־ספערע האָט געהערשט אַן איינגעוואָרצלטע אַנטי־סאָוועטישע שטימונג און עס זיינען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט אין גאַנצן זיין אומאָפּהענגיק. די סאָוועטן האָבן די אַלע ניט־פריינדלע־כע פאַרטייען ליקווידירט, פאַרבאָטן אַלע פרייקייטן און אַרויפגעצוואונגען קאָמוניסטישע רעגירונגען, וועלכע האָבן געהערשט מיטן כוח פון סאָוועטישן מיליטער, וואָס האָבן איינגעפירט די קאָלעקטיוויזאַציע און אויפגעשטעלט קאָלכאָזן, טראָץ דער אומצופרידנקייט פון די פּויערים.

דאָס איינשטעלן אין ווירקונג־ספערן האָט נישט בטל געמאַכט די אַנטאַגאָניזמען צווישן די גרויסמאַכטן. אין קעגנטייל, זיי זיינען נאָך שאַרפער געוואָרן און גלייכצייטיק זיינען אויך פאַרגרעסערט געוואָרן די צוגרייטונגען צו דער דריטער וועלט־מלחמה.

ראַטנפאַרבאַנד האָט צוגעפּאַסט דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון די לענדער אונטער איר השפעה צו אירע אייגענע מיליטערישע און קריג־הצטרכותן. פאַר יעדן לאַנד זיינען באַשטימט געוואָרן באַזונדערע אויפ־גאַבן אין איינקלאַנג מיט איר סטראַטעגישער פּאָזיציע, אירע נאַטור־אוצרות אוןווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן: טשעכיע, למשל, ווער אַנט־

וויקלען און אויסברייטערן איר אינדוסטריע ביז דער מעגלעכסטער הייך: אַנדערע לענדער, ווי יוגאָסלאַוויע און רומעניע וועלן פאַרבלייבן אַגריקולטור־לענדער און צושטעלן צום ראַטנפאַרבאַנד און צו די אַנדערע איגדוסטריעלע לענדער פון מזרח־בלאָק דעם רוי־מאַטעריאַל פון זייערע רייכע מינען. טראָץ דעם וואָס די מאַכט אין די לענדער פון סאָוועטישן בלאָק געפינט זיך אין די הענט פון איין פאַרטיי — די קאָמוניסטישע — איז ביי די פירער פון בלאָק נישט פאַרשוואונדן די מורא, אַז בעת אַ קריזיס קען זי אַריינפאַלן אין די הענט פון אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן און אַלע מלחמה־אָנשטרענגונגען זאָלן געריכט ווערן קעגן די סאָוועטן. כדי דאָס צו פאַרמיידן זיינען אַלע וויכטיקסטע מיליטערישע צווייגן, ווי די לופט־אַרמיי קאָנצענטרירט געוואָרן, איבערהויפּט, אין ראַטנפאַרבאַנד. אין די אַנדערע לענדער פון בלאָק איז איינגעשטעלט געוואָרן נאָר אַ קליינער טייל פון דעם. אַזוי זיינען אויך די שליסל־פּאָזיציעס אין דעם מיליטער פון די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון סאָוועטישע הויכע אָפיצירן.

די סאָוועטישע מיליטערישע פּלענער האָבן אויך די לענדער פון מזרח־בלאָק געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק, גלייך ווי זיי וואָלטן באַרויבט געוואָרן פון זייער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. דער דאָזיקער געפיל איז איבערהויפּט געווען שטאַרק אין יענע לענדער, וועלכע האָבן, לויטן פּלאַן, געדאַרפט צושטעלן אַגריקולטור־פּראָדוקטן און זיך אָפּהאַלטן פאַר אַ לאַנגער צייט פון שאַפן און אַנטוויקלען אַן אייגענע אינדוסטריע, ד״ה, פאַרבלייבן אויך אויף ווייטער אַ צוריקגעשטאַנענע לאַנד ווי פריער און זיין אָפּהענגיק פון די אינדוסטריעלע לענדער פון דעם בלאָק, איבערהויפּט פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

***

אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן מיליאָנען סאָוועטישע בירגער, ווער ווי סאָלדאַטן און אָפיצירן און ווער ווי געפאַנגענע זיך געפונען אין צענטראַל־אייראָפּע, און דאָרטן איז פאַר זיי אַנטפּלעקט געוואָרן אַ גאַנץ נייע וועלט, אַ וועלט וואו דאָס לעבן איז אַ סך לייכטער און באַקוועמער ווי אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ סך פון זיי זיינען געקומען אין באַרירונג מיט אַמעריקאַנער, ענגלישע און פראַנצייזישע אָפיצירן און סאָלדאַטן, און זיינען ממש איבעראַשט געוואָרן פון דעם הויכן לעבן־שטאַנדאַרט פון די מערב־מענטשן. ביים אומקערן זיך אַהיים איז זיי שווער געווען צוצופּאַסן זיך איבעראַנייס צום נידעריקן לעבנס־ניוואָ פון זייער לאַנד. צו די דאָ־

זיקע מענטשן האָט מען שוין מער נישט געקענט רעדן וועגן העכערקייט פון ראַטנפאַרבאַנד, וועגן דעם, אַז ראַטנפאַרבאַנד איז דער וועגווייזער פון דער מענטשהייט. די פריערדיקע זעלבסט־זיכערקייט איז אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן.

דעמאָלט איז באַשלאָסן געוואָרן מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט אויפצוהייבן דעם לעבן־שטאַנדאַרט פון די פעלקער פון סאָוועטישן בלאָק.

די שוועריקייטן, אויף וועלכע מען האָט זיך אָנגעשטויסן אין די לענדער פון מזרח־בלאָק האָבן איבערצייגט די סאָוועטן, אַז אין פאַל פון מלחמה קענען זיי זיך נישט סומך זיין אויף קיינעם, נאָר אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד אַליין — דאַרף מען, בכן, זאָרגן אין דער ערשטער ריי פאַר דער פאַרבעסערונג פון די לעבן־באַדינגונגען, אין דער ערשטער ריי, פון די בירגער פון ראַטנפאַרבאַנד גופא, סיי אויפן עקאָנאָמישן ווי אויפן מילי־טערישן געביט. דער צוועק פון די קאָאָרדינאַציע־פּלענער פון די בלאָק־לענדער איז צו איבעריאָגן דעם מערב. אָבער ראַטנפאַרבאַנד דאַרף פאַר־נעמען דעם העכסטן פּלאַץ צווישן די בלאָק־לענדער, און די דאָזיקע הע־כערקייט דאַרף וואָס ווייטער אַלץ שטייגן. ווען די דאָזיקע פּלענער האָבן אָנגעהויבן דורכגעפירט צו ווערן האָט עס אין די לענדער פון די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק און געשאַפן אַ שלעכטן געפיל ביי דער באַפעלקערונג.

די באַפעלקערונג פון די לענדער, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן צום מזרח־בלאָק, האָבן אין זייער גרויסער מערהייט נישט אַרויסגעוויזן קיין קעג־נערשאַפט צו די נאַציס, און האָבן אַפילו אין אַ גרויסער מאָס מיט זיי מיטגעאַרבעט. נאָר אַ קליינער טייל איז אַרויסגעטראָטן קעגן די נאַציס. אין דער אַנטי־נאַצישער אונטערערד פון די לענדער האָבן די קאָמוניסטן נישט פאַרנומען קיין ערשטן פּלאַץ און האָבן אָפטמאָל אָנגעפירט אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, אַ קעגנערישע צו די אַנדערע גרויסע אונ־טערערד־אָרגאַניזאַציעס. די קאָמוניסטישע פירער פון די מזרח־לענדער האָבן אין זייער גרויסער מערהייט, אין די שווערע יאָרן, זיך געפונען אויסער די גרענעצן פון זייערע לענדער. נאָך דער מלחמה ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע היימען, האָבן זיי געגנאָסן פון אַ גאַנץ קליינער פּאָפּולאַריטעט. זיי זיינען אַרויפגעשטיגן צו די העכסטע אַמטן, נישט ווייל זיי האָבן געהאַט אונטער זיך אַ געזעלשאַפטלעכן כוח, נאָר ווייל די סאָוועטישע קאָמיסאַרן האָבן זיי באַשטימט אויף די דאָזיקע אַמטן, אַזוי אַרום פאַקטיש זיינען זיי געווען אָפיציעלע סאָוועטישע באַאַמטע און האָבן נישט געקענט צוריקווייזן אָדער אויסזעצן קעגן די פּלענער, וואָס

די סאָוועטן האָבן זיי פאַרגעלייגט און געמוזט זיי אָננעמען אַפילו ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז זיי זיינען צום שאָדן פון זייערע פעלקער.

אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע אין יוגאָסלאַוויע. זי איז געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואו דאָס גאַנצע פאָלק האָט געקעמפט קעגן די נאַ־ציס, אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן איינגענומען דאָס לאַנד. דער גוראַנגל איז אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט, אַפילו ווען די נאַציס האָבן אָפגעהאַלטן זייערע גרעסטע נצחונות. די אָנפירונג האָט זיך געפונען אין די הענט פון די קאָמוניסטן. זיי האָבן געליטן און געשלעפט דעם יאָך צוזאַמען מיט דער אונטערערדישער אַרמיי, איבערגעטראָגן אַלע ליידן צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק און געניאָסן דערפאַר די סימפּאַטיע, צוטרוי און אנער־קענונג פון פאָלק. אַזוי אַרום, אַז ווען זיי זיינען אַרויפגעשטיגן צו דער מאַכט און איבערגענומען די רעגירונג, איז עס געווען אַ רעגירונג פון פאָלק. אָבער דעם צוטרוי האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן פאַרלירן פון דעם מאָמענט, וואָס זיי האָבן געפרוואווט דורכצופירן די פלענער פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס לאַנד איז לויט די אויסגעאַרבעטע פלענער פון מאָס־קווע פאַראורטיילט געוואָרן צו בלייבן אין איר צוריקגעשטאַנענקייט ווי אַן אַגריקולטור לאַנד, ווי זי איז עס געווען פריער. דער רוי־מאַטעריאַל פון אירע רייכע מינען איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין די אינדוסטריעלע לענדער פון מזרח־בלאָק אויף נידעריקערע פרייזן ווי אויף די מערק פון מערב, און אין קעגנטייל איז דער פרייז פון דער קליינער צאָל אַגריקול־טור־מאַשינען, וואָס זי האָט באַקומען פון ראַטנפאַרבאַנד געווען אַ סך טייערער ווי אויף די מערק פון די מערב־לענדער. ווי אַ צוגאָב זיינען די אַגריקולטור־מאַשינען געשיקט געוואָרן אין אַ מינימאַלער צאָל, ווייל ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אַליין געניייטיקט אין זיי, פאַר אירע אייגענע דערפער.

דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט און אומצוטרוי צו די קאָמוניסטן, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו באַפרייען דאָס לאַנד פון שקלאַ־פעריי, רעאַליזירן אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג־פלענער פאַר יוגאָסלאַוויע און אויפבויען אייגענע פאַבריקן, און אַזוי אַרום אויסנוצן די רייכע יו־גאָסלאַווישע מינעס פאַר זיך אַליין, פאַרן אייגענעם געברויך, אויפהייבן דעם לעבן־ניוואָ פון די מאַסן און פאַרזיכערן די פולע אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד.

די יוגאָסלאַווישע רעגירונג האָט באַקעמפט די אַלע פלענער פון ווירטשאַפטלעכער אויטאַרכיע און געפירט הייסע וויכוחים אין קאָמינ־פאָרם. אָבער ראַטנפאַרבאַנד האָט נישט נאָכגעגעבן און יוגאָסלאַוויע האָט זיך אָפּגעטיילט פון בלאָק. דער קאָמינפאָרם האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַ

פיינדלעכע אַגיטאַציע קעגן יוגאָסלאַוויע און פּראָקלאַמירט די יוגאָסלאַ־ווישע קאָמוניסטן פאַר פאַרעטער, פיינד פון דער מענטשהייט, היטלערס אַגענטן אאז״וו.

דאָס אַוועקגיין פון יוגאָסלאַוויע פון קאָמינפאָרם און דעם מזרח־בלאָק האָט געשאַפן אַ גרויסן אייַנבראָך און היפּש צעטרייסלט דעם גלויבן אין דער העכערקייט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פון דער סאָוועטישער רעגירונג און פון סטאַלינען. זייער אַ סך פון צווישן די קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען, איבערהויפּט אין די לענדער פון דער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע״ האָבן סימפּאַטיזירט מיט טיטאָן, און טיטאָס מענטשן האָבן זיך מיט זיי געשטעלט אין קאָנטאַקט. דעמאָלט האָט דער קאָמינ־פאָרם אָנגעהויבן אַ גרויסע „רייניקונג״. די מער פאַרדעכטיקטע זיינען געווען יענע קאָמוניסטן, וואָס האָבן בעת דער מלחמה זיך געפונען אין זייערע לענדער און זיינען געווען פּאָפּולער ביי די פאָלקס־מאַסן. אַ סך פון זיי זיינען געטייט געוואָרן. די מאַכט אין די דאָזיקע לענדער איז גע־בליבן ביי יענע קאָמוניסטן, וואָס האָבן בעת דער מלחמה זיך געפונען ערגעץ אין אויסלאַנד אויף זיכערע ערטער, און זיי זיינען געוואָרן בלינ־דע אויספירער פון די פאַראָרדענונגען פון די סאָוועטישע קאָמיסאַרן.

אין דער ערשטער צייט נאָך דער מלחמה האָבן אַ סך געהאָפט, אַז עס וועט קומען צו אַ באַשטימטן הסכם צווישן די גרויסמאַכטן. דאָס האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג און עס איז געשאַפן געוואָרן די וועלט־פעדעראַציע פון די סינדיקאַטן. די קאָמוניסטן האָבן געהאַט די מערהייט אין דער פעדעראַציע, און זיי האָבן עס אויסגענוצט לטובת דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז די פעדעראַציע איז צעפאַלן געוואָרן, און די ניט־קאָמוניסטישע סינדיקאַטן האָבן געשאַפן „די אינטערנאַציאָנאַלע פעדע־ראַציע פון פרייע סינדיקאַטן״, וואו עס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה די אַמעריקאַנער אַרבעטער. די ביידע „אינטערנאַציאָנאַלן״ שטרענגען זיך אָן דורך זייערע פאַרשטייערשאַפטן, אַז די פּאָליטיק פון דער פעדע־ראַציע זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פון דער אויסערן־פּאָליטיק פון זייערע לענדער. אָבער, אויב אין דער מערב־פעדעראַציע ווערט עס געטאָן אויף אַ דעמאָקראַטישן וועג, ווערט דאָסזעלבע אין דער מזרח־פע־דעראַציע דורכגעפירט מיט אַן אייזערנער דיסציפּלין און פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם דיקטאַט פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אַזוי ווי אין די אַנדערע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אָן קיין שום דיסקוסיע זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן די יוגאָסלאַווישע סינדיקאַטן. די אָפּטיילן פון דער

פעדעראציע אין פאַרשידענע לענדער זיינען פאַרפליכטעט געוואָרן אָנ־צופירן זייער טעטיקייט אין איינקלאַנג מיט דער אַקטועלער סאָוועטי־שער אויסערן־פּאָליטיק און אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פון די קאָ־מוניסטישע פירער. אין יאָר 1950 האָבן זיך אָפּגעשפּאַלטן די קליינע צאָל נישט־קאָמוניסטישע סינדיקאַטן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן נאָך דער גרויסער שפּאַלטונג, ווי למשל, די הסתדרות־העובדים אין ישראל און די פינישע סינדיקאַטן.

מיט דער פאַרשאַרפונג פון די באַציאונגען צווישן די גרויסמאַכטן איז שטאַרקער געוואָרן אויך די אָפּגעשלאָסנקייט פון מזרח־בלאָק און עס זיינען צוגעאיילט געוואָרן די טעטיקייטן, וואָס באַצוועקן צו דער־פירן צו אַ ווירטשאַפטלעכער אויטאַרכיע. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דעם בלאָק באַטראַכטן פאַר זייער הויפּט־אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן דעם אַרבעט־ריטעם, פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע און אויסבעסערן איר קוואַליטעט. די סינדיקאַטן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין יאָך פון צוריק אויפבויען די חורבנות פון דער מלחמה און די צעשטערטע עקאָנאָמיק. אַלע דערציאונג־ און אויפקלער־אינסטיטוציעס האָבן צוגעפּאַסט זייערע פּלענער און פּראָגראַמען צו דער איינציקער אויפגאַבע: צו הייבן די אַר־בעט־פעאיקייט און דעם ווילן צו אַרבעטן ביי די מאַסן פון פאָלק ביזן העכסטן גראַד.

אויך אין דער נישט־קאָמוניסטישער וועלט האָבן די לענדער זיך אָנגעשטרענגט און קאָנצענטרירט אויף דעם אויפבוי פון דער ווירט־שאַפט. נאָך דעם חורבן, וואָס די מלחמה האָט פאַראורזאַכט האָט זיך פאַרשטאַרקט די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט; קיין לאַנד האָט נישט גע־קענט אָנהויבן בויען אָן דער הילף פון די אַנדערע. און ווען דער מזרח־בלאָק האָט פאַרשטאַרקט זיין אָפּגעשלאָסנקייט און די ווירטשאַפטלעכע אויטאַרכיע, האָבן זיך די אַנדערע פעלקער דערנענטערט צו דער רייכער אַמעריקע. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן־פעלקערלעכע קאָאָר־דיניר - אָרגאַניזאַציעס און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן צוגעשטעלט די נייטיקע מיטלען צו אויפבויען די רואינעס אין פאַרשיידענע לענדער, און זי שטרענגט זיך אָן צו לייגן איר שטעמפּל אויף דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון די דאָזיקע לענדער.

מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער מלחמה־געפאַר, איז אויך פאַר־שטאַרקט געוואָרן דער פּחד פאַר דער קאָמוניסטישער עקספּאַנסיע, און פאַרן פאַרלירן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואָס עקזיסטירן אין דער מערהייט מערב־לענדער. עס האָבן אויך באַקומען אַ ברייטן אָפּקלאַנג די

שרעקלעכע שילדערונגען פון די סאָוועטישע אַנטלאָפענע בירגער, וואָס האָבן דערציילט וועגן שווערע לעבן־באַדינגונגען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועגן שרעקלעכע קאָנצענטראַציע ־ לאַגערן פון מיליאָנען מענטשן. אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפן אַ באַוועגונג צו פאָדערן ביי דער פעלקער־אָרגאַניזאַציע אויסצופאָרשן דעם ענין. אין אייראָפּע האָבן פאַרשיידענע שרייבער און וויסנשאַפט־מענער, וואָס האָבן געקעמפט אין די רייען פון דעם אַנטי־נאַצישן אונטערגרונט, און פאַרזוכט אַ לאַנגע צייט דעם טעם פון נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן — צווישן זיי אויך אַ סך קאָמוניסטן — געפאָדערט, אַז עס זאָל זיי דערלויבט ווערן צו באַזוכן ראַטנפאַרבאַנד און געוואויר ווערן צי עס עקזיסטירן טאַקע קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן און אויך די ארבעט־באַדינגונגען דאָרטן. די אַלע פאָדערונ־גען זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מצד די סאָוועטן. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם פּחד פאַר קאָמוניסטישער עקספּאַנסיע. אין אייניקע לענדער איז אויפגעקומען די פאָדערונג פון קאָאָפּעראַציע נישט נאָר אויפן עקאָנאָמישן, נאָר אויך אויפן געביט פון פאַרטיידיקונג. די קאָמו־ניסטישע פאַרטייען האָבן באַקומען פאַראָרדענונגען צו סאַבאָטירן און שעדיקן וויפל עס איז נאָר מעגלעך די עקאָנאָמישע און מיליטערישע פּאָ־זיציע פון זייערע רעגירונגען און לענדער. די זעלבע פאַראָרדענונגען זיינען אויך געגעבן געוואָרן די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון די נייטראַלע פעלקער, ווייל אויך זיי זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרבינדן זיך ענ־גער מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט די מעגלעכקייט צו העלפן בויען און אַנטוויקלען אַנדערע לענדער. די סאָ־וועטישע רעגירונג זעט אין די פאַרבינדונגען, וואָס זיינען ממש לעבנס־וויכטיק פאַר די דאָזיקע לענדער, אַן אָפּשוואַכונג פון איר פּאָזיציע אין דער „קאַלטער מלחמה״. און אַנשטאָט דער פּאָליטיק וואָס די קאָמוניס־טישע פאַרטייען האָבן געפירט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַרויסטרעטנדיק ווי אַ נאַציאָנאַלע פּאַרטיי און נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג אונטער אַלע באַדינגונגען, פולשטענדיקע געהאָרכזאַמקייט די רעגירונגען, מעגן זיי זיין די רעאַקציאָנערסטע, און אָפּהיטן מיט אַלע מיטלען דעם שלום צווישן אַרבעטער און אַרבעט־געבער — אַנשטאָט דאָס אַלץ שטרענגען זיך איצט אָן די קאָמוניסטן צו שאַפן אַרבעט־סכסו־כים, שטרייקן און עקאָנאָמישע קריזיסן, כדי אַזוי אַרום אונטערגראָבן דעם צוטרוי פון די מאַסן צו זייער רעגירונג, מעג די סאָציאַלע פּאָליטיק אירע זיין די פּראָגרעסיווסטע.

***

אין סוף פון די פערציקער יאָרן האָבן די קאָמוניסטן געמאָלדן, אַז אין פאַל פון מלחמה, איז וואָס עס זאָל נישט זיין די שטעלונג פון זייער רעגירונג און פאָלק, וועלן זיי זיין אויף דער זייט פון די סאָוועטן. אין אַמעריקע און ענגלאַנד איז געשען, אַז קאָמוניסטן וואָס האָבן געאַרבעט ביי שליסל־פּאָזיציעס און אָרגאַניזאַציעס און לעבן־וויכטיקע מיליטער־רישע ווערק האָבן שפּיאָנירט און איבערגעגעבן מיליטערישע סודות צו די סאָוועטישע אַגענטן. זיי זיינען געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און זייער שולד איז דערוויזן געוואָרן. דאָס האָט געפירט צו דער באַנייאונג פון וויכוח וועגן דער לעגאַליטעט פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין די נישט - קאָמוניסטישע לענדער. די דאָזיקע פראַגע איז נישט איינמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום, צוליב דער אונטערגראָבונגס־אַרבעט, וואָס די קאָמוניסטן פירן אָן קעגן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. דער סיסטעמאַטישער קאָמוניסטישער סאַבאָטאַזש פון די עקאָנאָמישע און פאַרטיידיקונג־ווערק, האָט פאַרשאַרפט די פּראָפּאַגאַנדע פאַר באַגרעניצן זייער רעכט, אַפילו אין יענע לענדער, וואָס האָבן אַלע יאָרן מקפּיד געווען צו אָפּהיטן די פּאָליטישע פרייהייט פון זייערע בירגער.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען אָנגעהויבן אויסצופאָרשן די פּאָליטישע איבערצייגונגען פון אַ סך בירגער, און אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען דערוויייטערט און אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זייערע פאַראַנט־וואָרטלעכע פּאָסטנס. אין אויסטראַליע איז די קאָמוניסטישע פאַרטיי דערקלערט געוואָרן אומלעגאַל. רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע קרייזן נוצן אויס די געלעגנהייט און זוכן אויסצוברייטערן די רדיפות אויף יעדן איינעם, וואָס עס דוכט זיך זיי, אַז ער איז צופיל רעוואָלוציאָנער און לינק געשטימט. אַפילו פעלקער וואָס האָבן שוין אַ לאַנג־יאָריקע דעמאָקראַטישע טראַדיציע און זי אָפּגעהיט אַפילו אין די טעג פון די גרעסטע דערפאָלגן פון נאַציזם און פאַשיזם — אַפילו ביי זיי ווערט די פעסט־קייט זייערע צעטרייסלט, אַנטקעגן דער פּאָליטיק פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָך דעם ווי דער ראַטנ־פאַרבאַנד איז געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע פּאָטענצן, וואָס שטרעבט אויסצוברייטערן זיין הערשאַפט צווישן די פעלקער — האָט די אונטערגעוואָרפנקייט פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק באַקומען אַ גאַנץ נייעם באַטייט.

די טרעגער פונעם געדאַנק פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָבן באַטראַכט דעם קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר צדק און יושר, ווי אַ קאַמף פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. נישט אַזוי האָבן זיך אָבער נוהג געווען

— און זיינען זיך נישט נוהג אויך היינט — די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען אין די פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלן, סאָציאַליסטישע ווי קאָ־מוניסטישע. די דאָזיקע פּאַרטייען אין די אינטערנאַציאָנאַלן קומען אי־בערהויפּט פון רייכע און אַנטוויקלטע לענדער, און אויב זיי קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, אינווייניק, אין זייערע לענדער גופא, צווישן זייער פאָלק, זיינען זיי אָבער גאַנץ גלייכגילטיק צו די ליידן, עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, וואָס זייערע פעלקער באַ־גייען קעגן די שוואכע און אָרעמע פעלקער. אָפטמאָל באַציען זיי זיך אַפילו מיט אָפענער שנאה און קעגנערשאַפט צום קאַמף פאַר פרייהייט פון די דאָזיקע אונטערדריקטע פעלקער. אַזאַ באַציאונג האָבן געהאַט די דייטשע און רוסישע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווען זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין אינטערנאַציאָנאַל, צום קאַמף פון די קליינע סלאַ־ווישע פעלקער און אַזוי האָבן זיך אויך באַצויגן די ארבעטער פון פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און אַנדערע קאָלאָניאַלע אימפּעריעס צו די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער. די טראַדיציאָנעלע באַציאונג פון די פעלקער צום יידישן פאָלק אין גלות, איז אויך געווען די סיבה פון דער שנאה פון די פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלן צום ציוניסטישן גע־ראַנגל. קיין שום וויכוחים און אויפקלערונגען אויף די אינטערנאַציאָ־נאַלן האָבן נישט געהאָלפן. די פּאַרטייען פון די הערשנדיקע פעלקער האָבן זיך נישט געקענט דערהייבן צו אַ גערעכטער שטעלונג, אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעהערט די אויפקלערונגען און סאָציאַליסטישע באַווייזן.

***

געווען אַ צייט ווען עס איז זייער פּאָפּולער געווען די אידעע פון פּאַראייניקן אַלע אונטערדריקטע פעלקער און קלאַסן אין איין פראָנט קעגן די קאַפּיטאַליסטן און פעאָדאַלן. אָבער שפּעטער האָט זיך עס אַרויס־געוויזן פאַר אַ דורכפאַל. דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך נישט איינגעגעבן צו שאַפן דעם אַזוי געגאַרטן פאַראייניקטן וועלט־פראָנט. דער וועג פון דער מענטשהייט צו אַ פולער באַפרייאונג, איז אַ סך שווערער און קאָמ־פּליצירטער ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט. אויך אַרבעטער ווען זיי קומען צו דער מאַכט זיינען נישט גרייט מוותר צו זיין אויף מאַטעריעלע פּריי־ווילעגיעס, וואָס זייערע פאָרגייער האָבן זיי איבערגעלאָזט בירושה, אויך די אַרבעטער זיינען ניט מוותר אויף דער מעגלעכקייט צו הערשן און עקספּלואַטירן די שוואכע און אונטערדריקטע. עס מוז זיין אַ כוח, וואָס

זאָל זיי צווינגען צו טאָן עס, און קיין אַנדערער קען עס נישט מאַכן, נאָר די אונטערדריקטע אליין. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט איז דורכגעווייקט מיט בלוט פון די פעלקער וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייער זעלבסט־באַפרייאונג קעגן רעגירונגען, וואָס האָבן געהאַלטן די סאָציאַליסטישע פאָן אין זייערע הענט — קעגן אַ הערשנדיקן אַרבעטער־קלאַס.

דער קאָמינטערן האָט געפּרואווט שאַפן דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער מיט גאַנץ אַנדערע מיטלען. ער האָט געוואָלט שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט, וואָס זאָל זיין פולשטענדיק אונטערוואָרפן דעם דיקטאַטאָרישן ווילן פון דער קליינער גרופּע פירער פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיט דער הילף פון דער גוואַלדיקער קראַפט וואָס זיי האָבן אין זייער רשות. די מערהייט פון דער מענטשהייט האָט קיינמאָל נישט געגאַסן פון דער פּאָליטישער פרייהייט פון דעם נייַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אויף וואָס די מערב־פעלקער זיינען אַזוי שטאָלץ. די אַלע דערגרייכונגען: וויסנשאַפטלעכע, טעכנישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע, וואָס דער מערב האָט דערוואָרבן אַ דאַנק דער פרייהייט, האָבן אים געדינט, ווי נאָך אַ מיטל צו אונטערדריקן און עקספּלואַטירן די אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע און פאַרשיידענע מזרח־אייראָפּעאישע פעלקער. הונדערטער מיליאָנען אונטערדריקטע אויף דער וועלט זיינען געשטעלט געוואָרן נית פאַר דער ברירה צו קעמפן פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט און אַזוי אַרום דערגרייכן אַ בעסערן, מענטשלעכערן לעבן, נאָר פאַר דער ברירה אַרויפצושטייגן סאָציאַל און קולטורעל אָן דער פּאָליטישער פרייהייט, אָדער — צו קיין שום אַרויפשטייג. אַ סך פון זיי האָבן מוותר געווען אויף דער פרייהייט, וואָס זיי האָבן איר ממילא ניט געקענט און נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ טעם זי האָט און זיך אָנגעשלאָסן צו די קאָמוניסטן. זיי האָבן אויסגעביטן די אָפּהענגיקייט פון די מערב־אימפּעריעס וואָס שטיצן די עקספּלואַטירער און אונטערדריקער, אויף אַ נאָך מער שווערער אָפּהענגיקייט, פון רוסלאַנד וואָס שטיצט די אַרבעטער־שיכטן פון צווישן די צוריקגעשטאַנענע פעלקער, אונטער דער דיקטאַטאָרישער אויפזיכט און אָנפירונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד. האָבן טאַקע אַזיאַטישע פעלקער אין אונדזער צייט דערגרייכט צו אַן עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, און עס איז אַ גרויסער ספק צי זיי וואָלטן עס דערגרייכט דורך אַן אַנדער וועג.

אָבער אַ סך פעלקער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם קאָמוניסטישן וועג צו שאַפן דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אונטערדריקטע און

עקספּלואַטירטע. די איבערוועגנדיקסטע מערהייט פון די אַרבעטער־מאַסן אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם קאָמו־ניסטישן דרך. זיי האָבן דעראָבערט זייערע דערגרייכונגען, ווייל די פרייקייט און זעלבסטשטענדיקייט, און דער קאַמף פאַר פרייקייט און זעלבסטשטענדיקייט האָט זיי געניצט אויך ווי אַ וויכטיקער ווירקזאַמער מיטל צו זייער סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג, און אויף דעם מיטל וועלן זיי נישט מוותר זיין אויך אויף ווייטער. זיי זיינען זיכער, אַז פאַרבייטן די פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט אויף דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור וועט נישט נאָר נישט פאַרבעסערן זייער עקאָ־נאָמישן און קולטורעלן מצב, נאָר אין קעגנטייל וועלן אים פאַרערגערן און אים טיף אַראָפּנידערן אויך אין די דאָזיקע צוויי היגזיכטן. זיי פאַר־גלייכן דעם לעבן־ניוואָ און לעבן באַדינגונגען פון דעם פויער און אַר־בעטער אין אַמעריקע, ענגלאַנד, די שווייץ אאז״וו, צו דעם פויער און אַרבעטער אין דעם סאָוועטישן תחום, און דאָס פאַרשטאַרקט זייער קעג־נערשאַפט אַרונטערצופאַלן אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט. אַ חוץ דעם איז ביי די דאָזיקע פעלקער אַן איינגעוואָרצלטע טראַדיציע פון פרייהייט פאַר יעדן מענטשן, אינעווייניק צווישן זיין פאָלק און נאַציאָ־נאַלע זעלבסטשטענדיקייט כלפי חוץ. אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן זיך באַוויזן אייניקע פעלערן אין זייער דעמאָקראַטישן סיסטעם. דאָס אויסנוצן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן פאַר איין טייל פון דער מענטש־הייט און אונטערדריקן אַ צווייטן טייל — איז אַ פלעק, וואָס פאַר־שמירט דעם פנים פון דער דעמאָקראַטיע, און צייכנט אָן צו דער זעלבער צייט דעם פּראָצעס פון אַ טיפער איבערשאַצונג פון ווערטן. אָבער די פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט אָן און פאַר זיך, איז אַזאַ טייערער אוצר, איבערהויפּט ביי דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז אָן דעם קען ער זיך נישט פאַרשטעלן קיין ווירדיק מענטשלעך לעבן אין זינען פון דעם וואָרט. און דערפאַר האָט די טענדענץ צו פאַראייניקן אַלע פרייהייט־כוחות אונטער דער הערשאַפט פון קאָמוניסטישן צוואַנג און דיקטאַטור, אַרויסגערופן אַזאַ שאַרפע קעגנערשאַפט. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען אין דער טענדענץ די גרעסטע סכנה פאַר זיי אַליין און זייערע פעלקער. נאָך דעם ווי די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף און וואָס באַ־צוועקט צו צעברעקלען דאָס דעמאָקראַטישע לעבן, כדי צו מאַכן פריי דעם וועג פאַר זייער הערשאַפט — איז דער קאַמף קעגן קאָמוניזם פאַר־וואַנדלט געוואָרן, ביי הונדערטער מיליאָנען אַרבעטס־מענטשן אין אַ געראַנגל פאַר זייער טייערסטן אוצר.

דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אויפשטייג פון די אַזיאַטישע פעלקער האָט געשטאַרקט די קאָמוניסטישע מחנה און געגעבן אַ נייעם שוואונג זייערע וועלט־פּלענער. אָבער דער אויפשטייג האָט אויך געשאַפן נייע ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן פריער נישט עקזיסטירט. די אַזיאַטישע פעלקער, וואָס לעבן אונטער די סאָוועטן זיינען בערך קליינע און פון די צוריקגעשטאַנענסטע. די סאָוועטישע רעגירונג איז ביי זיי אין די אויגן ווי זייער אַ וויכטיקער מדריך, אַ וועג־ווייזער און נישט דווקא ווי אַ צוואַנג־רעזשים, אַזוי באַטראַכטן דעם סאָוועטישן רעזשים אויך אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער, וואָס לעבן מחוץ די ראַמען פון די סאָוועטן. אָבער נישט אַלע דענקען אַזוי.

דאָס אינדואישע פאָלק, למשל, וואָס באַשטייט פון אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע הונדערט מיליאָן נפשות, און האָט אַליין אויסגעקעמפט זיין פרייהייט אויף גאָר אַנדערע וועגן און מיט גאָר אַנדערע מיטלען, האָט אַרויסגעבראַכט פון זיך פרייהייט־באַוועגונגען אָריגינעלע, אייגענע, אינדואישע. זיי שטייען אין דער שפּיץ און פירן אָן די באַוועגונג פאַר פולשטענדיקער סאָציאַלער באַפרייאונג. די פּרוּוון איינצופירן דאָרטן דעם קאָמוניסטישן רעזשים און די הערשאַפט פון די קאָמוניסטישע פירער רופן אַרויס אַ שאַרפע רעאַקציע ביי די פאָלקס־מאַסן.

דאָס כינעזישע פאָלק האָט זיך באַפרייט פון דער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט זיך גרופּירט אַרום דעם קאָמוניזם, און עס עקזיסטירט אַן ענגער בונד צווישן דער קאָמוניסטישער כינע און ראַטנפאַרבאַנד. אָבער כינע איז אַ סך גרעסער פון ראַטנפאַרבאַנד, מיט אַ באַפעלקערונג דאָפּלט גרעסער ווי אין ראַטנפאַרבאַנד, מיט אַ רייכער, אָריגינעלער און זייער אַלטער קולטור, מעגלעך די עלטסטע פון אַלע פעלקער. זיין געשיכטע, זיינע אייגענע לעבן־פאָרמען, וואָס זיינען געשטאַלטיקט און אויפגעלעבט אין משך פון הונדערטער דורות — זיינען אין גאַנצן אַנדערש פון די אַנדערע פעלקער. וועט דען כינע מסכים זיין זיך פולשטענדיק אונטערצוואַרפן און זיין געהאָרכזאַם די קאָמוניסטישע פירער, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי זי האָט אויסגעקעמפט איר פרייהייט מיט אייגענע כוחות אָן דער הילף פון סאָוועטנפאַרבאַנד? וועט די כינעזישע קאָמוניסטישע פאַרטיי, וואָס האָט אירע וואָרצלען אין פאָלק, וואָס מאַכט אויס אַ פערטל פון דער גאַנצער מענטשהייט, צי וועט זי מסכים זיין צו אָנטאָן אויף זיך אַ נייעם יאָך? עס זיינען פאַראַן אין דעם כינעזישן פאָלק קרייזן פון גרויסער השפעה, וואָס שטרעבן צו דער פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פון זייער פאָלק

כּלפּי חוץ און אויך כּלפּי דעם ראַטנפאַרבאַנד. נאָך מער, אין דער פאָלקס דעמאָקראַטישער כינע איז פאַראַן אַ טענדענץ זיך צו שטעלן בראש פון די אַזיאַטישע פעלקער ווי אַן אומאָפּהענגיקער פאַקטאָר, און נישט ווי אַ פאַרמיטלער צווישן זיי און ראַטנפאַרבאַנד. עס איז זייער מעגלעך, אַז די גרויסע דערגרייכונג פון דעם וועלט־קאָמוניזם נאָך זיין נצחון אין כינע זאָל שטעלן פאַר אַ ערנסטן שווערן פּרואוו דעם פּרינציפּ פון פול־שטענדיקער געהאָרכזאַמקייט און אונטערוואָרפנקייט צו די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד.

אין אייראָפּע איז דער קריזיס אין דער קאָמוניסטישער מחנה אויס־געבראָכן נאָך דער עקספּאַנסיע פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט. יוגאָסלאַוויע וואָס זעצט פאָר מיטן קאָמוניזם אינעווייניק אין לאַנד האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעטיילט פון די סאָוועטן און אָנערקענט נישט זייער אויטאָריטעט. עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די טענות, אַז די דיקטאַטור פון וועלט־קאָמוניזם געפינט זיך אין צושטאַנד פון דעגענעראַציע און אַז די פירער פון סאָוועטנפאַרבאַנד עקספּלואַטירן די פעלקער פאַר די אייגענע רוסישע אימפּעריאַליסטישע באַדערפענישן. די באַשולדיקונגען פון קאָלאָניאַלער עקספּלואַטאַציע איז געוואָרן די אַקס אַרום וועלכן עס גייט אָן דער קריג צווישן יוגאָסלאַוויע און דער איבעריקער קאָמוניסטישער מחנה און דאָס ברענגט צו קענטיקע אויפברויזן אויך אין אַנדערע קאָ־מוניסטישע לענדער און פאַרטייען.

דער קאָמוניסטישער וועג האָט נישט געפירט צו דער שאַפונג פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע פעלקער און קלאַסן. ער האָט געהאָלפן צו דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג פון צוריקגעשטאַנענע אַזיאַטישע פעלקער. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער אַרויסגערופן אַ טיפע און אַנטשלאָסענע קעגנער־שאַפט פון אַ סך אַנדערע פעלקער און הונדערטער מיליאָנען אַרבעטער אין אַלע טיילן פון דער וועלט, און דערפירט צו אַ שווערן אין ביז גאָר פאַרשאַרפטן קריג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַנדערע באַפריי־אונגס־באַוועגונגען. די קאָמוניסטישע פאַרטייען זיינען פולשטענדיק אָפּ־הענגיק פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק און איר קאָנקורענץ מיט די אַנדערע גרויסמאַכטן. קיינמאָל, קיינמאָל איז דער ריס צווישן די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע נישט געווען אַזוי שאַרף, ווי ער איז איצט, קיינמאָל איז די שנאה און קעגנזייטיקער קאַמף צווישן די פרייהייט־באַוועגונגען נישט געווען אַזוי צעשטערעריש, ווי ער איז איצט.

דער יידישער פראָנט

די געזעלשאַפט, אין וועלכער דער ייד האָט געלעבט אין גלות האָט זיך ס׳רוב צו אים באַצויגן הפקרדיק. דער פעאָדאַלער רעזשים האָט פאַר אים כמעט פאַרשלאָסן אַלע פּראָפעסיעס און אים צוגעוואָרפן פאַרשיי־דענע אַנטי־סאָציאַלע פונקציעס. נאָר יידן האָבן געמעגט זיין פּראָצענט־ניקעס און דאָס איז געוואָרן אַ טיפּיש־יידישע באַשעפטיקונג. יידן האָבן פאַרקויפט יי״ש און פאַראַרעמט די שכורים. אויף די יידן האָבן די פּרי־צים אַרויפגעלייגט די אַרבעט איינצוקאַסירן ביי די פּויערים דעם אָפּצאָל פאַרן איינטריט אין די קירכעס און פאַרמאַכן פאַר זיי די געבעט־הייזער אויב זיי האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן. אַנטי־סאָציאַלע פּראָפעסיעס זיינען אָפט געווען דער איינציקער פּרנסה־קוואַל פאַר יידן וואָס האָט אין זיי אַנטוויקלט דירעקט אָדער אומדירעקט, טיפּישע אַנטי־סאָציאַלע אינס־טינקטן.

די בושהדיקע אַרבעט האָט נאָך מער פאַרהאַסט די יידן ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג. ווען ס׳האָט זיך פאַרשטאַרקט די פאַרביטערטקייט צווישן די פאַראָרעמטע פאָלקסמאַסן, זיינען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען און שחיטות, וועלכע האָבן אָפט ליקווידירט גאַנצע יידישע קהלות. דער קע־ניג, דער פירשט, דער פּריץ און אַנדערע הערשער אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט זיינען געווען די עיקר־שותפים צו די יידישע אַנטי־סאָציאַלע פּרנסות. ווען די נאָרמאַלע הכנסות האָט זיי נישט געגוגט, האָבן די הערשער אַליין געמאַכט אַ תל פון די יידן קאָנפיסקירט זייער פאַרמעגן, זיי פאַרטריבן און אויך אויסגעהרגעט. דאָס יידישע לעבן איז תמיד גע־האַנגען אויף אַ האָר.

יידן אין גלות האָבן נישט געקענט מלחמה־פירן קעגן זייערע שונאים. זיי זיינען געווען אַ מיעוט צווישן רבים, צעשפּרייט און צעשטויבט און זיינען געצוואונגען געווען צו בעטן הילף און שוץ טאַקע אין דער פיינד־לעכער וועלט. יידן האָבן צוגעשטעלט לוקסוס־אַרטיקלען אין די פּאַלאַצן פון די הערשער און געברויך־זאַכן צו די פאָלקסמאַסן, אַ גרויסע הלוואה די קאַרפּן־קעפּ און נישטיקע סומעס דעם אָרעמען און אומפאַרמעגלעכן. זיי האָבן געדאַרפט יעדן טאָג אויפסניי באַווייזן, אַז מען קען האָבן נוצן און רווחים פון דעם יידס לעבן, האָבן זיי באַמיט צו זיין „באַליבט“ ביי די גויים, אַמאָל דורך אויסלייז־געלט און דורך שוחד אַמאָל דורך חניפה־רייד און תחנונים. יידן האָבן געלעבט אַ טאָג־טעגלעך לעבן און אין זייער פאַרבינדונג מיט דער וועלט איז געווען אַ גרויסע מאָס פון זעלבסט־

דערנידערונג, אָפּנאַרעריי און שקר. די יידישע קבוצים וואָס זיינען כמעט געשטעלט געוואָרן אויסער דער געזעלשאַפט, האָבן באַנוצט דעם אַנטי־סאָציאַלן וועג ווי דעם איינציקן געווער אין זייער גוראַנגל פאַרן קיום.

די פּאַרהאַסטע פּרנסות האָבן פאַרקריפּלט דאָס געשטאַלט פון יידן און זיינען עלול געווען צו קאָרומפּירן זיין כאַראַקטער און מהות. מיט דער צייט האָבן די יידן געקענט פאַרוואַנדלט ווערן ממש אין קנעכט, וואָס די שונאים האָבן צו זיי אַ פולשטענדיקן אינערלעכן בטול־געפיל, און פון דער אַנדערע זייט ווערן אַנטי־סאָציאַלע באַשעפענישן, וואָס דער־גייען איינער דעם אַנדערן די יאָרן און פאַרניכטן דעם קיום איינער פון צווייטן. די וועגן פון אָפּנאַרעריי און זעלבסט־דערנידערונג, וואָס זיי זיי־נען געווען געצוואונגען אַנצונעמען קעגן דער געזעלשאַפט וואָס האָט זיי מפקיר געווען, האָבן אַליין געקענט פאַרניכטן דאָס יידנטום ביזן יסוד. די פירנדיקע קרייזן פון יידנטום האָבן נישט געקענט אָנווייזן אַ פּאַסיקערן וועג כלפּי די גוים, וואָס זיינען געשטאַנען איבערן יידישן פאָלק ווי הענקער. זיי האָבן געשטרעבט דערצו, אַז אַ ייד זאָל אין האַרצן און אין זיין פאָלק זיך קענען דערהייבן, טראָץ דעם גאַנג אויף אַ מיאוסן וועג אין דער באַציאונג צו דער פיינטלעכער וועלט. זיי האָבן זיך באַמיט איינצוואָרצלען וויכטיקע מאָראַלישע ווערטן אין די באַציאונגען צווישן מענטשן, צווישן דעם יחיד און דעם כלל און אין די יידישע קיבוצים גופא. מיט די פּרינציפּן פון שאַצן דאָס לעבן פון מענטש און פון רחמים צום שוואַכן; מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן מענטשן אין דער גע־זעלשאַפט; מיט דער אַנטוויקלונג פון די אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף — מיט דעם אַלעם איז די יידישע קהלה געווען אַ אינדזל אין ים פון גראָבקייט, אכזריות און שטענדיקע רציחות. דערציאונגס־אַנשטאַלטן אין די טויזנטער זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין די גלות־קהלות, און זיי האָבן די יידן דערוואָרבן אַ גייסטיקע ממשלה כלפּי דער שטאַרקערער וועלט מיט איר פיזישן כח. די הערשער צווישן די גוים האָבן נישט תמיד געקענט ריכטיק שרייבן און לייענען, אָבער יידישע עלטערן האָבן אָפּגע־שפּאָרט פון זייער מויל, כדי לאָזן זייערע קינדער לערנען און זיי געבן אַ פּאַסיקע דערציאונג. גאַנצע פעלקער האָבן געזונקען אין דער פינצטערניש פון מיטלאַלטער, אָבער אין יידישע קהלות זיינען געזעסן צענדליקער טויזנטער, געלערנט און זיך באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון אַ הויכער דערהויבענער וועלט.

אין די געטאָ־מויערן האָט זיך צום ערשטן מאָל געוועבט אַ באַזונ־דערע זעלבסטשטענדיקע וועלט־אַנשויאונג פון גערודפטע באַוואוּסטע. דאָ איז געהאַרטעוועט געוואָרן דער שטאַרקסטער געווער פונעם שוואַכן

— זיין פעאיקייט צו קאָנצענטרירן אַלע זיינע מעשים און מחשבות פאַר אייגענע אינטערעסן אַרום זיינע ראַנגלעניש־נויטן און זעען די טעגלעכע געשעענישן אין אַן אַנדער ליכט ווי ס׳האָבן זיי געזען די אונטערדריקער. אין יידישן פאָלק־זכרון האָבן זיך איינגעקריצט זיינע היסטאָרישע דאַטעס און זיינע גורל־פּראָבלעמען זיינען געוואָרן דער הויפּט־עיקר. אין מיטל־אַלטער זיינען די נאַציאָנאַלע באַגריפן כמעט פרעמד געווען די פאָלק־מאַסן, אָבער דאָס יידישע קינד האָט ממש מיט זיין מוטערס מילך אַריינ־געזויגן דאָס געפיל פונעם חורבן, וואָס האָט געטראָפן זיין פאָלק און ער האָט דאָס געטראָגן אין האַרצן ווי די טיפסטע און דערשיטערנדיקסטע איבערלעבעניש. אין דער תקופה, אין וועלכער דער סדר פון דער וועלט האָט אויסגעזען פעסט און אייביק, האָט דער ייד געוואַרט אויף זיין גרויסער באַפרייאונגס־רעוואָלוציע אין יעדער צייט אין יעדער שעה. זיינע צוויי גורלדיקע דאַטעס, — דער חורבן און דאָס קומען פון משיח — זיינען געוואָרן פאַרן יידישן פאָלק די אַקס, אויף וועלכע ס׳האָט זיך גע־דרייט די גאַנצע וועלט־געשיכטע. אויך די וועלט־דערלייזונג וועט נישט קומען אויב נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גאולה פון פאָלק ישראל. אין דער פעאָדאַלער וועלט, וואו די פאָלקמאַסן זיינען געווען איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון זייער צייט און וואוין־פלעצער, האָבן די יידישע קהלות געזאָרגט פאַרן גורל פון זייערע ברידער אין די וייטסטע לענדער, און יידן האָבן זיך געלערנט אָפּשאַצן די געשעענישן היסטאָריש. די דער־ציאונג, און דער יידישער לעבנשטייגער זיינען געווען געריכט צו נאַציאָ־נאַלער טריישאַפט און יידישן אויסדויער. יעדער טאַט און יעדע מחשבה זיינען געפּרואווט געוואָרן אויב זיי קענען העלפן היטן דאָס יידנטום אָדער פאַרקערט. יעדער גאַנג פונעם יידן איז געווען ווי פון אַ סאָלדאַט אויפן פראָנט.

די לערער פון יידנטום האָבן דערציילט וועגן פערזענלעכקייטן און פאַרשיידענע היסטאָרישע געשעענישן, אפילו קעגנערישע. אין דעם פרט האָבן זיי באַוויזן פאַרשטענדעניש און אומגעוויינטלעכע ברייטהאַרציקייט. זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין האַרץ פון פאָלק אַ באַציאונג פון כבוד, ליבשאַפט און אַכטונג אויך צו די העלדן, וואָס האָבן זיך טועה געווען און נכשל געוואָרן; צו דענקער וואָס האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייערע אידייען אויך ווען מ׳האָט זיי נישט אָנגענומען. ווי טיף איז די פאָלק־באַטייליקונג אין דעם צער פון קעניג שאול, טראָץ דעם וואָס ער האָט נישט געהערט גאָטס שטימע און געבראַכט אַן אומגליק אויף זיין פאָלק?! דאָס פאָלק, וואָס איז אַזוי שטאָלץ מיט זיינע העלדן וואָס האָבן מורד געווען קעגן פרעמדע, מיט וועמען פאַרבינדט זיך עס אין זיין טרויער?

מיט ירמיהו; מיטן נביא וואָס האָט גערופן אַוועקצולייגן דאָס געווער. צווישן דעם וועג פון רבי יוחנן בן זכאי און דעם וועג פון בר־כוכבא און רבי עקיבא האָט מען אָפט געזען אַ טיפן קעגנזאַץ, אָבער אַלע דריי זיינען געהייליקט געוואָרן אין זכרון פונעם פאָלק. מען פסקנט אַזוי ווי הלל, אָבער פעלט שמאַיס אָרט צווישן די פלעצער פון די גרויסע לערער? די שורה פון אַזעלכע ביישפילן איז אַ לאַנגע.

ס׳איז אָבער נישטאָ אין דעם פאָלק־פּאַנטעאָן דאָס מינדסטע אָרט פאַר יענע חכמים און געלערנטע, וואָס האָבן געפּרוּווט פאַרמינערן דעם קעגנזאַץ צווישן יידישן פאָלק און דער וועלט אַרום און פאַרטושן דעם אונטערשיד צווישן זיי. פון די העלעניסטן ביז די מענטשן פון דער „תעודה״, פון פלאַוויוס ביז מענדעלסאָן — ווער ס׳איז געקומען אַוועקנעמען די מחיצות איז געבליבן פרעמד און אויסער דער יידישער טראַדיציע, האָבן געמעגט זיינע כוונות זיין וועלכע זיי זיינען. די וועלט אַרום איז געווען געאייניקט אין דער מיינונג, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף פאַרשווינדן, און אין יעדער דערנענטערונג צו דער וועלט און אירע אָנשויאונגען ליגט אַ סכנה פון אָננעמען איר מיינונג. אין דער פעאָדאַלער וועלט, צעשניטן און צעריסן, לויט „אייביקע״ אינטערעסן פון קלאַסן און דינאַסטיעס, פון מעכטיקע הערשער, פאַרטיפט דאָס יידנטום זיין אונטערשיידונגס־שטריך, וואָס שטאַמט פון זיין באַזונדערן גורל און לעבנס־נויטווענדיקייטן. ער זעט ווי אַן עיקר, אין קאַמפּס־פראַנט דעם אונטערשיידונגס שטריך צווישן פאָלק וואָס זיין וועלט איז אים חרוב געוואָרן און צווישן אַלע אַנדערע פעלקער. ישראל פון איין זייט און די גאַנצע וועלט פון דער צווייטער זייט.

דער וועג פונעם יידן אין דער פרעמדער און פיינטלעכער וועלט, די מיאוסע פרנסות וואָס מ׳האָט אים אויפגעצוואונגען, די שתדלנות, דער שוחד און דאָס חנפענען וואָס זיינען געוואַקסן אויס שוואַכקייט — דאָס אַלץ האָט געווירקט און געשטויסן באַרג־אַראָפּ פון מאָראַלישע פאַרגליווערטקייט, און דאָס האָט געקענט פאַרוואַנדלען דאָס יידישע פאָלק אין ציגיינער. יידן האָבן געקעמפט און זיך געווערט קעגן אַזאַ סכנה מיט זייער אָריגינעלער וועלט־אַנשויאונג, מיט מדות און שטרענגען לעבנס־שטייגער וואָס זיי האָבן אויף זיך אַרויפגעלייגט, דורך וועגן טיפע מענטשלעכע באַציאונגען צווישן די מויערן, מיט זייער גייסטיקער אויבערהאַנד און פולשטענדיקער נשמה׳דיקער צוריקהאַלטן זיך פון דער וועלט וואָס האָט זיי פאַרמשפט צו אונטערגאַנג.

***

נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אַנדערע אַנטי־פעאָדאַלע רעוואָלוציעס, זיינען אויך געפאַלן די מויערן פון געטאָ. דער ייד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישע וועלט וואָס זיין יסוד איז עקסטרעמער אינדיווידואַליזם. איצט פיגורירט שוין נישט דער פּרט ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אַ קלאַס, פון אַ שיכט, פון אַ באַשטימטער פּראָפעסיע אאז״וו; פון אַ באַזונדערן צבור, וואָס בינדט אים מיט קייטן פון געזעצן און זייערע מנהגים און שיצט אים קעגן דער דרויסנדיקער וועלט און דער צופעליקייט פון לעבן. דער נייער רעזשים האָט געגעבן דעם מענטש די מעגלעכקייט צו זיין טעטיק ווי אים ווילט זיך, אָבער דערפאַר אַרויפגעלייגט אויף אים די אחריות פאַר זיינע מעשים מיט אַלע קאָנסעקווענצן און רעזולטאַטן. דער פּרט האָט באַקומען דאָס געפיל, אַז יעדער געזעלשאַפטלעכער אָפּהאַלט שטערט נאָר. דערפאַר זיין שטרעבונג זיך צו באַפרייען ווי ווייט מעגלעך פון די געזעלשאַפטלעכע קייטן און שטערונגען, און זיין אַקטיוו נאָר לויט זיין תכליתדיקן „געזונטן״ שכל, לויטן שכל פונעם פּרט און דעם תכלית פונעם פּרט. די דערגרייכונגען אין זכות פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, מאַטעמאַטיק און פיזיק, מאָדערנע טעכניק וכו׳, האָבן נאָך מער געהויבן דעם ראַציאָנאַליסטישן יסוד. דער ייד איז שטיין געבליבן פאַר אַ וועלט געבויט אויף עקסטרעמען אינדיווידואַליזם פון איין זייט און פּראַקטישן שכל פון דער אַנדערער זייט. דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג איז געווען מער בולט אין לעבן פון בורזשוי, וואָס אים באַגלייט די קאַלקולאַציע און רעכנונג־אינסטרומענטן אין אַלע זיינע מעשים, ביי וועלכן די געמיינזאַמע אַקטיוויטעט און סאָלידאַרע פאַרטיידיקונג פאַרלירט דעם ווערט. אויף איר אָרט קומט די פּערזענלעכע איניציאַטיווע און די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ, אין דעם לעבנסשטייגער פון דער בעל־הבתישער וועלט צו וועלכן ס׳געהערן דער רוב פון די יידישע קבוצים אין גלות.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט וואָס צעשטויבט די געזעלשאַפט אין מיליאָנען יחידים וואָס קאָנקורירן איינער מיטן אַנדערן, איז אויך נישט געבליבן קיין אָרט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער ראַם, וועלכע נעמט אַרום דאָס יידנטום ווי אַ באַזונדערן עקאָנאָמישן שיכט. דער מענטש האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אָן אַ ראַציאָנעלן אָדער רעליגיעזן פּאַספּאָרט, און דעם יידן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די וועלט האָט אים געטאָן אַ חסד, דערלויבנדיק אים אַוועקצוואַרפן זיין יחוס־בוך. די געטאָ־פאַרבינדונגען וועלכע האָבן אים הונדערטער יאָרן געשיצט זיינען אין זיינע אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קייטן. אין משך פון דער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן וואַקלען דער צווייטער יסוד פון

דער יידישער פאַרשלאָסנקייט.מיטן שטייגן פון ראַציאָנאַליזם איז אַראָפּ דער שטראַל פון רעליגיע אין דער וועלט, און דער „גלייכער שכל״, „וואָס ווייסט״, אַז „ס׳איז נישטאָ קיין דופק״ שפּאַנט פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע. די אָפּווער־נויטווענדיקייט קעגן דער קאָנקורענץ פון די אַרטיקע איינוואוי־נער, וועלכע האָבן זיך באַהאָפטן אין זייערע טראַדיציאָנעלע פּרנסות, שטויסט דעם יידן זיך צו באַפרייען פון יעדער זאַך וואָס קען אים שטערן אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ אין די נייע באַדינגונגען. דער „שכל״ און דער „תכלית״, זיינע אַלטע ראַטגעבער אין זיינע באַציאונגען כלפי חוץ, באַהערשן אים איצט אויך כלפי פּנים. און זייענדיק באַוואָפנט מיט דער אויטאָריטעט פון דער וויסנשאַפט שטורעמט ער יעדע פאַרבינדונג וואָס שטימט נישט מיטן „חשבון״, מיט דער קריטיק פונעם „געזונטן שכל״.

מיט דער דערשיטערונג פון דעם רעליגיעזן בנין אין אייראָפּע זיי־נען נאָך נישט צעפאַלן אַלע אַנטי־ראַציאָנאַליסטישע לעבן־זיילן. דער שטענדיקער קאָנטאַקט מיט דער ערד, מיט אירע שפּראָצונגען, מיטן לע־בעדיקן אינווענטאַר דערוועקט אין מענטש רעליגיעזע געפילן, וואָס הערן נישט אויף ווירקן אויך נאָך דעם ווי ס׳איז קלענער געוואָרן דער כח פון די קלויסטער־דאָגמעס. ס׳איז אויך געבליבן דער טיפער געפיל, וואָס שטאַמט פון דער צוגעבונדנקייט צום פאָטערלאַנד, צום אָרט ווי דער פּרט איז געבוירן געוואָרן, וואו זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן ביז די ווייטסטע צייטן האָבן געלעבט. דור נאָך דור, טאָג נאָך טאָג, רגע נאָך רגע, פליסן טראָפּנווייז די איינדרוקן און איבערלעבונגען אין דער מענטש־לעכער נשמה, ביז זיי אָקומולירן זיך און קאָנסאָלידירן זיך און ווי פּסיכישע קאָמפּלעקסן, וועלכע דער שכל קען נישט פאַרטרייבן, ווייל זיי געפינען זיך נישט אין דער ספערע פון שכל און באַוואוסטזיין, נאָר אין די קעמער־לעך פון געפילן און עמאָציעס; אין וועלטן איינגעהילטע אין באַהאַלטענע סודות פון אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין. אויך אין דער תקופה פון נייעם קאַפּיטאַליזם איז דאָס לעבן פון די פעלקער אין דער וועלט נישט געבליבן אומבאַאיינפלוסט פון די דאָזיקע אי־ראַציאָנעלע פאַקטאָרן. די טאָג־טעג־לעכע מענטשלעכע פאַרבינדונגען מיט דער נאַטור און מיטן פאָטערלאַנד האָבן זיי אויך אין די נייע באַדינגונגען ווייטער געשפּייזט.

מיט דער רעליגיעזער דערשיטערונג ביי אונדז איז פאַרשטאָפּט גע־וואָרן דער הויפּט־קוואַל, אָפּט דער איינציקער, פון די אי־ראַציאָנעלע אי־בערלעבונגען פון דעם יידן אין גלות. דער מקח און ממכר; די פאַרמיטלונג און די צינזן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דורות לאַנג באַשעפטיקט; דער חשבון און די קאַלקולאַציע; די אַבסטראַקטע קאָמבינאַציעס, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך באַזירט דער רוב פון אונדזערע פּרנסות; די אָפּגעריסנקייט פון

באַדן, פון פאָטערלאַנד — דאָס אַלץ, זייער פיזישע און פסיכישע רע־זולטאַטן — האָבן טיף־טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזער בלוט. זיי האָבן במשך פון הונדערטער יאָרן געוועבט דעם פאָן און צוגעגרייט ביי אונדז אַ פרוכפּערדיקן באָדן פאַרן וואוקס פון עקסטרעמען ראַציאָנאַליזם אין דער נייער תקופה. יעדער שפּאַלט אין דער רעליגיע פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אָפענעם טויער פאַרן שטייגן פונעם „געזונטן שכל", וואָס רייסט זיך אַריין ווי אַ זיגער אין אַלע ווינקלען פון לעבן און פּרוּווט ליקווידירן יעדן פון אונדזערע ווערטן, וואָס איז נישט דורכגעגאַנגען זיין קריטישע רוט. ווייל ס'האָט אונדז געפעלט יעדער קאָנטאַקט מיט באָדן און פאָטער־לאַנד, איז חרוב געוואָרן צוזאַמען מיטן געטאָ און זיין גייסטיקער וועלט נישט נאָר די רעליגיעזע דאָגמע, נאָר יעדער אי־ראַציאָנאַליזם אין דער יידישער נשמה איז געבליבן הענגען אויף אַ האָר. דערווייל באַפעסטיקט ער זיך נאָך אין דער משפּחה און שפּייזט זיך אַ לאַנגע צייט פון די מאָ־ראַליש־נשמהדיקע טראַדיציאָנעלע באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי, צווישן יידישע טאַטעס און זין, אָבער אויך די פעסטונג וואַקלט זיך אונטער די קלעפּ פון דער נייער תקופה.

דער העדאָניזם* און דער היפּער־סאָציאַלער אינדיווידואַליזם, וואָס נעמען אַרויס דעם מענטשן פונעם כלל, נעמען אים אויך אַרויס פון דער געשיכטע; פון דעם קשר מיט די פאַרגאַנגענע און צוקונפטיקע דורות. דער כלל עקזיסטירט הונדערטער און טויזנטער יאָרן. דער פּרט האָט זייער אַ באַגרענעצטע צייט. ווער ס'האָט אַ באַגרענעצטן אינטערעס נאָר פאַר זיינע עגאָאיסטישע געברויכן, ביי דעם איז דער האָריזאָנט פון זיין גייסטיקן אינטערעס אין דער צייט אויך זייער באַגרענעצט. אין אָנפאַנג האָט דער העדאָניזם געמאַכט אַ חורבן אין דעם רעליגיעזן קאָסמישן דענ־קען פונעם מענטש; שפּעטער האָט ער אָפּגעשוואַכט זיין היסטאָרישע עמאָציע; און צום סוף האָט ער אויך געשעדיקט דאָס לעצטע קעמערל, וואָס פאַרבינדט דעם מענטש מיט זיין סביבה אין שטח און צייט — מיט דער משפּחה. דער אימפּרעסיאָניזם, די מאָמענטאַלע ווירקונג (וויפיל צייט לעבט דאָס דער מענטש בכלל!), האָט אויפגענומען פּאַסיוו די איינ־דרוקן פון דרויסן אָן וועלכער ס'איז אָנשטרענגונג זיי צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן; האָט באַהערשט נישט נאָר די ליטעראַטור, די מאָלעריי

---

*) העדאָניזם — פון גריכישן וואָרט „העדאָנע", פאַרגעניגן. אַ פילאָזאָפישע שיטה געבויט אויפן פּרינציפּ פון אינטערעסן דורך באַפרידיקונג און חיי־שעה. גע־בוירן געוואָרן אין 4טן י"ה פ"ק. מאָדערניסטיש באַקאַנט ווי די אוטיליטאַריסטישע שיטה. (רעדאַק').

און די מוזיק ווי אַ קינסטלערישער אויסדרוק פון דעם העדאָניזם. דאָס מאָמענטאַלע איז געוואָרן דער יסוד פון לעבנסשטייגער בכלל און אויך דער יסוד אין די באַדינגונגען צווישן מאַן און פרוי. די מאָמענטאַלע הנאה, פאַרבייטן אַלץ מער און מער די בענקשאַפט צו „אייביקער ליבע". די משפחה ווערט וואָס ווייטער אין אַ גרויסער מאָס אויסגעליידיקט פון אינהאַלט און אין דער זעלבער מאָס מערט זיך די פראָסטיטוציע. דאָס קעמערל אין וועלכן די אי־ראַציאָנעלע קאָמפּלעקסן און געזעלשאַפטלעכע שפּירונגען פונעם יידן האָבן געפונען כמעט די לעצטע רעטונג, — פונעם גהינום פון קאַפּיטאַליסטישער באַשרענגטקייט — דאָס זעלביקע האָט זיך אויך אָנגעהויבן וואַקלען. דאָס יידישע פאָלק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים ראַנד פון אָפּגרונט.

***

נאָך דעם ווי ס'זיינען פאַרשוואונדן די פעאָדאַלע קייטן און ס'האָט זיך געשטאַרקט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, האָבן זיך געשאַפן פאַר מענטשן פעאיקע מיט איניציאַטיוו — אַקטיוויטעט־מעגלעכקייטן, וועלכע מ'האָט זיך פריער נישט פאַרגעשטעלט. ס'האָט זיך געמערט די צאָל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע נויטיקן זיך אין דירעקטאָרן, אין טעכניקער, אין וויסנשאַפטלייט, אין דערפינדער אאז"וו. דער געיעג נאָך מערק פאַר דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע, איז מחייב צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון מקח און ממכר, און דערצו פאָדערן זיך מענטשן מיט קאָמערציעלן שוואונג. מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און מיט דער פרייקייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטש, האָבן זיך געמערט און פאַרצווייגט די געזעצן, די באַציאונגען צווישן בירגער און בירגער און צווישן דעם בירגער און דער מדינה זיינען געוואָרן מער קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט. ס'איז געוואַקסן די נויטווענדיקייט אין יורידישע ספּעציאַליסטן און אַדוואָקאַטן, ריכטער וכו'. די נייע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען גייען ווייטער פון דעם מענטשנס וואוין־אָרט, פון זיין פאָטערלאַנד־גרענעצן. אין ברייטע קרייזן דערוועקט זיך דער אינטערעס וועגן דעם וואָס קומט פאָר אין די מרחקים. די צייטונג און דאָס בוך ווערן אַ מאַסן־פּראָדוקט און מ'נייטיקט זיך אין אַ סך זשורנאַליסטן און שרייבער. אין די גרויסע איינדוסטריע־צענטערס ווערט איינגעשרומפּן די פאָלקס־קונסט; ס'ווערן קלענער די מעגלעכקייטן פאַר טראַדיציאָנעלע פאָלק־שפּילערייען. זייער אָרט פאַרנעמט דער מאָדערנער טעאַטער, דער קאָנצערט־זאַל אדג"ל., און ס'פאָדערן זיך פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער. אַ סך פון די וואָס פאַרלאָזן דעם געטאָ ציט צו די דאָזיקע פּראָפעסיעס און זייער גלייכן, און די

קהלות ווערן ליידיק פון די מענטשן וואָס פאַרשטייִן די נייע צייט און אירע פּראָבלעמען. יידן פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט צווישן די בויערס פון דער נייער ווירטשאַפט און קולטור ביי פאַרשיידענע פעלקער, און דאָס יידנטום אַליין בלייבט אין דער קריטישסטער תקופה פון איר געשיכטע אָן פּאָסיקער אָנפירערשאַפט. ווער ס'דערוועבט זיך וועלטלעכע ידיעות דערווייטערט זיך אָדער שטרעבט זיך צו דערווייטערן פון יידנטום. פאַר יידישער אחדות, פאַר דער באַזונדערקייט פון יידישן גורל, פאַר דעם יידישן זעלבסטשטענדיקן און באַזונדערן וועג קעמפן רעליגיעזע קנאים און אַ פאַרשטיינערטער לעבנשטייגער. זיי אַליין האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי ווייט פוסט און וואַקלדיק ס'זיינען די פּאָזיציעס פונעם פאָלק.

מיט דער צייט איז קלאָר געוואָרן אויך פאַר די אַלע געוועזענע אין געטאָ, אַז די געטאָ־מויער איז נישט געווען די איינציקע מויער וואָס צעשיידט צווישן יידן און די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. דער מאַניפעסט אַז יידן וועלן האָבן בירגער־רעכט איז נישט אויפגענומען געוואָרן מיט קיין באַגייסטערונג אַפילו אין די ליכטיקע טעג פון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס. דער ענין האָט אַרויסגערופן אַ שטורמישע פּאָלעמיק אין פּאַריזער קאָנווענט און איז געווען באַגלייט מיט פּאָגראָמען אין פאַרשיידענע ערטער אין פראַנקרייך. ענלעך צו דעם האָבן זיך אַנטוויקלט די געשעענישן אויך אין אַנדערע לענדער. וואָס מער ס'איז געוואַקסן די צאָל יידן וואָס זיינען אַריינגעדרונגען צווישן די גוים, אַלץ שטאַרקער איז ביי זיי געוואָרן דער ווילן זיך צו פאַרמאַכן פאַר זיי. צווישן דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און אפילו די יידן וואָס האָבן געמיינט אַז זיי האָבן זיך שוין פולשטענדיק אַסימילירט זיינען געוואַקסן די מחיצות. ס'האָט מער נישט גענוגנט דער פאַקט, אַז דער עמאַנציפּאַציע־מענטש איז אַוועק פון יידנטום, און ס'איז אויך נישט גענוג געווען אַז דער געזעץ איז געווען אויף זיין זייט. די רעזערוואַציע און דער געזעלשאַפטלעכער באָיקאָט זיינען געווען שטאַרקער פון געזעץ. די עמאַנציפּאַציע־לייט האָבן געטענהט, אַז דער וואָרצל ליגט אין דעם באַזונדערן ווייטערן קיום פון די יידישע קבוצים. ווען אַלע יידן וואָלטן מוותר געווען אויף זייער אַנדערשקייט, וואָלט ממילא פאַרשוואונדן דער מויער וואָס עס האָבן אויפגעשטעלט די קריסטן אין די סאַמע עמאַנציפּאַציע־טעג.

אַ סך יידן האָבן געפּרואווט, און ס'איז זיי אויך געלונגען ,אַריינצודרינגען אין דער נישט־יידישער וועלט אויף אַן אינדיווידועלן אופן. אָבער די עמאַנציפּאַציע־לייט האָבן זיך דערמיט נישט באַנוגנט. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ געמיינזאַמע אָנשטרענגונג צוצואיילן ווי ווייט מעגלעך די פולשטענדיקע אַסימילאַציע פון די יידן צווישן די גוים. די דאָזיקע

שטרעבונג איז געווען דער איינציקער פאַקטאָר וואָס האָט זיי פאַרבונדן צווישן זיך ווי יידן און צום גרויסן טייל אויך זייער איינציקע פאַרבינ־דונג צום יידנטום בכלל. קיין אידעע, קיין שום געזעלשאַפטלעכע פּאָזי־טיווע טענדענץ איז נישט געווען ביי די עמאַנציפּאַציע־לייט, וועלכע האָבן געהערשט אַ לאַנגע צייט אין די מערסטע קהלות אין מערב־אייראָפּע. זייער טעטיקייט האָט געהאָלפן אַ סך יידן זיך באַפרייען פון די רעשט־לעך פון זייער אייגענער גייסטיקער וועלט פון זייער לעצטער מעגלעכקייט ריכטיק אָפּצושאַצן דאָס וואָס קומט פאַר אַרום זיי און אַריינצובליקן אין דער צוקונפט.

***

אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, ספּעציעל רוסלאַנד, האָט זיך די יידישע עמאַנציפּאַציע־אינטעליגענץ קאָנצענטרירט אין אַ גרויסער מאָס אין די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אין רוסלאַנד האָבן נאָך אַלץ געהערשט די פעאָדאַלע און האַלב־פעאָדאַלע שיכטן, און די רעגירונג האָט שטאַרק באַגרענעצט די בירגערלעכע רעכט פון די יידן. אין לאַנד איז געווען אַ גרויסער דוחק אין פעאיקע אינטעליגענטע מענטשן, אָבער די נייע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זייער צאָל איז אַלץ מער און מער געוואַקסן, איז בכלל אויסגעשלאָסן געוואָרן ווי קאַנדידאַטן אויף פּאָסטנס און וויכטיקע עפנטלעכע אויפגאַבן. אין אַלגעמיין האָט מען געמיינט אַז די דאָזיקע באַגרענעצונגען וועלן נישט פאַרשווינדן ביז צו אַ פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די יידישע אינטעליגענץ וואָס איז געווען טעטיק אין די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט באַוויזן גבורה און אויסערגעוויינלעכע קרבנות־גרייטקייט, אָבער זי איז אַנטלאָפן פון די יידישע פאָלקסמאַסן און פון דער אחריות פאַר זייער גורל און זייער צוקונפט.

רוסלאַנד האָט נישט דורכגעמאַכט קיין פּאָליטיש־בירגערלעכע רע־וואָלוציע, אָבער דער קאַפּיטאַליזם האָט אויך אין איר אַריינגעדרונגען און אין פאַרשיידענע ערטער דערגרייכט אַ קאַנטיקע אַנטוויקלונג. די ראַיאָנען, אין וועלכע ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די רוסישע יידן, בעיקר פּוילן, זיינען טיילווייז געווען פון די אַנטוויקלטסטע שטחים פון אינדוסטריעלן שטאַנדפּונקט. באַשטימטע יידישע קרייזן האָבן געמאַכט פאַרשידענע געשעפטן און זיך מפרנס געווען און אפילו אויך רייך געוואָרן. אָבער צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן האָט מען בעיקר געפילט די נעגאַטיווע רעזולטאַטן פון דער נייער אַנטוויקלונג. די גרויסע פאַבריק וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף די חורבות פון די קליינע וואַרשטאַטן, איז געווען פאַרמאַכט

פאַר די יידן, און אַ יידישער בעל־מלאכה וואָס האָט נישט געקענט קאָנ־
קורירן מיט דער מאַשין איז אָפט געבליבן אָן פרנסה. אַ יידישער בעל־
עגלה האָט פאַרלוירן זיין פריערדיקע פרנסה, — די אייזנבאַן האָט זי ביי
אים צוגענומען, אָבער די דירעקציע פון דעם אייזנבאַן לאָזט אים נישט
פאַרדינען זיין ברויט ביי דער נייער אונטערנעמונג. צעדליקער טויזנטער
קליינטניקעס און יידישע פאַרמיטלער אין די שטעטלעך האָבן אויפגעהערט
צו זיין „צענטערס" און האָבן זיך אין אַ גרויסער מאָס אויסגעליידיקט
פון די ממשותדיקע פרנסות. מער פון דעם: יידן, וועלכע האָבן אַלע יאָרן
געאַרבעט אויף פלעצער און לכל הדעות ווי כשרע פראָלעטאַריער, ווי נאָר
די אונטערנעמונג האָט זיך פאַרפולקאָמט און איבערגעגאַנגען צו מעכאַ־
ניזאַציע האָט זיך באַלד דערוועקט די פראַגע, אויב מען מעג דאָרט ווײ־
טער באַשעפטיקן יידן. ס'רוב איז דער ענטפער געווען אַ נעגאַטיווער.
נישט־יידישע אַרבעטער האָבן באַטראַכט די אַרבעט אין אינדוסטריעלע
ווערק ווי זייער מאָנאָפּאָל. הונדערטער טויזנטער יידן זיינען פאַראור־
טיילט געוואָרן דורכן קאַפּיטאַליזם צום פולשטענדיקן אונטערגאַנג. ס'איז
זיי נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צוצופאַסן צום נייעם מצב
און זיך דערנערן ווי אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט אינטערעסירט דעם יידישן רעוואָלו־
ציאָנער. אַ סך יידישע אינטעליגענטן זיינען אַריינגעטראָטן צו די נאַ־
ראָדאָוואָלצעס, עס־ערן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנדערע רוסישע רע־
וואָלוציאָנערע פאַרטייען. אין די דאָזיקע רוסישע קרייזן האָט געהערשט
די מיינונג, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון דור צו דור, פון
די ערשטע קריסטן ביז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן פון 20סטן
יאָרהונדערט, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף פאַרשווינדן פון דער וועלט.
דער יידישער רעוואָלוציאָנער האָט נישט נעגירט אַזאַ מיינונג. וויסנשאַפט־
לעכע סאָציאַליסטן און אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן האָבן געהאַט אַ סאָ־
ציאָלאָגיש - וויסנשאַפטלעכן אַרגומענט: דער גורל פון די מיטל־שיכטן מוז
צעריבן צו ווערן אין דעם געראַנגל צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָ־
לעטאַריאַט, און היות ווי דאָס יידישע פאָלק באַשטייט בעיקר פון מיטל־
שיכטן, דערפאַר וועט עס אין גאַנצן צעריבן ווערן. יידישע רעוואָלוציאָנערן
האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און קרובים, זיינען געגאַנגען אין די פאַר־
וואָרפנסטע רוסישע דערפער, זיך צוגעפּאַסט צו די פּרימיטיווע באַדינגונ־
גען, צו גראָבקייט און אכזריות, זיי האָבן געליטן און איינגעזאַפּט אין
זיך דאָס שווערסטע וואָס ס'קען נאָר זיין, כדי צו וועקן דעם רוסישן און
אוקראַינישן פויער, אים ווייזן ווי אַזוי מ'קען דערגרייכן אַ בעסער און
שענער לעבן. פון דעם יידן וואָס איז פאַראַרעמט געוואָרן און אַלע האָבן

פאַר אים פאַרמאַכט די טויערן, האָט זיך דער יידישער רעוואָלוציאָנער געמיאוסט. ווען דער יידישער סאָציאַליסט איז געוואָר געוואָרן, אַז דער רוסישער פויער איז פאַרבונדן מיט לייב און לעבן צו זיין שטיקל ערד און אים ווילט זיך פאַרגרעסערן זיין פריוואַט־אייגנטום, האָט זיך דער יידישער רעוואָלוציאָנער באַמיט, צוזאַמען מיט זיינע נישט־יידישע חברים, צוצופאַסן די לאָזונגען, די אויפקלערונג, זייער גאַנצן פּראָגראַם צו די קאַפּיטאַליסטישע אינסטינקטן פונעם פויער. ווען עמעץ האָט געמיינט, אַז פּאָגראָמען און שחיטות אויף יידן קענען דינען ווי אַ מיטל צו וועקן נישט־רוסישע פאָלקמאַסן זיי זאָלן זיין מער רעוואָלוציאָנער, האָבן זיך געפונען יידן מיט סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין, וואָס האָבן זיך באַטייליקט ביים אָנשרייבן און פארשפּרייטן אַן אויפרוף, וואָס באַרעכטיקט פּאָגראָמען. מיט די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן, מיט די צענדליקער טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געראַנגלט צו געפינען אַ וועג אין לעבן האָט דער יידישער רעוואָלוציאָנער נישט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך. נאָך 60 דורות פון געראַנגל צווישן יידישן פאָלק און זיינע שונאים, זיינען געקומען יידישע רעוואָלוציאָנערן און אויך זיי האָבן צו־געגעבן זייער הסכמה צום פאַרניכטונגס־גזר אויף דעם גערודפטן און פאַרמאַטערטן פאָלק. דאָס האָט געדינט אין די אויגן פון אַ סך פאַר אַ באַווייז אויף פולשטענדיק אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערישקייט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.

**
*

די טראַדיציאָנעלע יידישע זאָרג צו דערציען דעם מענטש, די אַלגע־מיינע זאָרג פאַרן גורל פון יעדן פרט; די פאַרפליכטונגען וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויפן יחיד און אויפן גאַנצן כלל, האָבן אַרויסגעגעבן דער־הויבענע מענטשלעכע אייגנשאַפטן אין דער יידישער נשמה. די הייליקע ערן־באַציאונג צום לעבן פון אַ מענטשן; די מאָס פון באַרמהאַרציקייט און די טיפע נויטווענדיקייט צו פאַרלייכטערן די ליידן פון דעם צווייטן; די שטאַרקע עמפינדלעכקייט קעגן עוולות — דאָס אַלץ איז געוואָרן אַ יסוד פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט געהיטן די יידישע עק־זיסטענץ אין די גלותן אויך אין די שרעקלעכסטע טעג פון די שווערסטע רדיפות. אויך נאָכן פאַלן פון די געטאָ־מויערן, איז נישט געעפנט גע־וואָרן פאַרן יידישן פאָלק דער וועג צום פעלקער־גליק, צו זייער קולטור און דערגרייכונגען. אָבער די וועלט פון יידישן פאָלק האָט זיך ברייט גע־עפנט פאַר בייזע ווינטן וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער ווערמדיקייט און אונטערגאַנג פון דער וועלט, פון זיין הפקר־באַציאונג צום מענטש

און זיין לעבן, און די יסודות פון די באַציאונגען צווישן איין מענטש און דעם צווייטן ביי די יידן אַליין, צווישן דעם כלל און פרט — האָבן זיך אויך אָנגעהויבן וואַקלען.

יידישע בחורים און מיידלעך וואָס טראָגן אין האַרצן דעם פלאַם פאַר אמת און גערעכטיקייט; יידישע דורותדיקע בענקשאַפט וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון טאַטן צום זון און האָט זיך אָפּגעזעצט ממש אין בלוט, פּרואוון רעוואָלטירן קעגן דער וואַקסנדיקער הפקרות; קעגן דער אומרעכט וואָס שיט זיך אויף דעם אָרעמען שוואַכן ייד אינעווייניק, ווי אַ צוגאָב צו די עוולות און אונטערדריקונג פון דרויסן. דער דאָזיקער דערוואַכונג האָט געפעלט אַ ריכטונג. די יידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ באַגנוגנט זיך שוין נישט מיטן דערוויטערן פון יידישן כלל. נאָך דעם ווי זי האָט פאַרמשפּט דאָס פאָלק צו אונטערגאַנג, איז דאָס פאָלק געוואָרן הפקר אין אירע אויגן. יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן אינוועסטירן אַ סך כוחות, כדי איבערצורעדן די אידעאַליסטישע יידישע יוגנט אין די קהילות זיי זאָלן אויך פאַרלאָזן די עלטערן, דאָס גאַנצע יידנטום, און זאָלן אַוועקגעבן זייער לעבן, זייער פעאיקייט, און אָפּפערווויליקייט דער זאַך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, פון רוסישן אַרבעטער און פּויער.

יידישע עמאַנציפּירטע אינטעליגענץ איז געווען זייער רעוואָלוציאָנער בעיקר אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, אין וועלכע דער הערשנדיקער רעזשים איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער הויפּט־פאַקטאָר, אָדער דער איינציקער, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דאָס שטייגן פון די יידישע אינטעלעקטואלן. אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט זיך דער דאָזיקער שיכט פונאַנדערגעשפּרייט אין פאַרשידענע פּאַרטייען, מער אָדער ווייניקער מעסיקע און קאָנסערוואַטיווע, און איז אויך אַוועק צום פּולשטענדיקן שטילן אַפּאָליטישן לעבן אין דער מאָס אויף וויפל די שטערונגען פאַר פּערזענלעכע שטייגונג זיינען פאַרשוואונדן פונעם וועג.

די יידן אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין רוסלאַנד וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַזוי פיל מסירת־נפש און זייערע אָנשוייאונגען זיינען געווען אַזוי אוניווערסאַל — ווי אכזריותדיק איז געווען זייער גלייכגילט צום גורל פון יידישן פאָלק! זיי האָבן נישט געפילט און געוויייטיקט פאַר דעם פאַרשטויסענעם און ווייטן פון דעם רוסישן פּויער, פון פּוילישן אַרבעטער וואָס איז זיי אין גאַנצן פרעמד געווען, אויפן מזבח פאַר יענע האָבן זיי מקריב געווען זייערע בעסטע כוחות און לעבנס. דאַקעגן די קינדער פון זייער אייגן פאָלק וואָס זייערעליידן האָבן זיי געזען יעדן טאָג, יעדע שעה, פון זיי זיינען זיי אַנטלאָפן און זיי געלאָזט

אויף הפקר מיט זייער גורל. ס׳איז ווייזט אויס פאַראַן אַן אידעאַליזם וואָס זיין מקור שטעקט אין דעם עגאָאיזם פון אַ באַשטימטן קאָלעקטיוו און נישט גראָד אין דער עמפּינדלעכקייט צו די מענטשלעכע ליידן. ווייזט אויס אַז צום רוסישן דאָרף, צו דער פּוילישער פאַבריק האָט זיך דער יידישער אידעאַליסט, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם געטאָ, געשטופּט דער עיקר צוליב אַ ווילן זיך אַליין צו באַפרייען. ער האָט געגלייבט, אַז צווישן די גויים ליגט באַהאַלטן דער אינסטרומענט צו צעברעכן דעם רע־זשים וואָס דריקט אים און זיינס גלייכן. דער רעוואָלוציאָנערער אַלטרו־איזם, די ליבע צום פויער און אַרבעטער, „אָן אונטערשייד פון רעליגיע און נאַציע״, זיינען נישט געווען מער ווי אַ פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער שלייער וועלכער האָט געגעבן פליגל, דעם פאַרמעסט און פאַרלייכטערט דעם גאַנג צו פרעמדן פאָלק. דער בעל־מלאכה און דאָס לערן־יינגל אין געטאָ, דער יידישער אַרבעטער וואָס איז אַרויסגעשטויסן פון פאַבריק מיטן אַריינדרינגען פון דער מאַשין — וואָס איז זייער כוח און זייער ווערט; אין וואָס באַשטייט זייער מעגלעכקייט אין פאַרגלייך מיט די מעכטיקע פאַקטאָרן וועלכע שטערן דעם אויפשטייג פון יידישן אינטעליגענט? זיי זיינען נישט קיין שוואונג, נאָר אַ לאַסט וואָס באַשווערט דעם גאַנג פון אַ מאַסע וואָס איר פעלט נישט נאָר באַוואוסטזיין, נאָר אויך די פּאָטענ־ציעלע כוחות מיט פּערספּעקטיוון פאַר אַ גיכן זיג. פאַר דער טעטיקייט צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן האָט זיך געפאָדערט אויפאָפּפערונג אין טיפערן זין פון וואָרט וואָס ווערט נישט באַלוינט. דאָס האָט ווייזט אויס געפעלט. פון דער קאָסמאָפּאָליטישער זאָרג און ליבע צו די אומגליקלעכע און אונטערדריקטע „אָן אונטערשייד פון נאַציע״, וואָס האָט באַצייכנט די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, איז אויסגעשלאָסן גע־וואָרן דאָס אומגליקלעכסטע און אונטערדריקטסטע צווישן די פעלקער — דאָס יידישע פאָלק מיט אַלע זיינע שיכטן און קלאַסן. דער עגאָאיזם פון אַ שיכט און די פאַראַכטונג צום שוואַכן, האָבן זיך געגעבן די הענט און געשאַפן אַן אידעאַליזם פון יידישע סאָציאַליסטן, וואָס זייער ערש־טער טריט איז געווען דאָס אָפּלייקענען און דאָס מפקיר זיין זייער אייגן גערודפט פאָלק.

***

אין סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט דער יידישער אַרבעטער אין מזרח־אייראָפּע אָנגעהויבן בויען זיין אייגענע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער „בונד״, וואָס האָט אין משך פון דער צייט אַרומגענומען נישט אַ קליינעם שיכט פון אינטעליגענטן, נאָר אַ גרויסע

אַרבעטער־מאַסע. ס׳האָבן זיך אָרגאַניזירט יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געקענט טראַכטן וועגן גיין ווי מיסיאָנערן צו דעם נישט־יידישן האַרעפּאַשניק. זיי האָבן געהאַט ווייניקער פּלענער צו באַפרייען אַלע עקספּלואַטירטע אויף דער וועלט און מער קאָנקרעטע מעשים, וואָס זיינען אַרויסגעדרונגען פון דער אמתער זאָרג פאַרן גורל פון די אונטערדריקטע פון דעם יידישן פאָלק גופא.

די נייע באַוועגונג האָט אַרומגענומען צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער, אָבער אויך די זיינען ערשט געווען נאָר אַ חלק פון אַלע אונטערדריקטע אינעם יידישן פאָלק. נישט קיין גרויסער חלק. די קרעמערס, די בעלי־מלאכות, די פּעדלער, מעקלער און אַנדערע יידן וואָס זייער עקזיסטענץ האָט אָנגעהויבן חרוב צו ווערן, זיי צוזאַמען מיט זייערע משפּחות האָבן געשאַפן אַ צאָל וואָס האָט דערגרייכט צו מיליאָנען. צווישן זיי זיינען געווען נישט ווייניק, וואָס זייער מצב איז געווען שרעקלעכר פון דער אַרבעטערס. אָבער דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער האָט זיך מיט זיי נישט פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך פון זיי אָפּגעגרענעצט און אַפילו זיך געאייניקט אין דער מיינונג, אַז „ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג״, אַז דאָס יידישע „קליינבערגערטום״ דאַרף צעריבן ווערן צווישן די רעדער פון קאַפּיטאַליזם און סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער רוסישער און פּוילישער פּויער האָט נישט איבערשטיגן דעם יידישן קליינבירגער מיט פּראָלעטאַרישער כשרות, אויך נישט פון שטאַנדפּונקט פון ווערט פון זיין פּריוואַט פאַרמעגן, און אַוודאי נישט מיט זיין קאַפּיטאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג. פונדעסטוועגן האָט די רוסישע אָדער פּוילישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זיך נישט באַצויגן פּרעמד צום פּויער ווי עס האָט עס געטאָן די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג כלפּי דעם נישט־פּראָלעטאַרישן האַרעפּאַשנעם שיכט אין דעם יידישן פאָלק. די רוסישע און פּוילישע אַרבעטער האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זיי וועלן קענען אַליין דערגרייכן דעם ענדציל אָן דער הילף פון פּויער. דאַקעגן האָט זיך דעם יידישן אַרבעטער געדאַכט, אַז זיין זיג איז אָפּהענגיק אין זיינע פאַרבינדונגען מיטן נישט־יידישן אַרבעטער און נישט דווקא מיט די נישט־פּראָלעטאַרישע יידישע האַרעפּאַשניקעס. אין אַ שותפות מיט זיי האָט ער געזען אַ פּגם, וואָס קען באַשווערן און אַפילו שטרויכלען זיינע אָנשטרענגונגען צו שאַפן פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען מיטן העלד פון דער געזעלשאַפט, מיטן שטאַרקסטן צווישן די שוואַכע — מיט די נישט־יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דערפאַר האָט דער יידישער אַרבעטער מוחל געווען זיין פּוילישן און רוסישן חבר; אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש צו זיינע אַלע שוואַכקייטן; האָט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום

פויער, אָבער געבליבן שטרענג ביז אכזריות צו זיינע האַרעפּאַשנע מיט־ברידער. דאָ איז ער אָן רחמנות געשטאַנען און אָפּגעהיט די פּראָלעטאַרישע כשרות. די אידעאָלאָגישע פרומקייט האָט ס׳רום געדינט ווי אַ שיינער דעקמאַנטל דעם מיאוסן קלאַסן־העדאָניזם.

די יידישע עקאָנאָמיק איז רואינירט געוואָרן ביזן יסוד. די לאַגע איז באַזונדער שאַרפער געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין מזרח־אייראָפּע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע מדינות, וואָס האָבן מיט דער הילף פון אַ סך רעגירונג־אינסטרומענטן, אָנגעהויבן פּלאַנמעסיק אַרויסשטויסן יידן פון זייערע פּאָזיציעס. ס׳איז געוואַקסן אַ יידישע מוטיקע און פעאיקע יוגנט, וועלכע די נייע וועלט האָט באַטראַכט ווי „איבעריקע״. כמעט אַלע וועגן זיינען פאַר זיי פאַרמאַכט געוואָרן. אין משך פון דער צייט האָבן זיך אויך געשלאָסן די טויערן אין די לענדער פון יענער זייט ים. אין די פאַראָרעמטע שטעטלעך האָבן זיך די יידישע מאַסן אַרומגעדריי׳ט ווי שאָטנס. דער „בונד״, די צאָלרייכע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך גע־געגרויסט מיט דעם גאַנצן חורבן און זיינע קרבנות. ס׳איז געוואַקסן אַ יונגע און רייפע מחנה, וואָס האָט אָן ערפאָלג געקלאַפּט אין די טויערן פון די פאַבריקן. די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן פאַרמאַכט זייערע טויערן פאַר נייע מיטגלידער און האָבן דאָס רעכט אויף אַרבעט פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנאָפּאָל פון זיין מאַיעסטעט. דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער. די אַרבעט־פּלעצער, אין וועלכע ס׳זיינען אָנגעקומען אַ גע־וועזענער קליינטניק וואָס זיין פּרנסה איז צעשטערט געוואָרן, אַ פּרנסה־לאָזער מעקלער; אָדער וואו עס האָט געמאַכט די ערשטע אַרבעט־טריט אַ באַלעבאַטישער זון, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן — די פּלעצער זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר טמא און די אַרבעטער פאַר טמאים. דעם ערשטן מיי האָבן יידישע אַרבעטער דעמאָנסטרירט, אָרגאַניזירט לויט זייערע פאַראיינען און געאָרדנט לויט זייערע וואַרשטאַטן און „אייגענע״ פאַבריקן. זיי האָבן מאַרשירט שטאָלץ אונטער דער פאָן פון גלייכקייט און אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, די פאָן פון וועלט־דערלייזונג. אָבער אויף די טראָטואַרן, ביי די הייזער און אין די גאַסן־ווינקלען, האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט יידישע יוגנטלעכע, אָפּגעריסענע און פאַרוועלקטע, וואָס דער „בונד״ און זיינע אָרגאַניזאַציעס האָבן דערקלערט פאַר „שטרייק־ברעכערס״, פּראָפעסיאָנעלע „פאַרעטער״ אדג״ל. די יוגנטלעכע האָבן געוואוסט, אַז פאַר זיי איז נישטאָ קיין סאָלידאַריטעט, נישט קיין נאַציאָנאַלע און נישט קיין אינטערנאַציאָנאַלע, אַז מען פאַרטרייבט זיי פון יעדן אַרבעט און פּרנסה־קוואַל. עס פאַרטרייבן זיי קאַפּיטאַליסטן

יידישע און ניט־יידישע, און עס פאַרטרייבן זיי אַרבעטער, יידישע און ניט־יידישע.

ווען דער ציוניזם האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, האָבן די מערהייט יידישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן געהאַלטן, אַז דאָס וועט שטערן זייער איינוואָרצלען זיך אין זייערע וואוין־ערטער און זייער באַהעפטן זיך מיטן ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט וואָס אויף אים האָבן זיי זיך געשטיצט. דער „בונד" האָט אָנגעהויבן אַ שאַרפן קאַמף קעגן ציוניזם און האָט אין דעם קאַמף אינוועסטירט אַ סך כוחות און דויערנדיקן עקשנות. די ניט־יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אים אין דער הינזיכט געשטיצט. דאָס איז געווען צווישן זיי די איינציקע געמיינשאַפטלעכע טעטיקייט, וועלכער האָט לאַנג אָנגעהאַלטן.

***

אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז אַריינגעפלאָסן אַ נייע כוואַליע עולים קיין ישראל מיט אַ ווילן זיך איינצוגלידערן אין דער אַרבעט. זיי זיינען געקומען נאָך דעם ווי דער גרעסטער טייל פון דער ערשטער עליה, די בילו־באַוועגונג, איז געוואָרן איינגעדאַרט. די צייט — דער אוגאַנדאַ־קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905. די נייע עולים זיינען געווען דורכגעדרונגען נישט נאָר מיט אַ גרויסער וויזיע נאָר אויך מיט אַ שווערער אַנטוישונג. די צווייטע עליה איז אין אַ גרויסער מאָס געוואַקסן ווי אַ פאַרצווייפלונג, נאָך דעם ווי ס׳זיינען צערינען געוואָרן איבערגעטריבענע האָפענונגען אין פאַרשידענע ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע פּראָגראַמען. טאָג־טעגלעכע פּראָצע, אָן גלאַנץ און אָרעאָל; אָן באַגייסטערטע פלאַטפאָרמעס; אָן שטרעבונג צו גיכער אויסלייזונג — דאָס איז געווען דער אינהאַלט. אַפילו די איבערצייגטע און געוואַגטסטע האָבן מאַרשירט אָן נצחון־לידער און גלויבן אין זייער מויל. אין דער שעה פון אומבאַהאָלפנקייט און פאַרלעגנהייט האָט מען זיך אַפילו נישט באַנוצט מיט רעוואָלוציאָנערער שכרות. דער גאַנג פון די ראשונים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל איז אויך נישט געווען קיין געמיינזאַמער. אַ לאַנגע צייט זיינען זיי כלל נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט פון וועלכן דער פּרט קען שעפּן קראַפט אין שעהן פון קריזיס און פאַרצווייפלונג. די ערשטע טריט האָבן זיי ס׳רוב געמאַכט אָן דער אַטמאָספערע פון חברשאַפט און קאַמפערישער אחדות, וואָס האָט נישט איין מאָל געראַטעוועט מענטשן פון מאָראַלישער געפאַלנקייט, וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט פון איזאָלאַציע. דאָס איז געווען אַ באַוועגונג וועלכע האָט

נישט איר גלייכן, ווי עס האָט נישט קיין גלייכן דער תהום פון יידישן חורבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

גרויסע ליידן האָט באַצייכנט דעם וועג פון דער צווייטער עליה, אָבער אין איר זיינען געווען באַהאַלטן פּאָזיטיווע פאַקטאָרן. זי האָט אַנטהאַלטן די גאַראַנטיע אויף דער קוואַליטעט פונעם מענטש וואָס האָט געוואַגט, עולה געווען און איז געוואָרן אַן אַרבעטער אין יענער צייט. יעדן טאָג האָט מען געמוזט גובר זיין אומענדלעכע שוועריקייטן אָן אויס־זיכטן אויף שנעלן דערפאָלג. דאָס האָט געבראַכט די נאַטירלעכע סע־לעקציע. נאָר ווייניקע האָבן בכלל געוואַגט עולה צו זיין. נישט ביי אַלע איז געווען גענוג כוח צו רעאַליזירן זייער באַשלוס. גאָר ווייניק פון די ווייניקע זיינען געבליבן אין לאַנד און ס'איז זיי געלונגען איינוואָרצלען זיך אין דער אַרבעט. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער טיפּ מענטש וואָס איז געוואָרן דער ערשטער שיכט, דער קערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל.

די טאָג־טעגלעכע שווערע אַרבעט, וואָס איז געוואָרן דער אינהאַלט און דער אידעאַל; די שפּראַצן פון נייע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע גע־פילן אַ דאַנק דער באַרירונג מיט באָדן און פאָטערלאַנד, האָבן אוממיטל־באַר איינגעוואָרצלט די מענטשן אין לאַנד און אין זייןווירקלעכקייט. די אומענדלעכע שוועריקייטן, מיט וועלכע מ'האָט זיך אָנגעטראָפן אויף יעדן שריט, — די שוועריקייטן צוצופּאַסן זיך צו דער אַרבעט, צום לאַנד, צום קלימאַט; די קראַנקהייטן און נשמה־ליידן; די גייסטיקע קריזיסן און איזאָלאַציע־יסורים — די אַלע גורמים האָבן געשטאַרקט די נויטווענדי־קייט און די גרייטקייט צו זאָרגן איינער פאַרן צווייטן מיט דער זאָרג פון ברידער און ליידן און וויזיע. זיי האָבן פאַרגרעסערט אין משך פון דער צייט די פעאיקייט צו זען איינער דעם אַנדערן אין זיין אינערלעכער וועלט, זיך פרייען מיט אים בשעת זיין שמחה און אים העלפן באמת אין דער שעה פון נויט; זיי האָבן דערהויבן די ברודערלעכקייט צווישן די מענטשן צו דער מדרגה פון אַ מוטערלעכער פאַרשטענדעניש, וועלכע ווייסט עס אָפּצוהיטן אַפילו אין צייטן פון שוואַכקייט אָדער צייטווייליי־קער ירידה. זיי האָבן פאַרבונדן די עלנטע אין אַ נשמה־בונד, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון גורלדיקן שותפות. אַנדערש וואָלטן אפשר די מענטשן נישט געקענט ביישטיין דאָס אַלץ, ווען נישט דאָס געפיל, אַז זייער לעבן איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גרויסער וויזיע, צוליב וועל־כער זיי זיינען עולה געווען: זיי האָבן אין איר דערזען די פאָלק־גאולה און די דערלייזונג פונעם מענטש. פון ווייטן האָבן געוואונקען די היי־מען, די שולן, אייראָפּע, אַמעריקע, שטורעמדיק לעבן, אמתע און פאַלשע

האָריזאָנטן. עס וואָלט נישט געהאַט קיין זין דאָס זיצן אין אַ פּרימיטיוו אָפּגעלאָזן לאַנד מיט זיינע צרות און ענגקייט, ווען נישט דער חלום פון דורות און די וועלט פון אייביקע ווייזיעס געקנופּט און געבונדן מיט דעם דאָזיקן זיצן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין יעדער קליינער און גרויסער זאַך — אין זעט און הונגער, אין ליידן און פריידן, אין שווערע אַרבעט און אויפּפּרעסנדיקן עלנט — ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ די זון אין אַ טראָפּן וואַסער. ס׳איז געווען אַ מוז, אַז דער גאָט פון דערהויבענע אי־דעען זאָל באַגלייטן דעם מענטש נישט נאָר אין זיינע אויסערגעוויינלעכע מעשים, נישט נאָר בשעת קרבנות און באַזונדערער התרוממות, נאָר אין די גראָע וואָכנדיקע טעג און אין די שעהן פון אומגליק און ירידה. ווען נישט דער הימל, וואָלט אויך די ערד פאַרשוואונדן פון אונטער די פיס.

די מערהייט פון דער צווייטער עליה איז געקומען פון אַ סביבה, וואו די אַסימילאַציע האָט נאָך נישט שטאַרק אָדער זייער ווייניק גע־האָט אַריינגעדרונגען. דער רוב פון זיי האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. די אייניקייט מיטן גורל פון יידישן פאָלק און זיין גאולה־האָפענונג, דאָס זעלבסטשטענדיקע און אָריגינעלע זען די וועלט, אהבת ישראל, די טיפע באַציאונג צום מענטשנס לעבן און זיינע ליידן, די בענקשאַפט נאָך אמת און צדק, די דיסציפּלין און די מאָראַלישע מדות אין טאָג־טעגלעכן לעבן, — די אַלע אייגנשאַפטן וועלכע האָבן אַריינגע־דרונגען אין דער יידישער נשמה אין משך פון דורות, זיינען אין אַ גרוי־סער מאָס געלעגן טיף אין כאַראַקטער פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה און זיי געהאָלפן אין זייער געראַנגל.

**
*

אין דער תקופה פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרשטאַרקט די אינטערווענץ פון שטאַט אין אַלע לעבן־שטחים. די ענ־דערונגען זיינען געקומען פּלוצלינג אָדער שטופּנוייז אויף אַ רעוואָלו־ציאָנערן אָדער עוואָלוציאָנעלן וועג. אָפט איז דאָס געטאָן געוואָרן מיט דער צושטימונג פון קהל און אָפט דורך דיקטאַטאָרישע צוואַנג־מיטלען. אויך די צילן פון די ענדערונגען זיינען נישט תמיד געווען גלייכע, טייל־מאָל אויך קעגנזעצלעכע. דער פאַקטאָר וואָס ברענגט צו גרעסערע פול־מאַכטן דעם שטאַט איז דער אומצוטרוי אין דער מעגלעכקייט אויפצו־האַלטן די געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט פון מיליאָנען קעמפנדיקע עגאָ־איזמען צווישנאַנאַנדער.

דער שטאַט פאַרגרעסערט זיין כוח און זיינע פולמאַכטן און באַ־גרענעצט די פרייהייט־טעטיקייט פונעם פרט. ער שטעלט אים, זיינע

מעשים און פארמעגן אין אן אלץ־וואקסנדיקער מאס אין רשות פונעם כלל פאר דער נויטווענדיקייט פון די אמתע אדער אויסגעטראכטע נוצן פונעם ציבור. די מדינה לייגט ארויף איר חותם אויך אויף די געזעל־שאפטלעכע ארגאניזאציעס און קאנטראלירט זייער טעטיקייט אין א סך גרעסערער מאס ווי פריער. אין דער זעלביקער צייט שטייגט דעם יחידס אפהענגיקייט פון די פארשידענע עקאנאמישע און פראפעסיאנעלע אר־גאניזאציעס, ווייל די מדינה באוואפנט זיי מיט א טייל פון אירע פול־מאכטן. ס׳טרעפט אז דער יחיד קען זיך נישט פארשטענדיקן מיט רעגי־רונג־ און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, נאר מיט דער הילף פון די ארגאניזאציעס. דער בירגער איז געצוואונגען זיך צו ארגאניזירן אין די מערסטע לעבן־שטחים און ער ווערט ווידער פארוואנדלט אין אן ארגא־נישן טייל פון געזעלשאפטלעכע קעמערלעך. דער העדאניזם פונעם יחיד צוימט זיך אביסל און דער פראצעס פון געזעלשאפטלעכן צעפאל ווערט אין א באשטימטער מאס פארהאלטן.

וואס שייך דער יידישער געזעלשאפט אין גלות, האט דער נייער סדר געבראכט נאר דאס נעגאטיווע. אין די לענדער, ווי פוילן, רומעניע א״א, האט די מדינה צוגענומען ביים יידן זיין פרייע אקטיוויטעט אזוי ווי פון יעדן בירגער — צו מאל אויף א נאך שארפערן אופן — אבער זי האט אים דערפאר גארנישט געגעבן. זי האט דעם יידן נישט געשיצט קעגן דעם עגאאיזם פון יחידים און ארגאניזאציעס. זי האט נישט פאר־היט דעם יידישן כלל פון א פולשטענדיקן געזעלשאפטלעכן צעפאל און האט נישט געפרואווט פארזיכערן דעם יידישן פרט דעם נייטיקן מיני־מום פאר זיין עקזיסטענץ. להיפך, די מדינה, וואס קען אלץ האט זיך באנוצט מיט איר מאכט צו פארניכטן דעם יידישן צבור און דעם פרט אין אים.

אין דער תקופה פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות זיינען מצד די רעגירונגען פון פארשידענע לענדער אפט געמאכט געווארן פלאנמעסיקע פרואוון ארייננצוברענגען א פולשטענדיקע דעמאראליזאציע אין אונדזער וועלט און אפהאלטן מענטשן מיט געזעלשאפטלעכער יכולת פון יעדער מעגלעכער טעטיקייט צו שיצן די יידן. דורך דער פארמיטלונג פון די פארשידענע ווירטשאפטלעכע אדער פאליצייאישע אינסטיטוציעס, האט מען געוואלט שטערן יידישע געזעלשאפטלעכע טוער אדער זיי צווינגען, זיי זאלן העלפן די וואס פארפאלגן אונדז. די יידישע ארגאניזאציעס, וואס זיינען געבליבן טריי זייערע מיטגלידער, האט מען גערודפט און זיך באמיט צוצונעמען ביי זיי די ארבעט־פעאיקייט אדער זי רעדוצירן. די מאכט האט געשטרעבט צו ברענגען דעם יידן צו א מצב ער זאל אנ־

הייבן גרינגשאַצן די פרייע צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע יידן און די גע־
זעלשאַפטלעכע סאָלידאַריטעט בכלל. די כוונה איז געווען צו פאַרוואַנד־
לען די יידישע קבוצים אין אַ שוצלאָזער מאַסע, אין שטויב פון יחידים,
וועלכע קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן און באַמיען זיך אויסגענוצט צו
ווערן איינער אויפן חשבון פון אַנדערן. אין יענע יאָרן האָבן זיך געמערט
אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט „לאַיאַלע טוערס און פירערס״,
וואָס האָבן פאַרשטויסן די געטרייע שליחי־ציבור. מיט דער הילף פון די
„לאַיאַלע״ האָט מען אויפגעשטעלט ווירטשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע
אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פאַקטיש געהאָלפן האַדעווען אַנטי־סאָציאַלע
אינסטינקטן אין דער יידישער געזעלשאַפט. עס האָט זיך באַקומען, אַז
אַ צענטראַלער לאַיאַלער עסקן האָט געקראָגן אַ קאָנצעסיע, וואָס האָט
אים אַריינגעבראַכט גרויסע רווחים; לאָקאַלע לאַיאַלע עסקנים האָבן באַ־
קומען לייכטע פּרנסות און הונדערטער קרעמערס, בעלי־מלאכות, פּשוטע
אַרבעטער אדג״ל זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די טראַדיציאָנעלע
פּרנסות. די טויערן פון די נייע פּרנסות זיינען פאַר זיי לכתחילה געווען
פאַרשלאָסן און יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געבליבן נאָר אַ געצייג אין
די הענט פון דער מאַכט.

די וועלט ווערט באַהערשט פון אַ געצוואונגענער סאָלידאַריטעט־
סיסטעם און די פעלקער באַנוצן זיך מיט דעם סיסטעם אויך אין קאַמף
קעגן דער יידישער מינדערהייט. אָבער אין דער יידישער געזעלשאַפט
ווערט געמינערט די פעאיקייט פאַר אחדות און קעגנזייטיקער הילף און
ס׳שטאַרקט זיך דער געזעלשאַפטלעכער צעפאַל. אַנטקעגן די טראָסטן,
די קאַרטעלן און מאָנאָפּאָל־ווערק; אַנטקעגן די ניט־יידישע מאַסן־אָר־
גאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געשטיצט און אָנגעפירט געוואָרן דורך די
רעגירונגען און זייערע אינסטיטוציעס מיט כסדר וואַקסנדיקע פולמאַכטן,
זיינען די יידישע פאָלקסמאַסן, באַזונדער די אָרעמע און פאַראָרעמטע
שיכטן, געווען אינגאַנצן הילפלאָז. מיליאָנען יידן זיינען געוואָרן מענטשן־
שטויב פון אַן איזאָלירטן און געהאַסטן פאָלק.

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין מזרח־אייראָפּע
געשאַפן געוואָרן די דעמאָקראַטישסטע יידישע באַפרייאונג־באַוועגונג —
די חלוצישע אָרגאַניזאַציע. די באַוועגונג פון די „איבעריקע״ אין דעם
יידישן פאָלק, וואָס איז לגמרי געווען איבעריק אין די אויגן פון דער
וועלט, דאָ האָט מען נישט קאָנטראָלירט די פאַפּירן, דעם סאָציאַלן אָפּ־
שטאַם, דעם יחוס עצמו און אויך נישט דעם פּראָלעטאַרישן יחוס. די
טויערן זיינען געווען אָפן לכל דיכפין... פאַר צענדליקער טויזנטער בחו־
רים און מיידלעך וואָס האָבן אין דעם קלאַסן־רעזשים אַפילו נישט גע־

האָט קיין קלאַסן־פּאַספּאָרט. די באַוועגונג איז געוואַקסן פון דער טיפע־ניש, פון די באַוואָלטסטע שיכטן; פון יענע וואָס זייער איינציקע רע־טונג איז די אַרבעט און וואָס האָבן נישט קיין „פּראַוועס״ (רעכט) אויף אַרבעט.

אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז געוואַקסן אַ יידישער דור, וואָס וואָלט נישט פאַרנומען קיין פּלאַץ אין וועלכן ס׳איז נאָרמאַלן לעבן, ווייל די וועלט פון דעם פאָלק, צו וועלכן ער האָט גע־הערט, איז חרוב געוואָרן. זין און טעכטער פון יידישע „טאַטע־מאַמעס״, וועלכע האָבן אַוועקגערויבט דעם שלאָף פון זייערע אויגן, אָפּט דאָס ברויט פון זייער מויל אַבי ס׳זאָל דעם קינד נישט פעלן, ער זאָל נישט וואַקסן קיין גוי און עם־הארץ. זייער עיקר־זאָרג איז געווען המשך, אַ שיינער בכבודיקער המשך. פּלוצלינג זיינען די טאַטעס מיט די זין צו־זאַמען געשטעלט געוואָרן פאַר אַן אומדערוואַרטן מצב, פאַר אַ וועלט אין וועלכער ס׳איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר די פּרנסות וואָס דער ייד איז צו זיי געוואוינט און פעאיק געווען. עס זיינען געקומען די צופּאַסונג־יסורים צום נייעם צושטאַנד; די באַהאַלטענע ענויים די חרפּה פון דעם וואָס פאַרלירט זיין פאַרמעגן. אויב די יידישע משפחות האָבן גובר גע־ווען די פאַראורטייל־באַגריפן, האָבן זיך אָנגעגאַרטלט מיט מוט און גע־זוכט זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, — צו דער אַרבעט — איז זיי קלאָר געוואָרן אַז זיי שטייען פאַר אַ וואַנט, וואָס מען קען כמעט נישט צעברעכן. „איידעלע הענט״, „צו וואָס וועט ער טויגן״? — האָבן רעאַגירט די אַרבעט־געבער. אויך די באַלעבאַטישע ירושה וועלן זיי נישט מוחל זיין. עמעץ וועט זיפצן און זאָגן: „מ׳זעט אַז ער איז אַ טאַטע־מאַ־מעס קינד״, און וועט נאָר פאַרשעמען. אַרבעט צו קריגן העלפט עס נישט. להיפּוך. און אויך דאָס לערנען וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן, האָט אויך אָפּט געשאַדט. דערנאָך די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען מיט זייערע באַשעפטיקטע סעקרעטאַרן נאָר מיט דאגות פאַר די עניִים פון די „חברים״. און אַרבעט־געבער, וועלכער מאַכט שוועריקייטן אויף שוועריקייטן; די גראָבע וואָרנונגען מצד די „אָרגאַניזירטע״ און דער שרעק פון נקמה פאַר „אומאָרגאַניזירטע אַרבעט״. שלאָפלאָזע נעכט — דער זיפץ פון טאַטן, וואָס איז נישט בכוח אַליין צו באַשפּייזן זיין שטוב און ער שעמט זיך פאַר אַלץ וואָס ס׳איז געשען און שטילער גע־וויין פון דער מאַמע וואָס זאָרגט פאַר איר זון.

דעם דאָזיקן הייליקן צער האָט די נייע באַוועגונג אויפגעהויבן און אים געבראַכט צו דער הויך פון געבורט־ווייען פון דער באַנייטער אומה. דער וואָס גנבעט זיך אַריין אין דעם אַרבעט־פּלאַץ געהיים און מיט

בושה, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דעראָבערער, אין אַ חלוץ וואָס גייט פאַר דער מחנה. די פאָן פון גערעכטיקייט און פרייהייט איז איבערגעגעבן געוואָרן אויך די יעניקע, וואָס האָבן באמת נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרלירן אויסער די ליידן און די קייטן. דער מאָראַלישער האָריזאָנט האָט זיך פאַרברייטערט און אַרומגענומען אויך די פאַרשטויסענע וואָס אַפילו די בויער פון דער נייער וועלט האָבן זיך מיט זיי געמיאוסט. די אַרבעט איז געוואָרן אַן אידעאַל, אַ גלויבן, און די ירידה איז געוואָרן דאָס געזאַנג פון פרייהייט און עליה. כוואַליע נאָך כוואַליע האָבן זיך געהויבן און אויפגעגאַנגען פון די טיפענישן פון פאַרניכטונג און באַליידיקונג. הונדערטער, טויזנטער און אויך צענדליקער טויזנטער זיינען געוואָרן די שעפער פון דער נייער יידישער וועלט.

קאָמוניזם קעגן ציוניזם

אין די לענדער מיט אַ קאָנטיקער יידישער באַפעלקערונג, זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן יידישע סעקציעס ביי די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין קעגנזאַץ צום „בונד" האָבן די יידישע קאָמוניסטן נישט צוגעגעבן קיין וויכטיקייט דעם קאַמף צו פאַרבעסערן דעם מצב פון דעם יידישן אַרבעטער אין דער ספערע פון די ניט־סאָוועטישע רעזשימען. זיי האָבן זיך אָבער נישט אונטערשיידט פון „בונד" אין זייער שאַרפער קעגנער־שאַפט צום ציוניזם. דער צווייטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן, אין יאָר 1920, האָט באַשלאָסן, אַז דער ציוניזם איז נישט מער ווי אַן אינ־סטרומענט אין די הענט פון ענגלישן אימפעריאַליזם און מען דאַרף אים באַקעמפן, און די יידישע קאָמוניסטן האָבן אין גייסט פון דעם באַשלוס אָנגעפירט זייער טעטיקייט.

אין דעם צאַריסטישן פעריאָד, איז דער „בונד" פאַררעכנט געווען פאַר אַן אויסגעשפּראָכענער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. דער רעזשים איז געווען אַ פעאָדאַלער אָדער האַלב־פעאָדאַלער. דער בירגער איז פּאַקטיש געווען באַרויבט פון פּאָליטישע רעכטן, און די יידן זיינען באַרויבט געווען אַפילו פון די קליינע רעכטן, וואָס די אַנדערע בירגער האָבן יאָ געהאַט. דער „בונד" האָט געקעמפט פאַר אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג און פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. ער האָט זיין טעטיקייט אָנגעפירט מיט געוואַגטקייט, ווי אַן אומלעגאַלע פּאַרטיי, און אַ סך פון זיינע מיטגלידער זיינען אַרעסטירט אָהער פאַרשיקט געוואָרן. דאָס האָט דער־הויבן דעם „בונד" אין די אויגן פון די יידישע מאַסן און האָט אים ממילא געקרעפטיקט אויך אין זיין קאַמף קעגן ציוניזם און באַזונדערס קעגן דער ציוניסטיש ־ סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער „בונד" אין ראַטנפאַר־באַנד ליקווידירט געוואָרן ווי עס זיינען ליקווידירט געוואָרן אַלע אַנ־דערע פאַרטייען א חוץ די קאָמוניסטישע. אין די זעלבסטשטענדיקע לענדער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די געביטן פון דער געוועזענער מערב־רוסלאַנד זיינען אויפגעקומען קאָנסטיטוציאָנעל ־ דעמאָקראַטישע רעזשימען, און געזעצלעך האָבן יידן אויך באַקומען גלייכע רעכט. דער „בונד" איז געוואָרן אַ לעגאַלע פאַרטיי און האָט אויך נישט פאַרלוירן זיין לעגאַליטעט ווען ביי דער מאַכט האָבן זיך געפונען רעאַקציאָנערע און אַפילו פאַשיסטישע כוחות. זיין זאָרג איז געווען הויפּטזאַכלעך פאַר

די אינטערעסן פון די איינגעאָרדנטע אַרבעטער, וועלכע האָבן באַטראַכט זייער עקזיסטענץ בערך פאַרזיכערדט. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען אונטער זיין קאָנטראָל האָבן באַקומען אַ כאַראַקטער פון צעכן, און האָבן זיך אָפּגעשלאָסן. בשעת די אַרבעטסלאָזיקייט און פּרנסהלאָזיקייט פון דעם „נישט־אָרגאַניזירטן״ אָרעמען פאָלק איז כסדר געוואַקסן. צוליב די סיבות איז דער „בונד״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס אין אַ פּאַרטיי פון זאַטע, און אויך זיין שנאה צום ציוניזם איז געווען אַ שנאה פון זאַטע און „איינגעאָרדנטע״. ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך כּוחות אין קאַמף קעגן ציוניזם און האָט אים זייער אַ סך שאָדן געבראַכט. אָבער זיין השפעה צווישן די מער פאַראָרעמטע מאַסן פון פאָלק און אַזוי אויך צווישן דער אידעאַליסטישער יידישער יוגנט איז פון יאָר צו יאָר קלענער געוואָרן.

די שיכטן צו וועמען עס איז הויפּטזאַכלעך געווען געווענדעט דער רוף צו עליה, האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, און אַרום די חלוצישע הכשרה־פּונקטן. גרויסע טיילן אַרויסגעוואַקסענע פון די שיכטן פון אָרעמקייט אין די יידישע תפוצות אין מזרח־אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן איינזען אין דעם ציוניזם דעם איינציקן רעטונג־אַנקער, און פאַר די מאַסן יידישע בחורים און מיידלעך פון אַלע שיכטן איז דאָס גרייטן זיך צו עליה און הגשמה געוואָרן די גרויסע רעוואָלוציע אין זייער לעבן. דאָס זיינען געווען די ערשטע יאָרן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די בריטישע מאַכט אין ארץ־ישראל האָט נאָך נישט געהאַט קיין שטעלונג און איר קעגנערשאַפט צום ציוניזם איז געווען אַ וואַקלדיקע. עס איז דעמאָלט מעגלעך געווען אַריינצובריינגען אַ סך יידן אין לאַנד, און די גרייטקייט צו דעם אין גלות איז וואָס ווייטער אַלץ געוואַקסן. דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרביטערונג ביי די קאָמוניסטן און זיי האָבן גענומען אויף זיך די גרויסע אויפגאַבע עס צו שטערן. זיי זי נען נישט געווען די איינציקע שטערער; צוזאַמען מיט זיי אין פראָנט קעגן ציוניזם זיינען געווען דער „בונד״, אגודת ישראל, די יידישע אַסימילירטע אינטעליגענץ און בורזשואזיע און סתם באַלעבאַטישע יידן. אָבער די קאָמוניסטן האָט זיך איינגעגעבן מער ווי וועלכן ס׳איז אַנדערן פאַקטאָר צו שלאָגן דעם ציוניזם צווישן די פונדאַמענט־שיכטן פון דער מאַסן־עליה — צווישן דער אידעאַליסטישער יוגנט און די סאָציאַלע שיכטן וואָס זיינען מער צעטרייסלט און פאַראָרעמט געוואָרן.

די באַלפור - דעקלאַראַציע און די אינטערנאַציאָנאַלע באַשלוסן, וואָס האָבן ווי אַ רעזולטאַט פון איר, נאָכגעפאָלגט האָבן אַראָפּגענומען

די געזעצלעכע באַגרענעצונגען פון דער יידישער עליה און זייער באַזעצן זיך אין ארץ ישראל. אָבער די גרויסע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שווע־ריקייטן וואָס זיינען דערמיט געווען פאַרבונדן, זיינען געווען אין זייער פולער קראַפט. די חלוצישע יוגנט וואָס איז געגאַנגען צו די הכשרה־פונקטן האָט געמוזט לעבן און אַרבעטן ביי זייער שווערע באַדינגונגען, מייסטנס ביי באַדינגונגען פון ביטערער אָרעמקייט, צוזאַמענשטויסן זיך נישט נאָר מיט אַרבעט־געבער — עקספּלואַטאָרן, נאָר אויך מיט אַר־בעטער און זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אָפטמאָל האָבן גע־פעלט מדריכים, וואָס וואָלטן געקענט פאַרלייכטערן דעם בחור און מיידל זיך צוצופּאַסן צו אַרבעטן צו וועלכע זיי זיינען נישט געווען געוואוינט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע גבורה, כדי זיך צו האַלטן אַ לענגערע צייט אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, אַ גבורה אָן דעם מינדסטן אוי־סערלעכן רעוואָלוציאָנערן גלאַנץ.

און די וואָס זיינען שוין עולה געווען אין לאַנד האָבן זיך אָנגע־שטויסן אין נייע שוועריקייטן. די אויסגעברייטערטע אַרבעטער־קאָלאָני־זאַציע האָט ערשט געשטעלט אירע ערשטע טריט, און איר וועג איז גע־ווען פאַרזייט מיט אַ סך שטערונגען. אין די קבוצים האָבן געפעלט ביודזשעטן, פּראַקטיק און אָנפירונג אין אַ גענוגנדיקער מאָס און אין שטאָט און דער מושבה האָט געפעלט אָפט אַרבעט און פרנסה בכלל. די עליה און דאָס איינוואָרצלען זיך פון דערוואַקסענע מענטשן מיט משפחות פון צווישן די פאַראָרעמטע שיכטן איז געווען נאָך שווערער. סאָציאַ־ליסטן און קאָמוניסטן, יידן און נישט־יידן, האָבן טאַקע פּראָקלאַמירט דעם ציוניזם ווי אַ בורזשואזע באַוועגונג, אָבער די יידישע גבירים האָבן איר נישט געשטיצט. די קרנות האָבן זיך געשאַפן בעיקר פון די סענטן, וואָס די פאָלקס־מאַסן האָבן ביי געשטייערט, און דאָס האָט נישט גע־קלעקט פאַר די גרויסע אויפגאַבן וואָס דער ציוניזם האָט אויף זיך גע־נומען. דאָס איז געווען זייער אַן אָרעמע באַוועגונג און אירע פאַרוויר־קלעכער האָבן געמוזט מיט זייערע כוחות, מיט זייער קרבנות־גרייטקייט און מיט זייער לעבן דערזעצן דאָס פעלן פון געלט, בנינים אין איינסטרו־מענטן.

זיינען געקומען די קאָמוניסטן און האָבן צוגעזאָגט אַ סך אַן איינ־פאַכערע און שנעלערע לייזונג: די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע דערנענ־טערט זיך אויך אין די אייראָפּעאישע לענדער; מען דאַרף נישט מער ווי אונטערהאַלטן זי, און ממילא וועט ליקווידירט ווערן די אָרעמקייט בכלל און אויך די ספּעציפיש יידישע אָרעמקייט. די קאָמוניסטן האָבן אָנגע־וויזן אויף דעם שכנישן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס געפינט זיך אַזוי נאָענט צו

די ישובים פון מזרח־אייראָפּע; זיי האָבן גערעדט וועגן אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז געקומען צו דער פולער מאַכט אין איינעם פון די גרעסטע לענדער פון דער וועלט, אַ לאַנד וואָס פאַר דעם זיינען אַלע רעכטן געווען באַגרענעצט, פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף יידן. אָבער, איצט מיטן אַרויפשטייג פון די קאָמוניסטן, האָבן די יידן דער־גרייכט צו אַ גרויסער השפעה און צו הויכע פּאָזיציעס אין דער מאַכט. צו דעם האָט נאָך דער שטאַט בטל געמאַכט אַלע קלאַסן־פּריווילעגיעס און פּראָקלאַמירט פולשטענדיקע סאָציאַלע גלייכקייט. די דאָזיקע זאַכן האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. זיי זיינען געווען ביכולת אויפצוועקן ענטוזיאַזם ביי דער יידישער יוגנט, וואָס זוכט גערעכטיקייט, איז גע־בענטשט מיט פעאיקייטן און פאַר וועלכער עס זיינען פאַרשלאָסן אַלע טויערן אין פוילן, רומעניע, ליטע אאז״וו. קעגן די ברייטע האָריזאָנטן וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַר זיי געמאָלן איז געווען נאָר איין ברירה — גיין אין די הכשרה־פּונקטן מיט די אַלע ראַנגלענישן וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן. איבערהויפּט זיינען באַווירקט געוואָרן פון די קאָ־מוניסטישע רייד די יידישע אָרעמקייט־שיכטן, וועלכע האָבן מער פון אַלעמען געליטן פון וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם און אויך פון דער יידי־שער אינערלעכער צעבראָקלטקייט; פון דער אָפּשוואַכונג פון אחדות און קעגנזייטיקער יידישער אחריות.

צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאַס יידישע סאָציאַליסטן - אַסימילאַטאָרן און זיי האָבן דערוויטערט פון פאָלק יונגע, אידעאָלאָגישע כוחות. אין אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט דער „בונד״ געטאָן אַלץ צו דערווייטערן דעם יידישן אַרבעטער פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג־באַוועגונג. אין די יאָרן פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָבן די פירער פון דער סאָציאַליסטי־שער עמאַנציפּאַציע פאַרלוירן זייער ווירקונג אויף דער יוגנט, און די „בונדישע״ אַגיטאַטאָרן האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרלוירן זייער השפעה צווישן די אָרעמשאַפט־שיכטן. דאָס אָרט פון די און פון יענע האָבן פאַרכאַפּט די יידישע קאָמוניסטן. זיי האָבן פאַרפירט די מאַסן פון צווישן די מער רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון פאָלק מיט פאַלשע האָ־פענונגען. אין אַ פּעריאָד, וואָס אין אים איז באַשטימט געוואָרן דער גורל פון דעם אייראָפּאישן יידנטום.

***

אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך איינגעשטעלט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס אין אייראָפּע, און די קאָמוניסטן אַליין, אין

ראַטנפאַרבאַנד און אין דער גאַנצער וועלט, האָבן אויפגעהערט צו גלייבן אין דער נאָענטקייט פון דער רעוואָלוציע. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן בכלל נישט געלענקט זייער טעטיקייט צו פונדאַמענטאַלע ענדע־רונגען אין דעם סאָציאַלן רעזשים. זיי האָבן געדינט ווי אַ הילף־אינסטרו־מענט פאַר דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס האָט זיך פאַר־בונדן מיט פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע פאַקטאָרן, אַפילו מיט די מער רעאַקציאָנערסטע. אָבער צווישן דער יידישער יוגנט און צווישן די יידי־שע אָרעמקייטס־קווארטאַלן אין מזרח אייראָפּע האָבן נאָך אַלץ אָפּגע־קלונגען די לאָזונגען און הבטחות וועגן דער נאָענטער סאָציאַלער רע־וואָלוציע וואָס וועט אַלצדינג לייזן. די יידישע קאָמוניסטן האָבן זיך באַמיט אויפצופלאַקערן די דאָזיקע האָפענונגען.

די רעגירונגען אין פּוילן און אין די שכנותדיקע לענדער זיינען אַריבער צו אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטי־יידישער פּאָליטיק און האָבן אויסגענוצט זייער גאַנצע השפּעה אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן, אין די אינסטיטוציעס און מלוכהשע אונטערנעמונגען — די פינאַנציעלע, ווירטשאַפטלעכע און דערציאונג — כדי אַרויסצושטויסן די יידן פון זייערע פּאָזיציעס און פּרנסות און אַריינברענגען אויף זייער אָרט ניט־יידן. די פּאָליטיק איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון אַלע קלאַסן און שיכטן פון דעם מערהייט־פאָלק, אויך פון די ארבעטער. און אין די קרייזן פון דער ענגלישער מאַכט אין ארץ־ישראל האָט זיך אויסגעקריס־טאַליזירט מיט דער צייט אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־ציוניסטישע פּאָ־ליטיק. עס האָבן זיך געמערט די שטערונגען פאַרן ציוניסטישן ווערק און דערמוטיקונג צו אַנטי־יידישע אויסבראָכן מצד די אַראַבער. דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט עקאָנאָמישע קריזיסן באַגלייט מיט אַ שווערער אַרבעטסלאָזיקייט. אַ סך עולים האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע פרי־ערדיקע היימען און האָבן געדינט פאַר נאָך אַ פאַקטאָר פון דערדריקט־קייט אין די יידישע ישובים פון מזרח אייראָפּע. די אַרויסגעוואָרפענע און פאַראָרעמטע שיכטן, און אויך פאַר דער יידישער יוגנט, פאַר וועמען עס זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן אַ סך פּראָפעסיעס האָט באַהערשט אַ שטי־מונג פון פולשטענדיקער אָפּהענטיקייט, און אַ סך האָבן ווייטער זיך אָנ־געהאַלטן אין די הבטחות און גוטע רייד פון די קאָמוניסטן.

מיט היטלערס אַרויפשטייגן צו דער מאַכט, איז די יידישע לאַגע אין דער גאַנצער וועלט פאַרערגערט געוואָרן, איבערהויפּט אין אייראָפּע. אייניקע לענדער אין מזרח־אייראָפּע און אויך זייערע רעגירונגען זיינען געוואָרן נאָך מער אַנטיסעמיטיש און אַפילו פּראָ־נאַציש. אין פּוילן האָט די רעגירונג פּראָקלאַמירט אַן עקאָנאָמישע מלחמה מיט די יידן. די

אָפּיציעלע רדיפות זיינען באַגלייט געווען מיט אַנטי־יידישע אויסבראָכן און פּאָגראָמען. צווישן דער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרשטאַרקט די השפעה פון די אויסגעשפּראָכענע נאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס, און עס האָט זיך געפירט אַן אָפענער ויכוח וועגן אַרויסטרייבן אַלע יידן. יידן זיינען געווען גרייט צו אַנטלויפן וואו עס לאָזט זיך. אָבער די אימיגראַציע־לענדער מעבר לים זיינען פּאַקטיש געווען געשלאָסן פאַר זיי, די איינוואנדערונג־קוואָטעס זיינען געווען זייער באַגרענעצט. אויך אין מערב אייראָפּע זיינען הארבער געוואָרן די פאַרבאָטן פאַרן יידישן אַריינקום און אין ארץ־ישראל האָבן אַראַבישע באנדעס אָנגעהויבן אַ בלוטיקן קאַמף מיטן יידישן ישוב, און זיינען געשטיצט געוואָרן דורך ענגלישע, נאַצישע און קאָמוניסטישע אַגענטן צוזאמענגענומען. די בריטישע מאַכט האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דער עליה נאָך גרעסערע און הארבערע באַגרענעצונגען. אין די הכשרה־פונקטן זיינען חלוצים געזעסן יאָרנלאנג אָן אַ מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין לאנד. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך געוואָרגן און געשטיקט און איז אַריבער צו אונטערערדישער טעטיקייט. אין מיט פון די דרייסיקער יאָרן האָבן פאַרשטאַרקט די ציוניסטיש - סאָציאַליסטישע באַוועגונגען זייערע אָנשטרענגונגען אַריינצוברענגען וואָס מער יידן מיט דערלויבענישן און אָן דערלויבענישן. יידן פון פאַרשיידענע שיכטן, יוגנטלעכע און עלטערע, יחידים און גאַנצע משפחות האָבן געוואנדערט אַ לאנגע צייט, געליטן הונגער און דאָרשט, האָבן זיך דורכגעשלייכט פאַרביי די ענגלישע וואכן אויף די ימים און זיך אַריינגעגנבעט אין לאנד דורך אַלע וועגן און מיט אַלע מיטלען, און אַלץ כדי צו זיין וואָס ווייטער פון זייערע פריערדיקע וואוין־ערטער, וואָס זיינען געווען א גהינום פאַר יידן.

***

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די לאגע פון די יידישע מאסן אין דער מערהייט פון די אייראָפּעאישע לענדער נאָך שווערער געוואָרן. דייטשע יידן האָבן מאַסנווייז עמיגרירט, און די דאָזיקע וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו אנטלויפן האָבן די נאַציס באַרויבט און דערמאָרדעט. אין פוילן און אין אַנדערע לענדער האָט די מאַכט צוזאמען מיט דער באַפעלקערונג פאַרשטאַרקט דאָס אונטערגראָבן די יידישע עקזיסטענץ. אַנטיסעמיטישע יוגנטלעכע און אויך עלטערע פלעגן אָנפאלן אויף יידן אין די שולן, אין די געזעלשאַפטלעכע פלעצער און אין די גאסן פון שטאָט. דראָאונגען וועגן גרויסע שחיטות האָבן זיך געהערט און די מאַכט האָט זיך נישט אַריינגעמישט. דער „בונד" און די

קאָמוניסטן האָבן אָנגעוויזן אויף זייערע פאַרבינדונגען מיט נישט־יידישע קרייזן, וואָס זיינען גרייט צו פאַרטיידיקן יידן, און דאָס האָט, אין דער פאָגראָם־אַטמאָספערע געמאַכט אַ גרויסן רושם. יידן, אָרעם און רייך, אַרבעטער און קרעמער, בעלי־מלאכות און סוחרים, פרייע און אָרטאָדאָקסן — אַלע קרייזן האָבן געשטימט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן פאַרן „בונד" און אויך פאַר די קאָמוניסטן, און אַלץ כדי זיך אָנצוהאַלטן אין אַ שפּאַלט וואָס האָט זיך אויסגעוויזן אַז עס איז פאַראַן אין דעם מויער פון שנאה און דראָאונגען פון אַרום. אין דער אמתן האָט זיך ביידע פאַרטייען נישט איינגעגעבן צו באַקומען אַ וואָסער ניט איז הילף פון דרויסן. אַפילו אין דער צייט פון די פּאָגראָמען זיינען יידן געבליבן איזאָלירט פולשטענדיק. אָבער די אַנטי־ציוניסטישע פאַרטייען האָבן אויסגענוצט זייער השפעה צו פאַרשטאַרקן די פאַרלוימדונג־קאַמפּאַניע קעגן ציוניזם און קעגן דער עליה. דער אומלעגאַלער וועג קיין ארץ־ישראל איז מיט דער צייט געוואָרן שווערער ווי ער איז געווען פריער. וואָס ווייטער זיינען די שטערונגען מצד די ענגלענדער געוואָרן גרעסער און האַרבער. אָבער אויך דער ווילן צו דערגרייכן צו די ארץ־ישראל־ברעגן איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרן. עס זיינען געווען פאַלן ווען הונדערטער און טויזנטער פאַראָרעמטע יידן האָבן פאַרכאַפּט זייערע קלומיקעס און אַרויס מיט זייערע משפחות פון פּוילן קיין ארץ ישראל ממש צופוס. דעמאָלט האָבן דער „בונד" און די קאָמוניסטן פאַרשטאַרקט זייער אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, און באַשולדיקט די חלוצישע באַוועגונגען אין אַוואַנטוריזם און שטעלן אין געפאַר מענטשלעכע לעבנס, אין ברענגען אַן אומגליק אאז"וו.

די יידישע קאָמוניסטן האָבן געטענהט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז דער זיכערסטער אָנשפּאַר פאַר יידן אויך קעגן דער סכנה פון נאַציזם וואָס לויערט אויף די יידן, און זיי האָבן גערופן זיך אָנצושליסן אין זייערע רייען, אַ סך האָבן זיי געפאָלגט. יידישע בחורים און מיידלעך זיינען געגאַנגען דורכפירן די מער־געפערלעכסטע אַרבעטן און האָבן אָפּטמאָל געטראָגן דעם הויפּט יאָך פון דער שווערער קאָמוניסטישער אונטערערדישער טעטיקייט אין די פאַרשיידענע לענדער פון מזרח־איראָפּע, אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון פּוילן, רומעניע, ליטע אאז"וו., האָבן יידן אויסגעמאַכט די גרעסטע צאָל פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און די גרויסע צאָל קרבנות פון דער יידישער יוגנט האָבן נישט אָפּגעשוואַכט דעם נאַציאָנאַליזם פון די ניט־יידישע אַרבעטער. די זאַך האָט משפּיע געווען בעיקר אויף דער יידישער גאַס אַליין. אין דער צייט וואָס דאָס אייראָפּעאישע יידנטום

איז געשטאנען אויפן שוועל פון פארניכטונג האָט דער קאָמוניזם צוגע־רויבט ביי אים אידעאַליסטישע כוחות, פּעאיקע צו אַן אויסערגעוויינלע־כער זעלבסט־אָפּפערונג, און זיי פאַרוואַנדלט אין אַ אינסטרומענט צו שטערן די אָנשטרענגונגען און רעטונג פון די פאַרצווייפלטע.

סוף 1939 האָט היטלער איינגענומען פּוילן און פאַרשלאָסן די יידן אין די פאַרניכטונג־געטאָס. די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן דער מלחמה מיט די נאַציס, און האָבן פאַרטיידיקט דעם פריינטשאַפט־אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד.

***

די דריטע עליה האָט געשטראָמט אין לאַנד אריין אין אַ זייער צעשטורעמטער צייט. דער דאָזיקער דור עולים האָט ניט געהאַט היגטער זיך די רעלאַטיוו־רואיקע יאָרן פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט. נאָר די וועלט־מלחמה, רעוואָלוציעס, בירגער־קריגן, פּאָגראָמען אין גרויסן מאסשטאַב — יאָרן וואָס זיינען געווען דער אָנהויב פון אַ שרעק־לעכער תקופה אין דער מענטשלעכער געשיכטע. די וואָס זיינען אַריינ־געקומען אין לאַנד אין דעם דאָזיקן פּעריאָד און זיך דאָרט פאַרוואָרצלט האָבן נישט דורכגעמאַכט קיין פאָרויסדיקע סעלעקציע.

די מענטשן פון דער דריטער עליה זיינען עולה געווען מיטן ברען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וויזיע אין האַרצן, גרייט צו אַלע קרבנות. דער עיקר זיינען אַ סך פון זיי מיטגעריסן געוואָרן פון די גרויסע האָפענונגען וואָס עס האָט אַרויסגערופן די באַלפור־דעקלאַראַציע, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט זיינען זיי דערצו באַוואויגן גע־וואָרן דורכן מוז פון די אויסוויקלונגען אין גלות. ווי אַ רעזולטאַט פון דער כוואַליע רדיפות און פּאָגראָמען וואָס האָט זיך אַדורכגעטראָגן אי־בעו' די תפוצות פון מזרח־אייראָפּע און צעטרייסלונג פון מיטלקלאַס אין ראַטנפאַרבאַנד, איז פולשטענדיק אונטערגעגראָבן געוואָרן די עקזיס־טענץ־באַזע פון הונדערטער טויזנטער יידן. הינטער אַ סך פון די דאָזיקע עולים זיינען פּאַקטיש פאַרברענט געוואָרן אַלע בריקן, און אין זייערע אָפּשטאַם־לענדער האָבן אויף זיי נישט געוואַרט ניט קיין משפחה, ניט קיין היים אין פאַל פון וועלכער ניט איז אַנטוישונג אָדער דורכפאַל. די נאַטירלעכע סעלעקציע וועלכע איז געווען אַזוי אַנזעעוודיק אין די צייטן פון דער צווייטער עליה האָט זיך שוין מער נישט איבערגעחזרט אויך ביי די וויטערדיקע עליות. זיי האָבן זיך שוין געניטיקט אין אַ פערמאַ־

נענטער חלוצישער דערהייבונג, וואָס זאָל נישט פאַרמינערט ווערן אַפילו ביי די שווערסטע באַדינגונגען.

די אויפגאַבעס, פאַר וועלכע עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד, קענען נישט רעאַליזירט ווערן דורך באַפעלן און צוואַנג־מיטלען. עס איז נישטאָ גאָר אַזאַ כוח וואָס זאָל זיין ביכולת צו באַפעלן אַ מענטשן פון דרויסן און אויף אים אַרויפ־צווינגען נסים־מעשים, אָן וועלכע עס איז אויסגעשלאָסן קיבוץ־גליות און דער אויפבוי פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט. פאַקטיש האָט די באַוועגונג נישט קיין רעכט צו באַפעלן אָדער צו פאַרפליכטן זאַכן וואָס זיינען אויסער דעם געוויסן פונעם אָנגעשלאָסענעם חבר, אויסערן אויפשטייג־כוח פון דעם איינצעלנעם ביז זיין אידענטיפיצירונג מיטן מהות פון דער אומה און אירע נויטן. נאָר דער יעניקער, וואָס אידענטי־פיצירט זיך מיט דער ציוניסטיש ־ סאָציאַליסטישער וויזיע ווי דער קינסטלער מיט זיין קונסט — ער פאַרוואַנדלט זיך אין דעם אינסטרו־מענט וואָס באַדינט די באַוועגונג און וואַרפט אַרויף אויף זיך די הער־שאַפט פון דער אידעע ביז צו דער פאַרשקלאַפונג פון אַלע זיינע געפילן און פעאיקייט, זיין גאַנצע פיזישע און גייסטיקע פאָטענץ. יעדער שפּעל־טעלע און אומפערפעקציע אין דעם גייסטיקן אויפשוואונג מוז פירן צום דורכפאַל פון דער אונטערנעמונג. דעריבער האָט די באַוועגונג פאַרגע־זעצט זען דעם עיקר העיקרים אינעם מענטשן זעלבסט, אין זיין פולער וועזנטלעכקייט און גייסטיקער שלימות, אינעם אונטערוואַרפן זיך דער אייגענער וויזיע אויף אַלע געביטן פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. די דריטע עליה האָט אַריינגעבראַכט גרויסע ענדערונגען אין די לעבנס־פאָרמען וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אין לאַנד. זי האָט געשאַפן אַ סך אונטערנעמונ־גען, אָרגאַניזאַציעס אין גאַנץ ביי ע ראַמען, איינצייטיק דערמיט האָט זי אָבער געשטרעבט צו פאַרטיידיקן דעם מיטגליד פון די קאָנטראַסטן צווישן וויזיע אוןווירקלעכקייט און נישט צו פאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַ שקלאַף פון זיינע טאָג־טעגלעכע נויטן אַליין. פון דאַנעט נעמט זיך דאָס וואַכן איבער דעם קאָלעקטיוויזם און פאַרטיפונג פון זיין אידעע אויך שפּעטער, ווען די עליה האָט זיך צעוואַקסן און געוואָרן אַ מער מאַסן־עליה; דערפון שטאַמען די אייגענע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און די גרויסע צאָל אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף, וואָס באַ־פרייען דעם מיטגליד אויף וויפל עס איז מעגלעך פון דער מורא פאַרן מאָרגן; דערפון — די שטרעבונג פון דער באַוועגונג ארומצונעמען אַלע נויטן פונעם מיטגליד, פריוואַטע ווי אַלגעמיינע, מאַטעריעלע ווי אידעע־אישע. פון דאַנעט נעמט זיך די אַרומנעמענדיקע ראָם פון דער הסתדרות

העובדים הכללית, און די כסדרדיקע פרואוון צו שאפן איין ארבעטער־גע־זעלשאפט, איין קאמונע פונעם גאנצן ארבעטער־קלאס פאר דער פאר־ווירקלעכונג פון דער געמיינזאמער וויזיע.

**
*

אנהייב די 20ער יארן האט זיך אין ארץ־ישראל צונויפגעקליבן א גרופע יידישע קאמוניסטן, געטרייע דעם קאמינטערן. זייער טעטיקייט האט זיך אנגעהויבן אין דער צייט וואס ראטנפארבאנד האט זיך געהאט אנטוישט אין די רעוואלוציאנערע מעגלעכקייטן פון די קאמוניסטישע פארטייען אין דער ניט־סאוועטישער וועלט און האט אויף זיי ארויפגע־ווארפן איבערהויפט נעבן־אויפגאבעס פון דעם סאוועטישן אויסערן־דינסט. אין די קאלאניאלע און האלב־קאלאניאלע לענדער, אין וועלכע עס האבן זיך נאך נישט געהאט אויסגעקריסטאליזירט קיין קענטיקע פראָ־לעטארישע באוועגונגען איז ארויפגעווארפן געווארן אויף די קאמוניס־טישע פארטייען די מיסיע צו דערמוטיקן פארשידענע פאקטארן וואס זיינען גרייט צו ארבעטן קעגן די אינטערעסן פון די אימפעריאליס־טישע גרויסמאכטן, אן אונטערשייד פון וואס פאר א סאציאלן און פאלי־טישן כאראקטער די דאזיקע פאקטארן זאלן נישט זיין. די יידישע קא־מוניסטן אין ארץ־ישראל האבן די ערשטע צייט זיך נישט געקענט פאר־בונדן מיט אזעלכע קרייזן צווישן דער אראבישער באפעלקערונג, זייענ־דיק אין זייער גרעסטן טייל נאר־וואס אנגעקומענע יידישע בחורים פון מזרח־אייראפע, און נישט געהאט מיט זיי קיין ערנסטע פארבינדונג. די קאמוניסטישע פארטיי האט, בכן, קאנצענטרירט אירע הויפט־אנשטרענ־גונגען צווישן די יידישע ארבעטער.

אינעם גייסט פון דעם קאלאניאלן פלאן פון קאמינטערן איז אויך אויף די קאמוניסטן אין ארץ־ישראל ארויפגעווארפן געווארן די אויפגא־בע, אז זיי זאלן זיך איינקלאמערן סיי אין ארבעטער־ארגאניזאציעס וואס זיינען גרייט זיך אנשפארן אינעם ראטנפארבאנד, סיי אין פרימיטיווע אויפברויזן וואס האבן נאך דערוויל נישט דערגרייכט קיין געזעלשאפט־לעכע קריסטאליזירונג און זיך נישט אנגעצייכנט קיין אייגענעם היסטא־רישן ציל, און זיי אלע אריינגעמען אין דעם נויט־שטראם פון דער סאָ־וועטישער אימפעריע. צווישן דעם יידישן ישוב האבן די קאמוניסטן ניט געפונען אזעלכע פאקטארן. נישט נאר זיינען געשאפן געווארן די ארגא־ניזאציעס און פארטייען פון די יידישע ארבעטער מיט דעם באדינג צו פארווירקלעכן די ציוניסטישע וויזיע; דער ארבעטער־קלאס גופא איז לכתחילה געשאפן געווארן פאר דעם דאזיקן צוועק. אן אים, אן דעם דאָ־

זיקן אייגנטלעכן היסטאָרישן צוועק וואָלט די יידישע יוגנט נישט געווען געצויגן צו עליה, נישט געווען אַריינגעוואָרפן זיך אין דער אַרבעט, נישט געשאַפן און נישט אויפגעבויט קיין באַוועגונג. די באַוועגונג פון דער יידישער אַרבעט, מיט אירע מוסדות, אָרגאַניזאַציעס, אונטערנעמונגען, ווירטשאַפטן און ישובים, — אַלע זיינען זיי געהייליקט דער ציוניסטי־שער וויזיע און זיי, די אַרבעטער, האָבן זייער גאַנצן לעבן צוגעפּאַסט צו אירע נויטן. קיין ענלעכע באַוועגונג האָבן די קאָמוניסטן נישט געפונען און קיין אַנדער אָרט אין דער וועלט און געוויס נישט אין דער קאָלאָ־ניאַלער וועלט. עס איז דעריבער קלאָר געווען פון פאָראויס, אַז די אַגענטן פון קאָמינטערן האָבן געהאַט גאָר קליינע אויסזיכטן משפיע צו זיין אויף דער דאָזיקער באַוועגונג. דאָך איז דער יידישער אַרבעטער־קאָלעקטיוו געווען דער איינציקער מיט וועלכן די ארץ־ישראל־קאָמוניסטן האָבן גע־קענט אין דער ערשטער צייט קומען אין אַ וועלכער נישט איז באַרירונג און זיי האָבן עס נישט אַדורכגעלאָזט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט נישט פאָרגעשלאָגן דעם יידישן אַר־בעטער קיין אַנדער אידעע במקום דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וויזיע. זיי האָבן זיך באַמיט צו רעאַליזירן דאָס וואָס עס האָט ניי־טיק געהאַט די סאָוועטישע אויסערן־פּאָליטיק. די פירער פון דער דאָ־זיקער פּאָליטיק האָבן געוואויגן און געמאָסטן אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן אויסגעפונען אַז עס זיינען דאָ די מעגלעכקייטן וואָס מער צו באַלעסטיקן די ענגלענדער און זיי צווינגען מוותר זיין לטובת סאָוועטנרוסלאַנד, מיט דער הילף פון די אַראַבער וואָס זיינען דעמאָלט געווען די מערהייט פון לאַנד און נישט פון די יידן וואָס זיינען יענער צייט געווען אין דער מינדערהייט. אין דער מאָס וואָס עס איז פאַראָרדנט געוואָרן די קאָמו־ניסטן זיי זאָלן זיך אַרויסהעלפן אין זייער טעטיקייט מיט נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע טענדענצן, האָט מען ביי זיי געפאָדערט זיך צו באַנוצן מיט די אַראַבישע שטרעבונגען וואָס האָבן קודם־כל באַצוועקט אָפּצו־שטעלן די עליה און אויך אַרויסטרייבן יידן וואָס האָבן באַוויזן אַריינצו־קומען אין לאַנד און דאָרט זיך איינאָרדענען. דאָס זיינען געווען שטרע־בונגען וואָס האָבן געפונען זייער פּראַקטישן אויסדרוק אין פּרוּוון צו אָרגאַניזירן פּאָגראָמען אויך אין ארץ־ישראל. די סאָוועטישע פּאָליטיקער וואָס זיינען געווען די ממונים אויף די אינטערעסן פונעם ראַטנפאַרבאַנד אינעם נאָענטן מזרח, זיינען געקומען צום שלוס, אַז די דאָזיקע שטרע־בונגען זיינען זייער וואַגיקע צווישן די אַראַבער, און נאָר מיט זייער הילף וועט מען קענען געווינען די השפּעה אויף זיי און דעריבער האָבן זיי פאַר־לאַנגט פון זייערע אויספירער, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען צו פאַרבינדן מיט

די דאָזיקע קרייזן, זיי שטיצן ווי מעגלעך און זיך אידענטיפיצירן מיט זייערע טענדענצן. די ארץ־ישראל־קאָמוניסטן האָבן געאַרבעט אין דעם דאָזיקן גייסט און אין הסכם מיט אים פאָרמולירט זייער פּראָגראַם. די יידישע קאָמוניסטן זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז דער פּראָגראַם וועט זיי מאַכן באַליבט ביי די אַראַבישע באַנדעס און שאָוועניסטישע אָרגאַני־זאַציעס. זיי האָבן אַפילו גאָרנישט געהאָפט אַז זי זאָל זיי מאַכן באַליבט ביי די יידן.

די קאָמוניסטן האָבן נישט געבראַכט דעם יידישן ישוב זייערע אי־דעען, און אויך נישט געפּרוּווט צוזאַמענברענגען סימפּאַטיקער אַרום זייער רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם. זיי האָבן אַפילו צו זיך אַליין נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז עס זאָל זיין פּלאַץ צו רעדן וועגן אויסטוישן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע וויזיע פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער אויף זייער וויזיע ווייל זיי האָבן נישט געקענט איינשפּאַנען קיין יידן אין דער אַראַבישער אָנשטרענגונג אַרויסצוטרייבן די יידן פון לאַנד. די קאָ־מוניסטן האָבן, בכן, אָנגעהויבן אונטערגראָבן דעם עצם אידעאישן כאַ־ראַקטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דעם עצם גלויבן פון יידישן אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיין ביכולת צו פאַרווירקלעכן וועלכע ניט איז וויזיע: „אַ מינימום פון בעסער לעבן און נאָרמאַלן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג״ — שרייבט דער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי „אַרבעטער־פּראָבלעמען״ (מאַרץ 1923) — וואָלט געווען די בעסטע אַקציע פאַרן אויפבוי פון אונדזער לאַנד. דער אַרבעטער־קלאַס האָט איין און איינציקע אויפגאַבע — צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער. די אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט לאָזט ער איבער פאַר אַ גרופּע אָדער פאַרן הערשנדיקן קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס האָט אַבסאָלוט קיין חשק נישט זיך „אַריינ־צומישן״ אין די ווירטשאַפטלעכע ענינים פונעם קאַפּיטאַליסט. דער אַר־בעטער האָט גענוג אייגענע צרות: אָרגאַניזירן די אַרבעטער, קעמפן פאַר אַ געהעכערטן לוין, פאַר אַ קלענערן אַרבעטס־טאָג, פאַר דער פרייהייט צו שטרייקן אאז״וו. בקיצור, ער איז אינגאַנצן באַשעפטיקט מיט זיינע קלאַסן־פּראָבלעמען און האָט נישט קיין פרייע צייט.״

וואָס שייך דער „גרויסער וועלט״ חזרט איבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ארץ־ישראל טאָג־טעגלעך אויך צו יענער צייט אירע לאָזונ־גען וועגן דער נויטווענדיקייט און דרינגלעכקייט פון דער גרויסער סאָ־ציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועגן דעם מוז אַז די אַרבעטער זאָלן אומ־פאַרזוימט נעמען די זאַכן אין זיינע אייגענע הענט, וועגן דעם באַנקראָט און אָפּהענטיקייט פון קאַפּיטאַליזם, פאַראַט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס שטעלן זיך צופרידן מיט אַ לוין־העכערונג פאַרן אַרבעטער און דער־

לאָזן אים נישט פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אאז״ו, אאז״וו; אָבער גראָד דעם יידישן אַרבעטער אין לאַנד פלייסן זיי זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ מענטשן אָן אינטערעס און אָן אַספּיראַציע אויסער דעם גע־העכערטן שילינג אויפן לוין, אין אַ „באַנטשע שווייג״, וואָס שטעלט זיך צופרידן מיט „חלה און פיש״ און פאַרלאָזט זיך מיט אַלעם איבע־ריקן אויף די קאַפּיטאַליסטן. אין אַ פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פאָרם פון טעזיסן פאַר דער טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, שרייבט דער קאָמו־ניסטישער אָרגאַן „אַרבעטער־געדאַנק״ (מאַי 1923) צווישן אַנדערס:

„כמעט דער גאַנצער מאָדערנער ישוב, ווי מען רופט אים, האָט זיך פאַרוואַנדלט פון אַ אינסטרומענט פאַר קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אין אַ רעאַקציאָנערן מכשול קעגן איר. אַנשטאָט צו דערמוטיקן און העלפן דער אימיגראַציע פון פּריוואַט־קאַפּיטאַלן האָבן זיי (די ציוניסטן) זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען איר צו שטערן. אויף אַ געקינסטסטלטן שטיי־גער האָבן זיי געפּלעגט אַלע אומנאַרמאַלע פאָרמען פון ווירטשאַפטלע־כער אַנטוויקלונג, ווי למשל, פאַרטיידיקן די ביוראָ פאַר עפנטלעכער אַר־בעט אאז״וו. „די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע״ שטייט פאַר איר נאָענטסטן חורבן, בכל־אופן איז זי נישט בכוח אַרויסצוגיין פונעם קריזיס. דער פּריי־וואַט־קאַפּיטאַל, סיי דער וואָס האָט זיך שוין לאַנג פאַרוואָרצלט אין לאַנד, סיי דער וואָס האָט אַהער איינגעוואַנדערט (דער בראַנדעסיסטי־שער) וועט פאַרכאַפּן מער און מער אירע פּאָזיציעס. דאָס איז דער אויס־גאַנג פון דעם איצטיקן קריזיס. די אַרבעטלאָזיקייט איז אַ דירעקטער רע־זולטאַט פונעם סיסטעם פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע און פון די שטערונגען וואָס זיינען פאַרשאַפט געוואָרן דעם קאַפּיטאַל. ער וועט פאַרלייכטערט ווערן אין דער מאָס וואָס עס וועט זיך פאַרשטאַרקן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג. אונדזערע חברים אין די קבוצות, אין די גרופּעס און אין גדוד העבודה דאַרפן איבערצייגן, אַז עס וועט זיין אוממ־מעגלעך צו פאַרמיידן זייער חורבן; אַז די קבוצות, די עמפּרעסעס און די ביוראָ דערפילן אַ רעאַקציאָנערע אויפגאַבע אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד... די אַרבעטער־פראַקציע (די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. רעד׳) שטרעבט צו פאַרוואַנדלען די אַרבעט־ביוראָ אין אַן אַרבעטער־ביוראָ ביי דער מוניציפּאַליטעט, מיט דער באַטייליקונג פון די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן.

אין יאָר 1923 האָט דאָס לאַנד איבערגעלעבט אַ מוראדיקן קריזיס. די צאָל אַרבעטסלאָזע איז געווען גרויס און עס איז אויך געווען היפּש־לעך שווער די לאַגע פון די וואָס האָבן יאָ געהאַט אַרבעט. די קאָמוניסטן

וואָס האָבן געלויערט אויפן יידישן אַרבעטער וואָס האָט געשלעפּט דעם שווערן יאָך, האָבן געפּרואווט אים אַגיטירן, ער זאָל אַרויסרייסן פון זיין האַרצן יעדע וויזיע, כדי אָזוי אַרום צו פאַרמינערן זיין שטאָלץ און גלויבן אין זיינע כוחות און אייגענער יכולת; און אָנווייזן אויף דער פולער באַהערשונג פונעם קאַפּיטאַליזם ווי דער איינציקער אויסוועג. זיי האָבן געפּרואווט אָנכאַפּן זיך אין וואָס גרעסערע אַנטיסאָציאַלע דערשיי־נונגען, בכדי צו דערפירן די אַרבעטער־מאַסע צו אַ מצב פון אַ סטאַדע מענטשן, וואָס יעדער איינער זאָרגט נאָר פאַר זיינע פּריוואַטע אינטערעסן און איז זייער אַ לייכטער שטאָף אים צו קענען דאָמינירן. די יידישע אַר־בעטער־באַוועגונג שטרעבט צו אַ ווייטגייענדיקער גלייכקייט אינעם אַר־בעטער־קלאַס, צו דער ליקווידאַציע פון דער עקאָנאָמישער אומגלייכקייט צווישן אַרבעטער און זי נעמט אָן ענערגישע שריט צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע טענדענץ. די פאַרטיפונג פון דער סאָציאַלער גלייכקייט צווישן אַרבעטער־קלאַס פאַרשטאַרקט זיינע יכולת בייצושטיין די שווערע נסיו־נות אויפן וועג פון דער פאַרווירקלעכונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער וויזיע, און די קאָמוניסטן הייבן אָן מיט פּראָפּאַגאַנדירן קעגן דעם אויסגלייכן דעם אַרבעטסלוין. „כדי צו לייזן דאָס פּראָבלעם און פאַר־פעסטיקן „טעאָרעטיש״ דעם „סאָציאַליסטישן״ יושר — שרייבט „די אַרבעטער בימע״ אין חודש יוני 1923 — קומט די „לוין־אויסגלייכונג״ פון די אַרבעטער און קוואַליפיצירטע. — די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע נעמט אַרום צוויי פאַרשידענע קלאַסן, וואָס זיינען זייער אָפט קעגנזעצלעך איינער צום צווייטן.״

צוזאַמען מיט דעם האָבן זיך די קאָמוניסטן באַמיט צו פלעגן שנאה צו די „פרעמדע יידן״ אויך צווישן דעם יידישן ישוב גופא, און אָנצור־רייצן די „איינגעבוירענע״ קעגן די נייע עולים. „פּעטע שטעלעס״ — האָט געשריבן די „אַרבעטער־בינע״ — ווערן געגעבן די „אשכנזישע יידן״; הויכע שטעלעס — די רוסישע עולים, די העכסטע שטעלעס — די ענגלישע אויסגעוואַנדערטע און די איינגעבוירענע ווערן באַוועלט אַפילו דורך די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און אין אַזאַ מאָסשטאַב, אַז עס שטייגט די אויפדעקונג צווישן די „מיטעלע שיכטן״ פון די דאָזיקע געמיינדעס. זיי, דאָס הייסט די אַשכנזים, נעמען צו פאַר זיך דאָס בעס־טע און לאָזן איבער פאַר די ספרדים דאָס ערגסטע, ד״ה די נידעריקע שטעלעס פון שמשים, גאַסנקערער אאַז״וו. די „הסתדרות העובדים״ האָט אויך נישט דערפילט איר הבטחה. עס בלייבט איין אויסוועג דעם איינ־געבוירענעם אַרבעט־מענטש: „זעלבסטהילף״.

די יידישע קאָמוניסטן פון ארץ־ישראל האָבן אין יענעם פּעריאָד גע־

האָט די אויפגאַבע צו קאָנצענטרירן אַרום זיך מענטשן וואָס זיינען גרייט צו דינען ווי אַן אינסטרומענט אין די הענט פון סאָוועטישע פּאָליטיקער און אַגענטן, פּונקט ווי די פאַרשידענע באַנדעס האָבן געדינט ווי בלינדע אינסטרומענטן ביי די אַנדערע אימפּעריאַליסטישע אַגענטן אין דער קאָלאָניאַלער וועלט. די קאָמוניסטן האָבן אָבער נישט געפונען אַזעלכע קרייזן צווישן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און זיי האָבן זיך באַמיט, קודם־כל, איר אויסצוליידיקן פון יעדן אייגענעם אידעאישן תוכן. זיי האָבן געוואָלט באַגרענעצן איר האַריזאָנט דורך אונטערגראָבן די אייניקייט פון דער הסתדרות און איר צעברעקלונג אין באַזונדערע צעך־אָרגאַניזאַציעס, אָן וועלכער עס איז העכערער סאָציאַלער טענדענץ; דורך אויפרייצן די אַנטיסאָציאַלע ליידנשאַפטן דורך אַגיטאַציע צו כלערליי צאַנקערייען, צווישן שיכטן, געמיינדעס, ראַסן אאז״וו.

די יידישע קאָמוניסטן אין ארץ־ישראל האָבן נישט געהאַט קיין אויסזיכטן צו דערוואַרבן אַ סך סימפּאַטיזירער צווישן דעם אַוואַנגאַרד און אידעאַליסטישע כוחות פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיי, די לעצטע, האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער ציוניסטישער באַפרייאונג־אינטערנעמונג, אינעם חלוצישן אויפבוי, אין קיבוץ גליות, אין קאַמף פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן פאָלק, אין אַ גרויסער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. די יידישע אַוואַנגאַרד־כוחות קומען אַפילו גאָרנישט אין באַטראַכט ווי אַ דינער פון טענדענצן וואָס אַנדערע באַשטימען פאַר זיי. מיט קאָלאָניאַלע אויפגאַבעס איז די קאָמוניסטן געווען אַ סך לייכטער צוצוקומען צו מענטשן ביי וועלכע עס איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן זייער רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג און שאַפונגברען און זייער אָרט איז געוואָרן פאַרנומען פון פאַרביטערונג וואָס פרעסט אויף דעם מענטשן; צו אַזעלכע וואָס זיינען מיד געוואָרן צו שלעפּן דעם יאָך פון דעם אידעאַל און האָבן זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן בלויז ווי קאָנסומענטן; מענטשן וועמען עס איז געוואָרן שווער דער גרויער חלוצישער וועג און האָבן אָנגעהויבן שטרעבן צו פּערזענלעכן וואָס מעגלעך גרעסערן דערפאָלג, אדג״ל; מענטשן וואָס האָבן דערזען ווי אַזוי די וועלט הייבט זיך אָן „איינצואָרדענען" אויך אָן רעוואָלוציעס און האָבן אויך באַשלאָסן זיך איינאָרדענען אָן זיי; מענטשן וואָס האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ „תכלית" אין אונדזער מיט און דאָרט געטראָפן קאָלעקטיווע „שאַפונג־פרייד" און פאָדערונגען צו קרבנות־גרייטקייט; מענטשן, ביי וועלכע דער „טאַלאַנט צו ארץ־ישראל" און כוח ביייצושטיין די שווערקייטן פון חלוצישן אויפבוי איז פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט זייער יוגנטלעכן ברען און האָבן מידע און פאַרמאַטערטע אָנגעהויבן שטרעבן

צו רו און צו אייגנטום. אַט די דאָזיקע קרייזן באַמיט זיך דער קאָמוניזם צו איבערצייגן אין דער גערעכטיקייט פון זיין וועג און זיי אַוועקשטעלן ווי די געזעלשאַפטלעכע באַזע פאַר זיין טעטיקייט. ער ווענדט זיך נישט מיט קיין שום תביעות, פאַרקערט — ער גיט זיי אידעאָלאָגישע און אַפילו רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם יאָך, זיך אויסטאָן פון יעדער וויזיאָנערישער לאַסט. ער העלפט זיי זיך צו באַפרייען פון די לעצטע שטערונגען און וואָס גיכער צו צוימען די ליניע פון טראַכטן נאָר פון „די אייגענע צרות".

יעדער רעוואָלוציע, יעדע פאַרביטערונג האָט זיך אירע אַנטוישטע און אויסגעניכטערטע. אונדזער חלוצישע באַוועגונג, וואָס האָט אַזויפיל שווערע פאָדערונגען, האָט אַלעמאָל געהאַט אירע דעזערטאָרן, — די „אַנטוישטע" און „אָפּגענאַרטע", אויסגעניכטערטע, אַזוי גערופענע „קעמפער פאַרן אמת", אאז״וו. אַ טייל פון זיי זיינען פאַרבליבן אין לאַנד, אַ טייל זיינען אַרויסגעפאָרן און האָבן זיך צוריקגעקערט אין די שטעטלעך און גרעסערע שטעט פון די גלות־לענדער. איינע ווי די אַנדערע זיינען אומגעגאַנגען אָן אַ גואל און אָן אַ גאָט און האָבן געגאָסן גאַנצע פּאָמאַייניצעס שפּאָט און ציניזם אויף די קעפּ פון די יעניקע וואָס האָבן געוואָלט עולה זיין און אויף די ניי־אָנגעקומענע עולים. זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן דעם „ציוניסטישן בלאָף"; פאַרשפּרייט רכילות אויף און אַרום ארץ־ישראל צווישן נאָענטע און ווייטע — ביז עס איז זיי אַליין נמאס געוואָרן און זיי האָבן זיך געפּרואווט „איינאָרדענען" אָדער זיינען גאָר פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן דער גרויסער מחנה פאַרביטערטע, וואו קיינער האָט מער נישט געפרעגט די סיבה פון זייער פאַרביטערטקייט.

מיטן דערשיינען פון די יידישע קאָמוניסטן אין לאַנד האָט זיך דאָ געענדערט דער גורל פון די פאַרמאַטערטע, פון די „אָפּגענאַרטע" און אומצופרידענע. די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז דערגאַנגען צו זיי און זי האָט געהויבן זייער ווערט און חשיבות אין זייערע אייגענע אויגן, געשאַפן אַן עפנטלעכע טריבונע זיי צו פאַרסמען, אַנגעקלעפּט זייער פאַרביטערונג און אידעאָלאָגיע, זיי צונויפגענומען אַלע צוזאַמען און זיי אַריינגעשריגן אין די אויערן: „איר זענט רעוואָלוציאָנערן".

**
*

אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז אין לאַנד געשאַפן געוואָרן, אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר, דער „גדוד" פאַר אַרבעט און פאַרטיידיקונג — אַ קאָמונע פון יידישע אַרבעטער אין לאַנד־מאַסשטאַב. דער גדוד האָט רעאַליזירט זייער וויכטיקע אַרבעטן, און האָט געדינט פאַר

דעם אָנהייב פון גרויסע אונטערנעמונגען. אין דער דאָזיקער ראַם האָט זיך אין דער ערשטער צייט קאָנצענטרירט דער געראַנגל פון דער דריטער עליה פאַר אַ נייער לעבנס־פאָרעם און דערגרייכונגען פון חלוצישן אויפבוי. אין דער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אין גדוד אַ פראַקציע, וואָס האָט דערזען קאָנטראַסטן צווישן איר קאָמוניסטישן שטאַנדפונקט און צווישן פאַרשידענע ציוניסטישע געבאָטן. די פראַקציאָניסטן — אַזוי האָט מען אין יענער צייט גערופן די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי — האָבן אויסגעשטעלט האָפענונגען אויף דער דאָזיקער פראַקציע און אין איר קאָנצענטרירט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. צווישן די מענטשן פון גדוד, וואָס זיינען בוטה געווען זיך צו דערוויַיטערן פון ציוניזם, האָבן זיך אויך געפונען אַ טייל פון זיינע גרינדער און וויכטיקסטע אַקטיוויסטן, און די פראַקציאָניסטן האָבן אין דעם געזען אַן אויסזיכט צו שאַפן אַן ערנסטע געזעלשאַפטלעכע באַזע פאַר זייער פאַרטיי. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די וועלכע האָבן זיך באַפרייט פונעם ציוניסטישן יאָך און געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן זייער דירעקטע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון גדוד. די האָפענונגען אָבער פון די פראַקציאָניסטן זיינען צונישט געוואָרן. זייער אונטערגראָבונג האָט שטאַרק געשעדיקט דעם גדוד און האָט גורם געווען צו זיינע קריזיסן און אומגליקן. די קאָמוניסטישע השפעה האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָכדעם ווי די קאָמוניסטישע מיטגלידער פון גדוד האָבן זיך דערוויַיטערט פון ציוניזם און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיינע קעגנער — האָבן אַ סך פון זיי נישט געהאַט מער קיין מאָטיוו צו פאַרבלייבן דווקא אין ארץ־ישראל. אין אַ פאַרוואָרפענעם אַזיאַטישן ווינקל, אין וועלכן עס זיינען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די קאָמוניסטן קעגנזעצלעכע אויפגאַבעס צום כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציאָנער, ווי לויבן און רימען די פינצטערסטע קרייזן, אונטערגראָבן די פאַרגעשריטענע כוחות און שעדיקן יעדער אָנשטרענגונג צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד. זיי זיינען אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. פאַר אַנדערע איז דער אַנטיציוניזם געוואָרן דער אָנהויב פאַר אַ מער אַלגעמיינעם קריזיס און זיי האָבן זיך גאָר דערוויַיטערט פון פאָליטישן לעבן. מיט דער פראַקציע איז פאַרבליבן נאָר אַ קליין הייפעלע מענטשן וואָס זיינען מיט דער צייט אַריבערגעפאָרן אין שטאָט. זיי האָבן איר ניט צוגעגעבן קיין נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרעם. זיי האָבן זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון די איבעריקע אַנטוישטע, וועלכע זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין לאַנד.

די קאָמוניסטישע דערגרייכונגען צווישן די אַראַבער זיינען אין

די צוואַנציקער יאָרן געווען נאָך קלענערע. די אַראַבישע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, וואָס איז געקומען מיט דער וועלט־מלחמה, איז מיט דער צייט אויסגעוועפט געוואָרן אין אַ גאָר גרויסער מאָס. אַ טייל פון די אַראַבישע גבירים האָבן פּיפּיק עקספּלואַטירט די נויטן פון דער יידי־שער עליה, כדי צו ווערן נאָך רייכער. אַנדערע האָבן זיך גוט „איינגע־אָרדנט" דורך בשותפותדיקער טעטיקייט מיט די ענגלענדער און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געוואַכט איבער די אַרבעטער־מאַסן, זיי זאָלן ניט באַ־איינפלוסט ווערן פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און פּאָרגעשרי־טענע מיינונגען וואָס די יידישע עולים האָבן מיטגעבראַכט. זיי האָבן פּאַקטיש באַהערשט די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג און איר אויס־גענוצט פאַר זייערע קלאַסן־אינטערעסן. צווישן די מאַסן האָט געהערשט אָרעמקייט און די געוויינלעכע דערדריקטקייט. די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אָבער געווען אוממעכטיק, אינהאַלטלאָז און אָן יעדער באַפרייאונג־טענדענץ. די פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּעס, וואָס האָבן זיך מיט איר באַשעפטיקט, האָבן זיך אַרומגעריסן און באמת וואָס מער צו געניסן און באַרייכערט ווערן פון איר. וואָס מער עס איז געשטיגן די דערוואַכונג פון די אַראַבער אַלץ מער האָבן איר אויסגענוצט די פּאָ־ליטיקער אין די רעגירונג־אַמטן און אויסגעפּרעסט הנחות און פּריווי־לעגיעס פאַר זיך און די קרובים. עס איז פון זייער זייט ניט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטער פּרואוו איינצושטעלן זיך פאַר די אַראַבער און אַרומרייסן מיט דער פרעמדער מאַכט. זייער גאַנצע טעטיקייט צווישן די מאַסן האָבן די אַראַבישע נאַציאָנאַלע טוער קאָנצענטרירט אין דער אָריענטאַציע קעגן דעם ישוב און קעגן דער יידישער עליה, דערמוטיקנדיק רויב און איבערפאַלן אויף יידן.

***

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז איבערהויפּט געווען אַ יידישע פּאַרטיי, האָט זיך באַמיט צוצופּאַסן ווי נאָר מעגלעך צו דער דאָזיקער ווירקלעכקייט, אַבי צו האָבן אַן אריינטריט אויך צווישן די אַראַבער. זי האָט אַטאַקירט אין אירע פּלאַקאַטן דעם יידישן ישוב, די „ציוניסטישע פּלאַנטאַטאָרס, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט און דעם מאַרך פון אונדזערע „אַראַבישע" ברידער"; זי האָט געטיילט רעוואָלוציאָנערע טיטולן די פאַרשיידענע אַראַבישע באַנדעס, און האָט פּראָקלאַמירט, אַז זייערע איבערפאַלן זיינען ניט עפּעס אַנדערש ווי אַנטיאימפּעריאַליסטישע אויפ־שטאַנדן, אַגראַרישע רעוואָלוציעס, נאַציאָנאַלע אד״גל. זי האָט צוגע־געזאָגט און כסדר מבטיח געווען די אַ ר אַ ב י ש ע נאַציאָנאַליסטן די

שטיצע פון ראַטנפאַרבאַנד אין זייערע אַנטי־יידישע פאָדערונגען; זי האָט אַריינגעפלאָכטן אַ טייל פון די דאָזיקע פאָדערונגען אין איר איי־גענער פראָגראַם. די אַראַבישע טוער האָבן זיך אָבער ניט גענויטיקט אין דעם קאָמוניסטישן הכשר און אויך ניט אין די רעוואָלוציאָנערע קרוינען פון דעם דאָזיקן צד. פאַרקערט, די קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע עס האָבן אויף זיי געשאָטן די יידישע קאָמוניסטן פון תל־אביב האָבן גאָר פאַר־מינערט זייער כבוד אין דער אַראַבישער געזעלשאַפטלעכקייט. די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי האָט צוגעגעבן פאַרביקייט אין איר אַגיטאַציע קעגן יידישן ישוב און אונטערגראָבונג פון דער ציוניסטישער אונטערנעמונג; זי האָט אין אַלץ נאָכגעמאַכט די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע סיסטעמען און לאָזונגען און טראָצדעם אַלעמען האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט געענ־דערט איר נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל.

**
*

אין די דרייסיקער יאָרן, מיטן דערנענטערן זיך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן די אַגענטן פון די אַקס־מלוכות פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט אויך אינעם מיטעלן מזרח. עס האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די פּילבאַרקייט פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק לגבי אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דעם דאָזיקן ראַיאָן. פון דער אַנדערער זייט האָבן די צוויי פעלקער פון דעצידירנדיקער השפעה אין יענער צייט, און נאָענטן מזרח, ענגלאַנד און פראַנקרייך, זיך באַמיט דאָ צו פאַרשטאַרקן זייערע טראַדיציאָנעלע פאַרבינדונגען און זיי אויסברייטערן וואָס מער. צווישן די אַגענטן פון די אַקס־פעלקער איז די העגעמאָניע גיך אַריבער צו די היטלער־אַגענטן און זיי האָבן געצילט צו די „דינאַמישע כוחות" פון די אַראַבישע לענדער. די היטלער־אַגענטן האָבן זיך פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציעס, האָבן עקיפּירט און געאיבט זייערע מענטשן און אָרגאַניזירט נייע מיליטערישע באַנדעס. די רעגי־רונגען פון די אַנדערע לענדער זיינען שנעל מיטגעריסן געוואָרן פון דעם דאָזיקן סיסטעם. אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן אַריבערגעפירט דעם שווערפּונקט פון זייער טעטיקייט אויף מיליטערישע פּראָבלעמען, און אויף כוחות פון באַזונדער וויכטיקייט אין דער דאָזיקער הינזיכט.

אין ארץ־ישראל האָט זיך די קאָמוניסטישע צופּאַסונג צו די נייע נויטן פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק אָנגעשלאָגן אין באַזונ־דערע שוועריקייטן. דער גערעג פון די פעלקער צו געווינען די „דינאַמישע כוחות", כדי זיי איינצושפּאַנען אינעם יאָך פון זייערע נויטן איז געווען געצילט צום אַראַבישן טייל פון דער באַפעלקערונג. דער הויך־קולטור־

רעלער יידישער טייל פון ישוב, וואָס איז געווען אינגאַנצן איבערגע־
געבן צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיין אייגענער היסטאָרישער וויזיע,
האָט ניט געקענט באַטראַכט ווערן ווי אַ צושטעלער פון מענטשן צו דער
פאַרפיגונג פון אַנדערע. דאָס ערגסטע דערביי, וואָס די גרויסע קאָמוניס־
טישע מערהייט אין ארץ־ישראל איז געווען אַ יידישע, און איר פאַרביג־
דונג מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז געווען אַ זייער שוואַכע.
דאָס יידישע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ארץ־ישראל האָט זיך
געלייגט ווי אַ משא וואָס די פאַרשיידענע קאָמוניסטישע אַגענטן האָבן
ניט געזען קיין מעגלעכקייט זי ווייטער צו טראָגן. זיי האָבן אָנגענו־
מען דראַסטישע מיטלען צו פאַרוואַנדלען זי אין אַן אַראַבישער פאַרטיי.
אין יאָר 1932 איז מיט דער אָנפירונג פון די שליחים פון קאָמינטערן,
אונטערגענומען געוואָרן אַן אַקציע צו פאַרגרעסערן די צאָל קעמערלעך
צווישן דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. ערשט נאָכדעם, ווען אויך די
דאָזיקע אָנשטרענגונג האָט ניט געגעבן די געוואונטשענע רעזולטאַטן,
איז דערוויילט געוואָרן אַ נייער צענטראַל־ראַט פון דער פאַרטיי, אין
וועלכן עס איז פאַראויס פאַרזיכערט געוואָרן אַן אַבסאָלוטע אַראַבישע
מערהייט, כאָטש זיי זיינען אויך פריער ניט געווען ווייניק פאַרטראָטן
אין אים.

די נאַצי־אַגענטן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אינעם מיטעלן מזרח
האָבן אויך דאָ אַגיטירט צו שחיטות אויף יידן. די דאָזיקע אַגיטאַציע
האָט זיי געדינט ווי אַ בריק צו פאַרשיידענע אַראַבישע קרייזן, באַזונ־
דער אין ארץ־ישראל. די טעטיקייט פון די נאַציאָנאַלע אַראַבישע טוערס
איז שוין אַ צייט לאַנג געווען געצילט אין גאַנצן צו אַגיטירן קעגן יידישן
ישוב און אויך די ענגלישע אַגענטן וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער
אַראַבישער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן מיט זיי קאָאָרדינירט אין זייערע
אַרבעט־מעטאָדן; אָבער די נאַצים האָבן זיי אַלעמען איבערגעשטיגן. זיי
האָבן צוגעזאָגט אומצוברענגען אַלע יידן און האָבן באַלד געוואונען אַן
אַנזעעוודיקע סימפּאַטיע. זייער השפעה האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.
די אַנטי־יידישע אַגיטאַציע איז אָפטמאָל געווען דער הויפּט־גורם אין
דער פּאָליטישער קאָנקורענץ פאַר דער השפעה צווישן דער אַראַבישער
באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל. נאָך דעם וואָס די אָנפירונג פון דער קאָ־
מוניסטישער פאַרטיי איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַן אַראַבישער מער־
הייט, זיינען אויך דאָ אָוועקגענומען געוואָרן די לעצטע שטערונגען.

די אַקטיוויטעט פון די כלערליי אַגענטן האָט זיך קאָנצענטרירט
אַרום די באַנדעס, וואָס דער העכסטער אַראַבישער קאָמיטעט מיטן
מופטי בראש האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן. אַלע האָבן זיי זיך באַמיט צו־

צופּאַסן צו דער שטימונג וואָס האָט געהערשט אין די קרייזן, וואָס אונ־טער זייער הערשאַפט עס זיינען געשטעלט געוואָרן די באַנדעס. די יידישע קאָמוניסטישע טוערס האָבן זיך דעמאָלט באַמיט צו דערשיינען צווישן די אַראַבער ווי די קעמפער נאָר פאַרן אַראַבישן ענין, און פאַר־שטעלן זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן ישוב און צום יידישן פאָלק.

דאָס פּראָבלעם איז פאַרשאַרפט געוואָרן מיטן אויסברוך פון די גע־שעענישן אין יאָר 1936. דעם מופטיס באַנדעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזירטן כוח מיט אַ קענטיקער דיסציפּלין. זיי האָבן אָנגע־וואָרפן זייער הערשאַפט אויף דער אַראַבישער באַפעלקערונג און מיט זייער מאָרדן און צעשטערן האָבן זיי געהאַלטן דאָס גאַנצע לאַנד אין כסדרדיקער שפּאַנונג. אַרום די באַנדעס האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן לע־גענדעס, וואָס האָבן באַגייסטערט די אַראַבישע יוגנט און זייער שם האָט זיך פאַרשפּרייט אין די שכנישע לענדער. פון טאָג־צו־טאָג איז געשטיגן די אויטאָריטעט פון די אָנפירערס פון די באַנדעס, זייער השפּעה און פאַקטישער כוח. די פאַשיסטישע לענדער האָבן זיי געשטיצט און געשטאַרקט זייערע הענט. זיי האָבן באַזיגט די דאָזיקע גרויסע מחנה און באַשטימט אירע סיסטעמען, וועגן און מעשים. די יידישע און די אַראַבישע קאָמוניסטן צוזאַמען, האָבן ניט באַוויזן צו שאַפן אין משך פון די אַלע יאָרן קיין וואָגיקן אַראַבישן קרייז וואָס זאָל עפּעס אונטער־נעמען קעגן דער פולשטענדיקער הערשאַפט פון די באַנדעס. זיי האָבן אויך זיך געפּרואווט משפּיע זיין אויף זיי און צוימען זייערע פּינצטערע רעאַקציאָנערע דאָקטרינען, נאָר זיי זיינען סרוב צוגעשטאַנען צו זייערע לאָזונגען און פאָדערונגען. פּונקט ווי די נאַציס האָבן זיך אַ רגע ניט געקווענקלט צו באַנוצן מיט סאָציאַלער דעמאַגאָגיע ווען זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר נייטיק, אַזוי האָבן זיך אויך די קאָמוניסטישע אַגענטן ניט אָפּגעשטעלט צו אַגיטירן קעגן יידן, ווען זיי האָבן געמיינט אַז אַזוי אַרום וועט זיי זיין לייכטער צו געווינען די מענטשן פון די באַנדעס פאַר די פאַרשיידענע סטראַטעגישע נויטווענדיקייטן פון דער סאָוועטי־שער אויסערן־פּאָליטיק אינעם נאָענטן מזרח. דער קאָמוניזם אין ארץ־ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסגעשפּראָכענעם צורר היהודים, און זיין אָפּמאַך מיט די באַנדעס האָט דערגאַנצט די אַראַבישע נאַציאָ־נאַלע קאָנצענטראַציע אַרום דעם מופטי און זיינע בייזוויליקע צילן. אין די דאָזיקע אומשטאַנדן האָט די עצם־עקזיסטענץ פון אַ געמישטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַשווערט דעם קאָמוניזם, ווי עס האָט אים באַשווערט דאָס זיצן ביי איין טיש פון אַראַבישע קאָמוניסטישע פירערס מיט יידישע קאָמוניסטישע טוערס פון תל־אביב און חיפה. דאָס איז

ממש געוואָרן אומדערטרעגלעך, נאָך דעם וואָס די נאַצי־אַגענטן האָבן זיך מיט דעם באַנוצט כדי צו אַנולירן די קאָמוניסטישע השפעה צווישן די באַנדעס. פון דער צווייטער זייט איז געשאַפן געוואָרן אַן אומבאַקוועמע לאַגע אויך פאַר יענע יידישע קאָמוניסטישע טוערס וואָס זיינען ניט געווען טעטיק צווישן די אַראַבער נאָר בלויז אין די יידישע ישובים. דער קאָמוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיי באַאויפטראַגט אויסצופירן אין די טעג פון די אומאָרדענונגען, טעראָריסטישע אַקציעס קעגן יידישן ישוב וואָס די ·אַראַבער אַליין האָבן ניט געקענט רעאַליזירן, ווי למשל, וואַרפן באָמבעס אויף יידישע אינסטיטוציעס און ישובים. די פראַקציע־מענטשן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרניט, כדי אויסצופירן די דאָזיקע דירעקטיוון, די יידישע רעאַקציע אָבער קעגן זייערע מעשים האָט זיי שטאַרק באַשווערט. ענדלעך איז געפונען געוואָרן אַן אויסוועג וואָס זאָל פאַרלייכטערן ביידע טיילן צוזאַמען, די קאָמוניסטן וואָס זיינען געווען טעטיק צווישן די אַראַבער, און אויך די וואָס זיינען געווען טעטיק צווישן די יידן.

***

„מיט די געשעענישן פון 1936 זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַלעסטינע אַזעלכע באַדינגונגען — ווערט דערציילט אין „הנחות", פאַרעפנטלעכט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין חודש דעצעמבער 1939 — וואָס האָבן פאַרמיטן דעם אַקטיוון און פערמאַנענטן קאָנטאַקט צווישן דער אַראַבישער גאַס מיט דער יידישער. עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע באַדינגונגען אויף ביידע גאַסן, וואָס האָבן געפאָדערט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און אַרבעטצופאַסונג אין יעדן סעקטאָר באַזונדער. דעריבער האָט דער צענטער געפונען פאַר נויטיק, צו שאַפן די יידישע סעקציע פון דער פאַרטיי מיט אַ באַזונדער סעקרעטאַריאַט, צוזאַמען מיט איינעם פון די חברים פון צענטער, אָנצופירן די טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס. דער דאָזיקער באַשלוס איז אויסגעפירט געוואָרן אין יאָר 1937. די אַרבעט האָט אָנגעהאַלטן אויף דער דאָזיקער באַזע קרוב צו אַ יאָר, נאָך וועלכן עס איז איבערגעריסן געוואָרן יעדע פאַרבינדונג צווישן דעם צענטער מיט דער יידישער פעקציע".

די דאָזיקע איינאָרדענונג האָט עקזיסטירט ביז נאָך די געשעעניש. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט זיינען ניט באַטייליקט די טוערס פון דער יידישער סעקציע אין די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, און זיי האָבן אפילו געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצו־

גרענעצן פון די רציחות פון די אַראַבישע באַנדעס און זיך זיי קעגנ־שטעלן, כאָטש די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט דערמוטיקט די באַנדעס און אָנגעפירט מיט זיי אַ געמיינזאַמע טעטיקייט. עס זיינען געפירט געוואָרן צוויי מינים אָפיציעל־קאָמוניסטישע פּאָליטיקן, קעגנזעצלעכע צווישן זיך אויף טויט און לעבן. אין נאָמען פון דער אייגענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אירע טוער טאָג־טעגלעך אַגיטירט די אַראַבער קעגן די יידן, זיי אַרויסגעהאָלפן מיט געלט און מיט געווער, און זיך אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט זיי טאָן דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן, און אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע קאָמוניסטישע טוער געטאַדלט פאַר יידן די דאָזיקע מעשים און זיי געגעבן עצות, ווי אַרום צו ראַטעווען זייער לעבן. קעגנאיבער די דאָזיקע געשעענישן האָט דער קאָמאינטערן איבערגעגעבן די אָנפירערשאַפט פון זיין פאַרטיי אין ארץ־ישראל אין די הענט פון אַן אַראַבישער מערהייט, און איר געצוואונגען צוזאַמענ־אַרבעטן מיטן מופטי, און שטיצן זיינע רציחות. ער האָט זיך אָבער ניט קעגנגעשטעלט דער „זעלבסטשטענדיקייט" פון די יידישע קאָמוניסטן וואָס האָבן געוואוינט אין תל־אביב, אין ירושלים אאז"וו. דער קאָמינטערן וואָס צייכנט זיך אויס מיט צענטראַליזאַציע, דיסציפּלין און פולשטענ־דיקער געדאַנקען־איינהייטלעכקייט אין זיין אָרגאַניזאַטאָרישער ראַם, האָט ניט אויסגעשלאָסן די מענטשן פון דער יידישער סעקציע פון זיינע רייען, האָט זיי ניט געטאַדלט און ניט געשטערט זיך קעגנשטעלן זיין פּאָליטיק אָדער דער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ארץ־ישראל. דאָס דאָזיקע האָט דערמעגלעכט די קאָמוניסטן ניט פאַרברענען די בריקן צום יידישן ישוב, אין פאַל עס וועט געלונגען דעם מופטיס פּרוואוו אים צו פאַרניכטן. די יידישע סעקציע האָט פאַרגעזעצט זיין אַן אָפיציעלער טייל פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פון קאָמאינ־טערן. זי אַליין האָט אויך געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן איר טריי־הייט צום קאָמאינטערן.

אין יאָר 1939 האָבן זיך פאַרענדיקט די געשעענישן. עס זיינען געפאַלן אַ סך קרבנות, אָבער דער פּרוואוו צו פאַרטיליקן דעם ישוב איז ניט געלונגען. דער מופטי מיט זיינע באַנדעס זיינען דורכגעפאַלן און אויך די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז ניט אַרויסגעקומען פון די געשעע־נישן מיט אַ זיג. אינעם שותפות־פעריאָד מיט דעם מופטיס מענטשן האָבן זיך אַ סך פון יידיש־קאָמוניסטישן קאַדער גאָר אין גאַנצן אָנגע־שלאָסן אין זייערע רייען. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע וואָס זיינען דירעקט געוואָרן נאַצי־אַגענטן. ביים סוף פון די געשעענישן האָט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי דערמאָנט אין

זיין יידישער סעקציע, און האָט געפאָדערט אַז די אָפּזונדערונג זאָל בטל ווערן.

„אין לאַנד האָבן זיך געענדערט די באַדינגונגען — שרייבט דער צענטראַל־קאָמיטעט אין „הנחות" — און עס זיינען געשאַפן געוואָרן די מעגלעכקייטן פאַר אַ פּערמאַנענטער פאַרבינדונג צווישן דער אַראַ־בישער גאַס מיט דער יידישער און פאַר דער אָנפירונג פון אַ קאָנצענט־רירטער און איינהייטלעכער אַרבעט דורכן צענטער. אויף דער באַזע פון די דאָזיקע אַלע זאַכן האָט דער צענטער דערזען, אַז דער איינציקער אויסוועג פון דער לאַגע פאַר דער ייד' סעקציע, און איינציקער וועג פאַר דעם נאָרמאַלן פאָרשריט פון דער פּאַרטיי איז די ליקווידאַציע פון דער יידישער סעקציע. אין דער דאָזיקער צייט, ווען די פּאַרטיי האָט צו דער־פילן וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס פאָדערן די פאַרשטאַרקונג פון איר פּאָ־ליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן כוח, האָט דער צענטער איינגעזען די נייטיקייט אויפסנייַ אָנצופירן די אַלגעמיינע און איינהייטלעכע טעטי־קייט אויף דער יידישער און אַראַבישער גאַס".

דער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דיסקוסיע אין דער יידישער סעקציע און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קריג אין דער פראַגע פון דעם פּאַסיקן וועג און פּאַסיקער צייט פאַר בטל מאַכן די אָפּזונדערונג. אַלע האָבן נאָך גוט געדענקט דעם אָנטייל וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און צענטראַל־קאָמיטעט האָבן גענאָט אין די רציחות. ווי אַ צוגאָב דערצו האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט געפאָדערט פון דער יידישער סעקציע, זי זאָל אויסדריקן חרטה, וואָס זי איז ניט געווען גענוג אַקטיוו פאַר דעם „אַראַבישן רעוואָלט" אין דעם פּעריאָד פון אָפּזונדערונג, אין וועלכער זי האָט גענאָסן פון אַ באַשטימטער זעלבסטשטענדיקייט. ער האָט אויך געפאָדערט, אַז זי זאָל זיך אַרויסזאָגן קעגן קריג מיט היטלערן, אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ טייל פון די סעקציע־מענטשן האָבן געדענקט אַז דאָס געפאָדערטע פון זיי איז עלול צו מאַכן אוממעגלעך יעדער קאָמוניסטישע טעטיקייט צווישן דעם יידישן ישוב, און זיי האָבן אַפּעלירט קעגן דעם קאָמיטעט אַוועקגעשטעלט די טעזע אויףביידע שטרייטנדיקע מחנות, די סעקציע זאָלן פּאַרלויפיק אָנהאַלטן.

די קעגנער פון דער מיינונג פון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן געשיקט אין חודש סעפּטעמבער 1939 אַ צירקולאַר צום קאָמאַינטערן, כדי אויפ־קלערן און באַרעכטיקן זייער שטעלונג, און צווישן אַנדערס ווערט אין אים געזאָגט:

„מיטן אויסברוך פון אַראַבישן רעוואָלט (1936) האָט דער צענטראַל־

קאָמיטעט אָוועקגעשטעלט די טעזע אויף ביידע שטרייטנדיקע מחנות, איינע די אַראַביש־פּראָגרעסיווע, די צווייטע די ציוניסטיש־אימפּעריאַ־ליסטישע. אויף די יידישע מיטגלידער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפ־גאַבע צו העלפן דער קעמפנדיקער פּראָגרעסיווער מחנה, מיט די אייגענע מעטאָדן און מיטלען מיט וועלכע עס קעמפט די אַראַבישע מחנה, און ווען די אַראַבער זיינען אַריבער צו אַ פּאַרטיזאַנער־מלחמה, זיינען די יידישע מיטגלידער אויפגעפאָדערט געוואָרן מיטצוהעלפן אין דער דאָזיקער מלחמה דורך וואַרפן באָמבעס אין דער יידישער גאַס. דאָס וואַרפן באָמ־בעס איז ניט געווען געצילט צו פאַרשאַפן שאָדן די מענטשן, נאָר צו פאַרגרעסערן די פּאַניק אין ישוב. וואָס זיינען געווען די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן פעלער לגבי דער יידישער גאַס? די פולשטענדיקע אָפּגע־ריסנקייט פון ישוב און אָפענע שנאה. דער יידישער ישוב האָט געוואוסט, אַז עס זיינען געוואָרפן געוואָרן באָמבעס אויך אין דער הסתדרות, און דערמיט איז געגעבן געוואָרן אַ געפערלעכער געווער אין דער מלחמה קעגן אונדז.

„די פּראָפּאַגאַנדע אויף דער יידישער גאַס איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר לאָזונגען פון אַראַבישן רעוואָלט. די פּאַרטיי האָט געדאַרפט צופּאַסן אירע פּאָליטישע לאָזונגען צו דער פּאָליטישער רייפקייט פון ישוב. צו די פּרואוון פון די יידישע מאַסן. ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט וואָלט גענומען אין באַטראַכט די דאָזיקע אַלע פאַקטאָרן, וואָלט ניט געווען אַרויסגעקומען די אינסטרוקציע וועגן וואַרפן באָמבעס און עס וואָלטן ניט געווען דערשינען קיין פלאַקאַטן, וואָס האָבן שווער געטראָפן די געפילן פון ישוב. אָט האָבן מיר אַ ביישפּיל פון אַן אויפרוף וואָס איז דערשינען אין תל־אביב דעם 10־טן יולי 1936:

מיטן צעשטערן די ווירטשאַפט פון די ציוניסטישע אָקופּאַנטן און פּאַר־טיזאַנישע אַטאַקעס, וויל די באַוועגונג פון דער אַראַבישער באַפרייאונג מאַכן אוממעגלעך די ווייטערדיקע פאַרזעצונג פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע.

„דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געפאָדערט צו באַטראַכטן דעם באַ־גייטן אַראַבישן רעוואָלט (אינעם הויפּט־פּעריאָד פון דער מלחמה, אין יאָר 1937) ווי אַ פּראָגרעסיוון אַנטי־אימפּעריאַליסטישן רעוואָלט, און מינדערשעצן די פאַרבינדונג צווישן דער אָנפירונג פונעם רעוואָלט און דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם. דער אַראַבישער קאָדער איז טיילווייז מיטגעגאַנגען מיט די נאַציאָנאַליסטן. היינט צו טאָג פאָלגט ער ניט אויס מער די דירעקטיוון פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. די פּאַרטיי האָט זיך ניט באַמיט צו קאָנצענטרירן פּראָגרעסיווע כוחות פון צווישן דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ווייל זי האָט זיך אין גאַנצן פאַרלאָזט אויף דעם

אַלגעמיינעם אַראַבישן רעוואָלט. די פּאַרטיי האָט פאַרנאַכלעסיקט די אויפגאַבע וואָס זי האָט זיך געשטעדט און ניט מקיים געווען דעם קאַמף פאַר פאַרשטענדיקונג.

„דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ענדלעך אנערקענט (מאַי 1939) דעם פאַקט, אַז די אָנפירער פון אַראַבישן רעוואָלט זיינען טעטיק לויט די די־רעקטיוון פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם. אָבער די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון A מיינען, אַז די פּאַרטיי האָט ניט געטאָרט גיין מיטן רעוואָלט אין יאָר 1937. דאַקעגן מיינען די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון B, אַז די פּאַרטיי האָט יאָ באַדאַרפט גיין מיטן רעוואָלט, כדי צו ווירקן אין אים און דער פעלער באַשטייט אין דעם, וואָס די פּאַרטיי איז צו אים צוגעשטאַנען צו שפּעט.

„אין דער זעלבסטקריטיק וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן דורך די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט אויף דער זיצונג פונעם סעקרע־טאַריאַט, איז גערעדט געוואָרן וועגן פאַשיסטישער הילף דעם רעוואָלט, וועגן איבערגענומענע געווער־טראַנספּאָרטן, וועגן געלט און פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט רוים - בערלין.

„דער טעראָר קעגן יידן איז געווען איינער פון די מיטלען פונעם רעוואָלט. די פּאַרטיי האָט ניט באַקעמפט דעם דאָזיקן סיסטעם. אינעם פּעריאָד אין וועלכן עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַראַבישער טעראָר קעגן די יידן, האָט דער סעקרעטאַריאַט פון דער יידישער סעקציע געוואָלט אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו דער יידישער יוגנט זי זאָל זיך פאַרטיידיקן, אין דעם עיקר איר צו וואָרענען זי זאָל זיך ניט לאָזן אויסנוצן צוליב די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון אַן אַנדער פּאָלק און רעאַליזירונג פון דעם צעטייל־פּלאַן. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען קעגן אַזאַ אויפ־רוף. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט יעדער דערשיינונג קעגן אַראַבישן טע־ראָר, און אויך קעגן דער רעכט פון יידישן ישוב זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דעם דאָזיקן טעראָר.

„דער טעראָר קעגן די יידן האָט געהאָלפן דעם פאַשיזם פון דער אַראַבישער גאַס אָנצואווענדן דעם קריג קעגן דעם גאַנצן יידישן ישוב. די לאָזונגען „בעסער דער טויט פון איין יידן, איידער צען ענגלענדער״, אַז „בעסער צו טויטן איין יידישן אייזל איידער אַן ענגלענדער״ — רעדן פאַר זיך. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געזען אינעם טעראָר קעגן יידן אַ נעבן־דערשיינונג אין דער גאַנצער מלחמה אין לאַנד.

„אין יאָר 1937 איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ יידישע סעקציע מיט אַ פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן סעקרעטאַריאַט. דער סעקרעטאַר־יאַט האָט שטופנווייז אריינגעבראַכט ענדערונגען אין דער פּאָליטישער

אָריענטאַציע און פראָפּאַגאַנדע צווישן די פּראָגרעסיווע קרייזן אין ציו־
ניזם, און באַזונדער צווישן די ציוניסטישע אַרבעטער.

„אויף דער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט פון דער יידישער סעקציע צו־
זאַמען מיט צוויי מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט (אין יאָר 1939),
האָט געענטפערט איין חבר פון צענטראַל־קאָמיטעט, און דער צווייטער
האָט שפּעטער באַשטעטיקט זיין שטעלונג, אַז דאָס געזעץ קעגן די פּליטים
איז אַ פּראָגרעסיווער, און מיר זיינען פאַראינטערעסירט מען זאָל אָננעמען
די שאַרפסטע מיטלען. עס אַרט אונדז ניט די רעגירונג זאָל זיך באַנוצן
מיט געווער און זיי אויסמאָרדן, קיין אַנדערע וועלן שוין ניט קומען. אויב
מען וועט אפילו זאָגן, אַז דאָס איז אַן אַנטיסעמיטישע שטעלונג, מאַכט
אויך ניט אויס. די שטעלונג פון דער סעקציע האָט זיך אויסגעדריקט אין
אַן אויפרוף פון 10־טן מאַי 1939:

„די אכזריות פון דער בריטישער מאַכט, וואָס שיקט צוריק שיפן מיט פּלי־
טים פון נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס רעכנט זיך נישט מיטן פיזישן צושטאַנד פון
די פּליטים און שטעלט אין געפאַר זייער לעבן, אַרויסטרייבנדיק זיי אין דעם
אָפענעם ים אויף צעבראָכענע שיפן, האָט אויפגעשטעלט קעגן זיך דעם ישוב..."

דעם דאָזיקן אויפרוף באַטראַכטן די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָ־
מיטעט ווי אַ טעות און ווי אַ פאַרטיידיקונג פון דער ציוניסטישער עליה.
לויט זיי, דאַרפן מיר אין דער דאָזיקער הינזיכט שטיצן די רעגירונג און
ניט באַקעמפן איר צוליב איר באַציאונג צו די אומלעגאַלע עולים".

אַזוי האָבן די מענטשן פון דער יידישער סעקציע זיך באַקלאָגט אויף
די מענטשן פון צענטראַל־קאָמיטעט, אָבער הינטער דעם צענטראַל־קאָמי־
טעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער קאָמאינטערן
און האָט ניט צוריקגעצויגן זיין שטעלונג:

„פון זייערע אויגן (פון די מענטשן פון דעם דערמאָנטן מעמאָראַנ־
דום — א. ב.) איז פאַרזען געוואָרן דער פאַקט — ווערט געזאָגט איבעם
אויפרוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מאַרץ 1940 — אַז שוין אין יאָר
1935 איז די פּאַרטיי געווען פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער דער־
ציאונג פון די אַראַבישע מאַסן און אין דער אָנפירונג פון זייער מלחמה
קעגן בריטישן אימפּעריאַליזם און קעגן ציוניזם. אויף דער איניציאַטיווע
פון דער פּאַרטיי זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען און צוזאַמענ־
פאָרן אין פאַרבינדונג מיטן „טאָג פון דער אָקופּאַציע פון ירושלים", וואָס
האָבן קאָנצענטרירט צענדליקער טויזנטער מענטשן פון די דערפער און
שטעט. דאָ איז געלייגט געוואָרן די ריכטיקע באַזע פאַר דער אמתער
מלחמה פון די אַראַבישע מאַסן קעגן אימפּעריאַליזם און ציוניזם אין יאָר
1936. אין דעם דאָזיקן יאָר האָט די פּאַרטיי צום מערסטן פּראָגרעסירט,

געוואונען דעם צוטרוי פון די אַראַבישע מאַסן, ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אומאויפלערלעכער און אָרנטלעכער טעטיקייט אין לאַנד.

„עס איז געווען די פליכט פון אונדזערע יידישע מיטגלידער אויפצוקלערן די יידישע מאַסן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן אַראַבישן רעוואָלט און זיינע נעבן־דערשיינונגען — דער טעראָר — זיינען די ציוניסטן און די אימפּעריאַליסטן מיט זייער אָקופּאַציע־פּאָליטיק. רופן די ציוניסטן צו אַ קאַמף מיט געווער קעגן אַראַבישן טעראָר מיינט, זיי צו דערמעגלעכן אויסער זייער „פרידלעכער״ אָקופּאַציע אויך אַן אָקופּאַציע מיט געווער. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט עס ווי געהעריק אָפּגעשאַצט און מיט רעכט פאַרבאָטן דעם אויפרוף פון דעם סעקרעטאַריאַט פון דער סעקציע, וואָס האָט גערופן דעם ישוב און די ציוניסטישע „הגנה״ צו קאַמף קעגן טעראָר״.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז די רעאַקציע פון צענטראַל־קאָמיטעט געוואָרן נאָך שאַרפער. אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „פּראָוואָקאַטאָרן ביי דער אַרבעט״ („קול העם״ פון אָקטאָבער 1940) ווערט געזאָגט וועגן דער אויפירונג פון די מענטשן פון דער סעקציע, אַז אַזעלכע מעשים זיינען ווי געוויינלעך די אַרבעט פון געדונגענע זשאַנדאַרם־אַגענטן פון דער צאַרישער „אָכראַנקא״, פון דער רומענישער „סיגוראַנצאַ״, פּוילישער „דעפענסיוואַ״, „געסטאַפּאָ״ און „אינטעליגענס סערוויס״. די דירעקטע „אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי — באַשטייט אין אַוועקשטעלן די נידעריקע פּראָוואָקאַטאָרס פאַרן אַרבעטער־קלאַס״.

אַ געוויסע צייט האָבן זיך נאָך פאַרצויגן די דיסקוסיעס און קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען, און דער סוף איז געווען אַז די סעקציע־מענטשן האָבן מקבל געווען דעם פּסק־דין און זיך צוריקגעקערט אין דער פּאַרטיי.

***

אין די פערציקער יאָרן, אין דעם פּעריאָד פון דער צווייטער וועלט מלחמה און נאָך איר, איז די סאָוועטישע אויסערן־פּאָליטיק עטלעכע מאָל אַריבערגעגאַנגען פון איין עקסטרעמער שטעלונג צו דער צווייטער. דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַריינגעטראָטן אין קריג־צושטאַנד, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט אונטערגעשריבן אַ הסכם און פריינדלעכן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, און האָט שטרענג אָפּגעהיט די פאַרפליכטונגען פון אָט־דעם פּאַקט. דערנאָך איז אונטערגעקומען דער היטלער־אָנגריף אויף ראַטנפאַרבאַנד, און איז געוואָרן אַן אַליאירטער פון די מערב־לענדער. אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן, נאָך דעם וואָס נאַצי־דייטשלאַנד איז געבראָכן געוואָרן, האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן ראַטנפאַרבאַנד און די מערב־גרויסמאַכטן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די „קאַלטע

מלחמה״ צווישן זיי. אינעם 5טן צענדליק פון 20טן יאָרהונדערט איז ראַ־טנפאַרבאַנד אויסגעשטעלט געוואָרן צו די גרעסטע געפאַרן, און די קאָמו־ניסטישע פאַרטייען איבער גאָר דער וועלט האָבן זיך איינגעשפּאַנט אינעם יאָך פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק מיט אַן אַלץ שטייגנדיקער שאַרפקייט. די קאָמוניסטן פון ארץ־ישראל האָבן שטרענג אויסגעפילט די מאָסקווער דירעקטיוון, פּונקט ווי עס האָבן עס געטאָן זייערע חברים אין די אַנדערע לענדער, ביי די ארץ־ישראל־תנאים אָבער, איז דערפון אויפגעקו־מען אַ קאָמוניסטישע פּאָליטיק וואָס איז אפשר געווען זעלטן, אפילו אין דער קאָמוניסטישער וועלט.

נאָך דעם ווי עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און היטלער האָט אָנגעהויבן זיין פאַרניכטונג־צוג קעגן די יידן, איז פאַר אונדז די פראַגע פון נצחון פון די אַליאירטע געוואָרן ממש אַ לעבן־פראַגע. דער ישוב האָט פּראָקלאַמירט אַ וויטגייענדיקע מאָביליזאַציע פאַר די קעמפנדיקע אַר־מייען קעגן היטלערן, כדי צו געבן זיין טייל אין דער מלחמה און צוקומען וואָס פריער צו די יידישע ישובים פון אייראָפּע און ראַטעווען וואָס און וויפל עס וועט זיך נאָר לאָזן. די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מלחמה מיט די דייטשן. אין דעם מאָמענט ווען היטלער האָט אָנגעהויבן פאַרשפּאַרן די יידן אין די אויסראָט־לאַגערן און געטאָס, האָבן די א״י־קאָמוניסטן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער אָפּ־מאַך צווישן ראַטנפאַרבאַנד מיט דייטשלאַנד האָט דערפירט צו היטלערס אָפּהענגיקייט פון ראַטמפאַרבאַנד און ער וועט פון היינט אָן מוזן אויס־פאָלגן זיינע דירעקטיוון. אין אַן אויפרוף פון אָקטאָבער 1939, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ארץ־ישראל, ווערט געזאָגט צווישן אַנדערס: „דער דאָזיקער היטלער קעגן וועמען טשעמבערליין קעמפט, איז ניט מער יענער היטלער, וואָס איז דורך אים מושטירט געוואָרן צו קעמפן קעגן ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער היטלער וואָס קען ניט פירן זיין צוג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, איז אין דער איצטיקער תקופה מער ניט טשעמבערליינס און דאַלאַדיעס זשאַנדאַרם״. מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה איז היטלער אַריבער צו דעם פולן אויסראָט פון די יידן. אָבער אין די אויגן פון קאָמוניסטן וואָס זיינען געווען טעטיק אין תל־אביב, אין חיפה אאז״וו, איז ער געשטיגן צו דער מדרגה פון אַ פּאָזיטיוון אינסטרומענט.

אין די טעג פון די געשעענישן האָט דער קאָמוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט געאַרבעט איבערהויפּט צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אין דער מלחמה־צייט האָט זיך די זאַך געענדערט: דער אַראַבישער קאָ־מוניסטישער קאַדער האָט זיך אין דער צייט פון די געשעענישן צעבראָקלט

און זיין גרעסטער טייל איז אריבער צום מופטיס באנדע, און דער צענט־ראל־קאמיטעט איז דערנאך געווען געצוואונגען אריבערפירן דעם שווער־פונקט פון זיין טעטיקייט אין די יידישע ישובים. זיין הויפטשטיצע האט ער אויפסנײ געזען צווישן די יידישע קאמוניסטן און זייערע סימפאטי־זירער, און צווישן זיי האט ער ארויסגעהויבן היטלערן, ווי א „דיסציפלינירטן אינסטרומענט אין די הענט פון ראטנפארבאנד״.

אין יאר 1940 איז ביי אלעמען קלאר געווארן, אז נייע אקופאציעס דורך היטלערן מיינט די אויסמארדונג פון נייע צענדליקער און הונדער־טער טויזנטער יידן. פון אלע ווינקעלעך אין דער וועלט האבן זיך געצויגן יידן אין די קעמפנדיקע ארמייען קעגן די נאציס. די מאביליזירטע אין ארץ־ישראל האבן ענערגיש געפאדערט ביי דער ענגלישער קאמאנדע, זי זאל זיי באלד שיקן אויף די אייראפעאישע פראנטן. דער ישוב האט גע־לעבט מיטן געפיל, אז די עקזיסטענץ־פראגע פון גאנצן יידישן פאלק, פון יעדן יידישן יחיד איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די וואגשאלן. אין יע־נע טעג (פעברואר 1940) איז דערשינען אן אויפרוף פון דער קאמוניס־טישער פארטיי קעגן גיין אין פראנט און קעגן מלחמה מיט היט־לערן: „זיי שיקן אונדז צו דער מאזשינא־ליניע — אזוי ווערט געזאגט אינעם אויפרוף — צו דער הילף פון דער רעאקציע אין איר מלחמה קעגן ראטנפארבאנד, די פעסטונג פון פראלעטאריאט און סאציאליזם״, אאז״וו, אאז״וו.

די קאמוניסטישע פארטיי איז טעטיק אינעם יידישן ישוב זינט דער דריטער עליה. זי איז טעטיק אין א ישוב וואס איז איין גרויסע שאפונג און אויפבוי. אין פארלויף פון די דאזיקע יארן זיינען גרויסע שטחים וויסטעניש פארוואנדלט געווארן אין בליענדיקע ישובים; זיינען געשאפן געווארן הונדערטער קאמוניסטישע ישובים; אויפגעשטעלט געווארן הונ־דערטער אונטערנעמונגען פון ארבעטער־קלאס,ווירטשאפטלעכע, פרא־פעסיאנעלע און קולטורעלע; אויפגעשטעלט געווארן אונטערנעמונגען פאר דער פארטיידיקונג און הונדערטער שולן. און צווישן דאס אלץ גע־שאפענע איז נישטא קיין איין אונטערנעמונג וואס עס זאלן האבן גע־שאפן אדער העלפן שאפן די קאמוניסטן. אין דעם פעריאד וואס די קא־מוניסטן זיינען טעטיק אין לאנד האט דער ישוב איבערגעלעבט געפארן און אומגליקן, מוראדיקן גערודגל און אומצאליקע קריזיסן. אין אלע פאלן, כמעט האט זיך די קאמוניסטישע פארטיי געשטעלט אויף דער זייט פון אונדזערע שונאים.

**
*

נאָך דעם וואָס דייטשלאַנד האָט אין יאָר 1941 אַטאַקירט ראַטנ־פאַרבאַנד, זיינען די א״י־קאָמוניסטן אַריבער צו אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָ־בריטישער שטעלונג. ווי געוויינלעך האָבן זיי געפירט זייער פּראָ־פּאַגאַנדע לטובת די פאָדערונגען פון ראַטנפאַרבאַנד ביי די אַליאירטע, אָבער אין אַלע אַנדערע ענינים האָבן זיי זיך סאָלידאַריזירט אין יעדן הינזיכט מיט דער ענגלישער פּאָליטיק און מעשים און באַזונדערס מיט דער פּאָליטיק און מעשים פון דער מאַנדאַט־מאַכט. זיי האָבן זיך אויך סאָלידאַריזירט מיט איר אכזריותדיקער פּאָליטיק אין באַצוג די יידישע פּליטים, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון דער נאַצישער אויסראָטונג. דער ישוב האָט איינגעשפּאַנט זיין גאַנצע ווירטשאַפטלעכע פּאָטענץ אינעם יאָך פון דער מלחמה־אָנשטרענגונג און האָט מאָביליזירט זיינע בעסטע מענטשן פאַר די פראָנטן, ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט קעמפן פאַר עפענען די טויערן פון לאַנד און האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען כדי צו צעברעכן די באַלאַגערונג וואָס די ענגלענדער האָבן אַוועקגעשטעלט ביי דער היים פון יידישן פאָלק אין די טעג פון זיין גרויסן אומגליק. אין דער מאָס וואָס עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער ריטם פון דעם נאַצישן אויסראָטונגס־צוג קעגן דעם אייראָפּעאישן יידנטום, איז געוואַקסן דער גערანגל פון ישוב דורכצוברעכן אַ וועג צו זיינע ברידער. די קאָמוניסטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן געראַנגל. זיי האָבן געשטיצט אַן ריקזיכט דאָס שליסן די טויערן פאַר די פּליטים פון דער נאַצישער שווערד.

נאָך דער מלחמה האָט ענגלאַנד פאַרגעזעצט אין ארץ־ישראל די טענדענץ צו אַטראָפירן דאָס ציוניסטישע ווערק און עס דערשטיקן. דאָס איז געוואָרן בולטער ווי ווען עס איז פריער. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אין איר גרויסער מערהייט קלאָר געזען, אַז ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען איז נישט מעגלעך צו צעשטערן די דאָזיקע טענדענץ. די שאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה איז געוואָרן אַ מוז וואָס קען מער נישט אָפּגעלייגט ווערן. דער ישוב אין לאַנד האָט אָנגעהויבן דעם געראַנגל פאַר דער שנעלער רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער וויזיע. ווען עס זאָל נישט געווען געלונגען דער דאָזיקער געראַנגל פאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט, וואָלט זיך געווען געצויגן און געצויגן די ענגלישע מאַנדאַט־הערשאַפט אין ארץ־ישראל, אָדער עס וואָלטן געווען איבערגענומען די הערשאַפט דעם מופטיס מענטשן, וואָס זייער פאַשיסטיש־נאַצישער כאַראַקטער האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעוויזן אין די יאָרן פון די געשעענישן און פון דער וועלט־מלחמה. אַזעלכע זיינען געווען די אַלטער־

נאַטיוועס פאַר אַ יידנשטאַט. און דאָך האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרגעזעצט איר קעגנערשאַפט צו יידישער זעלבסטשטענדיקייט.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן די שליחים פון ראַטנפאַרבאַנד אין נאָענטן מזרח אָנגעהויבן זיך דירעקט פאַראינטערעסירן מיטן יידישן גע־ראַנגל, און עס האָבן זיך ביי זיי דערוועקט ספקות לגבי דער נעגאַטיווער ליניע וואָס די קאָמוניסטישע מחנה האָט אָנגענומען אין דעם דאָזיקן געראַנגל. אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, וואָס איר מערהייט חברים און פירער עס זיינען געווען יידן, האָט זיך נישט גע־וואַקלט און נישט געצווייפלט, כאָטש זי האָט געזען פון דער נאָענט וואָס עס קומט פאַר און די קוואַליטעט פון די כוחות וואָס האָבן זיך אונדז קעגנגעשטעלט. די דאָזיקע פּאַרטיי איז דורכגעדרונגען מיט אַ טראַדיצי־אָנעלער שנאה צו יידישער פרייהייט און אויסגעגלייכטן רוקן, אַ שנאה וואָס ציט זיך פון דעם ערשטן טאָג פון איר עקזיסטענץ און איז שוין געוואָרן אַ צווייטע נאַטור ביי אירע מענטשן. זי האָט פאַרגעזעצט צו קעמפן קעגן דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט ביז דער לעצטער רגע, און האָט נישט געענדערט אירע לאָזונגען ביז עס איז דערהאַלטן גע־וואָרן די ידיעה וועגן דער רעדע פון סאָוועטישן פאַרשטייער ביי דער „יון״ לטובת דער שאַפונג פון יידישן שטאַט.

מיטן אָפּשטעלן זיך פון קאַמף קעגן די אראבישע אינוואַזאָרן האָט זיך מדינת ישראל איבערגעגעבן מיטן גאַנצן כוח דעם קיבוץ־גליות און פאַרשטאַרקונג פון איר זיכערקייט. אַלץ האָט זיך געשטעלט צו דינסט דעם דאָזיקן צוועק. נאָר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ישראל, ווי אַלע אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָט באַטראַכט פאַר איר הויפּט־אויפ־גאַבע — העלפן דער סאָוועטישער אויסערן פּאָליטיק. דער אַלוועלטלע־כער קאָמוניסטישער לאַגער זעט אין די ניט־קאָמוניסטישע לענדער אַ הילף־פאַקטאָר פאַרן ראַטנפאַרבאַנד אין דער קאַלטער מלחמה, און די קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ישראל אַגיטירט די אַרבעטער צו נאַכלאָזי־קייט און אומאָרנטלעכער באַציאונג צו דער אַרבעט, און די גאַנצע באַ־פעלקערונג — קעגן אַ לעבן פון צנע. זי אינוועסטירט אַ סך כוחות כדי צו פאַרוואַנדלען די אבסאָרבירונג־ווייען פון די עולים אין אַ קוואַל פון פאַרביטערונג און שנאה קעגן די אַנדערע טיילן פון ישוב, קעגן דער רעגירונג, אַרבעטער־באַוועגונג, ציוניזם, מדינה. זי אַגיטירט אומאויפ־הערלעך און וויל צעברעקלען דעם ישוב און אים פאַרוואַנדלען אין אַ סטאַדע פון מענטשן וואָס קעמפן איינער קעגן דעם אַנדערן און קריכן זיך ממש אין לעבן אַריין.

די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד באַטראַכטן פאַר זייער הויפּט אויפ־גאַבע דעם געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, שטאַרקייט און צוקונפט. עס איז נישט פאַראַן גאָר קיין זאַך וואָס די סאָוועטישע רעגירונג זאָל ציטערן אים מקריב זיין צו דעם דאָזיקן צוועק. זי האָט געקעמפט און זעצט פאַר צו קעמפן אויף דער זייט פון אונטערדריקטע פעלקער און קלאַסן, קעגן עקספּלאָ־טירער, רעאַקציאָנערן און פינצטערלינגען. די דאָזיקע רעגירונג וואַקלט זיך אָבער אויך ניט זיך נוהג זיין גאָר אַנדערש, ווען זי באַטראַכט עס פאַר נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם שטאַט וואָס זי שטייט אין זיין שפּיץ און פאַר זיין פעסטקייט. ווען די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיי וועלן נישט קענען אָנהויבן צוריקשטעלן דיווירטשאַפט נאָך דעם בירגער קריג סיידן מיט דער הילף פון קאַפּי־טאַל און פון ספּעציאַליסטן פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָבן זיי פאַר זיי געעפנט די טויערן פון ראַטנפאַרבאַנד. די סאָוועטישע רעגירונג האָט זיי געגעבן ספּעציעלע רעכט, אין דעם ראַם פון „נעפּ“ זיינען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן ספּעציעלע געזעצן זיי צו באַשיצן, און די מאַכטהאָבער האָבן געוואַכט איבער די דאָזיקע אַלע פּריווילעגיעס און זיי רעספּעק־טירט מיט גרויס פּונקטלעכקייט. ווען די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן געמיינט אַז די זיכערקייט פון שטאַט און זיין אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע וועלן זיך בעסערן ווען עס וועלן זיך פאַרשטאַרקן די רעאַקציאָנערע נקמה־כוחות אין דייטשלאַנד, האָט די סאָוועטן־רעגירונג דערמוטיקט די דאָזיקע כוחות און זיי געהאָלפן אויפשטייגן. ווען דער ראַטנפאַרבאַנד האָט נישט געזען קיין אַנדער וועג צו פאַרזיכערן זיין עקזיסטענץ סיידן דורך שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג פון נאַצי - דייטשלאַנד, האָט ער עס געטאָן. אין זיין מלחמה מיט היטלערן האָט זיך דער ראַטנפאַר־באַנד געניייטיקט אין געווער, בוי־מאַטעריאַל, שפּייז און קליידער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אמעריקע און כדי צו פאַרזיכערן אַז דאָס אַלץ וועט שטראָמען אין גרויסן פאַרנעם, האָט די סאָוועטישע רעגירונג גע־זאָרגט דערפאַר, אַז די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אין די אנדערע לענדער זאָלן קעמפן קעגן יעדן אַרבעטער־שטרייק, כדי עס זאָל נישט געשטערט ווערן די פּראָדוקציע און נישט אָפּגעהאַלטן ווערן די עקספּאָרטן קיין ראַטנפאַרבאַנד.

דער קאָמוניסטישער לאַגער אין דער גאַנצער וועלט אָנערקענט די דאָזיקע רעכט פון די סאָוועטישע פעלקער זיי זאָלן זיך נוהג זיין גאָר און אויסשליסלעך לויט זייערע וויטאַלע באַדערפענישן און ווידמענען

אַלץ דער מלחמה פאַר זיין עקזיסטענץ און צוקונפט, ווי צום העכסטן ציל. דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער לאַגער ווי די יידישע קאָמוניסטן אין ישראל אידענטיפיצירן זיך מיט דעם דאָזיקן ציל און פאַרטיידקן מיט גרויס אויסגעהאַלטנקייט אַלץ וואָס עס ווערט געטאָן פאַר אים. זיי אָנערקענען אָבער נישט, אַז אויך דאָס יידישע פאָלק איז באַרעכטיקט צו האָבן אַן אייגענעם ציל. זיי אָנערקענען נישט און ווילן נישט שלום מאַכן, מיט דעם, אַז די עקזיסטענץ, צוקונפט, פרייהייט און אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק, זיינען הייליק פאַר יידן נישט ווינציקער ווי די עקזיסטענץ, צוקונפט, זעלבסטשטענדיקייט און אַנטוויקלונג פון דעם רוסישן פאָלק זיינען הייליק פאַר די רוסן.

די יידישע קאָמוניסטן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד. זיי געניסן פון דער פרוכט פון דעם געראַנגל פון יידישן פאָלק אין פאַרלויף פון דורות פאַר דער אויפלעבונג פון לאַנד, אַנטוויקלונג און באַפרייאונג פון אַ פרעמדער מאַכט. זיי געניסן פון די רעזולטאַטן פון געראַנגל, כאָטש זיי האָבן זיך אין אים קיינמאָל נישט באַטייליקט און נאָך פאַרשווערט דערצו. זיי באַטראַכטן זיך פאַר באַרעכטיקט צו געניסן פון אַלץ וואָס עס איז געשאַפן און אויפגעבויט געוואָרן מיטן בלוט פון יידישן פאָלק, און גלייכצייטיק דערמיט האַלטן זיי אין איין אונטערגראָבן דאָס דאָזיקע פאָלק און שטערן אים זיך ווידמענען זיין זאַך, באַטראַכטנדיק דערביי זייער שטערערישע אַרבעט ווי עפּעס אַ גאָר גאָר הויכן ציל.

**
*

דער ענין פון „איפה ואיפה“, פון צווייערליי מאָסן, האָט אַ לאַנגע טראַדיציע אין דער געשיכטע פונעם אָנגענומענעם יושר אין יעדן דור, און אויך אין דער געשיכטע פון די קעמפער פאַר דער אויסברייטערונג פון דער גערעכטיקייט און איר פאַרטיפונג. היינט צו טאָג פאַרדאַמט כמעט די גאַנצע וועלט די שקלאַפעריי. אָבער אַזוי לאַנג עס האָט זיך נישט דערוועקט אין די אַרבעטער דער כוח אונטערצונעמען אַן אמתן קאַמף קעגן זייער פאַרשקלאַפונג, האָבן זיך איר נישט קעגנגעשטעלט אַפילו די באַרימטסטע עטישע מענטשן. אַפילו פּלאַטאָן האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט דער שקלאַפעריי וואָס האָט געהערשט אין זיין צייט און אין זיין געזעלשאַפט. אויך די קריסטלעכע געמיינדעס פון צווישן רוימישן פּראָלעטאַריאַט אין דער אַלטער תקופה האָבן נישט איינמאָל געטאַדלט די שקלאַפן „וואָס דרייען זיך אַרויס צו דערפילן זייערע פליכטן צו זייערע הארן“. זיי האָבן פאַר זיי געפּרעדיקט מאָראַל. ווייל

אויך דער קריסטלעכער רוימישער פּראָלעטאַריאַט האָט אומדירעקט גע־נאָסן פון דער שקלאַפן־עקספּלאָטאַציע און האָבן נישט געפילט דעם קאָנטראַסט צווישן זייער פּרעדיקן און זייערע בליקן אויף אוניווערסאַלער ליבע און ברודערשאַפט. די גייסט־מענטשן און די מאַסן אײַנגעשטענד־לער אין די בורזשואַזע רעוואָלוציעס האָבן אויפריכטיק געקעמפט פאַר דער גלייכקייט, און נישט געפילט גאָר די אומגלייכקייט אינעם פּראָלע־טאַרישן סאָציאַלן מצב. סאָציאַליסטישע דענקער און צוזאַמען מיט זיי טויזנטער אַרבעטער מיט סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין אין אײראָפּע, האָבן אויסגעשלאָסן פון כלל, מענטשן וועלכע זײַנען ווערט די פולע סאָ־ציאַלע באַפרייאונג, די מאַסן וואָס אַרבעטן אין די קאָלאָניעס פון יענער זייט ים. רוסישע קאָמוניסטן, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט ליבע צו זייער פאָטערלאַנד, האָבן פאַרצוימט דעם וועג פאַר יידן וואָס ווילן עולה זיין צו זייער פאָטערלאַנד. אין לעצטן רעזומען האָט די מענטש־הייט אייגנטלעך פּראָגרעסירט און זי פּראָגרעסירט ווייטער אויך אין דעם ענין פון גערעכטיקייט און גלייכקייט. יעדער טריט אָבער קאָסט איר בלוט. יעדער קלאַס און יעדער פאָלק וואָס קומט אויף און באַפרייט זיך פון זײַנע קייטן, ברייטערט אויס די ראַם פון גערעכטיקייט נאָר אין דער מאָס וואָס עס ווייזט אים אויס נויטיק פאַר זיין זאַך. יעדער נייער אונ־טערדריקטער פאָלק אָדער קלאַס וואָס וויל אויפקומען, באַקומט ביר־גערשאַפט און רעכט פאַר פולער פרייהייט אין דער וועלט פון העכערער מאָראַל, נאָר אין דער מאָס וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט כוח אין זיך און דערוואָרבן אַ פעסטע פּאָזיציע אין דער וועלט פון מאַטעריעלער ווירק־לעכקייט.

די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן איז די געשיכטע פון טיראַנישע רעזשימען, און מיר אַלע זײַנען באַווירקט פון דער טראַדיציע פון אַ וועלט, אין וועלכער עס הערשן די שטאַרקע און זיי פורעמען עס אויס דאָס געשטאַלט פון איר גערעכטיקייט.

הינטער אונדז שטייען הונדערטער דורות שקלאַפעריי, און זי האָט אַרײַנגעדרונגען אינעם בלוט און אין דער נשמה פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן. טויזנטער שקלאַפן האָבן געקעמפט אין דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג אויף דער זייט פון זייערע פאַרשקלאַפער פון דרום, נישט אויס צוואַנג נאָר מיטן גוטן ווילן. קאַסטעס־רעזשים אין אינדיע האָט אַ שטיצע אין דער נשמה פון די „אומריינע" גופא. מיליאָנען געקריוו־דעטע און אונטערדריקטע מענטשן אין דער קאָלאָניאַלער און האַלב־קאָלאָניאַלער וועלט מאָלן זיך גאָר נישט אויס, אַז עס איז מעגלעך מבטל צו זיין דעם פעאָדאַלן רעזשים וואָס באַוועלט זיי. מיליאָנען פּראָלעטאַ־

ריער אין די אינדוסטריעלע לענדער שטיצן ביז היינט צו טאָג די בורזשואזע פּאַרטייען, וועלכע ווילן פאַראייביקן דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס נעגירט די רעכט פון אַרבעטער פאַר פולער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכקייט.

אויך די וואָס שטעלן זיך קעגן דער שקלאַפעריי באַזיצן נישט אַלע מאָל דעם כוח זיך צו באַפרייען מיט אַ מאָל פון איר השפעה. פאַר אַ סך איז שווער צו ווערן אינגאַנצן פריי און צו דעראָבערן די שמאָלע ראַם פון געזעצטיקייט פון די שטאַרקע אין דער געזעלשאַפט, אַפילו אין מאָמענט וואָס זיי שטייען אויפן רעוואָלוציע־פראָנט. אַזאַ איז שוין די טבע פונעם געשלאָגענעם און געטראָטענעם, בטל ווערן פאַר די שטאַרקערע פון זיך און ער באַפרייט זיך נישט פון איר ווען ער זיצט שוין אַפילו אין ראַט פון די הערשער. פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט דער בורזשואזיע פאַר דער אָפּשאַפונג פון דעם פעאָדאַלן רעזשים, האָבן אָפט מאָל נישט געוואגט זיך קעגנשטעלן דער בורזשואזיע און באַקעמפן איר עקספּלאָטאַציע - רעזשים לגבי אירע אַרבעטער גופא. אַרמענישע קאָמוניסטישע טוער זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיט דאנקבאַרקייט פאַר זייער רעכט צו זיין „גלייכע מיט גלייכע", אַז זיי האָבן אויף מאָרגן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאַרגעשלאָגן אָפּצושאפן אין ראַטנפאַרבאַנד אַלע שפּראַכן לטובת „דער הייליקער רעוואָלוציע־שפּראַך", די שפּראַך פון רוסישן פאָלק...

ביים יידישן פאָלק איז צוגערויבט געוואָרן די פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, און אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער תקופה האָט ער געלעבט אין גלות־באַדינגונגען. אין אַלע צייטן האָט מען אים געוואָלט דערנידעריקן און אונטערדריקן זיין „העזה" זיך צו באַטראַכטן פאַר גלייכע מיט די אַנדערע און נאָך דורות האָט זיך עס אָפּגערופן. די מענטשן פון דער עמאַנציפּאַציע זיינען נישט געווען די איינציהע וואָס זייבען אַליין בטל געוואָרן און האָבן אויך מבטל געווען זייער פאָלק פאַר די גויים. טויזנטער יידישע רעוואָלוציאָנערן, דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, וואָס זיינען דערגאַנגען ביז צו די באַריקאַדעס, האָבן נישט געהאַט דעם אינערלעכן כוח אַליין צו זיין פרייע, און אויך באַטראַכטן זייער פאָלק פאַר גלייך מיט די אַנדערע פעלקער. און עס האָט אויך געטראָפן מער ווי איין מאָל, אַז יידן האָבן זיך באַמיט צו שטיצן זיך אין שאָטן פון רעוואָלוציע־מאַכער צווישן די גויים, כדי צו פאַרדעקן פאַר זיך אליין די שפלות און גייסטיקע שקלאַפעריי וואָס ביי זיי אין האַרצן.

קאָמוניזם אינעם ציוניסטישן אַרבעטער־לאַגער

די צווייטע עליה, דער יסוד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, האָט נישט אויסגעמיטן דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון יאוש און פאַר־צווייפלונג. די האָפענונגען פון פּאָליטישן ציוניזם זיינען אויסגערונען געוואָרן און אַ גרויסער טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּאָרשלאָג — אוגאַנדא. אויפן רוסישן יידנטום האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען. די רעוואָלוציע פון 1905 איז דורכגעפאַלן. די חלוצישע קאָלאָניזאַציע פון די בילויצעס אין ארץ־ישראל איז צוגעקומען צו אַ צושטאַנד פון פאַרגליווערטקייט. די ווירט־שאַפטן זיינען אין אַ גרויסן טייל געווען אָפּגעלאָזט. בחורים און מיידלעך פלעגן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַ סך פון די קאָלאָניסטן האָבן פאַרלוירן זייער גלויבן אינעם ציוניזם. זיי זיינען געוואָרן אוגאַנדיסטן. פרישע עולים, וואָס האָבן, אין די געשילדערטע באַדינגונגען, געוואָלט אָנהייבן אַ ניי קאַפּיטל האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען קען נישט לעבן מיט די אי־לוזיעס און האָפענונגען געהאָלפן צו ווערן דורך אימיצן.

עס איז געקומען די דריטע עליה, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מל־חמה. זי איז געטריבן געוואָרן נישט נאָר פון די מוראדיקע פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּע נאָר איז אויך געטראָגן געוואָרן אויף די כוואַליעס פון אָפּטימיזם און זיג. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געפייערט זיין גרויסן נצחון — די באַלפור־דעקלאַראַציע און די אָנערקענונג מצד די פעלקער. אין רוסלאַנד האָט געזיגט די רעוואָלוציע. אין ארץ־ישראל גור־פא, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג דערוואַכט, זיך געשטאַרקט און גע־טריבן געוואָרן פון אַ ווילן צו גרויסע מעשים. אויך די מענטשן פון דער דריטער עליה האָבן גוט געוואוסט, אַז אונדזער וועג איז שווערער און קאָמפּליצירטער ווי ס׳איז דער וועג פון אַנדערע זיך־באַפרייענדיקע פעל־קער. אַז פון אונדזער יוגנט ווערן געפאָדערט מעשים פון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע און אַ גאָר באַזונדערע קרבנות־גרייטקייט. אַז יעדער איינער דאַרף דורכמאַכן אַ טיפע אינערלעכע רעוואָלוציע. זיי זיינען אָבער זי־כער געווען, אַז נאָך די אַלע געשעענישן וועלן די יידן קענען עולה זיין און בויען דאָס לאַנד אָן שטערונגען און אויסערלעכע שטרויכלונגען, אָן באַגרענעצונגען און פאַרבאָטן, נאָר מיט דער הסכמה פון דער וועלט און אפשר אויך מיט איר הילף. אויך מיר וועלן זיך שטאַרקן און קענען גע־

ניסן פון דער גייסטיקער דערהויבנקייט, פון דעם אַלמענטשלעכן נאַ־ציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפשטייג, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער ערש־טער וועלט־מלחמה. די דריטע עליה האָט זיך איינגעשפּאַנט אין יאָך פון חלוצישן ציוניזם איבערצייגטע, אַז סוף־כל־סוף האָט די פאַרגעשריטענע מענטשהייט אונדז אָנערקענט, אַז אונדזער פאָלק איז אַריינגעטראָטן אין דער רשימה פון פעלקער מיט גלייכער רעכט אויסגעלייזט צו ווערן און איז געוואָרן אַ בירגער פון דער וועלט, וואָס באַפרייט זיך פון אירע קייטן.

דורך פאַרשיידענע וועגן, צומאָל אויך משונהדיקע, זיינען די מענטשן פון דער דריטער עליה געקומען אין „גדוד העבודה״ (אַרבעטער־באַטאַליאָן), אָבער אַלע זיינען געווען באַאיינפלוסט פון דער פאַרכשופ־טער אַטמאָספערע, אינערלעכער פרייד און פערספּעקטיוו פון אַן אָפּגעזונ־דערט איזאָלירטן פאָלק, וואָס האָט דעם גלויבן, אַז סוף־כל־סוף איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו קעמפן זייט־ביי־זייט מיט פאַרבינדעטע, באַנייען און זיך איבערבויען אין דעם אַלגעמיינעם אויפבוי פון אַ נייער וועלט.

די האָפענונגען אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן זיך אין לויף פון דער צייט אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרק איבערגעטריבענע. די ענגלי־שע מאַכט האָט געהאַנדלט אין קעגנזאַץ צו אירע הבטחות, אָבער אירע ביזוויליקע מעשים זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי די מעשים פון קאָלאָ־ניאַלע הערשער, וואָס ווילן שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן זייער ממשלה. די מענער פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען דעם ציוניזם און אַפילו אַרויסגעטראָטן קעגן אים, אָבער צווישן די חברים פון „גדוד העבודה״ האָט געטליעט די האָפענונג, אַז עס איז נישט מער ווי אַ שלעכט־פאַרשטייעניש, וואָס וועט, מסתמא, גיך פאַרשווינדן. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר קינדער פון דער גרויסער וועלט־ענדערונג און ווי אַזעלכע האָבן זיי געבויט דאָס לאַנד און די צו־קונפט פונעם יידישן פאָלק. זיי האָבן זיך באַטראַכט פאַר שותפים צום ריזן־ווערק, צו דער נייער וועלט וואָס קומט אָן — שותפים צו די מענטשן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָבן אַריינגעשטעלט אַ פוס אין מזרח.

שווער איז אים געווען, דעם „גדוד״־מענטש, וואָס איז מיינסטנס אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויפן שויס פון רעוואָלוציעס מיט אַ מאַסן־פאַרנעם פון צענדליקער טויזנטער און מיליאָנען זיך צו שיידן מיטן חלום, אַז ער האָט אַן אָנשפּאַר אויף די כוואַליעס פון דער אויפקומענ־

דיקער וועלט און זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון פולשטענדיקער איזאָ־לאַציע. אַ סך פון די יונגע בויערס זיינען כלל נישט געווען פאַרהאַר־טעוועט פאַר אַ מעגלעכקייט פון אַ ביטערער אַנטוישונג. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציע און די וויזיע פון אַ נייער וועלט, וועלכע שפּאַנט מיט זיגערישע טריט, די נייע וועלט וואָס מען האָט שוין אָנגעהויבן בויען זיינען געווען דער סאַמע פונדאַמענט פון זייער באַוווסטזיין און דענקען. פון זיי איז געווען אָפּהענגיק און אין זיי איז געלעגן דער תנאי פאַרן אויפבוי פון לאַנד און צו באַפרייען דאָס פאָלק. זיי האָבן געלעבט מיטן געפיל, אַז אויב עס וועט פאַלן דער יסוד וועט אַלץ פאַלן, וועט זייער לעבן פאַרלירן דעם זין און ס׳וועט אויסגע־לײדיקט ווערן זיין אינהאַלט. זיי וועלן געשטעלט ווערן פאַרן גיהנום פון איזאָלירונג מיט איינגעשרומפּענע סאָציאַלע אינסטינקטן, זיי וואָס זייער פאַרגאַנגענהייט פול מיט באַגייסטערונג און לעבנסשטורעם האָט נאָר אַ זין אין אַ פאַרבינדונג מיט אַלע רמ״ח אברים צום ציבור, צום כלל. דווקא די, וועלכע האָבן געטראַכט טיפער, זיינען אָפטמאָל אַרומגעכאַפּט גע־וואָרן פון אַן אינסטינקטיוון פחד פאַר דעם אָפּגרונט פון אונטערגאַנג, וואָס קען זיך פאַר זיי עפענען אין יענעם טאָג, ווען דער גלויבן אינעם אָנשפּאַר וועט זיך צעפאַלן.

ס׳איז אַוועק אַ צייט און ס׳איז קיין שום דערנענטערונג נישט גע־קומען מצד דעם קאָמוניסטישן לאַגער. די איבערגעגעבנקייט און דער גרויסער גלויבן ,וואָס די „גדוד״־מענטשן האָבן אינוועסטירט ביים בויען די נייע געזעלשאַפט, זייער גרויסער אייפער צום קאָמוניסטישן יסוד אין זייער לעבן — האָבן נישט געהאָלפן. די קעגנערשאַפט פון דער סאָציאַ־לער רעוואָלוציע צום חלוצישן ווערק אין ארץ־ישראל איז כלל נישט קלע־נער געוואָרן. און ס׳האָט זיך אָפט געשטעלט די פראַגע — וואָס איז וויכ־טיקער? צי איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַרן ציוניזם, אויב עס שטעלן זיך אים אין וועג און טרעטן אַרויס קעגן אים סיי די כוחות פון נעכטן און אויך די כוחות פון מאָרגן? אין דער פירערשאַפט פון „גדוד״ האָט אָנ־געהויבן הערשן די מיינונג, אַז מ׳דאַרף אים פאַרברייטערן נאָר לויט דיווירטשאַפטלעכע נויטן פון „גדוד״ אַליין און נישט לויט די נויטן פון דער עליה. ס׳איז מער און מער אונטערגעשטראָכן געוואָרן די באַזונ־דערע וויכטיקייט פון אַריינדרינגען אין די עקזיסטירנדיקע אונטערנע־מונגען אין שטאָט, אַנשטאָט זיך צו קאָנצענטרירן אויף שאַפן נייע אַר־בעט־מעגלעכקייטן. ס׳איז בולט געוואָרן די טענדענץ פונאַנדערצושיידן צווישן „די באַדערפענישן פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג״, און „די באַ־

דערפּענישן פון רעוואָלוציאָנערן גדוד״ און זאָרגן, אין דער ערשטער ריי פאַר די לעצטע. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אַלץ גרעסערע גלייכגילטיקייט צום צער פון אייגן בלוט און פלייש, פון דעם אומגליקלעכסטן צווישן די פעלקער, און אַן אומאויפהערלעכע זאָרג פאַר די ענינים פון דער ווייטער, כמעט אַנאָנימער וועלט; אַ נייגונג צו פאַרשפּאָרן דעם אַריינגאַנג פאַר דעם יונגן יידן, וואָס טרינקט זיך אין זיין אָרעמקייט, און עפענען די אָרעמס פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; רעדוצירטע שפּאַנונג כלפּי דעם גורל און ביטערן גוראַנגל פון די נייע עולים אין לאַנד און פאַר־שאַרפטע דיסקוסיעס וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע פון דער ווייטנס. אין דעם אַלעם האָט שוין געגראָבן די „טראַגישע סתירה״ — די שפּראָצן אָפּצוקערן זיך פון גורל פון אַ גערודפט פאָלק, וואָס זיין דערלייזונג איז, כביכול, אין קעגנזאַץ צו דער וועלט־דערלייזונג.

דאָס וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אונטערבאַוואוסטזיין און פאַר־שטעלט פון דעם נישט באַוואָפנטן אויג איז צום סוף אויפגעשוואומען און האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ שווערן קריזיס, אין אַ חורבן. אַזוי לאַנג ווי די ווייטע רעוואָלוציע איז געווען קאָנצענטרירט אין אירע אינער־לעכע ענינים און די עקזיסטענץ פון אירע אַגענטן אין ישראל גופא איז נישט געווען בולט, האָט דער „גדוד״־מענטש געקענט זאָגן: איך בין דער עלנבויגן פון דער רעוואָלוציע אויף דער ישראל־ערד און גלייכצייטיק דער פאַרווירקלעכער פון ישראלס דערלייזונג. אָבער אָט איז דערשינען דער לעגיטימער כח פון דער רעוואָלוציאָנערער מדינה, די ארץ־ישראלדיקע קאָמוניסטן, די אנערקענטע פון קאָמינטערן, און זיי האָבן אויך אַ פּראָ־גראַם אויף דער „ישראל ערד״. און אין דער פּראָגראַם זאָגט זיך אין סאַמע אָנהייב: דאָס לאַנד פאַר אירע איינוואוינער — די אַראַבער. די דאָזיקע רעוואָלוציע, וואָס אין איר נאָמען האָבן גערעדט אָדער געווירקט די „גדוד״־מענטשן, איז דערשינען ווי אַ שונא צו דער גאולה פונעם יידישן פאָלק.

נישט אַלע האָבן באַוויזן אַרויסגיין פון דער שטיקעניש בשלום. אַ סך זיינען צעבראָכן געוואָרן. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע און אירע מענטשן באַוועלן דעם גערודפטן צווישן די פעל־קער, און צוזאַמען מיט דעם צעפּאַלענעם גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע איז אין האַרצן אַלץ חרוב געוואָרן. און ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעווײלט די גרויסע רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד מיט אירע הונדערט און זיבעציק מיליאָן איינוואוי־נער, מיט איר רייכטום, מאַכט און ברייטע אויסזיכטן, האָבן פאַרלאָזט

דאָס לאַנד און געלאָזט אַליין דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך ביטער גע־ראַנגלט מיט אַראַבער און ענגלענדער; מיט פעאָדאַלע כוחות און קאָ־לאָניאַלער מאַכט; מיט פיינד און העצער אין נאָמען פון מוחאַמעדס גלויבן; אין נאָמען פון קריסטלעכער קולטור און אין נאָמען פון קאָמור־ניזם.

דירעקט איז זיך פונאַנדערגעפאַלן דער „גדוד". אומדירעקט איז גע־שעדיקט געוואָרן די גאַנצע דריטע עליה, ווייל אַ טייל פון איר האָבן גע־מאַכט אָפּהענגיק אונדזערע גאולה־האָפענונגען פון דער זיך־באַנייענדי־קער וועלט, און אַ סך האָבן שווער זיך געדאַרפט ראַנגלען כדי גובר זיין דעם נשמה־געראַנגל נאָך דער פאַרלוירענער האָפענונג.

***

אין יאָר 1927 האָט זיך געשאַפן דער קבוץ הארצי פון „השומר הצעיר". די נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע איז אויסגעוואַקסן פון דער יוגנטלעכער דערציונג־באַוועגונג „השומר־הצעיר", וואָס איז אויפגעקומען אין די מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּעאישע תפוצות אין די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך איר. אויך אין דער דאָ־זיקער באַוועגונג זיינען פאַרביי שווערע קריזיסן איידער זי האָט דער־גרייכט די קאָנסאָלידאַציע פון איר ציל און דעם וועג אים צו פאַר־ווירקלעכן. ווי ענלעכע יוגנט־באַוועגונגען צווישן אַנדערע פעלקער, האָט דער „השומר־הצעיר" געפּרואווט בויען פאַר זיינע מיטגלידער ווי ווייט מעגלעך פאַרמאַכטע און אָפּגעזונדערטע לעבנס־ראַמען. זיי האָבן זיך גע־וואָלט אָפּגרענעצן פון דער ליידיקייט און פונאַנדערפאַל וואָס האָבן באַ־צייכנט יידישע ישובים אין אייראָפּעאישן גלות אין דער תקופה צווישן צוויי וועלט־מלחמות, און פון דער נעגאַטיווער גייסטיקער השפעה פון גלות־לעבן אויף דער יוגנט. אין די „קנים" וואָס זיינען געגרינדעט גע־וואָרן אין די הונדערטער שטעט און שטעטלעך, האָט מען די חברים פון „השומר־הצעיר" דערצויגן פון קינדווייז אָן און געגעבן אינסטרוקציעס אין שייכות מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך ביי זיי דערוועקט. אין משך פון דער צייט איז די עליה און דאָס אָנשליסן זיך אין דער קבוצישער שאַפונג פון „השומר הצעיר" אין לאַנד — געוואָרן דער וויכ־טיקסטער יסוד פון דער באַוועגונג.

די לאַגע פון די גלותן אין אייראָפּע, צווישן וועלכע דער השומר־הצעיר איז געווען טעטיק איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. פון יאָר

צו יאָר האָבן זיך פאַרשאַרפט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע דערשיטערונ־גען, וועלכע האָבן גורם געווען שווערע גייסטיקע און נשמה־קריזיסן ביי די יידישע פאָלקמאַסן און זיינע הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע. די ליידן זיינען געווען גרויס, די יוגנט איז געווען מאַכטלאָז און ס׳האָט געהערשט אַ דוחק אין אַרבעט און פרנסה. גאַנצע תפוצות האָבן געלעבט ווי אין אַ קרענקלעכן פיבער. די עליה פון אַ גרויסער צאָל יידן, האָט ט׳רוב געטראָגן דעם כאַראַקטער, ווי דאָס אַנטלויפן נאָך אַ מפלה. די „קנים״ פון השומר־הצעיר האָבן געהיט ווי ווייט מעגלעך זייערע חברים פון דער דערשיטערנדיקער השפעה און בהלה אַרום זיי. די דערציונג־אַרבעט, די למודים, די צוגרייטונג פאַר עליה און קבוצישע קאָלאָניזאַציע האָט מען געפירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און פעדאַנטישקייט, און אַלע מאָל מער פאַרפולקאָמט. פון דער השומר־הצעיר־באַוועגונג זיינען די עולים געפאָרן גרייט און געאיבט ווי יונג פריש מיליטער, וואָס גייט אַרויס צו דער ערשטער שלאַכט. קיין שום ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג און קיין חלוצישע אָרגאַניזאַציע האָבן נישט געקענט אָנווייזן אויף גרע־סערע דערגרייכונגען אין דער דערציונג פון יוגנט פאַר עליה און התישבות.

די „קנים״ פון השומר־הצעיר האָבן נישט אויפגענומען קיין יוגנט מאַסנווייז, און די אָנגעשלאָסענע זיינען אין זייער מערהייט נישט גע־ווען פון די פשוטע פאָלקמענטשן. די קינדער פון דער פאָלקאָרעמקייט האָבן ס׳רוב נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן אַ דויערהאַפטע דערציונג אין אַ יוגנט־באַוועגונג אומגעשטערט, וואָס זאָל אַרומנעמען פון דער קינדהייט ביזן טאָג פון עליה. די דערשיטערונגען אין גלות־לעבן האָבן זיי נישט געלאָזט צורו אויך זייענדיק אין דער באַוועגונג. אויך יענע וועמען ס׳האָט געצויגן אין דעם איינגעאָרדנטן „קן״, פון השומר־הצעיר האָבן די שווערע לעבנס־דאגות ס׳רוב זיי פון דאָרטן אַרויסגענומען. די קינדער פון דער אָרעמקייט האָבן זיך דערצויגן אין די חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען און אַנדערע הכשרה־אָרגאַניזאַציעס, און וואָס שאַרפער ס׳איז געוואָרן די לאַגע אין גלות, אַלץ שווערער איז אויך דאָס פאַר זיי געוואָרן. אין דער השומר־הצעיר־באַוועגונג האָט זיך דער־צויגן און דערגרייכט די עליה נאָר אַ טייל פון דער חלוצישער יוגנט, נישט אַ גרויסער טייל; אָבער די זיינען געקומען צוגעגרייט מער פון די אַנדערע, און דערפאַר האָט זיך ביי די שפּיצן פון דער באַוועגונג גע־שטאַרקט די מיינונג, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג פון דערציונג און הכשרה.

די ערשטע טריט פון דער השומר־הצעיר־באַוועגונג אין לאַנד זיינען זייער שווער געווען. אַ סך האָבן נישט געקענט ביישטיין די ערנסטע ווירקלעכקייט. זיי האָבן אויסגעדרייט דעם רוקן און אפילו פאַרלאָזט דאָס לאַנד. נאָך אַ שטיקל צייט האָבן פאַרלאָזט די באַוועגונג יענע, וואָס זיינען געווען קעגן דעם אָפּזונדערן זיך פון די איבעריקע אַרבעטער אין לאַנד, און אין דער שפּיץ דער השומר־הצעיר פון רוסלאַנד. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „קבוץ המאוחד״, וואָס איז אָפן פאַר אַלעמען, און אויך אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער דער רוב פון השומר־הצעיר האָט פאַרגעזעצט זיין אָפּגעזונדערט־קייט, אויף וועלכער ער האָט זיך אויפגעבויט אין חוץ לארץ. די קבוצות, וואָס האָבן זיך דערצויגן צוזאַמען פון קינדווייז אין דער באַוועגונג אין די תפוצות, האָבן ווייטער געלעבט זייער פאַרמאַכט און אָפּגעזונדערט לעבן אין די קבוצישע ישובים פון לאַנד, און דאָס געפיל פון פאַרשיידנ־קייט איז ביי זיי שאַרפער און שטאַרקער געוואָרן. אין דער גאַנצער אַר־בעטער־באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט דער ווילן צו דערגרייכן די אייב־הייט, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן קלאַס, אַלע לעבנס־שטחים פון יעדן פּרט אין אים. דער דאָזיקער ווילן האָט אויך געקלאַפּט אין די טירן פון קבוץ הארצי השומר הצעיר, וועלכער איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר קעגן דער אחדות. אָבער אין דער דיסקוסיע וואָס האָט זיך פאַר־נאַנדערגעפלאַקערט אַרום דעם פּראָבלעם, האָט זיך אַלץ מער צעמענ־טירט, ווי אַ צוגאָב צו די געזעלשאַפטלעך־פּסיכאָלאָגישע טעמים, אויך די אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע מאָטיווירונג פאַר דער אָפּגעזונדערטקייט. ביים פאַרגלייכן מיט דעם וואָס קומט פאָר אין דער נישט־יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג, איז דורך אים די מערהייט פון דער אַרבעטער־געזעל־שאַפט אין לאַנד באַצייכנט געוואָרן ווי אַ רעפאָרמיסטישע, וואָס דער־הייבט זיך נישט צום היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערן אויסקוק פון דער ווירק־לעכקייט און פון איר אַנטוויקלונג, דאַקעגן זיך אַליין האָט דער קבוץ ארצי אָנגעהויבן באַטראַכטן פאַר אַ סאָציאַליסטישע אַוואַנגאַרד־באַווע־גונג.

אין משך פון דער צייט האָט די השומר־הצעיר־באַוועגונג זיך מאַ־ניפעסטירט אויך מיט אירע קאָלאָניזאַטאָרישע דערגרייכונגען. אין אירע ישובים האָבן געשטראָמט דערצויגענע און געאייניקטע קערנדלעך לויט אַ סדר און פּלאַן. די פראַגן פון געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענשמעלצונג זיי־נען דאָ געווען ווייניק שאַרפער ווי אין אַנדערע קבוצים. אירע מענטשן זיינען אָפט געקומען באַוואָפנט מיט גרויסע ווירטשאַפטלעכע קענטענישן.

אין פאַרגלייך מיט די גרויסע וואקסנדיקע ישובים פון קבוץ המאוחד, וועלכע האָבן אויפגענומען מאַסן, אָפט מענטשן מיט נישט גענוגנדיקער צוגרייטונג, וואָס זייער אַבסאָרבירונג האָט אַרויסגערופן גאַנץ אומדער־וואַרטעטע פּראָבלעמען — איז דער מערהייט קבוצים פון השומר־הצעיר געלונגען איבערצוקומען די שוועריקייטן אין אַ קורצער צייט און מיט מער נוצלעכקייט. ביי זיי זיינען אויך די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש און צווישן פּרט און כלל מער רעגולירט געוואָרן. און די פּרינציפּן פון גלייכהייט און קעגנזייטיקע הילף צווישן די מיטגלידער פון קבוץ זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט מער אויסגעהאַלטנקייט. דער דערפאָלג האָט געשטאַרקט די זעלבסט־זיכערקייט און דעם גלויבן אַז ס׳איז גוט צו זיין אָפּגעזונדערט.

***

די עליות, אויך די פון די אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען פון אייראָפּעאישן פאַראָרעמטן גלות זיינען געוואָרן שווערער פון יאָר צו יאָר. זיי זיינען אין גרעסטן טייל געווען ווייניק גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עול פון די געזעלשאַפטלעכע פּרינציפּן אין דער ארץ־ישראלדיקער אַר־בעטער־באַוועגונג. די הסתדרות, אירע אונטערנעמונגען, אָרגאַניזאַציעס, קוואָרטאַלן, די גרויסע קבוצישע ישובים האָבן אַבסאָרבירט די מערערע פון זיי און געטאָן זייער פיל פאַר זייער גייסטיקער צוזאַמענשמעלצונג מיט דער באַוועגונג און אירע יסודות. אָבער אויך די אַבסאָרבירטע האָבן באַווירקט די אַבסאָרבירער און דער גאַנג פון דער באַוועגונג איז גע־וואָרן שווערער און פול מיט שטרויכלונגען. דער השומר־הצעיר איז גע־ווען על־פּי־רוב פריי פון די אַלע שוועריקייטן און אָפּנויגונגען. ער האָט ווייטער געפלעגט זיינע ווירטשאַפטן, זיינע קבוצים, זיינע מענטשן אין דער באַוועגונג און האָט זיך נישט באַשווערט מיט דער דאגה דורכצוזעצן די פּרינציפּן פון גלייכקייט און גערעכטיקייט אין לעבן פונעם גאַנצן אַר־בעטער־צבור. ער האָט געגעבן פּרעפערענץ זיין געזעלשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער גאַנצקייט, איבער דער אָנשטרענגונג צו דערהייבן דאָס גאַנצע פאָלק, און נישט קיין טייל. די קבוצישע באַוועגונג פון השומר־הצעיר האָט געשטרעבט צו פולער גלייכקייט און מאָראַלישער גאַנצקייט אין אירע רייען, פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די ביטערע שוועריקייטן און גראַנגל אַרום איר. ס׳איז געוואקסן אַ מין גייסטיקער העדאָניזם — אַ מאָראַל פון קאָמונע־מענטשן וואָס אויס מורא אַז ס׳זאָל זיך, חלילה,

נישט אָנקלעפּן אין זיי עפּעס פון די נידעריקע מאַסן, אַז די גרויסע מאַ־סע נישט־אויסדערוויילטע זאָלן נישט פאַרלאַנגזאַמען זייער מאָראַלישן אויפשטייג, זיינען זיי דערפאַר געגאַנגען זייער אייגענעם וועג אָן די מאַסן. די אַוואַנגאַרד־מעגלעכקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך נישט באַנוצט פאַר די באַדערפעניש פון גאַנצן פאָלק, האָבן אָנגעהויבן דינען נאָר זיך אַליין, צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן די אייגענע גרויסקייט פון די אַוואַנגאַרד־מענטשן אַליין.

בינתיים האָט זיך פאַרשאַרפט דער אומגליק אין די יידיש־אייראָ־פּעאישע תפוצות. דער יידישער ישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג זיי־נען געשטעלט געוואָרן פאַר גרויסע פליכטן און נישט פאַרויסגעזעענע אויפגאַבן, אָבער די השומר־הצעיר־באַוועגונג איז געווען פאַרשלאָסן אין זיך. אירע מענטשן האָבן ס׳רוב נישט געקענט מער ווי די אייגענע כו־חות, און די זיינען נישט געווען קיין סך. זיי זיינען געווען נאָר אַ טייל פון דער חלוצישער באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען און נאָר אַ קליינער טייל פון די באַהאַלטענע כוחות אין דעם גאַנצן יידישן פאָלק. ס׳איז געווען אַ גרויסע דיספּראָפּאָרץ צווישן די נייע אויפגאַבן, פאַר וועלכע ס׳איז געשטאַנען די ציוניסטישע באַוועגונג און צווישן דער כוחות־פאַרהעלטעניש, וועלכע ס׳האָט געהאַט פאַרן אויג און געהאַלטן פאַר וויכטיק די השומר־הצעיר־באַוועגונג. דערפאַר האָבן זיך ביי איר דערוועקט גרויסע ספקות אין די כוחות פון פאָלק אויפצוהייבן דעם יאָך און ביישטיין דעם שווערן געראַנגל.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך ווידער פאַרברייטערט דער עליה־מאַסשטאַב. דאָס דערנענטערן זיך פון דער קאַטאַסטראָפע האָט אָנגעג־הויבן ווייזן זיינע סימנים און יידן זיינען עולה געווען מאַסנווייז. זיי האָבן נישט געהאַט צו זייער רשות קיין סך צייט און אָפט איז דער אי־בערגאַנג געקומען פּלוצלינג. צווישן דער מאַסן־עליה זיינען דעמלט גע־ווען אַ סך עולים וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט דעם ענגן צוגאַנג דאָס אינדיווידואַליסטיש־אויגנבליקלעכע, וואָס כאַראַקטעריזירט די קאַפּיטאַ־ליסטישע וועלט בכלל און איר ירידה־תקופה בפרט. אויך אין דער חלו־צישער גוואַרדיע, וואָס איז פריער געקומען אין לאַנד האָבן זיך באַוויזן סמנים פון ירידה. מענטשן זיינען „עלטער" געוואָרן, מ׳האָט זיך „אויס־געניכטערט" און „קליגער" געוואָרן. די וואָגיקייט פון די חלוצישע ווערטן איז געפאַלן אין דער חלוצישער באַוועגונג גופא און דאָס אין אַ צייט ווען זי איז געשטאַנען פאַר דערציערישע אויפגאַבן וואָס האָבן נישט גע־

האַט צו זיך קיין גלייכן. ס׳האָבן זיך באַוויזן נייע אינטערעסאַנטן, אין די צענדליקער טויזנטער זיינען זיי געווען און דערשינען זיינען זיי ווי פּאָנענטרעגער פון חלוציזם. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין שטאָט און אין דאָרף, אין קיבוץ און אין דער קבוצה מיט דער שטרעבונג „זיך איינצואָרדענען״ פאַר יעדן פּרייז לויט זייער גייסט, לעבנשטייגער און מנהגים. קיין שום צוים האָט נישט עקזיסטירט פאַר די וואָס האָבן זיך אינספּירירט פון אַן אינטערעסן־גייסט, פון אַן ענגן עגאָיזם, אָפּטרייס־לענדיק זיך פון יעדן עול — אייגנשאַפטן וואָס האָבן געלאָזט זייערע שפּורן אין דער וועלט.

די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט איז נישט נאָר אַ ראַם פאַר אַ נייעם לעבן; פאַר צווישנמענטשלעכע באַציונגען; פאַר דערציען דעם יידישן מענטש צו וואָרצלדיקייט, צו אַרבעט, צו חלוציזם. זי איז אויך דער קאַ־פּיטאַל, דער פּרנסה־קוואַל פאַר אירע חברים. זי איז אַ מיטל פאַר נאַ־ציאָנאַלע צילן און גלייכצייטיק שטעלט זי צופרידן די באַדערפענישן פונעם פּרט. דאָס איז איר כוח, אָבער אין דעם זיינען אויך באַהאַלטן די סכנות פון איר חלוצישן כאַראַקטער. מיט די נייע עליות און מיט די „נייע ווינטן״ זיינען געוואַקסן אין די קבוצים די מענטשן, וואָס אין דער קאַ־מונע האָבן זיי זיך קאָנצענטרירט יעדער איינער פאַר זיינע פּריוואַטע ענינים, און דעם קבוץ האָבן זיי באַטראַכט בעיקר ווי אַ שותפותדיקער קוואַל פון פּרנסה און נישט דווקא ווי אַן אינסטרומענט פון דער גאַנ־צער באַוועגונג, פון דעם גאַנצן פאָלק. אַנטקעגן דעם גייסט האָט זיך אין דער גאַנצער קבוצישער באַוועגונג אַוועקגעשטעלט אַ הייפל מענטשן, וואָס קעמפט מוטיק און אומדערמידלעך אויפצושטעלן אַ דאַמבע קעגן דער פאַרפלייצונג פון העדאָניזם און צו פאַרפעסטיקן די פרייוויליקע חלוצישע אינדזלען אין דעם ים פון הפקרות. דער קאַמף דרינגט אַריין אין דער מחנה, און שפּעטער — אין דער נשמה פון יעדן חבר און חבר.

אין די קבוצים פון השומר־הצעיר באַשווערט זייער אין דער דאָ־זיקער גורלדיקער שלאַכט — די פאַרשלאָסנקייט, די אָפּגעריסנקייט פון די פאָלקמאַסן, דאָס נישט קענען און נישט גענוגנדיקע אָפּשאַצונג פון די פאַראַנענע רעוואָלוציאָנערע כוחות וואָס יערן אין גאַנצן פאָלק. די ספקות וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער איזאָלאַציע ווערן פאַר־וואַנדלט אין אַ צוגאָב־געווער פאַר דעם ענגן אינטערעסן־צענטער, וועלכער זאָרגט קודם־כל פאַרן „יש״ און „היט״ אים אָפּ זיך נישט צו פאַר־בלאָנטערן און פאַרשאַרפן די באַציונגען מיט אַנטשיידענע און הערשנ־דיקע פאַקטאָרן. די פיינטלעכע כוחות אַרום דעם יידישן ישוב ווערן

שטאַרקער. די מאַנדאַטן־מאַכט פּרוווט פאַרווירקלעכן פּלענער וואָס ווילן דערשטיקן דאָס ציוניסטישע ווערק אָבער אין דער השומר־הצעיר באַוועגונג שטאַרקט זיך די שוועריקייט צו קעמפן מיטן מעסיקייטס־גייסט וואָס פאַרשפּרייט זיך אין דער מחנה. וואָס גרעסער ס'זיינען געוואָרן ישראלס צרות און זיי האָבן געקלאַפּט מיט מער שאַרפקייט אין די טויערן פון דער גאַנצער חלוצישער מחנה און אין די טויערן פון השומר־הצעיר, וואָס מער ס'איז געוואַקסן די צאָל יידן וואָס די פראַגע פון עליה איז ביי זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פראַגע פון עקזיסטענץ — אַלץ שווערער און פּיינפולער איז געוואָרן די פראַגע פון די געפאָדערטע כוחות צו רעאַליזירן די באַשווערטע און גרעסער־געוואָרענע ציוניסטישע אויפגאַבע. די וואָס האָבן זיך איזאָלירט פונעם כלל, וואָס האָבן נישט אנערקענט און נישט אָפּגעשאַצט דעם פולן יידישן כוח, זיינען אויפסנייע געשטויסן געוואָרן צו זוכן אַן אָנשפּאַר אינדרויסן.

***

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין דער גאַנצער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. די פּרואוון צו מאַכן די אַרבעט פאַרן איינציקן יסוד פון יעדן מענטשנס פּרנסה אין אַ גרויסן טייל פון דער וועלט, אין דער גרויסער רוסישער מדינה — זיינען געקומען אין דער תקופה ווען דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געראַנגלט איבערצוגיין צו אַרבעט ווי אַ תנאי צו ראַטעווען זיין עקזיסטענץ. אין דער השומר־הצעיר־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען חוץ דער נאָענטקייט צום ראַטנפאַרבאַנד ווי אַן אַרבעטער מדינה — אַ געפיל פון אַ באַזונדערער דערנענטערונג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד. אין דער מאָס וואָס דער השומר־הצעיר האָט אָנגעהויבן זיך באַטראַכטן פאַר דער אַוואַנגאַרד־באַוועגונג, האָט זי זיך וואָס אַמאָל מער אָנגעכאַפּט אין דעם אַוואַנגאַרדישן ביישפּיל פון באָלשעוויסטישן זיג. נאָכדעם ווי די אַוואַנגאַרד־מענטשן פון השומר־הצעיר זיינען דורך זייער איזאָלאַציע, געבליבן אָפּגעריסן פון די יידישע פאָלקמאַסן — איז ביי זיי שטאַרק געוואָרן די נייגונג און נויטווענדיקייט צו זען אין די וויטערדיקע נצחונות פון דער סאָציאַלער רעאָלוציע אין דער וועלט אַ נייעם שוואונג און אויך אַ באַדינג פאַר דער פולשטענדיקער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. ביי אַ סך פון די השומר־הצעיר־מענטשן האָט דער ציוניזם זיך אָנגעהויבן אויסמאָלן ווי אַ וויזיע, וואָס וועט זיך פולשטענדיק פאַרווירקלעכן נאָר אין באַדינגונגען פון קאָמוניסטישער דיקטאַטור.

די עליות האָבן געשטראָמט נאָר פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער און מיט זיי אויך יידישער קאַפּיטאַל, אָן וועלכן ס׳איז אוממעגלעך געווען צו בויען דאָס לאַנד און אָבסאָרבירן די עולים. אַרום דעם יידישן ישוב האָט געהערשט אַ פינצטערער פעאָדאַליזם, אונטער דער בולטער דיס־ציפּלין פון קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכטן. קיין שום קרייז אינעם ישוב האָט נישט אָנגענומען די הנחה וועגן דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע הלכה למעשה. די אָנהענגער האָבן העכסטנס גע־קענט טראַכטן וועגן צוגרייטן די געמיטער קעגנאיבער בעסערע באַדינ־גונגען, וואָס קענען זיך שאַפן ווי אַ רעזולטאַט פון רעוואָלוציאָנערע זיגן אין אַנדערע לענדער. מ׳האָט אויף דעם געלייגט גרויסע האָפענונגען און די טיפע זאָרג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק האָט אָנגעהויבן דאָ און דאָרט צו געפינען אַ רעטונג אין רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין אי־דענטישע רייד מיטן ראַטנפאַרבאַנד און מיט די פּראָבלעמען פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע אין דער ברייטער וועלט. די שטרעבונג צו געפינען אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק פאַר אַלע זיינע שיכטן — איז מער נישט געווען באַהאַפטן מיט די טאָג־טעגלעכע מעשים פון דעם חלוץ אַליין און זי האָט געפונען אַ באַרואיקונג אויך אין דער האָ־פענונג אויף רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דער אַרומיקער וועלט. דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג האָט נישט געפונען קיין סתירה אין דער מעַסי־קייט וועלכע האָט זיך פאַקטיש פאַרשפּרייט און געפונען זיין אויסדרוק אין טאָג־טעגלעכן וועג פון דער השומר־הצעיר־באַוועגונג. וואָס מער עס האָט זיך געשטאַרקט די מיינונג, אַז דער עיקר ציוניזם וועט זיך פאַר־ווירקלעכן נאָר ווען ס׳וועט זיגן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אַלץ קלענער איז געוואָרן דער ווילן צו שטעלן אין געפאַר דאָס פאַראַנענע און זיך אַריינלאָזן אין שווערע געראַנגלען פאַרן ציוניזם נאָך איידער ס׳קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער ישוב אָנ־געהויבן מיט דער אַקציע פון פרייוויליקע און מאָביליזאַציע פאַר די אַר־מייען וואָס קעמפן קעגן היטלער. נאָך דעם איז געקומען דער גרויסער געראַנגל מיט די ענגלישע מיליטער־אויטאָריטעטן וועגן דער רעכט פון די יידישע סאָלדאַטן צוצוקומען צו די אייראָפּעאישע פראָנטן. דער ישוב, בראש מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט פאַרלאַנגט אַ דירעקטע באַ־טייליקונג אין דער שלאַכט קעגן דייטשלאַנד. ער האָט געשטרעבט צו באַנייען דעם קאָנטאַקט מיט די געפייניקטע תפוצות אונטערן יאָך פון די נאַציס און די מעגלעכקייט צו קאָנסאָלידירן אַ שטאַרקערן מיליטער־

רישן כוח און דערוועקן קריגס־דערפאַרונג פאַר דער צוקונפט. אין יענע טעג האָט די השומר־הצעיר־באַוועגונג אַנטוויקלט דעם געדאַנק פון ביי־טראַליטעט מצד דעם ישוב. לויט איר מיינונג האָבן די יידישע קעמפער געדאַרפט בלייבן אין די גרענעצן פון לאַנד. דאָס וואָס רוסלאַנד איז גע־שטאַנען פון ווייטן אין די ערשטע פאַזעס פון דער מלחמה, האָט גע־דינט פאַר אַן אַרגומענט ביים השומר־הצעיר צו באַרעכטיקן זייער שטע־לונג.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער ישוב געעפנט אַ שווערן קאַמף מיט דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט, וועלכע האָט געוואָלט דערשטיקן דאָס ציוניסטישע ווערק. אין די טויערן פונעם לאַנד האָבן געקלאַפּט די רעשטלעך פון אייראָפּעאישן יידנטום, פאַר וועמען ס׳איז נישט געבליבן קיין מקום־מקלט. אויפן קאָפּ פון די יידן אין די אַראַבישע לענדער איז געהאַנגען די שווערד פון אונטערגאַנג, און זיי האָבן געשריגן נאָך עליה. ברעכן די באַלאַגערונג, וואָס די ענגלענדער האָבן איינגעשטעלט איז גע־וואָרן אַ גורלדיקער אימפּעראַטיוו. אָבער דער השומר־הצעיר האָט גע־פּרעדיקט מעסיקייט; גערעדט וועגן אַ בונד מיט די אַראַבישע רעוואָ־לוציאָנערע כוחות וואָס וועט קומען; וועגן דער נויטווענדיקייט זיך צו דערנענטערן צום אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן לאַגער און צום ראַטנפאַר־באַנד, וואָס האָבן געשטיצט די אַראַבער און זיך נאָך אַלץ קעגנגעשטעלט דער ציוניסטישער פאָדערונג; וועגן דער וויכטיקייט און נויטווענדיקייט זיך צו באַוואָרענען פריער מיט אַ רעוואָלוציאָנערער שטיצע — דאָס אַלץ איז געווען באַשטימט צו באַזירן די ספקות אין שייכות מיט די אויס־זיכטן פון אַן אויפשטאַנד קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מאַנדאַטאָרי־שער מאַכט, און דער קעגנערשאַפט אַזאַ אויפשטאַנד צו שטאַרקן. ווען דער קאַמף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוואָפנטן פראָנט האָבן זיך אין אים אַנגעשלאָסן אַלע טיילן פון ישוב. די חברים פון השומר־הצעיר האָבן דערפילט זייער פליכט געטריי און מיט דערהויבענער איבערגעגעבנקייט, ווי אַלע טיילן פון דעם חלוצישן צבור. אָבער זייער פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון השומר־הצעיר, האָט אין דעם נישט מער געזען ווי אַ מוז, וואָס דרינגט אַרויס פון דער דיסציפּלין־פליכט. זי האָט נישט שלום געמאַכט מיטן געראַנגל, וועלכן ס׳האָט פּראָקלאַמירט דער ישוב און האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט איר אַרבעט אין דער ריכטונג אָפּצושוואַכן און אָפּשטעלן דעם קאַמף אין גאַנצן. זי האָט אירע חברים און אַנדערע פראָנט־קעמפער באַוואָרפן מיט דערקלערונגען און אויפקלערונגען, וואָס האָבן שווער געדריקט אויף די קעמפער. זי האָט נעגירט ביזן לעצטן

מאָמענט דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן דעם ווייטערדיקן הערשן פון דער פרעמדער מאַכט אין לאַנד.

**
*

אין יאָר 1920 האָט זיך געשפּאָלטן די פּועלי־ציון באַוועגונג וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען נאָך אַ רינגעלע אין דער קייט פון שפּאַלטונגען, וואָס איז אין יענער צייט פאָרגעקומען כמעט אין אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אויף דער וועלט. דער קאָמינטערן, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן זיין עקזיסטענץ, האָט דערוועקט אַ סך האָפענונגען. אין דעם פּראָ־קאָמוניסטישן חלק פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט די מיינונג, אַז דער ציוניזם און דאָס ציוניסטישע ווערק וועלן פאַרשווינדן, אויב ס׳וועלן נישט קאָנצענטרירט ווערן אַלע אָנשטרענגונגען צו ענדערן די נעגאַטיווע שטעלונג מצד ראַטנפאַרבאַנד און פון קאָמינטערן צום ציוניזם. אַ סך צווישן די לינקע פּועלי־ציון — אַזוי האָט מען גערופן דעם פּראָ־קאָמוניסטישן טייל פון דער באַוועגונג נאָך דער שפּאַלטונג — האָבן אין דער דאָזיקער אויפגאַבע געזען דעם עיקר פון אַלע עיקרים.

די תקופה פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און פון דער פאַרשטאַרקונג פון קאָמוניסטישן לאַגער אין דער וועלט, איז אויך געווען די תקופה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָנערקענען דעם ציוניזם; דער אָנהויב פון דער דריטער עליה און פון דער פאַרשטאַרקונג פון ציוניסטישן לאַגער אין אַלע תפוצות. דאָס פאָלק אין זיינע פאַרשיידענע שיכטן האָט זיך געוועקט צו מער טעטיקייט פאַר זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אַרום דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן קלאַמערן די ציוניסטישע יוגנט, וועלכע האָט געוואָרט אויף אָנווייזונגען אין דער פראַגע פון עליה און זעלבסט־פאַרווירקלעכונג. די פראַגע פון פאַרשטאַרקטער און פערמאַנענטער עליה איז שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אַקס פון ציוניזם. און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואָרן אָפּהענגיק פון דער עיקר־פראַגע: צי דאָס פאָלק וועט זינקען אין רואיקער זעלבסט־צופרידנקייט, נאָך דער פּאָליטישער דערגרייכונג פון ציוניזם, אָדער די דערגרייכונג וועט אים דינען פאַר אַ שפּרונג־ברעט צו דערנענטערן די ציוניסטישע לייזונג. גיכער און ממשותדיקער צו שטאַרקן דעם יידישן כוח אין ארץ־ישראל. אַ גרויסער חלק, די מערהייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די תפוצות, סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע, איז געווען פון די

שאַרפסטע און אַנגרייפנדיקסטע קעגנער פון ציוניזם, און האָט געגראָבן אונטער אים. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע גופא האָט זיך אַנט־פּלעקט אַ קורצזיכטיקייט און אומפאַרשטענדעניש צו די נויטן פון דער שעה, צו דער נויטווענדיקייט פון אַן עליה־אַנשטרענגונג און פון אַ שנעלן און גרויסן אויפבוי. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס איז נאָך דעמלט געווען אַ מינדערהייט סיי אין דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און סיי אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט געמוזט נעמען אויף זיך דעם וויכטיקסטן עול: שאַפן די אינסטרומענטן און די באַדינגונגען פאַר עליה און גרויסע שאַפונג. אין די מערהייט תפוצות האָט זיך אָרגאַ־ניזירט די חלוצישע באַוועגונג. ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן די עליה־אַמטן. מ׳האָט געשטאַרקט די טעטיקייט פון דעם קרן־קימת לישראל, וואָס פון זיינע מעגלעכקייטן ס׳איז אין אַן אַנטשיידנדיקער מאָס געווען אָפּהענגיק די אויסזיכטן פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. ס׳זיינען געשאַפן גע־וואָרן נייע און מערערע רעאַליזיר־אינסטרומענטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס זיינען געווען די אינסטרומענטן פון יידישן פאָלק אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, אין זיין געראַנגל מיט די כוחות און פאַק־טאָרן, וואָס האָבן אים געוואָלט פאַרניכטן, און וועלכע האָבן זיך געמערט און געשטאַרקט פון יאָר צו יאָר. אָבער די אַלע ראַמען און מכשירים זיי־נען געווען פּסול אין די אויגן פון קאָמינטערן און זיינע פאַרטרעטער אויף דער יידישער גאַס. פּונקט ווי זיי האָבן אויסגעזעצט קעגן ציוניזם גופא האָבן זיי דערקלערט, אַז דאָס זיינען בירגערלעכע אינסטרומענטן, וועלכע שטאַרקן דעם אימפּעריאַליזם און די וועלט־רעאַקציע.

די לינקע פּועלי־ציון האָבן נישט אָנגענומען די תורה, אַז דער ציו־ניזם אַן־און־פאַר־זיך איז אַן אימפּעריאַליסטישע, בורזשואַזע באַוועגונג, אַאַז״וו, אָבער זיי האָבן אָנגענומען די קאָמוניסטישע מיינונג וועגן כאַ־ראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע ווערק, און האָבן זיך אין דעם אַלעם נישט באַטייליקט. זיי האָבן אויך אָנגענומען די מיי־נונג, אַז די אָרגאַניזאַציעס פון די חלוצישע עולים זיינען אויך פּסול און האָבן זיי באָיקאָטירט. די לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך אַזוי נוהג געווען ווייל זיי האָבן געוואָלט באַווייזן די פירער פון וועלט־קאָמוניזם, אַז זיי זיינען גרייט אויסצופילן אַלע זייערע אינסטרוקציעס, נאָר ס׳זאָל אָראָפּ־גענומען ווערן דער קאָמוניסטישער באָיקאָט פון ציוניזם ווי אַזעלכער. אין משך פון דער צייט איז די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג גע־וואָרן דער אַנטשיידנדיקער פירנדיקער פאַקטאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון אירע ווערק. די לעצטע זיינען געוואָרן פּאָזיטיווע איב־

סטרומענטן, וואָס האָבן דערמעגלעכט מאַסן יידן עולה צו זיין און צו ראַטעווען זיי פון דער פאַרניכטונג־שווערד אין גלות. מיט זייער הילף זיינען געשאַפן געוואָרן די נייטיקע באַדינגונגען פאַר יידישער קאָלאָני־זאַציע בכלל און אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע בפרט; אויפצושטעלן די גרויסע צאָל קבוצים און מושבים; צו שאַפן יידישע מלוכה־פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל; צו שטאַרקן די שוץ־כוחות פונעם יידישן ישוב און זיין קרעפ־טיקע שטעלונג קעגן דער קאָלאָניאַלער מאַנדאַטאָרן־מאַכט. די חלוצישע אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג. זי האָט צעמענטירט אין אירע רייען די מער־באַוווסטע און גערודפטע אין דעם יידישן פאָלק און זיי געהאָלפן עולה זיין ווי בויער און קעמפער, ווי שעפער פון אַ נייעם לעבן פאַר זיך און פאַרן גאַנצן פאָלק, ווי אַוואַנגאַרדיסטן פון דער גרוי־סער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער רעוואָלוציע פונעם יידישן פאָלק. אָבער די לינקע פּועלי־ציון האָבן ווייטער באָיקאָטירט די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע און די חלוצישע באַוועגונג און אַפילו געפירט מיט זיי אַ קאַמף.

נאָכן גרינדן דעם קאָמינטערן האָבן זיך געצויגן צו אים, אין פאַר־שיידענע צייטן, אַ סך אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע האָבן געפּרואווט וואַרפן אַ בריק איבער די חלוקי־דעות צווישן זיי און די פירער פון וועלט־קאָמוניזם. ס׳זיינען געווען צווישן זיי גרויסע פּאַרטייען ווי די אומאָפּהענ־גיקע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אד״גל. ס׳זיינען אויך געווען קלענערע פּאַרטייען. ס׳זיינען צייטנווייז גע־ווען מיינונג־פאַרשיידנקייטן אין אַ באַשטימטן אינטערנאַציאָנאַלן ענין, און אַמאָל — אין אַ לעבנס־וויכטיקן ענין פון דעם באַטרעפנדיקן לאַנד און פאָלק, אין וועלכע ס׳זיינען געווען טעטיק די פּאַרטייען וואָס האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן אָדער אָנשליסן אין קאָמינטערן. אָפט זיינען אונ־טערגעשריבן געוואָרן אָפּמאַכן, געשאַפן געוואָרן ראַיאָן־שותפות־קאָמיטעטן, פאַרייניקטע פראָנטן — וואָס זיינען געווען באַשטימט צו דערנענטערן די הערצער און דערגרייכן אַ געמיינזאַמע טעטיקייט צווישן די אָפּטיילן פון קאָמינטערן און די פּראָ־קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן נאָך דער־ווייל נישט געהערט צום קאָמינטערן. די פּראָ־קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן געהאָפט, אַז אויף דעם וועג וועלן זיי קענען משפיע זיין אויף דעם קאָמוניסטישן לאַגער לטובת זייער בליק אויף דעם באַזונדערן ענין, אין וועלכן זייער מיינונג האָט זיך אויסגעטיילט פון דער מיינונג פון די פּי־רער פון קאָמינטערן. אָבער אַפילו אין קיין איין פאַל איז די האָפענונג נישט מקוים געוואָרן. ס׳זיינען געווען פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך אין משך פון דער צייט דערווייטערט פון קאָמוניסטישן לאַגער און מיט אים אי־

בערגעריסן יעדע פאַרבינדונג, און ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַקצעפּטירט זיין שטעלונג און געווען געהאַרכזאַם אַן אַפּעלאַציע, אויך אין ענינים, וועגן וועלכן זיי האָבן געהאַט אַן אַנדערע מיינונג. ס׳האָט נישט פּאַסירט אַז די פירער פון קאָמינטערן האָבן געענדערט זייער מיינונג אונטער דער השפעה פון וועלכער ס׳איז פּראָ־קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אויך די אָנשטרענגונג פון די לינקע פּועלי־ציון איז געווען פּרוכטלאָז.

די פירער פון קאָמינטערן, די שפּיצן פון באָלשעוויסטישן לאַגער אין ראַטנפאַרבאַנד, האַלטן זיך פאַר די איינציקע באַפולמעכטיקטע צו באַשטימען די באַדערפענישן, דעם וועג און די פּאָליטיק פון איטלעך פאָלק אין יעדער צייט און אין יעדער שעה. זיי פּרוּוון אויס יעדע פּאַרטיי, וואָס דערנענטערט זיך צו זיי, קודם־כל איר פעאיקייט און גרייטקייט אויסצופירן באַפעלן דווקא אין די לעבנס־וויכטיקסטע ענינים וואָס זיינען נוגע דאָס פאָלק און לאַנד פון דער געגעבענער פּאַרטיי. דער וויכטיקסטער כוח פון אָרגאַניזירטן קאָמוניסטישן לאַגער באַשטייט אין דעם, וואָס צו יעדן באַשלוס זיינעם האָט ער מענטשן וואָס זיינען גרייט זיי צו רעאַליזירן אָן וואַקלעניש און ריקזיכטלאָז אין יעדן פּלאַץ וואוהין דער באַשלוס איז דירעקט געווענדט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פינלאַנד, אָדער פראַנקרייך, נישט נאָר זי אידענטיפיצירט זיך מיט דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק לגבי כינע, ענגלאַנד, אָדער די פאַרייניקטע שטאַטן, נאָר זי שפּאַנט זיך איין מיט אַלע כוחות צו טאָן וואָס מ׳פאָדערט פון איר אין באַצוג צו זייערע אייגענע לענדער. זי טוט אַזוי נישט נאָר ווען דאָס זעט זיך אַלס גוט פאַר דער מערהייט פון פינישן אָדער פראַנצויזישן פאָלק, נאָר אויך דאַן ווען זיי זיינען קעגן דעם, אויך ווען די זאַך געפעלט נישט אירע חברים און אַפילו דער מערהייט פון דער פינישער אָדער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַליין. אַזוי איז לגבי טאַקטישע ענינים און אַזוי אויך לגבי ענינים וואָס ווערן פאַרעכנט פאַר פּרינציפּיעלע.

נאָכדעם ווי די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט נישט מסכים געווען מוותר צו זיין אויף איר ציוניסטישער אָנשוויונג און זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון דעם קאָמוניסטישן אַנטי־ציוניסטישן קאַמף אין אַלע זיינע פּרטים — האָט דער קאָמינטערן זי באַטראַכט פאַר אַ פּאַרטיי וואָס ער דאַרף זי נישט. די לינקע פּועלי־ציון האָט זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צופּאַסן זייער וועג צום וועג פון אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן לאַגער, אָבער זייערע באַמיונגען האָבן גאָרנישט געווירקט אויף דער שטעלונג פון קאָמינטערן און גאָרנישט ווייך געמאַכט זיין קאַמף קעגן ציוניזם, קעגן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, קעגן די נויטן פון יידישן פאָלק. אָבער דער פּרוּוו אויף

אַזאַ וועג צו ווירקן אויף די פירער אין קאָמוניסטישן לאַגער און דאָס צופּאַסן זיך צום דאָזיקן לאַגער — האָבן געלאָזט שווערע שפּורן אויף דעם יידישן פאָלק און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

***

אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות זיינען שטאַרקער געוואָרן די פאַקטאָרן וואָס האָבן געגראָבן אונטער דער עקזיסטענץ פון גאַנצן יידישן פאָלק און ס׳האָט זיך געשטאַרקט די נויטווענדיקייט אין אַ מעגלעך ברייטסטער נאַציאָנאַלער אייניקייט, כדי צו ראַטעווען דאָס וואָס לאָזט זיך ראַטעווען. אָבער די קאָמוניסטן האָבן זיך קעגנגעשטעלט אַזאַ אייניקייט. לויט דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט האָט אַ יידישער רעוואָלוציאָנער געמעגט זיך באַטייליקן נאָר אין בולטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, טראָץ דעם וואָס די גרעסטע מערהייט אין יידישן פאָלק, די מערהייט באַעוולטע און גערודפטע אין דעם יידישן פאָלק, זיינען כלל קיין פּראָלעטאַריער נישט געווען. די לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער תורה און זיי זיינען אויך געווען קעגן וועלכער ס׳איז נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע. דער פונאַנדערפאַלונג־פּראָצעס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין די אייראָפּעאישע תפוצות האָט זיך פאַרשאַרפט און פאַרשטאַרקט. עס איז געווען איינער פון די אויסדרוקן פון דעם אַלגעמיינעם צעפאַל פון יידישן לעבן אין דער שווערער תקופה. צוויי פון די גרעסטע יידישע פּאַרטייען, „אגודת ישראל״ און דער „בונד״, האָבן פון זייער איזאָלאַציע און קעגנערשאַפט צו וועלכער ס׳איז אַלגעמיין נאַציאָנאַל־יידישער פּאָליטיק געמאַכט פאַרן עיקר און יסוד פון זייער וועג, געבנדיק דערמיט אַן „אידעאָלאָגישן״ שטעמפּל דער צעשפּאַלטונג און צעשפּליטערונג פון אייראָפּעאישן יידנטום אויפן שוועל פון דעם פאַרטיליקונגס־מאַרש קעגן אים. די לינקע פּועלי־ציון האָבן אויך צוגעגעבן אַ חותם און אַ „ציוניסטיש־אידעאָלאָגישן״ היתר.

די היסטאָרישע ליניע וואָס איז מבדיל בין ציוניזם און אַנטי־ציוניזם איז צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געווען די ליניע וואָס אונטערשיידט ממש צווישן לעבן און טויט. אָבער די לינקע פּועלי־ציון האָבן געהאָלפן פאַרטושן די אונטערשיידונג־ליניע. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי מיטגעאַרבעט מיטן „בונד״ און מיט די קאָמוניסטן, וואָס האָבן געהעצט קעגן ציוניזם. זיי האָבן אויפגעשטעלט ראַמען און שותפותדיקע אָרגאַניזאַציעס מיט זיי, קולטורעלע און אויך פּאָליטישע, און זיינען געווען קעגן די ראַמען און געמיינזאַמע ציוניסטישע ווערק — דאָס אַלץ כדי נישט

אָפּבויגן פון דער „עכטער פּראָלעטאַרישקייט", וואָס האָט אין די אויגן פון די קאָמוניסטן געדינט פאַר אַ סימן פון יידישער רעוואָלוציאָנערישקייט.

אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן האָט די חלוצישע באַוועגונג אין אייראָפּע געמוזט אָוועקשטעלן דעם ענין עליה ווי אַ צענטראַלע זאָרג פון ציוניזם. זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַנטקעגן דער העצע פון אַנטי־ציוניסטישן לאַגער פון איין זייט און די רואיקייט פון בעל־הבתישן ציוניזם פון דער אַנדערער זייט. צענדליקער טויזנטער האָבן זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, זוכנדיק זיך צו באַפרייען פון די אילוזיעס בשייכות צו זייער צוקונפט אין גלות, און גובר זיין די גרויסע צאָל עליה־שוועריקייטן. די לינקע פועלי־ציון האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף אַ סך אַרבעטער און יוגנט־קרייזן, וועלכע האָבן זיך געמאַטערט צווישן דער נייגונג פאַרצוזעצן אין גלות און דער אויפמונטערונג צו עליה. אָבער אין דער שטעלונג פון זייער פּאַרטיי איז כלל נישט געווען קיין דערמוטיקונג צו אַנטשיידן לטובת דער עליה. די פּאַרטיי האָט באָיקאָטירט די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, די הכשרה־פּונקטן, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אירע עליה־דעפּאַרטאַמענטן, די עליה־אינסטרומענטן פון די חלוצים און פאָלקמאַסן, העלפנדיק דעריבער אומדירעקט דער שטעלונג צו בלייבן אין גלות.

די לינקע פועלי ציון האָבן אַלע יאָרן געקעמפט קעגן די יעווסעקן און זייער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבן אין דעם אינוועס־טירט אַ סך כוחות. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי געפּרעדיקט צווישן זייערע חברים און סימפּאַטיקער פולשטענדיקן צוטרוי צום קאָמו־ניזם און אָנגעוויזן אויף אים ווי דער וועגווייזער פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט. זיי האָבן געגעבן זייער צושטימונג דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמו־ניסטישן לאַגער, צו זיינע וועגן און צו די אומבאַגרענעצטע פולמאַכטן וואָס די פירער פון דעם לאַגער — די פירער פון באָלשעוויזם אין רוס־לאַנד — האָבן זיך גענומען. זיי האָבן זיך געשטיצט אויף זיי ווי אויף דער העכסטער רעוואָלוציאָנערער פולמאַכט. אַ סך יוגנטלעכע און אַרבע־טער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין דער לינקער פועלי־ציון־פּאַרטיי האָבן אָנגעהויבן צווייפלען, אויב ס'איז טאַקע אמת, אַז די וועג־ווייזער וואָס זייער שטעלונג אין די פראַגן פון אַלע פעלקער איז תמיד די ריכטיקע און גערעכטע, זיינען זיך טאַקע אַזוי גראָב טועה דווקא אין דער פראַגע פון ציוניזם? און אַזוי ווי די עליה האָט קיינמאָל נישט פאַרנומען קיין וויכ־טיקן אָרט אין דער פּאַרטיי פון לינקע פועלי־ציון, איז שוין ממילא נישט געווען אין ציוניזם קיין ממשותדיקער ענטפער אויף די לעבנס־פּראָבלע־מען פון די חברים און דער באַוועגונג. דער אייגנטלעכער שווער־פּונקט איז

געלעגן אין װאַרטן אויף דער רעװאָלוציע װאָס די קאָמוניסטן װעלן מאַכן. איינצלנע און אויך גאַנצע גרופּן האָבן טײלמאָל געװאָלט זיך באַפרייען פון דעם קעגנזאַץ צװישן דער באַציונג צו דער שטעלונג פון קאָמינטערן אין אַלע פראַגן, און צװישן דער באַציונג צו זײן שטעלונג אין דער פראַגע פון ציוניזם, װאָס איז לאװ דווקא אין פּראָ־ציוניסטישן גייסט. די לינקע פּועלי־ציון אין מזרח־אייראָפּע האָט איר ערשטן װעג אָנגעהויבן װי אַ מאַסן־פּאַרטײ, די גרעסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ נאָכן „בונד״. פון יאָר צו יאָר איז קלענער געװאָרן איר צאָל חברים און סימפּאַטיקער. אויפן שװעל פון דער צװייטער װעלט־מלחמה זיינען מיט איר געבליבן נאָר װייניקע. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט און אַרבעטער, װאָס האָבן איר פאַרלאָזט אין פאַרשיידענע צייטן — האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קאָמו־ניסטישן לאַגער.

דער צופּאַסונג־װעג, װעלכן ס׳האָבן אויסגעװיילט די לינקע פּועלי־ציון האָט מיט גאָרנישט דערנענטערט דעם אַלװעלטלעכן קאָמוניסטישן לאַגער צום ציוניזם. אָבער ער האָט געהאָלפן פאַרטושן די גרענעץ צװישן ציוניזם און אַנטי־ציוניזם אין דער תקופה, אין װעלכער ס׳איז געװען אַ לעבנס־נויטװענדיקייט אונטערצושטרייכן די ליניע װאָס שיידט זיי ביידע פונאַנדער. דער װעג פון די לינקע פּועלי־ציון האָט אומדירעקט גורם געװען דערצו, אַז יידישע יוגנט, אַ סך יידישע אַרבעטער, איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן דעם ציוניסטישן געדאַנק, האָבן נישט באַקו־מען אין אַ גורלדיקער שעה די דערמונטערונג און די פּראַקטישע צוגריי־טונג פאַר עליה, און אַ קענטיקער טייל פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער איז אָן אַ כוונה געשטויסן געװאָרן אין די אָרעמס פון קאָמוניזם, שטאַרקנדיק דעם אַנטי־ציוניסטישן לאַגער.

***

פעלקער װאָס זיצן אויף זייער ערד, צי זיי זיינען זעלבסטשטענדיק אָדער זיי זיינען נישט זעלבסטשטענדיק — די באַפרייאונג־כוחות אין איינעם פון זיי שטאַרקן זיך על־פּי־רוב מיט דעם זיג פון פּאַרגעשרי־טענע כוחות צװישן אַנדערע פעלקער. דער זיג פונעם אויפשטאַנד קעגן דער בריטישער הערשאַפט אין אַמעריקע, אין דער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט דערמוטיקט אַ סך אונטערדריקטע פעלקער. דער זיג פון דער פראַנצויזישער רעװאָלוציע, אין סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט אומדירעקט אָפּגעשװאַכט די פעאָדאַלע רעזשימען אין אַ ריי פון אַנדערע לענדער און ממילא געהויבן די װאָגיקייט פון די אונטערדריקטע

קלאַסן. די אויפשטאַנדן פון די דייטשן און די אונגאַרן אין יאָר 1848 האָבן שליסלעך געשטאַרקט די פּאָזיציע פון די סלאַווישע אונטערדריקטע פעלקער, און האָבן זיי געהאָלפן איבערשפּרינגען אַ שטיק וועג צו זייער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין יאָר 1917 אין רוסלאַנד האָט געהויבן דעם ווערט פון די אַרבעטער און פּויערים אין דער גאַנצער וועלט. דער זיג פון די אַליאירטע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ממילא באַפרייט פון דער נאַצישער יאָך די בעלגיער, די נאָרוועגער, די טשעכן, אאַז״וו. דער זיג פון פאָלקס־כינע האָט געהאָלפן דעם באַפרייאונג־קאַמף פון די קאָלאָניאַלע פעלקער אין גאַנץ אַזיע.

דער ציוניזם איז די רעוואָלוציע פון אַ גלות־פאָלק. זיין עיקר איז דער קיבוץ־גלויות פון יידישן פאָלק. די גלותן פון ישראל זאַמלען זיך נישט צונויף אַליין. ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין שום רע־וואָלוציאָנערער און פאָרגעשריטענער כוח, וואָס זיינע נצחונות האָבן געמוטיקט און ממילא געהאָלפן דאָס דאָזיקע ווערק. די מענטשהייט באַ־שטייט אין איר גרעסטער מערהייט פון טעריטאָריעלע פעלקער, און דער פאַקט האָט אויך אַרויסגעלייגט זיין חותם אויף איר מאָראַל: די ערד געהערט צו די וואָס זיצן אויף איר, און די בירגער — צו די לענדער וווּ זיי וווינען. דאָס צוריקגיין פון אַ גלות־פאָלק אין דעם לאַנד, פון וועלכן מ׳האָט עס פאַרטריבן און ער איז דאָרט נישט געזעסן הונדערטער יאָרן — איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּגיעה אין דעם פּרינציפּ. אַזוי האָבן געטראַכט אין דער ערשטער ריי די פּראָגרעסיווע און רעוואָלו־ציאָנערסטע כוחות. און יענע האָבן אונדז זייער אָפט מער גערודפט, ווי די פינצטערע כוחות. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען קעגן ציוניזם ביז זיין פונאַנדערפאַל. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, דער קאָ־מוניסטישער, האָט דערקלערט קריג דעם ציוניזם, סיי אין די תפוצות און סיי אין ארץ־ישראל. נאָך דער דערמוטיקונג, וואָס דער יידישער ישוב אין לאַנד האָט פון אים באַקומען אין די קאַמף־טעג צו פאַרטרייבן די ענגלענדער — איז געקומען די באַנייטע קאָמוניסטישע העצע קעגן דער עליה און קעגן דעם ציוניסטישן ווערק. אויך פּראָגרעסיווע און רע־וואָלוציאָנערע פאַקטאָרן באַטראַכטן פאַר זייערע פאַרבינדעטע די פעל־קער און קלאַסן, וואָס נישט נאָר די גערעכטיקייט, נאָר אויך דער כוח איז מיט זיי. אָפט געבן זיי פּרעפערענץ דעם כוח איבער דער גערעכטי־קייט. און מיר ווערן נאָך דערוויל גערעכנט פאַר שוואַכע אין פאַרגלייך מיט דער צאָל כוחות וואָס האָבן אונדז פיינט, אויך נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט מדינת ישראל.

אין אונדזער דור זיינען אויפגעקומען אַרבעטער־רעגירונגען אין אַ סך לענדער — אין רוסלאַנד, ענגלאַנד, אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. זיי האָבן נישט פאַרלייכטערט דעם צוריקקער פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. נאָכן זיג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז פאַרבאָטן געוואָרן די עליה פון יידן פון ראַטנפאַרבאַנד קיין ארץ־ישראל. די לייבאָר־רעגירונג האָט געשיקט אירע אַרמייען צו קעמפן מיטן ישוב און מיט יידן וואָס קלאַפּן אין די טויערן פון לאַנד. אין די לענדער פון פאָלקדעמאָקראַטיע איז די עליה פון יידן אין זייער לאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַך פון גנאַד, וואָס אַמאָל ווערט זי באַגינסטיקט און אַמאָל נישט. פאַר יעדן צענדליק טויזנט יידן, וואָס ווילן אַנטלויפן פון די ערטער, אין וועלכע טיילן פון יידישן פאָלק געפינען זיך אָן שוץ, מוזן מיר זיך שווער ראַנגלען.

ס׳טרעפט, אַז אונדזערע גלותן ווערן סיי פאַרניכט און חרוב אין צוזאַמענהאַנג מיט איבערקערנדיקע געשעענישן אין דער וועלט, אָבער צונויפזאַמלען די גלותן קענען מיר נאָר מיט אונדזערע כוחות אַליין, אָן וועלכער ס׳איז דערמוטיקונג און הילף מצד עמיצן. אָפט ווערן מיר געשטערט און שווער געדריקט סיי דורך רעאַקציאָנערע און סיי דורך פאָרגעשריטענע און רעוואָלוציאָנערע כוחות. אויך אין געראַנגל מיט די שונאים פון דער יידישער עליה קיין ארץ־ישראל שטייען מיר תמיד אַליין.

מיר וואָלטן נישט געקענט דערטראָגן אַזאַ איזאָלאַציע, נישט גייסטיק און נישט פּראַקטיש, ווען נישט די אויסערגעוויינלעכע באַהאַלטענע כוחות אין יידישן פאָלק און אונדזער גלויבן אין דער זעלטענער מעגלעכקייט פון אָט־די כוחות. דאָס יידישע פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד מיט 2000 יאָר צוריק און פאַרמשפּט געוואָרן צו אונטערגאַנג מצד די קלויסטער־דינער און פראַגרעס־לייט, מצד די בירגערלעכע דענקער און דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. קעגן אַזאַ טויט־אורטייל קען אַ קליינע מינדערהייט נישט ביישטיין מיט געוויינלעכע כוחות. דאָס יידישע פאָלק האָט דערצויגן זיינע קינדער און זיי באַוואָפנט מיט איבערגעבנקייט צו זייער פאָלק מיט גלויבן און עקשנות וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן. די פרשה פון געבאָטן און שווערע אסורים וואָס האָבן געצילט צו פאַרהאַרטעווען דעם ייד, פלעגן טאַטעס איבערגעבן זייערע קינדער פון דור צו דור, ביז זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. נישט אין יעדן ייד האָט זיך געלאָזט אַנטוויקלען די געפאָדערטע אייגנשאַפטן. אַ סך זיינען צעבראָכן געוואָרן און אָפּגעפאַלן. מעגלעך אַז דער רוב יידן איז אָפּגעפאַלן פון פאָלקס־אָרגאַ־

ניזם במשך פון די דורות. ווען אַלע יידן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן יידן, זיי און זייערע קינדער וואָלטן נישט אַוועק פון פאָלק, וואָלטן מיר היינט געווען איינס פון די גרעסטע פעלקער אויך אין צאָל. ס׳איז גע־ווען אַ זייער שווערע נאַטירלעכע ברירה. ס׳איז גענוג געווען אַז אין איין רינגעלע, אין איין דור, זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן דער יידישער אינ־סטינקט ביים יחיד אָדער ביי אַ גרופּע, ס׳זאָל זיי נאָר איין מאָל דער כוח נישטביישטיין קעגן שמד — און די אַרבעט פון הונדערטער יאָרן זאָל פאַרלוירן גיין. דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג, ווייל אַ טייל פון אים איז דורכגעגאַנגען אַלע 70 דורות פונעם גלות, אַלע שמד־פייערן דורך צוואַנג און פאַרפירעריי, פון דער צייט פון בבל און אַלט־גריכנלאַנד ביז היינט, די טעג פון אַסימילאַציע־דרוק אין ראַטנ־פאַרבאַנד פון איין זייט און אַמעריקע פון דער צווייטער זייט — און האָט דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן. ס׳זיינען געבליבן ווייניק — די וואָס האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט, און דורכגעמאַכט די שווערסטע נאַטירלעכע ברירה אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אַ סך און וואונדערלעך זיינען די באַהאַלטענע כוחות אין דעם יידן, ווייל ער איז אַ ייד, ווייל ער איז אונדז געבליבן אַ גראַטעוועטער נאָך די פיל פאַרניכטונג־שטראָמען קעגן אונדז אין די צוויי טויזנט יאָר גלות, און ווייל ער געהערט ווייטער צו זיין פאָלק טראָגט אַלע צרות, באַליידיקונגען און סכנות וואָס זיינען דער־מיט פאַרבונדן אויך איצט.

ס׳זיינען פאַראַן אונטערשיידן, קעגנזאַצן און אויך שווערע סאָציאַ־לע ראַנגלעכישן צווישן די פאַרשיידענע שיכטן און קלאַסן ביים יידישן פאָלק. עס איז אָבער אויך פאַראַן צווישן די אַלע אַ טיפער געפיל פון אייניקייט, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן. עס איז אַן אחדות פון אַ פאָלק, וואָס אויף זיינע אָרעמע און רייכע, קאָנסערוואַטאָרן און רעוואָ־לוציאָנערן — אויף זיינע אַלע שיכטן און קלאַסן, אין יעדער צייט און ביי יעדן רעזשים — לויערט די סכנה פון שמד און פאַרניכטונג.

מען קען נישט פאַרטראַגן די יידישע איזאָלאַציע, ווען מען פילט נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס די וואונדערלעכע באַהאַלטענע כוחות אין דעם גאַנצן פאָלק — און אין דער מאָס ווי מען באַהעפט זיך מיט זיי אין אַקטיוון שותפותדיקן קאַמף. קיין מענטש און קיין פּאַרטיי אין יש־ראל קען נישט דערווערבן די דאָזיקע פעאיקייט, צו פילן און קאָנסאָ־לידירן איטלעכס ברעקל פון יידישן כוח, אויב זיי פאַרמאָגן נישט דעם בייטיקן מוט צו זען די יידישע איינזאַמקייט אין איר גאַנצער גרויזאַמ־קייט און דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז אויסער דעם יידישן פאָלק אַליין איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, אויף וועמען צו האָפן.

די חברים פון „גדוד העבודה״, האָבן זיך באַטראַכט ווי אַ טייל און אָרעם פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף איר און זיך אָנגעהויבן אָפּזונדערן פון די יידישע מאַסן, פון וועל־כע ס'האָבן נישט געהאַלטן די פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. נאָך דעם ווי זייער האָפענונג איז צערונען געוואָרן, האָבן זיי זיך דער־פילט עלנט צווישן זייער פאָלק און אויף דער וועלט גלייכצייטיק. די מערהייט האָט עס דערפילט און איז צעבראָכן געוואָרן.

די חברים פון השומר־הצעיר האָבן געמיינט, אַז זיי דאַרפן זיך אָפּ־זונדערן אויף צוצוגרייטן זיך און ראוי צו זיין צו דער גרויסער ציוניס־טישער אַרבעט, כדי זיי זאָלן בייקומען זייערע אומגעוויינטלעכע שווע־ריקייטן. דורך דער אָפּגעזונדערטקייט איז שוואַכער געוואָרן זייער גלויבן אין די כוחות פון יידישן פאָלק, און פון זיינע מאַסן. זיי האָבן אויפגע־הערט גלייבן אין דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן ברייטע רעוואָלוציאָ־נערע מעשים אָן דער הילף פון דרויסן, אָן דער הילף פון אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן לאַגער, אַרויסווייזנדיק אָפּהענטיקייט אין די גורלדיקע און אַנטשיידנדיקע שעהן פון גוראַנגל פון יידישן פאָלק.

די לינקע פועלי־ציון האָבן נאָר געגלייבט אין דער רעוואָלוציאָנע־רישקייט פון יידישע פּראָלעטאַריער. זיי האָבן געשטאַרקט זייער ציוניס־טישן גלויבן דורך דער האָפענונג, אַז זיי וועט געלינגען צו דערווערבן פאַר אונדז די אָנערקענונג און די שטיצע פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמור־ניזם. זיי האָבן אומזיסט געפּטרט די כוחות מיטן גייעג נאָך דעם באַ־וואוסטזיין און דער שטיצע און צוליב זיי זיך אָפּגעהאַלטן פון ממשות־דיקע ציוניסטישע אַקטיוויטעטן. אַזוי האָבן זיי פאַרשווענדט אַ סך יידי־שע טרייקייט און גרויסע ציוניסטישע כוחות, וואָס זיינען געווען באַ־האַלטן אין זייער פאַרטיי.

פון דעם גייעג פון די דאָזיקע ציוניסטישע באַוועגונגען נאָך דער קאָמוניסטישער אנערקענונג, האָט זיך גענערט און הנאה געהאַט דער אַנטיציוניסטישער לאַגער. די יעווסעקן האָבן צוגערויבט נישט ווייניק פון אונדזערע בעסטע כוחות.

***

אין די סוף דרייסיקער יאָרן האָבן זיך שטאַרק פאַרשאַרפט די באַ־ציאונגען אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פאַרטיי (מפא״י). דער קריזיס איז אַרויסגעוואַקסן פון די שווערקייטן און באַזונדערע שטע־רונגען, מיט וועלכע די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אין יענער צייט אָנגעטראָפן צווישן דער מאַסן־עליה, וואָס איז געקומען אין לאַנד. אין

די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע צייטן שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל פון אי־דעען־מענטשן, פון אויסגעפּראוווטע ציוניסטן. צווישן די האָרעפּאַשנע עולים איז פאַרמינערט געוואָרן די וואָגיקייט פון חלוצישן שטראָם. צו־ליב דעם איז די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד געשטעלט געוואָרן פאַר שווערע און קאָמפּליצירטערע אויפגאַבן ווי פריער. אויך די חלוציש־לאַנדווירטשאַפטלעכע באַוועגונג איז געווען צעטיילט. נישט נאָר די קבוצים פון השומר־הצעיר זיינען געווען אַ גאַר באַזונדערע קערפּער־שאַפט, נאָר אויך די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן אין דער מפא״י זיי־נען ניט געווען פאַראייניקט. די באַשלוסן צו פאַראייניקן דעם „קבוץ־מאוחד״ מיטן „חבר הקבוצות״ זיינען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס אָפּהיטן די דיסציפּלין פון די חלוצישע פּרינציפּן איז ביי אַזאַ מצב גע־וואָרן שווערער און שווערער.

אַ טייל פון דער מפא״י, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון „קבוץ מאוחד״, דער וואָס איז געווען קעגן דער פאַראייניקונג פון דער קבוצישער באַוועגונג, האָט זיך קאָנסאָלידירט ביי פאַרשיידענע זעלבסט־שטענדיקע טעטיקייטן. זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט חברים אין דער שטאָט און געשאַפן אַ פראַקציע אין דער פאַרטיי. אַביסל שפּעטער האָבן זיי פאַרלאָזט די פּאַרטיי און אין יאָר 1944 אָרגאַניזירט די „תנועה לאחדות העבודה״. די באַציאונגען צווישן דער מערהייט און מינדערהייט, וואָס איז געבליבן טריי די מפא״י אין „קבוץ מאוחד״, האָבן צוליב דעם זיך פאַרשאַרפט. די חברים פון „קבוץ מאוחד״ וואָס האָבן פאַרלאָזט די געמיינזאַמע פּאַרטיי, האָבן אין זייער אָפּגעזונדערטער קאָנסאָלידאַציע געזען אַ וועג פאַר אַ פּאָזיטיוון גערעגל אויפצוהיטן די חלוצישע פּרינ־ציפּן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ס׳זיינען געווען אויך צווישן זיי אַזעל־כע, וואָס אין האַרצן ביי זיי האָט זיך דערוועקט אַ ספק, אויב דער יידי־שער אַרבעטער וועט טאַקע קענען דערגרייכן די פאַרווירקלעכונג פון זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וויזיע נאָר מיט אייגענע כוחות, און וואָס קלענער עס איז געוואָרן די חלוצישע שפּאַנונג אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער ספק. אויך זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרטן אויף דער פאַרשטאַרקונג, וואָס וועט קומען מיט דער ווייטערדיקער אויסשפּרייטונג פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע אין דער וועלט, און די אָפּגעזונדערטע קאָנסאָלי־דאַציע איז פאַר זיי אויך געוואָרן אַ געלעגנהייט אָפּצוגרעניצן זיך פון דער מערהייט אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט גורם געווען די דאָזיקע האָפענונג און דערוואַרטונג.

אין שטאָט זיינען צווישן די אומצופרידענע מיט דעם הערשנדיקן

מצב געווען אַרבעטער, וועלבע האָבן געשטרעבט צו אַ העכערער חלוציִשער שפּאַנונג, און געווען אויך אַזעלכע וואָס זיינען געשוואומען מיט נייע שטראָמען און בעיקר געזאָרגט פאַר זייערע אייגענע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן. די איינע און די אַנדערע זיינען געווען צווישן די אָנגעשלאָסענע אין דער „תנועה לאחדות העבודה״. אָבער וואָס שאַרפער ס'איז געוואָרן די אָפּגעזונדערקייט אין דער נייער פּאַרטיי אין די שטעט פון די איבעריקע אַרבעטער אַלץ מער האָבן זיך דווקא געשטאַרקט צווישן זיי די צעכיסטישע נייגונגען. די לייטונג פון „לאחדות העבודה״ האָט געזען אין דער פאַרשטאַרקונג פון איר כוח און וואָגיקייט אין דער שטאָט אַ באַדינג פאַר דער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אירע פּלענער בנוגע דעם וועג פון דער גאַנצער באַוועגונג, און האָט דערפאַר אָנגעהויבן אַ קאַמף צו באַקומען אַ מערהייט אין וואָס מער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. זי האָט אָנגעטראָפן אין די דאָזיקע פאַראיינען אַן אַלץ וואַקסנדיקן טרייד־יוניאָניסטישן געדאַנקן־גאַנג. אירע אַקטיוויסטן האָבן געהאַלטן, אַז אַרויסטרעטן קעגן אַזאַ געדאַנקן־גאַנג וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע אָנשטרענגונגען צו דערווערבן די שטיצע פון ברייטע אַרבעטער־קרייזן, וועלכע זיינען געוואוינט געווען צו שטיצן די מער אַלגעמיינע פּאָליטישע פּאַרטיי — די מפא״י. די טוער פון „לאחדות העבודה״ זיינען נישט בייגעשטאַנען דעם טריידיוניאָניסטישן דרוק פון די פאַראיינען, און געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך מיט אים באַנוצט ווי מיטן קורצסטן וועג צו דערווערבן סימפּאַטיקער. דער צעכיזם, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט און געשטאַרקט אין דער גאַנצער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, האָט באַשווערט יעדן פּרואוו אויפסניי צו פאַרפעסטיקן די חלוציִשע פּרינציפּן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס האָט געבראַכט שווערע רייבערייען אין דער „באַוועגונג לאחדות העבודה״, ספּעציעל אין אירע קרייזן, וואָס האָבן זיך בשעתו געשפּאַלטן כדי צו פאַרשטאַרקן די חלוציִשע שפּאַנונג, און דאָס וואַרטן אויפן זיג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין דער וועלט האָט אויך דאָ צייטנווייז אָנגעהויבן דינען ווי אַ סוראָגאַט פאַרן שווערן חלוציִשן עול.

אין יאָר 1946 האָט זיך לאחדות העבודה פאַראייניקט מיטן השומר־הצעיר און לינקע פּועלי־ציון, און ס'איז געשאַפן געוואָרן „די פאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי״, (מפלגת הפועלים המאחדות). די לינקע פּועלי־ציון זיינען נישט געווען קיין סך און זייער איינפלוס איז געווען באַגרעניצט. דער השומר־הצעיר האָט זיך פאַראייניקט אין דער צייט ווען ביי אים איז שטאַרקער געוואָרן די שטרעבונג זיך צו אידענטיפיצירן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן לאַגער. אין די מדינות פון דער פאָלקס־

דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע האָבן זיך געהאַט באַפעסטיקט די קאָמוניס־טישע רעגירונגען. אַזעלכע רעגירונגען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויך אין יענע שכנותדיקע לענדער פון ראַטנפאַרבאַנד, אין וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן קיין קענטיקע השפּעה נישט געהאַט אויסער אויף אַ זייער קליינעם טייל פון די אַרבעטער און פויערים. זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט דורך דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט איינגענומען די דאָזיקע לענדער. די מעגלעכקייט צו דערגרייכן די מאַכט אָן אַן ערנסטן אָנשפּאַר אין דער געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אויך אין די פּלענער פון די קאָמוניסטן אין ישראל, אָבער נישט נאָר קאָמוניסטן אַנטיציוניסטן, נאָר אויך קאָמוניסטן־ציוניסטן, אויך צווישן די מענטשן פון השומר־הצעיר. שפּעטער איז געקומען דער זיג פון די קאָמוניסטן אין כינע. ס׳האָט זיך געשטאַרקט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע יערונג אין די אַזיאַטישע לענדער. די אויפשטאַנדן קעגן דער הערשאַפט פון די קאָלאָניאַל־אימפּעריעס האָבן זיך פאַרשאַרפט. ווער ווייסט זיין דער אנערקענטער קאָמוניסטישער כוח אין ישראל ביי דעם ווייטערדיקן אויסשפּרייטן זיך פון קאָמוניזם און זיין דערנענטערונג צו די טויערן פון לאַנד. די פראַגע האָט אויסגעזען אין די אויגן פון פאַרשיידענע אַקטיוויסטן פון דער „מפלגת הפועלים המאוחדת" ווי אַ זייער אַקטועלע. די חסידים פון דער פולשטענדיקער אידענטיפיקאַציע מיטן אָרגאַניזירטן קאָמוניסטישן לאַגער האָבן זיך באַמיט זי צו דערהייבן צו דער מדרגה פון דעם עיקר־פּראָבלעם, ביי אַנדערע ווידער איז נאָר אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס געפיל, אַז די טאָג־טעגלעכע אייגענע ציוניסטישע טאַט קען זיין דער איינציקער אָנשפּאַר און האָפענונג פונעם יידישן פאָלק.

***

אין דער צייט פון אונדזער קריג קעגן די אַראַבישע אַרמייען, וואָס הינטער זיי איז געשטאַנען ענגלאַנד, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד אַרויסגעוויזן אינטערעס אין אונדזער געראַנגל און אין אונדזער נצחון. ס׳האָט זיך אין יענע טעג נישט געפילט קיין קעגנזאַץ צווישן דעם ווילן צו אידענטיפיצירן זיך מיטן קאָמוניסטישן וועלט־לאַגער און דעם העכסטן ציוניסטישן געברויך. די „מפלגת הפועלים המאוחדת" האָט זיך פול און גאַנץ באַטייליקט אין דער לייטונג פון ישוב, אין דער צייטווייליקער רעגירונג און אין די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פון דער מדינה. אירע חברים זיינען געווען צווישן די שפּיצן פון די קעמפער, אירע אָרגאַניזאַציעס און ישובים האָבן דערפילט גורלדיקע לעבנס־אויפגאַבן אין דער

מלחמה. די פּאַרטיי איז געווען פון די מיט־זיילן אין דער מדינה, און האָט אויך געטראָגן דעם אחריותדיקן יאָך פאַר איר וועג. נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָבן זיך אין דעם פּרט באַוויזן אין דער „מפלגת הפּועלים המאוחדת״ זייער ערנסטע חלוקי־דעות.

מדינת ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן קאָנצענטרירט אַלע זייערע כוחות פאַר אַ ווי ווייט מעגלעך ברייטערן און שנעלערן קבוץ גלויות. אין דער זעלביקער צייט איז די עיקר־זאָרג פון ראַטנפאַרבאַנד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק — געוואָרן דער זיג אין דער קאַלטער מלחמה צווישן אים און די מערב־מאַכטן. געקלאָמערטע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט דער מערב־וועלט, וואָס פון איר און אירע באַאיינפלוסטע ספערן שטראָמען אין לאַנד די מערהייט עולים, דאָס געלט, די אינסטרומענטן און נייטיקע מאַטעריאַלן צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ לעבנס־אויפגאַבע פאַר מדינת ישראל, בשעת די אויסערן־פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראינטערעסירט, אַז די דאָזיקע אונדזערע פאַרבינדונגען זאָלן שוואַכער ווערן און מיר זאָלן געשטויסן ווערן צו באַטייליקן זיך מיט אים אין דער קאַלטער מלחמה. די וואָס שטרעבן צו פולער אידענטיפיקאַציע מיטן אָרגאַניזירטן קאָמוניסטישן לאַגער, זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר דער פראַגע, ווי אַזוי צו האַנדלען, מחמת די דאָזיקע אידענטיפיקאַציע פאָדערט צו באַגינסטיקן דעם ווילן פון ראַטנפאַרבאַנד לגבי דעם ווילן פון יידישן פאָלק און זיינע נויטן.

ביים סוף פון דער מלחמה קעגן די אַראַבישע איינדרינגער האָט די צייטווייליקע רעגירונג פון מדינת ישראל רעזיגנירט און אויף איר אָרט איז געקומען די ערשטע געוויילטע רעגירונג. בעת די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער באַטייליקונג אין דער נייער רעגירונג זיינען אין דער מפלגת הפּועלים המאוחדת בולט געוואָרן אייניקע טענדענצן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן אין דער באַטייליקונג געזען אַ לעבנס־פאַרפליכטונג; אַנדערע זיינען געווען גענייגט זיך צו באַטייליקן, נאָר בתנאי אַז די פּאַרטיי זאָל זיין פאַרטראָטן אין אַ צאָל ווי זיי פאַרשטייען; די דריטע גרופּע איז געווען די, וואָס האָט געשטרעבט צו פולשטענדיקער אידענטיפיקאַציע מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן לאַגער. די לעצטע זיינען געווען קעגן יעדן רעגירונג־פּלאַן, וואָס איז נישט באַזירט אויף ווייט־גייענדיקער קאָאָרדינאַציע מיט די נויטן און פאָדערונגען פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק. זיי האָבן די ווערטיקייט פון זייער באַטייליקונג אין דער רעגירונג געמאָסטן לויט די אויסזיכטן צו דערגרייכן שליסל־פּאָזיציעס אין דער מדינה, כדי אַזוי אַרום, זי צו דערפירן צו פולשטענדיקער אי־

דענטיפיקאַציע מיט דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק און אונטער־וואַרפן זיך איר שטעלונג. די דאָזיקע טענדענץ איז געקומען צו אַ קאָנ־קרעטן אויסדרוק ביי די פאַרהאַנדלונגען בנוגע די באַדינגונגען זיך צו באַטייליקן אין דער רעגירונג און דער משא־ומתן איז נכשל געוואָרן. די „מפלגת הפועלים המאוחדת" האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דער רע־גירונג.

די נייע רעגירונג האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, צו פאַר־טאָפּלען דעם ישוב אין ישראל אין משך פון 4 יאָר. די רעאַליזירונג פון־נעם פּלאַן האָט מחייב געווען אַ שנעלע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, וואָס האָט געפאָדערט דאָס אַריינשטראָמען פון גרויסע קאַפּיטאַלן פון דרויסן אין פאָרעם פון מאַשינען, רוי־מאַטעריאַלן אאַז"וו. די יונגע מדינה פאַר־ברויכט מער ווי זי פּראָדוצירט. איר אימפּאָרט איז אַ סך גרעסער ווי דער עקספּאָרט, וואָס קען ברענגען צו באַנקראָט. ס'איז דערפאַר אַ מוז צו פאַרגרעסערן די אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט, כדי צו פאַרבעסערן און פאַר־ביליקערן די פּראָדוקציע און דערמעגלעכן אַ גרעסערן עקספּאָרט. מ'קען דעריבער נישט פאַרמיידן אַ צנע־רעזשים אין לעבן פון דער באַפעלקע־רונג, כדי צו קאָאָרדינירן דעם פאַרברויך מיטן אימפּאָרט צו דער מעג־לעכקייט פון דער פּראָדוצירונג און עקספּאָרט. די אידענטיפיקאַציע־חסי־דים מיטן וועלט־קאָמוניזם אין מפ"ם זיינען געווען קעגן דעם רעגירונג־פּלאַן צו מאָביליזירן קאַפּיטאַל פון דרויסן, ווייל דער געפאָדערטער קאַפּי־טאַל, די מאַשינען אאַז"וו, קען מען באַקומען דער עיקר אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן, פאַרשטענדלעך ביי תנאים פון פריינדשאַפט־באַציאונ־גען מיט דער דאָזיקער מדינה. די פּלענער פון פאַרשטאַרקן די אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט און דעם עקספּאָרט באַגרענעצנדיק דעם אימפּאָרט האָבן ווידער דערוועקט אַן אומצופרידנקייט צווישן אַנדערע אויך אין די צעכיסטישע אַרבעטער־קרייזן, ווייל דאָס האָט מחייב געווען צו אַ גרע־סערער אָנשטרענגונג ביי דער אַרבעט ביי אַ ווי ווייט מעגלעך באַשיי־דענעם פאַרברויך. די פּראָפּאַגאַנדע קעגן די עקאָנאָמישע פּלענער פון דער רעגירונג איז אין די הענט פון מפ"ם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמף־מיטל אויף צו פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און גלייכצייטיק דערווערבן סימפּאַטיקער אין די צעכיסטישע אַרבעטער־קרייזן. די שטאַטישע צענטערן פון דער „מפלגת הפועלים המאוחדת". בעיקר די דורך איר אינסטרואירטע פּראָפּעסיאָנעלע פאַר־איינען, וואָס זיינען פריער געווען אונטער דעם אַנטשיידענעם איינפלוס פון דער „תנועה לאחדות העבודה", האָבן אויך אָנגעהויבן שטיצן די אָנ־הענגער פון אידענטיפיקאַציע מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם.

נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ פון דער ניי־געוויילטער רעגירונג איז ווידער געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו באַטייליקן די מפּ״ם אין דער רעגירונג־קאָאַליציע. דאָס מאָל האָט דער פאַרשלאָג אַנגעטראָפן אַ סך אַ שאַר־פערע קעגנערשאַפט ווי פריער. די טיילן אין דער פּאַרטיי, וואָס האָבן געוואָלט אָננעמען דעם פאַרשלאָג האָבן געזען אַ מעגלעכקייט צו דער־גרייכן אַ הסכם מיט די איבעריקע פּאַרטייען וועגן זייער פאַרטרעטער־שאַפט אין דער רעגירונג, אָבער די מערהייט אין דער פּאַרטיי איז גע־ווען קעגן, און אין דער קעגנערשאַפט איז בולט געקומען צום אויסדרוק פון איין זייט די זאָרג וועגן אָנשלוס אין אוניווערסאַלן קאָמוניסטישן לאַ־גער און פון דער צווייטער זייט די שרעק פאַר די ענגע צעכיסטישע אינ־טערעסן.

דער יידישער ישוב אין לאַנד איז בשעתו אַרויסגעגאַנגען אין קאַמף פאַר פולער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, ווייל ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין מעגלעכקייט אָן דעם פאַרצוזעצן די פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן ווערק אין דעם געפאָדערטן פאַרנעם. נאָך דעם ווי ס׳איז דערגרייכט געוואָרן די זעלבסטשטענדיקייט שטעלט די מדינה און איר רעגירונג מיט זיך פאַר דעם וויכטיקסטן אינסטרומענט צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. מיט דעם אָפּזאָגן צו באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג האָט די מפּ״ם צוגענומען ביי זיך אַליין די מעגלעכקייט פון באַהעפטן זיך מיט איר פולן כוח צו דעם פראָנט פון קבוץ גלויות. דאָס באַשווערט די אָנ־שטרענגונגען צו קאָאָרדינירן דעם נייעם פאַרנעם פון עליה און אַנטוויק־לונג מיט די קיבוצישע ישובים, וועלכע ווערן אין דער מערהייט אָנגע־פירט פון מפּ״ם. די דויערנדיקע אָפּאָזיציאָנעלע דערציאונג לגבי דער ישראל־רעגירונג און אירע מעשים, וואָס זייער הויפּט־עיקר איז די ציו־ניסטישע פאַרווירקלעכונג אין אונדזער דור, דאָס כסדרדיקע אָפּגרענעצן זיך מצד אַ סך חברים פון מפּ״ם פון אָט־די אויפטוען שוואַכט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס זייער אחריות־געפיל פאַרן עצם־גורל פון פאָלק און פון דער מדינה, כאָווענדיק געפילן פון גלייכגילט אפילו אין די הערצער פון חלוצים.

די חברים פון דער געוועזענער „תנועה לאחדות העבודה״ האָבן אָנגעהויבן זייער באַזונדערן וועג בשעת אַרום זיי האָבן זיך קאָנצענ־טרירט מער ווי אַ דריטל און קרוב 30 פּראָצענט פון מפּ״ם. זייער וואָגיקייט און פּאַקטישע השפעה האָבן איבערגעשטיגן זייער צאָל. ווען די „תנועה לאחדות העבודה״ האָט זיך פאַראייניקט מיט אירע נייע שותפים מיטן צוועק אויפצושטעלן די פּאַרטיי מפּ״ם, איז זי דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע און אָן אַן ערך וואָגיקער און איינפלוסרייכער ווי

דער השומר־הצעיר. אין משך פון דער צייט האָט זיך דער מצב געענדערט. דער גערангל צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס אין דער פאַראייניקטער פאַרטיי קאָנצענטרירט זיך אין אַ גרויסער מאָס אַרום דער פראַגע וועגן דער טריישאַפט צום קאָמוניזם. די ווייטגייענדיקע אין זייער גרייטקייט אָנצונעמען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע אויטאָריטעט און לויז מאַכן זיך פון דער דיסציפּלין און עול פון די פאָלקנויטן און ציוניזם — די דאָזיקע האָבן שטענדיק געהאַט די אויבערהאַנט. אַזאַ גרופּע אין מפּ״ם האָט זיך אָנהייב געשטאַרקט און דערגרייכט אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אין דער פּראַקטיק פון השומר הצעיר. שפּעטער האָט זי קאָנצענטרירט די מערהייט פון דער גאַנצער פּאַרטיי, דאַקעגן זיינען די געוועזענע חברים פון דער תנועה לאחדות העבודה, וועלכע זיינען קעגנער פון דעם דאָזיקן געפערלעכן וועג, געוואָרן אַ מינדערהייט.

***

פאַרשיידן איז די געשיכטע פון די דריי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין מפּ״ם. דאָס געמיינזאַמע ביי זיי באַשטייט אין דעם, וואָס אַלע דריי האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון גאַנצן אַרבעטער־ציבור און אַלע דריי האָבן, דורך זייער אָפּגרענעצן זיך פון דער איבעריקער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה און צופּאַסן זיך צו די וועגן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן לאַגער און זיינע געבאָטן, געוואָלט געווינען די סימפּאַטיע פונעם אָרגאַניזירטן קאָמוניזם. האָבן זיי די סימפּאַטיע און שטיצע פון קאָמוניזם פאַרן ציוניזם נישט געוואונען, זיי און זייער גלייכן האָבן אָבער באַוויזן צו צעטרענצלען זייערע כוחות רעדוצירנדיק זייער מעגלעכקייט צו טאָן פּאָקטישע אַרבעט פאַרן ציוניזם און סאָציאַליזם גם יחד. דערביי האָבן זיי אויך מינימאַליזירט זייער פעאיקייט אויפצונעמען די טיפע סאָציאַלע פּראָצעסן אין אונדזער תקופה און צו דערבליקן דאָס אָנקומענדיקע.

ווען יעדער רעוואָלוציאָנער אין אונדזער באַוועגונג וואָלט אָנגענומען די מיינונג וואָס האָט אַמאָל געהערשט אין „גדוד״, אַז מ׳דאַרף זאָרגן נאָר פאַר דער ווירטשאַפטלעכער באַפעסטיקונג פון די עקזיסטירנדיקע קאָמונעס, און נישט דווקא אויפנעמען נאָך יידן אין זיי; ווען די גאַנצע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג וואָלט אָנגענומען די מיינונג, אַז זי דאַרף פאַרלאָזן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, די נאַציאָנאַלע פאָנדן, אַז מ׳טאָר נישט בויען דעם „החלוץ״, אַז מ׳דאַרף זיך באַנו־

גענען מיט דעם וואָס מען קען מאַכן דורך דער קפּא״י (ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־קאַסע) אאַז״וו און זיך פאַרלאָזן מיטן איבעריקן אויפן ביר־גערלעכן ציוניזם ווי דאָס האָט געפּאָדערט לינקע פּועלי־ציון; ווען מיר וואָלטן אָנגענומען די מיינונג פון יענע צווישן די לינקע פּועלי־ציון, די אַזוי גערופענע „פּערספּעקטיוויסטן", וואָס האָבן געטענהט אַז דער קאָ־מינטערן וועט אונדז אנערקענען אויב מיר וועלן אָפּלייגן די עליה און דעם בנין הארץ ביז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען אויך אין יש־ראל און דערווייל זאָלן מיר זיין געטריי דעם קאָמינטערן און זיינע באַ־פעלן און באַווייזן אַז מיר זיינען ראוי זיין אנערקענונג; ווען מיר וואָלטן זיך צוגעהערט צום השומר־הצעיר און זיך אָפּגעהאַלטן פון אַ באַוואָפנטן קאַמף מיט דער בריטישער מאַכט אין לאַנד און פון קאַמף פאַר אַ יידי־שער מדינה; ווען מיר וואָלטן בשעתו באַאיינפלוסט געוואָרן פון די טע־נות פון „לאחדות העבודה" און זיך צופרידנגעשטעלט מיטן אינטערנאַ־ציאָנאַלן קאָנטראָל איבער ארץ־ישראל אָנשטאָט צו פירן די מלחמה ביזן סוף פאַר פולשטענדיקער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט; ווען מיר אַלע וואָלטן געפאָלגט די פאַרשיידענע עצות, וואָס זייער אָפּרוף איז שטענדיק געווען אַ לעבעדיקער אָבער פול מיט סקעפּטיציזם — ווי וואָלט איצט אויסגעזען דאָס לאַנד, וואָס וואָלט געווען דער גורל פון יידישן ישוב, ווי וואָלט געווען די מערכה פון די יידישע פאַלקמאַסן, וואָס זייער איינציקע האָפענונג און לעצטע רעטונג ס׳איז מדינת ישראל?

**
*

דער ראַטנפאַרבאַנד און דער קאָמוניסטישער וועלט־לאַגער האָבן זיך נישט באַצויגן נעגאַטיוו צו מדינת ישראל כל־זמן אַט די מדינה האָט אַוועקגעגעבן אַלע אירע כוחות אין דער מלחמה קעגן די אינוואַזאָרן. פאַר דער סאָוועטישער רעגירונג איז געווען אויגנשיינלעך, אַז די מל־חמה דינט אויך אירע אינטערעסן, מחמת ישראל העלפט אַרויסשטויסן דעם בריטישן לייב פון נאָענטן מזרח. באַלד אָבער ווי די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און מדינת ישראל האָט זיך אָפּגעגעבן אין גאַנצן דער זאַך פון אונדזער קיבוץ־גלויות און נישט דווקא דער זאַך, וואָס האָט אינטערעסירט דעם ראַטנפאַרבאַנד, זיינען מיר פון אים באַטראַכט גע־וואָרן ווי איינע פון אַלע אַנדערע נישט־סאָוועטישע מדינות אויף דער וועלט. די זעלביקע מסקנות, וואָס דרינגען אַרויס פון דער קאָמוניסטי־שער באַציאונג צו אַלע נישט־סאָוועטישע לענדער, וואָס ווערן דורך אים באַטראַכט ווי פאַקטישע אָדער מעגלעכע קעגנער איז אָנגעווענדט גע־

וואָרן לגבי אונדז. נאָך דעם ווי די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן זיי־נען אויך באַנייט געוואָרן די דירעקטע אַנטיציוניסטישע טענדענצן פון קאָמוניסטישן לאַגער און פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק. דער איינפלוס פון ראַטנפאַרבאַנד און פון גאַנצן קאָמוניסטישן לאַגער קענען ווידער זיין געווענדט מיט זיין גאַנצער וואָג קעגן ציוניזם. די כוחות, וואָס האָבן אויפגעשטעלט די מפ״ם זענען איצט אין דער קאָנצענטראַציע פון זייער באַזונדערן לאַגער אַן עיקר־באַרעכטיקונג, ווייל דער דאָזיקער באַזונדע־רער וועג וואָס זיי האָבן אויסגעוויילט דאַרף פאַרמיידן די לויערנדיקע סכנה.

זיי גייען אויף דעם זעלביקן וועג, אויף וועלכן ס׳זיינען געגאַנגען די אָפּאָרטוניסטן אין די פריערדיקע יאָרן, באַמיענדיק זיך צו דערגרייכן די פּאָזיטיווע באַציאונג מצד דעם קאָמוניסטישן לאַגער צום ציוניזם דורך געהאָרכזאַמקייט און דורך אַרויסווייזן פריינדשאַפט און טרייקייט צו אַט־דעם לאַגער.

די פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע באַציאונגען פון פּאָליטישע באַוועגונגען אָדער רעגירונגען צו אַ באַשטימטן ענין זיינען אָבער נישט אָפּ־הענגיק פון זייער דאַנק־אויסדרוק צו די בעלי־הענין פאַר דער אַרויסגע־וויזענער פריינדשאַפט און איבערגעגעבנקייט אָדער תרעומות פאַר ניט־פריינדשאַפט און ניט־איבערגעגעבנקייט לגבי זיי. אַלע יאָרן האָבן מיר געפּלעגט פריינדשאַפט און געמיינזאַמע טעטיקייט מיט דער ענגלישער אַרבעטער פּאַרטיי. אָבער ווען די ענגלישע אַרבעטער־פּאַרטיי, קומענדיק צו דער מאַכט האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, האָט זי געשיקט קעמפן קעגן אונדז אירע אַרמייען; האָט אָרגאַניזירט דערצו די אַראַבער און האָט געוואָלט חרוב מאַכן אונדזער לעצטע האָפענונג. די קאָמוניסטישע וועלט קעמפט קעגן ציוניזם און גראָבט אונטער איר. מיר פאַרטיידיקן זיך. עס האָבן זיך געשאַפן צווישן אונדז שווערע פיינדלעכע באַציאונגען, אָבער ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט זיך געזען פאַראינטערעסירט אין דעם זיג פון אונדזער קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט, האָט זי זיך געשטעלט אויף אונדזער זייט אָן וואַקלעניש. דער ראַטנפאַרבאַנד שטרעבט פון שטענדיק אָן שווער צו מאַכן ענגלאַנדס פּאָזיציעס אין מיטעלן מזרח און ער האָט געזען אין דעם נצחון פון אונדזער קאַמף מיט דער ענגלישער מאַכט אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר זיין אימפּעריאַלער פּאָליטיק. דאָס איז אונדז פון דעסטוועגן נישט בייגעשטאַנען. ווי נאָר די סאָוועטישע רעגי־רונג האָט געמיינט, אַז מיט דער הילף פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזי־רונגס־פּלאַן פון ירושלים, וואָס איז געווענדט קעגן ישראל, וועט זי קע־נען פאַרבעסערן אירע פּאָזיציעס אין מיטעלן מזרח, האָט דער ראַטנפאַר־

באַנד באַלד זיך געשטעלט בראש פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט קעגן אונדז. די מדינות באַציען זיך צו אונדזער געראַנגל און צו אונדזערע נויטן נישט לויט דער צאָל פּאַרדינסטן, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט אין אונדזער קעשענע פון שטאַנדפּונקט פון אונדזער געטרייַשאַפט צו זיי, נאָר לויט די רעאַלע אינטערעסן, אָדער וואָס זיי באַטראַכטן אין געגעבענעם מאָמענט פאַר רעאַל.

אַ סך פאַקטאָרן באַשטימען ווי אַזוי מדינות שאַצן אָפּ זייערע אינטערעסן אין פאַרבינדונג מיט אונדזער זאַך. די מאָס פון אונדזער השפּעה אין דעם ווענדט זיך בעיקר אין דעם ממשותדיקן כוח, וואָס מיר באַוויזן צו זאַמלען און צו שטעלן אים אין רשות פון דער מדינה, געבנדיק דערמיט דער וועלט אַ געניי בילד וועגן אונדזער גרייטקייט און פעאיקייט ווי אַ געאייניקט פאָלק צו קעמפן, אָן וואַקלענישן, קעגן יעדן שונא אונדזערן אומאָפּהענגיק וועלכע ס׳איז זיין פּאָן. אין די טעג פון קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט האָבן מיר באַוויזן אַן ערנסטע פּאָטענציעלע מעגלעכקייט, ווייל מיר האָבן זיך אַלע יאָרן אָפּגעגעבן מיט זאַמלען אונדזער כוח און נישט דווקא מיט צונויפקלייבן פּריווילעגיעס און חן אין די אויגן פון אַנדערע. מיר האָבן געקענט אויסווירקן פאַר אונדז אַן איינפלוס אין אַמעריקע, ווייל מיר האָבן כסדר אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט די פאַרבינדונגען מיט אַמעריקאַנער פּאָליטיקער, סיי ווען זיי זיינען פון שטאַנדפּונקט פון סאָוועטישע אינטערעסן געווען ראוי און כשר אויף פריינדשאַפט אָדער מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַר פּסולע צו דעם. מיר האָבן געקענט פירן אונדזער מלחמה ווי אַ געאייניקט און קאָנסאָלידירט פאָלק, ווייל מיר האָבן אַלע יאָרן אַנטוויקלט די דאָזיקע אייניקייט, און זיך געראַנגלט וועגן איר ווי איבער אַ טייערן און הייליקן פאַרמעגן. צי דאָס איז געווען נייטיק דעם וועלט־קאָמוניזם און זיינע פראָנטן אָדער ס׳איז געווען נייטיק „נאָר״ אונדז; סיי ווען מ׳האָט אונדז געלויבט וועגן אונדזער זאָרג פאַר אחדות אָדער מ׳האָט אונדז געשאָלטן דערפאַר און דערקלערט אַז מיר זיינען סאָציאַל־פאַשיסטן, סאָציאַל־קלעריקאַלן אדג״ל. ווען מיר וואָלטן נישט געבראַכט מיט אונדז, אין דער אַנטשיידנדיקער תקופה, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אונדזער ממשותדיקן כוח, אונדזער דירעקטן אינטערנאַציאָנאַלן איינפלוס, אונדזער אומדערשיטערטע נאַציאָנאַלע אייניקייט — וואָלט אונדזער קאַמף געהאַט קנאַפּע אויסזיכטן אויף וועלכן ס׳איז ערנסטן זיג און מען קען משער זיין, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וואָלט זיך נישט געשטעלט אויף אונדזער זייט.

אין די טעג פון פראָנט קעגן דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון ירושלים האָט מפ״ם אָפּגענייגט פון איר צופאַסונגס־וועג צו די פאָדערונ־

געגן פון ראַטנפאַרבאַנד און קאָמינפאָרם, און זיך געשטעלט צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק אין קאַמף קעגן אינטערנאַציאָנאַליזירונג־פּלאַן. אונדזער נאַ־ציאָנאַלער פראָנט איז אויף דעם שטח געווען אַ פולשטענדיק גאַנצער און ס׳איז געווען אַ גרויסער כוח אין אונדזער אויסגעהאַלטענער איינ־הייטלעכער שטעלונג. ער האָט צעשטערט די אויסזיכטן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן און אָפּגעשוואַכט די הענט פון די איניציאַטאָרן און פּאַראינ־טערעסירטע. דער פראָנט איז געווען פון די וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבערענגט צו דער ענדערונג פון ראַטנפאַרבאַנד לטובת אונדז. עס איז געווען אין דער דאָזיקער ענדערונג אַ מיין אָפּצושוואַכן די יידישע פאַרביטערונג לגבי ראַטנפאַרבאַנד. קיינמאָל האָט מפ״ם אַזוי נישט גע־האָלפן צו דער דערנענטערונג און פריינדשאַפט צווישן ישראל און ראַטנ־פאַרבאַנד ווי דעמאָלט, בעת זי האָט זיך דעצידירט קעגנצושטעלן דער סאָוועטישער פּאָליטיק און באַשטימען איר שטעלונג אין דער פראַגע ירושלים נאָר לויט אייגענע יידישע אינטערעסן.

די רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד איז פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז מדינת ישראל זאָל זיין אַ פאַקטאָר צו הילף אין זיין קאַמף קעגן דעם מערב־בלאָק. מדינת ישראל קען עס נישט טאָן, סיידן זי וועט פאַרליי־קענען איר ציוניסטישע מיסיע, ווייל ס׳איז אוממעגלעך צונויפצוזאַמלען די גלותן פון יידישן פאָלק ביי פיינדלעכע באַציאונגען צווישן ישראל און די מערב־לענדער בכלל און די פאַראייניקטע שטאַטן בפרט. דערפאַר זוכט דער קאָמוניזם אָפּצושוואַכן און איינשרומפּן ווי ווייט מעגלעך די טריישאַפט פון יידישן פאָלק צום ציוניזם. מדינת ישראל זעט איר שלי־חות אין דער שנעלסטער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. פאַר דעם צוועק זוכט זי צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונגען מיט די לענדער פון דער וועלט, באַזונדערס מיט די לענדער פון די יידישע תפוצות, בראש מיט דער מדינה פון דער גרעסטער יידישער תפוצה, וואָס איז גלייכצייטיק די מדינה מיטן גרעסטן אינטערנאַציאָנאַלן איינפלוס — מיט די פאַר־אייניקטע שטאַטן. דעריבער באַמיט זיך דער קאָמוניזם אָפּצושוואַכן דעם כוח פון מדינת ישראל, פאַרמינערן איר פּאָזיציע און זי צערייבן. דאָס איז די כוונה און די שטרעבונג פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערשיינען אויף דער יידישער גאַס ווי באַפולמעכטיקטע פונעם וועלט־קאָמוניזם, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מדינת ישראל, און פון די יידישע קאָ־מוניסטן אין די תפוצות ישראל. דאָס איז נישט די כוונה פון מפ״ם. די כוונה פון אירע חברים, וואָס זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון אונדזער ווערק, איז אַ פאַרקערטע. אָבער איר וועג, איר שטורמען, די וועט־לויפן

פון מפ״ם, די גאַנץ גרויסע אַקטיוויטעט אירע אין גייסט פון דער צו־פאַסונג־פּאָליטיק — ווילן פירן די מדינה און דאָס פאָלק צו אַ צושטאַנד, וועלכן עס גרייטן צו באַוואוסטזיניק די יעווסעקן און ישראל־קאָמוניסטן.

דער ווילן פון מפ״ם איז, ס׳זאָלן ווי ווייט מעגלעך וואָס מער יידן און אין אַ שנעלן טעמפּאָ עולה זיין. עס זיינען פאַראַן ביי איר חברים, וואָס ווידמען זייער גאַנצן כוח צו דערציען חלוצים אין די תפוצות, צו דערציען נייע עולים און זיי איינוואָרצלען אין לאַנד. אָבער עס ווערט ווייניקער אין מפ״ם די זאָרג, ווי אַזוי צו שאַפן די נייטיקע באַדינגונגען, אַז יידן זאָלן קענען עולה זיין און לעבן אין לאַנד.

אין אונדזער תקופה זיינען פאַראַן מדינות, איבערהויפּט קאָמוניס־טישע מדינות, וואָס באַטראַכטן זיך ווי פולשטענדיקע בעל־בתים איבער זייער באַפעלקערונג, במילא אויך איבער די יידן וואָס לעבן אין זייערע גרענעצן. זייערע רעגירונגען האַלטן, אַז זיי האָבן די פולע רעכט צו פאַר־מאַכן דעם וועג פאַר יידן, וואָס ווילן עולה זיין און זיי באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע פולמאַכטן. די פעלקער פון די דאָזיקע מדינות האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין מעגלעכקייט און אויך נישט קיין ווילן צו שיצן די יידן קעגן רדיפות און שחיטות אין דער פאַרגאַנגענהייט און ס׳איז נישטאָ קיין יסוד אָנצונעמען, אַז זיי וועלן דאָס טאָן אין דער צוקונפט. צווישן זיי געפינען זיך פעלקער, וואָס זיינען געווען זייער אַקטיוו אין די רדיפות און שחיטות און ס׳איז גאָר נישטאָ קיין סימן אַז די פיינדשאַפט צו זייערע יידישע שכנים זאָל מיט עפּעס קלענער ווערן. איצט באַנוצן זיך די רעגירונגען פון די דאָזיקע לענדער מיט די יידן אין זייערע ערטער ווי מיט אַרבעט־כוחות וואָס געהערן צו זיי. זיי קאָנפיסקירן די יידישע פאַר־מעגנס צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד, וואָס האָט קיינמאָל נישט געזוכט און וועט אויך ווייטער נישט זוכן צו זאָרגן פאַר אירע יידישע קבוצים און פאַר זייער צוקונפט. די יידן דינען זיי אפילו פאַר ערובניקעס און רע־פּרעסיע־אָביעקט צוליב פאַרשיידענע צוועקן. דאָס איז איינע פון די שווערע טראַגעדיעס פון אונדזער צעזייטן פאָלק, וואָס קען נאָר געלייזט ווערן דורך מבטל מאַכן די פאַרבאָטן צו ברענגען די יידן קיין ישראל. מיר מוזן אַרויפלייגן אונדזער פולן כוח אויף דער וואָגשאָל, כדי עס זאָל קלאָר ווערן פאַר די לענדער און זייערע רעגירונגען, אַז מיטן פאַרמאַכן דעם וועג פאַר די יידן וואָס ווילן צוריקקומען אין זייער פאָטערלאַנד, שטעלן זיי אויף קעגן זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און דעם גאַנצן ישוב אין לאַנד. זיי דאַרפן וויסן, אַז אויף וויפל ס׳ליגט אין אונדזערע הענט וועלן מיר זיך נישט צוריקציען פאַר שווערע קאָנסעקווענצן, אויך נישט פונעם שווערסטן קריג, ווייל אין דער פראַגע וועט אונדזער אויפפּי־

רונג דיקטירט ווערן נאָר אַזוי ווי עס וועט נייטיק זיין פאַרן ענין אַליין, און אין דעם פּרט וועט נישט זיין קיין פּורץ־גדר צווישן אונדז.

אָבער מפּ״ם האָט זיך אַליין געבונדן אין איר באַציאונג צו די קאָמוניסטישע מדינות, וואָס פאַרבאָטן די יידישע עליה. די רעגירונגען פון די מדינות ווייסן, אַז ס׳איז דאָ אין ישראל און אין די תּפוצות אַן איינגעוואָרצלטע פּאַרטיי אין פאָלק און אין לאַנד, אַ גרויסע איינפלוסרייכע, וואָס איז נישט פריי אין איר באַציאונג צו זיי, ווייל איינע פון אירע וויכטיקסטע זאָרגן איז די פּראַגע ווי אַזוי צו געפינען די אָנערקענונג פון קאָמוניסטישן לאַגער, און זי האַלט זיך אָפּ פון זאַכן וואָס קענען קעגן איר שאַפן אַ בייגעשמאַק אין זיינע אויגן. זיי ווייסן, אַז ביי אַ טייל פון די יידן און אַ קענטיקער טייל פון דער יידישער חלוצישער יוגנט, איז די באַציאונג צו די קאָמוניסטישע מדינות נישט אָפּהענגיק פון דער באַציאונג צו די לעבנסנויטן פון יידישן פאָלק; אַז זייער פאַרגעטערן דעם ראַטנפאַרבאַנד ווערט נישט געמינערט פונעם פאַקט, הגם דאָרט איז פאַראַן אַ פולשטענדיקער פאַרבאָט אויפן ציוניזם און אויף עליה קיין ארץ־ישראל. ווען מיר זיינען געשטאַנען אין אַ שווערן פראָנט קעגן פאַרבאָט פון דער עליה אין רומעניע, האָט די מפּ״ם געזאָרגט אויפצוקלערן און באַווייזן, אַז זי גרענעצט זיך אָפּ פון אונדזער שאַרפער רעאַגירונג און רעוואָלטירט קעגן איר. זי איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דעם דאָזיקן פראָנט, אָבער לגבי דער רומענישער רעגירונג וואָס האָט פאַרבאָטן די עליה האָט זי גערעדט ווייך און אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן.

דער ריס אין אונדזער פראָנט פאַרקלענערט דעם כּוח און אינהאַלט, וואָס מיר וואַרפן אַריין אין אונדזער געראַנגל צו עפענען די אַרויסגאַנגטויערן פאַר יידן אונטער די קאָמוניסטישע רעזשימען.

⁂

דער פּערמאַנענטער אַבסאָרביר־פּראָצעס פון עולים פאָדערט כּסדרדיקע אָנשטרענגונגען פונעם ישוב צוצופּאַסן זיך צו די נויטן פון זיין אומגעוויינלעכן וואוקס, וואָס קומט ווי אַ רעזולטאַט פון דער עליה. מ׳קען נישט אָן אויפהער פאַרגרעסערן דעם ישוב אין פאַרנעם און מאַסשטאַב, וואָס האָט כּמעט נישט צו זיך קיין גלייכן, מ׳קען דאָס נישט טאָן, באַזונדערס אין אַ לאַנד וואָס צייכנט זיך נישט אויס מיט אירע נאַטירלעכע רייכטימער, סיידן נאָר אין פאַל, ווען דער מענטש אינוועסטירט אַ גרויסן טייל פון זיינע כּוחות, כּדי צו שאַפן מער מעגלעכקייטן פאַר אַרבעט און פּרנסה פאַר דער שנעל־וואַקסנדיקער באַפעלקערונג. במשך

לאַנגע דורות האָבן זיך יידן באַטייליקט אין שאַפן רייכטימער אין זייערע וואוין־לענדער, אָבער בשעת זיי זיינען עולה קיין ארץ־ישראל טאָרן זיי נישט נעמען זייער חלק פון די רייכטימער. מערסטנס נעמט מען פון זיי צו אויך דאָס, וואָס געפינט זיך אין זייער דירעקטן באַזיץ. די וואָס נעמען צו זיינען די פעאָדאַלע מאַכטן אין אַזיע און די קאָמוניסטישע רעזשימען אין אייראָפּע.

כדי די נייע עולים זאָלן זיך קענען מפרנס זיין פון אייגענער פּראַצע דאַרף מען בויען נייע פאַבריקן, באַאַרבעטן מער שטחים באָדן, באַקומען דעם רוי־מאַטעריאַל און די נייטיקע מאַשינען. מ׳דאַרף בויען הייזער, נייע קוואַרטאַלן און ישובים, לייגן רעלסן פאַר אייזנבאַנען, פלאַסטערן נייע שאָסייען, שאַפן נאָך קאָמוניקאַציע־מיטלען אאַז״וו. דאָס אַלץ געפינט זיך נישט אין אונדזער רשות און מען דאַרף עס דערגרייכן דורך אָנשטרענגונג, אויסער דער אַרבעט כדי זיך מפרנס צו זיין, סיי דירעקט אָדער דורך עקספּאָרט פון אונדזער פּראָדוקציע, אויף צו באַצאָלן די רוי־מאַטעריאַלן און מאַשינען, וועלכע מ׳קען קריגן נאָר אין אויסלאַנד. טאָג־טעגלעך שטייען מיר פאַר דער פראַגע: וויניקער אַרבעט און פּראַצע פון אונדזער זייט, מער פּראָדוקטן פאַר אונדזערע באַלדיקע און דירעקטע באַדערפענישן, — די באַדערפענישן פון יעדן פּרט אין פּראָוויאַנט, קליידונג, וואוינונג, באַקוועמלעכקייטן אאַז״וו — אָדער מער אַרבעט און פּראַצע און נאָך אַ גרעסערע אינוועסטירונג פון די אַרבעט־רעזולטאַטן פאַר די נויטן פונעם כלל, פאַר די היסטאָרישע נויטן פונעם פאָלק, פאַר די נויטן פון דער פאַרגרעסערטער עליה און איר אַבסאָרבירונג. וואָס דאַרף באַקומען מער פאַרצוג? אין דעם ממשותדיקן ענטפער אויף דער פראַגע, פון יעדן פון אונדז הענגט אָפּ אין וואָס פאַראַ מאָס און מאָסשטאַב מיר וועלן קענען צונויפזאַמלען אונדזערע גלותן און צי מיר וועלן זיי בכלל קענען צונויפזאַמלען. מפּ״ם טוט נישט וויניק פאַר דעם, אַז דער ענטפער פון אירע חברים און סימפּאַטיקער זאָל זיין נישט אין הסכם מיט די נויטן פון דער וואַקסנדיקער עליה און איר אַבסאָרבירונג, נאָר אין קעגנזאַץ צו זיי.

די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגענומען טעאָרעטיש און פּראַקטיש די קאָמינפאָרמישע תורה פאַר די מדינות אויסער דעם סאָוועטישן בלאָק און זי באַמיט זיך זי פולשטענדיק צו פאַרווירקלעכן אויך אין מדינת ישראל. לויט דער דאָזיקער תורה האָט ישראל נישט קיין שום פּאָזיטיוון היסטאָרישן אידעאַל, אַזוי לאַנג ווי די פולע מאַכט אין דער מדינה איז נישט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער קאָמוניסטי־

שער פאַרטיי. לויט דער תורה איז דער יידישער אַרבעטער אין לאַנד — אויף וויפיל ער איז נישט קיין קאָמוניסט, און ער שטרעבט דירעקט צו פאַרניכטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג — מחויב צו זאָרגן נאָר פאַר זיין פערזענלעכער באַקוועמלעכקייט, נאָר פאַר זיינע פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן. ער דאַרף זאָרגן פאַר אַ העכערן לוין, פאַר אַ וואָס מעגלעך קלענערער אָנשטרענגונג, פאַר אַ גרעסערער אינדיווידועלער באַקוועמ־לעכקייט און מער נישט. לויט דער מיינונג פון די ישראלדיקע קאָמו־ניסטן, פאַרווירקלעכן די אַרבעטער אַ גרויסע היסטאָריש־קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבע נאָר אין די לענדער פון סאָוועטישן בלאָק און נאָר זיי זיינען מחויב צו פאַרציכטן און מקריב זיין אַ סך, אָבער דאָקעגן די יידישע אַרבעטער אין ישראל פאַרווירקלעכן איצט נישט קיין שום היסטאָריש־קאָנסטרוקטיווע אויפגאַבע. די אַלע באַזונדערע אַרבעטן וואָס מען מאַכט איצט אין לאַנד דינט נאָר פאַר דעם בירגערטום וואָס געניסט פון זיי; נאָר זי צו פאַרשטאַרקן מאַכט מען דאָס אַלץ וואָס ס׳ווערט געטאָן. דאַרף דעריבער דער אַרבעטער צו דעם קיין האַנט נישט צולייגן. די ישראלדיקע קאָמוניסטן זיינען געבליבן טריי די ליניע, וואָס זיי האָבן אויסגעוויילט אין סאַמע אָנהייב.

טעאָרעטיש איז מפ״ם נישט געניייגט צו דער מסקנה פון דער קאָ־מינפאָרמישער תורה וועגן מדינת ישראל און ציוניזם, אָבער אין די טאָג־טעגלעכע מעשים ווערן וואָס מער פאַרטושט אויף דעם שטח די אונ־טערשיידן צווישן די ישראלדיקע קאָמוניסטן און דער מפ״ם־פאַרטיי. מפ״ם איניציאירט און דערמוטיקט אויך שטרייקן נישט לויט אַ באַ־שלוס פונעם אַרבעטער־צבור, נאָר ווילדע און צעכיסטישע שטרייקן, וועלכע גראָבן אונטער יעדן פרואוו צו רעגולירן אונדזער עקאָנאָמיש לעבן, פאַרמאַכן פאַר אונדז דעם וועלט־מאַרק און שליסן אויס פאַר אונדז יעדע מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן אונדזער פראָדוקציע אין דער געפאָ־דערטער מאָס.

אין די ערשטראַנגיקע אַרבעט־פלעצער אָרגאַניזירט די „הסתדרות״ פראָדוציר־קאָמיטעטן, וואָס זייער אויפגאַבע איז, צו זוכן וועגן אויף צו פאַרגרעסערן די אַרבעט־פראָדוקטיוויטעט. די מפ״ם שעדיקט די אַרבעט פון די קאָמיטעטן און שטערט די נוצלעכקייט פון זייער טעטיקייט. זי שטעלט פאָדערונגען, וואָס לייגט זיך קיינעם נישט אויפן שכל אין קיין שום לאַנד וואָס שטייט פאַר גרויסע סאָציאַלע אויפגאָבן — אוודאי נישט אין די לענדער פון סאָוועטישן בלאָק — און מ׳קען זיי בשום אופן נישט פאַרבינדן מיט דער מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם קבוץ־גלויות אין אַ שנעלן טעמפּאָ און אין אַ גרויסן פאַרנעם.

די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי קעמפט באַוואוסטזיניק קעגן דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל. מיט אַ קלאָרער כוונה שעדיקט זי אונדזערע עקאָנאָמישע אָנשטרענגונגען צו אַבסאָרבירן די עולים, אָבער דער איינפלוס פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי איז אַ נישטיקער און דער יידישער אַרבעטער הערט זיך נישט צו צו אירע עצות. אַנדערש איז מיט מפ״ם, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין לעבן פונעם לאַנד און די רעזולטאַטן פון אירע מעשים זיינען זייער קאָנ־טיק. די חברים פון מפ״ם ווידמען אַ סך אַרבעט און גייסט ביים דירעקטן דערציען די עולים אין די לאַגערן און מעברות, אָבער זייער פּראָפּעסיאָ־נעלע פּאָליטיק איז סותר די דאָזיקע פּאָזיטיווע אַרבעט. די דאָזיקע פּאָ־ליטיק האַלט אָפּט אָפּ דאָס אויפשטעלן און די עקזיסטענץ פון נייע עקאָ־נאָמישע אונטערנעמונגען, פון וועלכע ס׳איז אָפּהענגיק די אַבסאָרבירונג פון מאַסן עולים און זייער פאַרוואָרצלען זיך אין ישראלדיקן אַרבעטער־לעבן.

***

אין אַ סך מדינות, וואו די רעגירונג רעאַליזירט אַ גרויסע סאָציאַלע אויפגאַבע איז בטל געוואָרן די פרייהייט פון בירגער און ער איז אונ־טערגעוואָרפן אַ שטרענגער דיסציפּלין אויף אַלע שטחים פון לעבן. דאָס איז געטאָן געוואָרן נישט דווקא אויס דיקטאַטאָרישער תאווה. אַ טיפע סאָציאַלע ענדערונג קען מען נאָר פאַרווירקלעכן דורך אָנשטרענגונגען און אומגעוויינלעכע קרבנות פון גאַנצן פאָלק. פעלקער וואָס האָבן נישט קיין כוח צו נעמען אויף זיך אַזאַ משא מיט גוטן ווילן, טרעפט אַז מען לייגט עס אויף זיי אַרויף מיט צוואַנג. אַזוי טוען, אין דער ערשטער ריי, די קאָמוניסטן. מען קען יאָ אָדער נישט אנערקענען דאָס פּאָזיטיווע פון אַזאַ סיסטעם לגבי וועלכן ס׳איז פאָלק. וואָס שייך דעם יידישן פאָלק, איז גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז זיין רעגירונג, די רעגירונג פון מדינת ישראל — האָט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן אַרויפצוצווינגען איר מיי־נונג אויפן פאָלק, ווייל די גרעסטע מערהייט פון פאָלק וואוינט נאָך אין דער פרעמד. אַ דיקטאַטאָרישער רעזשים אין אונדזער מדינה איז נאָר מסוגל אויפצוהייבן אַ קעגנערשאַפט מצד אַ גרויסן טייל פון די תפוצות, וואָס אָן אים, אָן זיין הילף און אָן זיין עליה, קען מען נישט בויען און מ׳קען נישט באַפעסטיקן דאָס לאַנד. מיר מוזן האָבן אין לאַנד אַ ווייטגייענדיקן פרייען רעזשים, ווייל מיר זיינען ציוניסטן, מעג די באַ־ציאונג פון יעדן פון אונדז צום פּרינציפּ פון דיקטאַטור זיין ווי זי וויל.

מיר נייטיקן זיך מער אין דער בינדנדיקער און שאַרפּער דיסציפּלין, אָן וועלכער רעוואָלוציאָנערע מדינות קענען נישט עקזיסטירן, ווייל דאָס ריזן־ווערק, — אונדזער קבוץ גלויות, — איז שווערער און קאָמפּליצירטער פון אַנדערע סאָציאַלע אויפגאַבן, דאָך מוזן מיר זיך באַזירן אויפן פרייען ווילן פון בירגער. אין משך פון אַ סך יאָרן האָבן מיר נישט געהאַט קיין מלוכהשע צוואַנג־מיטלען, אַפילו נישט אויף אַ טייל פון יידישן פאָלק, האָבן מיר אַנטוויקלט צווישן אונדז זעלבסט־דיסציפּלין, וואָס האָט אונדז געדינט פאַר אַ וויכטיק געווער. אינסטרוקציעס פון דער הסתדרות, פון ועד הלאומי, הגנה און יידישער אַגענץ האָבן ס׳רוב געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג ווי געזעצן און באַפעלן פון דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט מיט איר צוואַנג־קראַפט. מיטן כוח פון דער דיסציפּלין פון פרייען ווילן האָבן מיר געפירט אונדזער מלחמה קעגן דער ענגלישער הערשאַפט און מיר זיינען איר בייגעקומען. די דאָזיקע דיסציפּלין האָבן מיר איצט זייער נייטיק, אָבער נאָר אויף דעם אופן ווי זי עקזיסטירט, אויף וויפל זי האָט אַ מענטשלעכע פאָרעם אויף אַזויפיל איז ווערטפול און נוצלעך די מלוכהשע פולמאַכט, וואָס מיר האָבן באַקומען מיטן אַנשטיין פון דער מדינה.

די מפּ״ם מאַכט חרוב ביסלעכווייז דעם דאָזיקן וואָפן־פאַרמעג. זי גראָבט כסדר אונטער די פּאָזיציעס פון די, וועלכע פירן אָן די הסתדרות, די ציוניסטישע באַוועגונג, די מדינה באַמיענדיק זיך צו רעדוצירן אין די אויגן פון כלל די פולמאַכטן פון די געוויילטע, בעת קיין אַנדערע פולמאַכטן און דיסציפּלין עקזיסטירן נישט ביי אונדז. זי טוט דאָס צווישן אירע חברים און פּאָליטישע סימפּאַטיקערס. זי גיט אויך צו אַן אידעאָלאָגישן אויסרייד פאַר יעדן וואָס וויל זיך אַרויסדרייען פון זיינע התחייבותן. אין משך פון דער צייט האָט זיך געשטאַרקט ביי מפּ״ם די נייגונג צו דערמוטיקן דירעקט אויך דעם קלאַסן־ און נאַציאָנאַלן דיסציפּלין־בראָך. די בעסטע צווישן די וועלט־מדינות טוען אַלץ, כדי אומאויפהערלעך צו פאַרשטאַרקן די געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין איבערן יחיד. פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האַלטן פאַר נייטיק שאַרף און עקסטרעם צו רעאַגירן פאַר שעדיקן די דאָזיקע דיסציפּלין. די מפּ״ם, אָבער, האַלט פאַר ריכטיק אונטערצוגראָבן אונדזער געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ פולשטענדיקער פרייהייט ווערט קיבוץ־גלויות שווערער שוין דערפאַר, וואָס אַ גרויסע איינגעוואָרצלטע פאַרטיי אין ישראל דערציט עקשנותדיק זיך צו באַנוצן מיט דער פרייהייט, כדי צו צעברעכן יעדע דיסציפּלין ביי אונדז. ס׳איז, דעריבער, גאָר קיין וואונדער נישט, אויב פרייהייט איז פאַר אַ סך דער אויגנשיינלעכער פאַקטאָר צום ציוניסטישן ציל און פאַר אַנדערע דינט די שלעכט־אויסגענוצטע פרייהייט פאַר אַ

פּראָטעסט אין זייער פאַרלאַנג די פרייהייט צו באַגרענעצן אָדער בכלל זי צו אַנולירן. אין די וועגן פון מפּ״ם איז פאַראַן אַ דראַנג צו פאַרמי־אוסן די דאָזיקע אַלגעמיינע פרייהייט, נישט געקוקט דערויף וואָס אָן פרייהייט קען דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכער נישט מקיים זיין זיין אויפגאַבע און מען וועט נישט קענען דורכפירן דעם קיבוץ־גלויות.

דאָס צעשטויבן די געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין און אָפּשוואַכן דעם ווילן צו פרייהייט ביים צבור זיינען די ערשטע טריט צו דיקטאַטאָרי־שער הערשאַפט. עס זיינען דאָ צווישן מפּ״ם אַזעלכע וואָס האָפן, אַז סוף־כל־סוף וועט די מאַכט אַריינפאַלן אין זייערע הענט. זיי שטיצן זיך אויף זייער האָפענונג, אַז נאָך אַביסל און ס׳וועט זיי געלינגען איבערצוצייגן דעם אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן לאַגער, ער זאָל אָנערקענען זייער סו־פּעריאָריטעט איבער די ישׂראלדיקע אַנטיציוניסטישע קאָמוניסטן. ס׳איז אָבער פאַר דעם נישטאָ קיין שום פּרעצעדענט. יעדע פּראָ־קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען אויף דעם וועג איז אין משך פון דער צייט איינגעשלונגען געוואָרן דורך דער שוין פון לאַנג אָנערקענטער פּאַרטיי און איז פאַרשוואונדן געוואָרן צוזאַמען מיט איר אידעאָלאָגישן אונטער־שייד.

במשך פון אַלע יאָרן איז די ישׂראלדיקע קאָמוניסטן נישט בייגע־שטאַנען דער פאַקט, וואָס זיי זיינען אָנערקענט דורכן קאָמינטערן. זיי זיינען געווען פאַרשטויסן פון דעם יידישן ישוב, און אויך פון פּראָ־סאָ־וועטישע קרייזן און פּאַרטייען. זיי האָבן שטענדיק געגראָבן אונטער אונדז פון אינעווייניק און געגעבן אַ האַנט אונדזערע אויסערלעכע שונאים. דער ישוב האָט זיי דעריבער באַטראַכט ווי מענטשן, וואָס שטייען מחוץ למחנה. ס׳איז מיט זיי נישט געווען קיין שום מגע ומשא.

די פירער פון דער מפּ״ם און אירע עסקנים האָבן דורכגעבראָכן דעם איזאָלאַציע־מויער אַרום דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי אַנטוויקלען אַ גרענעצלאָזע אַכטונג פאַר יעדן טאַט און יעדע אַנטשיידונג אין קאָמו־ניסטישן וועלט־לאַגער, אין וועלכן די ישׂראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַר־טיי טרעט אויף ווי דער איינציקער אָנערקענטער יידישער פאַרטרעטער. מפּ״ם באַטייליקט זיך אַ סך אין דער טעטיקייט פון דער קאָמפּאַרטיי, און שטימט אָפט צוזאַמען מיט איר קעגן דער מיינונג פון ישוב און פון גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס. דער וועג פון מפּ״ם איז נישט איין מאָל גורם צו דעם, אַז עס ווערט פאַרטושט די ליניע, וואָס איז מבדיל צווישן ציוניזם און אַנטיציוניזם.

מפּ״ם גייט זייער ווייט אין איר צופּאַסונג־פּאָליטיק כלפי די פאָדע־

רונגען פון אַלוועלטלעכן קאָמוניסטישן בלאָק. זי זאָרגט דערפאַר, אַז ניט נאָר אירע אידעאָלאָגישע דעקלאַראַציעס און איר פּאָליטישע דערציאונג, נאָר איר גאַנצע טעטיקייט זאָל זיין אין הסכם מיט די פאָדערונגען. אָבער אויך אין דער ווייטגייענדיקער צופּאַסונג האָט מפ״ם גאָרנישט דער־גרייכט. זי אַליין ווערט גערודפט פאַר זיין אַ ציוניסטישע פּאַרטיי. זי האָט נישט די מעגלעכקייט צו ווירקן אַפילו אין דער מינדסטער פאָרעם אין קיין שום לאַנד פון סאָוועטישן בלאָק. דאַקעגן, אָבער, גיבן ד׳ צופּאַסונג־ מעשים פון מפ״ם אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ אונדזערע קאַמף־מעגלעכקייטן ווי אַ קאָנסאָלידירט און דיסציפּלינירט פאָלק, וואָס איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר צו דערהייבן דעם ציוניזם אין די אויגן פון דער וועלט, ווי אויך פון ראַטנפאַרבאַנד און פון דעם גאַנצן קאָמוניסטישן בלאָק.

***

צומאָרגנס נאָך דער בירגערלעכער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, האָט דער נייער רעזשים צוגעטיילט גלייכע רעכט אויך די יידן, אָבער מיטן תנאי, זיי זאָלן זיך אַסימילירן. אַ טייל יידן האָט זיך צוגעהערט און זיך דערווייטערט פון פאָלק. די פרומע האָבן זיך געטוליעט צו דער תורה, זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומוויכטיק די פּאָליטישע רעכט און האָבן אין דעם אַסימילאַציע־דרוק געזען אַ צוגאָב פון רשעות. עס זיינען געווען יידן, וואָס צוליב דער צוגעטיילטער גלייכקייט האָבן זיי אָנגעהויבן צו אָפּ־טימיסטיש אָפּצושאַצן די וועלט און איר באַציאונג צו יידן. זיי האָבן איגנאָרירט דעם אויסגענומענעם תנאי בנוגע אַסימילאַציע, נישט גענו־מען אין באַטראַכט די שאַרפע פּראָטעסטן מצד דעם ווייניק ליבעראַלן בירגערטום און אפילו נישט די אויסגעבראָכענע פּאָגראָמען אויף יידישע קהילות. דאָס אַלץ האָט ביי זיי געהייסן אַ נישט־וויכטיקער עפּיזאָד, אַ לעצטער איבערבלייב פון די טיראַנישע צייטן, וואָס זיינען פאַר־שוואונדן אויף שטענדיק. דער עיקר איז ביי זיי געווען די צוגעטיילטע רעכט. מער ווי אַנדערע זיינען זיי זיכער געווען, אַז די מענטשהייט טרעט אַריין אין אַ נייער תקופה פון יושר און פּראָגרעס און אַז די יידן וועט מער נישט געשען קיין עוולות.

מיט דער פאַרשטאַרקונג פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט זיינען מיר פאַר־כאַפּט געוואָרן פון אַ נייער כוואַליע פון אָפּטימיזם. ראַדיקאַלן און יידי־שע רעוואָלוציאָנערן האָבן נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק דעם פאַקט, אַז דער סאָציאַליזם אין אַלע זיינע אָפּצווייגן פּרעדיקט אויך פולשטענדיקע

אַסימילאַציע פאַר יידן און אַז דער אַנטיסעמיטיזם האַלט זיך אין איין שטאַרקן. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן וויסנשאַפטלעך, אַז די וועלט געפינט זיך אויפן שוועל פון אַ רעזשים, וואָס וועט צום בעסטן זיין צו־געפאַסט צו די באַדערפענישן פון דעם איינציקן פאָלק, צעשפרייט צווישן די אומות, און אַז דעם פאָלק איז אפילו פאַרזיכערט אַ פולע נאַציאָנאַ־לע אַנטוויקלונג אין גלות. איירָאפּע האָט מאַרשירט צו דער עקסטרע־מער נאַציאָנאַלער האַמאַגעניע, צו אַן אומאויפהערלעכער בלוט־פאַרגי־סונג, וואָס באַגלייט די ענדערונגען פון אונדזער תקופה; אַנטקעגן פאַר־גראָמען פון גאַנצע יידישע תפוצות; אַנטקעגן דעם אויפקום פון די נאַ־ציס, אַנטקעגן דאַכאַו, אושוויץ און מיידאַנעק. אויף דער יידישער גאַס אָבער האָבן געהאַלטן אין וואַקסן די פאַרשטעלונגען, ווי אַזוי די רעוואָ־לוציע וועט מיטאַמאָל לייזן אַלע פּראָבלעמען און ממילא אויך דאָס יידי־שע פּראָבלעם, און פאַרטייען האָבן דיסקוטירט וועגן דעם, צי מען זאָל זיך באַגנוגענען מיט קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין גלות אָדער פאָדערן סאָציאַלע זעלבסטשטענדיקייט, אַן אייגענעם סיים אין יעדן לאַנד אאַז״וו.

יידישע דענקער און עסקנים אין די תפוצות האָבן געהאַלטן אין איין פאַרזאָגן די צוקונפט און אָפּגעשאַצט דעם גאַנג פון דער וועלט, ווייל אַליין זיינען זיי פאַקטיש געווען פולשטענדיק אוממעכטיק, האָבן זיי אָפּהענגיק געמאַכט אַלע זייערע האָפענונגען אויף די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. זיי האָבן אַנדערש נישט געקענט זען די אַנט־וויקלונג פון דער וועלט און די באַציאונג פון די פעלקער און קלאַסן צו אונדז ווי נאָר אין ליכט פון גרויסן אָפּטימיזם, ווייל זיי האָבן קיין כוח נישט געהאַט אַנטקעגן צו גיין דעם חורבן, וואָס דערנענטערט זיך. אין דער פראַגע איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן בירגערלעכע עלע־מענטן און יידישע אַרבעטער, צווישן רעוואָלוציאָנערן און קאָנסערוואַ־טאָרן. די יידן, וואָס זיינען כסדר געזעסן אויף אַ וואולקאַן איז, כביכול, נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר אויסצוגעפינען פאַרשיידענע תורהס, לויט וועלכע מ׳קען פאַרזיכערן, אַז דער וואולקאַן וועט נישט אויפרייסן און אַז ער וועט אויפרייסן וועט ער נישט שעדיקן די יידישע תפוצות. דער אָפּטימיסטישער בליק האָט נאָך מער איינגעשלעפּט די חושים און איז געוואָרן אַ צוגאָב־פאַקטאָר פאַר דער אָפּהענטיקייט.

דער ציוניזם, דער עיקר די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, האָט אַן אַנדער שטעלונג און ווענדפּונקט אויך אין דער פראַגע. דער אַרבעטער־צבור אין לאַנד באַשטייט אין זיין עיקר טייל פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיאש געווען פון די האָפענונגען וואָס יידן האָבן גע־

ליגט אויף דער וועלט און איר אַנטוויקלונג. זיי האָבן זייער לעבן גע־בויט שטיצנדיק זיך אויף זייערע אייגענע כוחות און אייגענע מעשים. דער איינפלוס פון דער גלותדיקער אָפּהענטיקייט ביים אָפּשאַצן די וועלט־געשעענישן איז אַ סך קלענער געוואָרן. דער יידישער אַרבעטער האָט אָנ־געהויבן זען די אַרומיקע געשעענישן מיטן בליק פון אַ קעמפנדיקן לאַ־גער, וואָס זיינע חושים ווערן וואָס אַמאָל מער שאַרפער.

נאָך דעם ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט געזיגט און די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיך אויף דער יידישער גאַס אויפסניי געשטאַרקט די האָפענונגען געהאָלפן צו ווערן פון דרויסן. אַנטיציוניסטן האָבן באַוויזן, אַז פון איצט אָן איז פאַר די יידן אין רוסלאַנד פאַרזיכערט אַ פול נאַציאָנאַל לעבן אין זייערע וואוי־נונג־ערטער און אַז זייער נאַציאָנאַלע קולטור וועט וואַקסן און בליען. קאָמוניסטישע ציוניסטן האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז אויך די אויסזיכטן פון ציוניזם זיינען פאַרבונדן מיט דער פאַרפעסטיקונג און אויסשפּרייטונג פון וועלט־קאָמוניזם. נישט וויניק ציוניסטן, אויך גאַנצע פּאַרטייען, האָבן דעפּאָנירט אַלע זייערע כוחות אין דער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן קאָמו־ניזם. עס זיינען אַנטשטאַנען רייבונגען אין חלוצישן לאַגער גופא, אָבער די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד איז דאָס אַלץ בייגעקומען.

די חלוצישע־ און אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד איז אויפגעקומען ווי אַ באַוועגונג פון די צום מיינסטן באַעוולטע און אונטערדריקטע. פון דער יידישער יוגנט, וואָס אַלע טויערן אין זיינע וואוין־לענדער זיינען פאַר איר פאַרשלאָסן. די דאָזיקע יוגנט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין עליה און בנין־הארץ ווי אין דעם איינציקן און לעצטן רעטונג־מיטל. אויף איי־גענער הויט האָט די יוגנט דערשפּירט ווער־און־וואָס און מיט וועמען עס קעמפט דער קאָמוניסטישער לאַגער, ווי באַלד ער העצט קעגן ציוניזם און גראָבט אים אונטער, אָדער בעת ער פאַרמאַכט דעם וועג פון עליה פאַר די רוסישע יידן. זי האָט גוט פאַרשטאַנען צוליב וואָס און לטובת וועמען עס האָט זיך איינגעשטעלט דער קאָמוניזם בשעת ער האָט גע־האָלפן אונדזערע שונאים און די רוצחים פון לאַנד. די וועלט האָט זיך נישט שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם. אָבער פאַר אונדז איז עס גע־ווען אַן אָנגריף אויף אונדזער לעצטער פּאָזיציע. די דעקלאַראַציעס וועגן קאָמינטערן ווי דער באַפרייער פון פעלקער האָבן מיר, נאָך אין די ערשטע טעג פון זיין גלאַנץ־תקופה, גאַנץ אַנדערש געלייענט. מיר זיינען שוין מער נישט געשפּרונגען די ערשטע, זיך נישט צעזונגען און צעגאַנגען פאַר נחת. אַ סך צווישן אונדז האָבן עפּעס געלערנט פון דער באַציאונג

פונעם קאָמינטערן צו אונדזערע וויטאַלע פראַגן און האָבן זיך מער פאַר־טיפט אין די ווערטן און דערקענטעניש פון דער באַוועגונג אין אַלגע־מיין, אין די וועגן פון די אויפשטייענדיקע קלאַסן און אין די קאַמפן פון די פעלקער, וואָס האָבן זיך באַפרייט. דער אַרומנעמענדיקער שאַרפער בליק, וואָס אונדזער באַוועגונג האָט זיך דערוואָרבן אין איר געראַנגל מיטן וועלט־קאָמוניזם איז אונדז בייגעשטאַנען אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און האָט אונדז אָפּגעהיט פאַר די כסדרדיקע אַגי־טאַציעס פאַר שפּאַלטונגען און צופאַסענישן אין נאָמען פון דערנענטע־רונג, אָבער ער איז נישט בייגעשטאַנען דער גאַנצער באַוועגונג, און נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס אין שטורעם פון דערשיטערונגען אין דער צוויי־טער מלחמה, און אין די יאָרן נאָך איר.

**
*

די יידישע האָפענונגען אויפן וועלט־קאָמוניזם אין די פערציקער יאָרן זיינען געווען אַנדערש ווי מיט אַ דור צוריק. אין דער תקופה פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פלעגן קאָמוניסטן נישט מיד ווערן אונטערצושטרייכן, אַז דער קאָמוניזם האָט געלייזט דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון די רוסישע יידן, וועלכע האָבן זוכה געווען צו אַ פולן נאַ־ציאָנאַלן לעבן. ווען דער גלאַנץ פון וועלט־קאָמוניזם איז אין די אויגן פון די יידן, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, געשטיגן האָט דאָס לעבן פון די רוסישע יידן אין אָט דער שטייגערונג נישט פאַרנומען קיין שום פלאַץ. דאָס רוסישע יידנטום האָט אין קאָמוניסטישן רעזשים דערגרייכט צו נאַציאָנאַלער דעקאַדענץ, צו וועלכער עס איז נישט דערגאַנגען קיין שום יידישער קבוץ אויף דער וועלט. דאָס רוסישע יידנטום האָט נישט קיין שום אייגן ווערק אָדער אייגענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע. זיין רייכע און זעלבסטשטענדיקע קולטור איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן. ס'איז אויך נישט געלייזט געוואָרן די פראַגע פון די באַציאונגען צווישן די יידן און די אַנדערע סאָוועטישע פעלקער. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַלע יאָרן געמאַכט גרויסע אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען אויסצוראָטן דעם אַנטיסעמיטיזם, אָבער די שנאה צו יידן איז נישט אויסגעוואָרצלט גע־וואָרן. ווען די נאַציס האָבן איינגענומען אַ טייל פון די סאָוועטישע לענ־דער, האָבן גרויסע מאַסן פון די סאָוועטישע פעלקער זיי געהאָלפן אין דער אַרבעט צו פאַרטיליקן די יידן. אַ שלאַגנדיקער אַרגומענט פאַר די באַנייטע פּאָדערונגען זיך צוצופאַסן און אריינפלעכטן אין קאָמוניסטישן לאַגער, וואָס ווערט כסדר אונטערגעשטראָכן, איז די שטאַרקע עקס־

פאַנסיע פון דאָזיקן לאַגער אין דער וועלט. די פאָדערער ווייזן אָן אויף דעם וואַקסנדיקן כּוח פון ראַטנפאַרבאַנד און זיין הילף פאַר די פרייהייט־באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער. פון דאַנען זייער מסקנה וועגן דער מעגלעכקייט איינצושליסן אין קאָמוניסטישן וועלט־לאַגער אויך די ציוניסטישע באַוועגונג, און פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אונטערן קאָנטראָל און באַפעל פון די לידערס פון דאָזיקן לאַגער.

בעת דער גרינדונג־תּקופה פון קאָמינטערן האָבן ציוניסטישע פאַרטייען אין גלות געפּרעדיקט צוצואייגענען און אָנשליסן זיך אין אים. איצט זיינען נישטאָ אין די תּפוצות קיין וואָגיקע ציוניסטישע קרייזן, וואָס ווילן זיך פאַראייניקן מיטן קאָמוניסטישן לאַגער. די עקספּאַנסיע פון קאָמוניזם אין דער וועלט האָט ביי זיי נישט געשטאַרקט אַזאַ ווילן נאָר פאַרקערט — אים אָפּגעשוואַכט. די יידן זעען זיך געצוואונגען צו אַנטלויפן פון יעדן לאַנד, וואו קאָמוניסטן קומען צו דער מאַכט, נישט נאָר די יידן פון די בירגערלעכע שיכטן, נאָר אויך די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און די יידישע אינטעליגענץ. אויב יידן בלייבן אין די מדינות אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים, טוען זיי עס, מייניסטנטייל, נישט אויס אייגענעם ווילן, נאָר ווייל מען לאָזט זיי פון דאָרט נישט אַרויס. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה זיינען הונדערטער טויזנטער יידן פון די אָקופּירטע נאַצישע לענדער אַנטלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט געוואוינט עטלעכע יאָר. נאָר געציילטע צווישן זיי האָבן זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד. די יידישע ניט־סאָוועטישע מאַסן, וואָס האָבן פאַרלאָזט ראַטנרוסלאַנד נאָך דער מלחמה, ווייזן נישט אַרויס קיין איבעריקע נייגונג צו פאַרבינדן זיך מיט דער קאָמוניסטישער וועלט. ס'רוב ווייזן זיי אַרויס אַ שטאַרקן ווילן אָפּצוגרענעצן און דערווייטערן זיך פון דער דאָזיקער וועלט. אויך יענע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין די תּפוצות, וואָס זיינען מסכּים מיט די קאָמוניסטישע פּרינציפּן, זיינען אין גרעסטן טייל קעגנעריש צו וועלכן ס'איז אופן פון אַריינגייסן זיך אין קאָמוניסטישן לאַגער. די נייע אָנשטרענגונגען זיך אָנצושליסן אין קאָמוניזם קומען בעיקר פון די רייען פון ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטער.

אין דער תּקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות זיינען די לעכצנדיקע אַריינצוטרעטן אין קאָמינטערן נישט געווען פון דעם ציוניסטישחלוצישן לאַגער. די לינקע פועלי־ציון, וואָס האָבן געשטרעבט דערצו האָבן נישט געהערט צו די ציוניסטישע פאַרווירקלעכער. זיי האָבן בויקאָטירט די קערפּערשאַפטן און אינסטרומענטן פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, אָנגעהויבן פון „החלוץ" און ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

און ענדיקנדיק ביי די נאַציאָנאַלע פאָנדן. איצט פרעדיקן יאָ, צופּאַסונג און אָנשלוס קענטיקע טיילן אין דער חלוצישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער וועלט־אָנשויאונג פון דעם דאָזיקן לאַגער, וואָס איז אין זיין עצם זיין אַ יידישער קאַמף־לאַגער און פאַרווירקלעכער — איז אַנטשטאַנען אַ ברוך.

דער יידישער ישוב אין לאַנד איז אַרויסגעגאַנגען אין קאַמף פאַר פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט נישט נאָר ווייל די פרעמדע מאַכט האָט פאַרמאַכט די טויערן פונעם לאַנד פאַר יידישע עולים. אָן דער זעלבסטשטענדיקער מדינה און אָן אירע גרויסע מעגלעכקייטן קען מען נישט אַנטוויקלען דאָס לאַנד און מ׳קען דאָס נישט צוגרייטן אויפצונעמען די זיך־איינזאַמלענדיקע גלותן אין אַן אַלץ גרעסערן פאַרנעם. אין זיין גרויסן זיך, אין זיין אָפזונדערן זיך פון איבעריקן פאָלק, אין זיין באַהעפטן זיך מיט פאַרשיידענע צעכיסטישע גרופּן, אין זיין פאַרקנעכטן זיך צו זייערע ענגע אינטערעסן און פאָדערונגען — האָט אַ טייל פון דער חלוצישער מחנה אין לאַנד זיך אַליין דערקייקלט צו דער שטופּע פון פאַרלייקענער פון דערפאָלג פון אונדזער קאַמף פאַר אַ יידישער מדינה און צו ווערן אַן אָפּאָזיציע אין דער מדינה גלייך נאָך איר אַנטשטיין. עס איז אויך אַנטשטאַנען אַ מינדערשאַצנדיקע באַציאונג צו די באַזונדערע מעגלעכקייטן פון דער מדינה. אַזוי זיינען פיל פון דעם חלוציש־ציוניסטישן לאַגער געשטעלט געוואָרן אַנטקעגן אַלץ־וואַקסנדע עליה־און קליטה־נויטן בשעת זיי האָבן נישט דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט ריכטיק אָפּצושאַצן די נייע ציוניסטישע מעגלעכקייטן וואָס דרינגען אַרויס פון אונדזער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט און פון דעם כוח זיך צו באַנוצן מיט די מלוכהשע מיטלען, וואָס זיינען אַ מוז ביים רעאַליזירן די שווערע אויפגאַבע. אין זייער הארץ איז אויפסניי געוואַקסן די גלות־דיקע אָפּהענטיקייט און דאָס וואַרטן אויסגעלייזט צו ווערן דורך דרויסנדיקע כוחות. די האָפענונג געהאָלפן צו ווערן דורך ווייטערדיקע זיגן פונעם וועלט־קאָמוניזם זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרן.

***

צי האָט אַ יסוד די הנחה, אַז אַ נייער פּרוואו צו דערפירן צו גע־מיינזאַמער טעטיקייט צווישן ציוניזם און קאָמוניסטישן לאַגער וועט האָבן מער דערפאָלג ווי די פריערדיקע פּרוואוון?

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשטרעבט פון ערשטן טאָג אָן אַרומצונעמען וואָס מער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אויך יענע

וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר נישט צוגעפּאַסטע צו די ראַמען פון די פריערדיקע אינטערנאַציאָנאַלן. אויך קרייזן און גרופּן אין די מער אָפּגעשטאַנענע לענדער, צווישן פעלקער, שבטים און סאַמע ניט־אַנטוויקלטע שיכטן, אָרגאַניזאַציעס מיט גאַנץ שמאָלע אויפגאַבן און האָריזאָנטן, מי־ליטערישע אָדער רעליגיעז־אויסגעשפּראָכענע אויפשטענדלער־פּאַראַייני־קונגען מיט אַ נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער, אויך מיט אַזעלכע האָט דער קאָמינטערן, אין פאַרשיידענע תקופות זיך באַמיט צו פאַרבינדן, זיי דערמוטיקט און באַווירקט זיך אָנצושליסן אין זיינע רייען. ער האָט עס אָבער קיינמאָל נישט געטאָן לגבי דער ציוניסטישער באַוועגונג. ציוניס־טישע פּאַרטייען, אָפט גרויסע און גענוג שטאַרקע, קלאַפּן אַלע יאָרן אין זיינע טויערן, זיי האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן קאָמוניזם אין אַלע פראַגן, האָבן ס׳רוב אַרויסגעוויזן גרייטקייט אויף ווייטגייענדיקער פשרות אויך אין ציוניסטישע ענינים, אָבער דער קאָמינטערן איז נישט איינגעגאַנגען אויף קיין פשרה אָדער ויתור און האָט זיי אַלע אָפּגעוואָרפן.

אַזוי איז זיך נוהג דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ביז היינט, און אַזוי איז אויך זיין באַציאונג צום מפ״ם, די צווייטע פּאַרטיי, לויט איר גרייס, אין מדינת ישראל און אין דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. ער ווייזט נישט אַרויס קיין שום נייגונג זי צו דערמוטיקן פאַר אַ דערגענטערונג און צו דערוועקן האָפענונג, אַז זי וועט זיך קענען אָנשליסן אין קאָמוניסטישן לאַגער ווי אַ ציוניסטישע פּאַרטיי. אין יעדן לאַנד און אויף יעדן שטח, וואו דער קאָמוניזם קומט צו דער מאַכט, דערקלערט ער מלחמה אויף מפ״ם, ליקווידירט אירע אָפּטיילן און פאַרטרייבט אָדער אַרעס־טירט אירע טוערס, בשעת די אנערקענטע קאָמוניסטישע פּאַרטייען העצן קעגן ציוניזם און אַלע זיינע אָפּצווייגן אָן אויסנאַם.

די דאָזיקע באַציאונג פון קאָמוניסטישן לאַגער צו די ציוניסטישע פּאַרטייען, און אויך צו די קאָמוניסטישע צווישן זיי, איז ניט קיין צופאַל. די פירער פון סאָוועטרוסלאַנד האָבן לכתחילה אויפגעשטעלט דעם קאָמינטערן ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ניט קיין אַנדער אינטערעס חוץ דעם קאַמף פאַר פולער גלייכקייט פון די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער. זיי האָבן זיך אָבער נישט פאַרלאָזט אויף די אונטערדריקטע אַליין. די פירער פון קאָמינטערן האָבן געזען, אַז די פשוטע פאָלקמאַסן לאָזן זיך לייכט אָפּרעדן און גיבן זיך אונטער דעם שטאַרקן. זייער סוף איז, אַז זיי פאַרלירן אַלץ. זיי האָבן זיך דעריבער נאָר געשטיצט אויף זייער בונטאַרישקייט און זעלבשטענדיקייט־קאַמף אויף אייגענע און פון אַ גרופּע אויסגעפּרוווטע רעוואָלוציאָנערן

וואָס זיי האָבן געזאַמלט אַרום זיך. זיי האָבן ז י ך און די קאָמוניס־טישע פירער אין פאַרשיידענע לענדער באַטראַכט פאַרן העכסטן שטאַב פון דער סאָציאַלער וועלט־רעוואָלוציע דערקלערנדיק, אַז אין קעגנזאַץ צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל וועלן זיי דערציען די פאָלקמאַסן, מקריב צו זיין פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע יעדן אינטערעס, אפילו דעם טייערסטן, און אַז דער קאָמינטערן וועט קעמפן ביזן סוף קעגן יעדן פּרוּוו פון שטאַרקן צו באַהערשן דעם שוואַכערן, אַ גרויסע און רייכע מדינה איבער קליינע און אָרעמע פעלקער.

אָבער די גרופּע רעוואָלוציאָנערן ווירקט נישט אין אַ ליידיקן חלל. דער קאָמינטערן האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן איינפלוס אויף די מאַסן, ווייל הינטער אים איז געשטאַנען דער ראַטנפאַרבאַנד, איז ער טאַקע אַליין געוואָרן אין גאַנצן אָפּהענגיק אין די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד. ער אַרבעט לויט די באַדערפענישן און אינסטרוקציעס פון די פירער פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק. און לאַוו דווקא פאַר די נויטן פון די קלאַסן פון די זיך־באַפרייענדיקע פעלקער אין די פאַרשיידענע לענדער. קיין מאָל האָט קיין שום אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל נישט מוותר געווען אויף זיין אומאָפּהענגיקייט לגבי דעם שטאַרקן פון דער גזעלשאַפט מיט אַזאַ לייכט־קייט און אין אַזאַ מאָס ווי דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

דער געאייניקטסטער און דיסציפּלינירטער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגער איז דער קאָמוניסטישער. די שטעלונג פון זיינע הערשער, דאָס הייסט פון די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז מער קאַטעגאָריש ווי די שטעלונג פון די פירער אין אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלן. קעגן דער אונטערדריקונג־פּאָליטיק מצד דער סאָציאַליסטישער רעגירונג פון ענגלאַנד לגבי די פעלקער אין דער קאָלאָניאַלער וועלט, האָבן פירער און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע לענדער, אויפגעהויבן זייער קול און אפילו אין ענגלאַנד גופא זיינען געהערט געוואָרן שטימען פון פּראָטעסטן, אָבער קיין שום קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָדער קאָמוניס־טישע טוער האָט נישט פּראָטעסטירט בשעתו קעגן דעם געחתמעטן הסכם צווישן ריבענטראָפּ און מאָלאָטאָוו ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך וועלכן זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך עטלעכע מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער. אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן זיך אין יאָר 1950 געשטעלט הינטער די צפון־קאָרעאַנער, וואָס אין זייער מלחמה זעט ראַטנפאַרבאַנד אַן אינטערעס פאַר זיך. אָבער קיינער אין אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן לאַגער האָט נישט געעפנט דאָס מויל קעגן דעם אָנפאַל פון ראַטנפאַרבאַנד אויפן פינישן פאָלק אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער

גאַנצער לאַגער האָט זיך געשטעלט הינטער דעם אָנגרייפנדיקן ריז און קעגן דעם זיך־ווערנדיקן שוואַכן.

אָן אָנגעשלאָסענע באַוועגונג אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פילט על־פּי־רוב הינטער זיך דעם גרויסן כוח וואָס דער דאָזיקער לאַגער האָט דורך זיין גרויסער קאָנסאָלידאַציע און שווערער דיסציפּלין, וואָס הערשט אין אים. דאָס קען מוטיקן און שטאַרקן אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין יעדן לאַנד, און אויב זי אידענטיפיצירט אירע נויטן מיט די פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק. אָבער דאָס דאָזיקע מעכטיקע געוויכט לייגט זיך ווי אַ שווערע מאַסע און בינדנדיקע קייטן, דעמאָלט ווען די אָרגאַניזאַציע זעט אירע נויטן און די נויטן פון איר פאָלק אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק. זייער זעלטן ווען געלינגט אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג ווידערצושפּעניקן אין די באַפעלן פון די פירער פון קאָמינטערן און אַליין ניט צעבראָכן צו ווערן. דאָס איז געלונגען יוגאָסלאַוויע. די אַנדערע פּרואוון אָפּצולייגן פון די באַפעלן זיינען דערשטיקט געוואָרן אין זייער עמבריאָן, און די פּאַרטייען זיינען געצוואונגען צו גיין אין דעם פּאַר זיי אָנגעצייכנטן וועג, אויך ווען ס׳קאָסט אַ זייער טייערער פּרייז. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון שפּאַניע, צ״ב, און די שפּאַנישע באַפרייאונג־באַוועגונג, וועלכע האָט בשעתו באַהערשט די אַרבעטער־מאַסן, זיינען פולשטענדיק צעבראָכן געוואָרן גלייך ווי זיי זיינען געווען געצוואונגען צו ווערן אַן אינסטרומענט אין דער סאָוויעטישער אויסערן־פּאָליטיק און קעגן די נויטן פון אייגענעם פאָלק און זיין רעוואָלוציע. אין די פאָלק־דעמאָקראַטישע לענדער האָבן זיך געמערט די אַרעסטן און די טויטשטראָפן; פּאַראַלעל צו דעם אויך שווערע „רייניקונגען" אין קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויסער דער ספערע פון דעם סאָוועטישן איינפלוס.

באַפרייאונג־באַוועגונגען פון פאַרשיידענע פעלקער אין אַזיע, וואָס זיינען נאָענט צו די גרענעצן פון רוסלאַנד, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קאָמוניסטישן לאַגער און אויך אָנגענומען מיט גוטן ווילן די פאַרפליכטנדיקע דיסציפּלין פון זיינע פירער. דער מערב־אימפּעריאַליזם אונטערדריקט די קאָלאָניאַלע פעלקער פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און באַרויבט זיי פון דער מעגלעכקייט פון אַ פרייַ לעבן. די מערב־פעלקער, אויך סאָציאַליסטן צווישן זיי, העלפן זיי נישט אין זייערע שטרעבונגען זיך צו באַפרייען, נישט אַזוי דער ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז פאַראינטערעסירט צו פאַרטרייבן די מערב־מדינות פון אַזיע. זי העלפט אַ סך דעם קאַמף פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין אָריענט. זי פאַרזיכערט זיי עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשוואונג פון זייערע פעלקער, אנשטאָט מותר זיין אויף

דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, זיי נעמען דאָס אָן פאַר גוט געלט. צווישן די קעמפער פאַר באַפרייאונג פון די דאָזיקע פעלקער דערוועקט זיך אַ פאַרדאַכט, אַז די נייע פאָליטישע עקספּלואַטאַציע, אונטערגעוואָרפן פול־שטענדיק דער פאָליטיק און דעם ווילן פון די פירער פון דער סאָוועטישער גרויסמאַכט, איז עלול צו דערשטיקן אויף דורות די דערוואַכונג צו פריי־הייט, צו וועלכער ס'האָבן סוף־כל־סוף זוכה געווען די פעלקער פון אַזיע נאָך ליידן און אונטערטעניקייט אין משך פון טויזנטער יאָרן. אָבער אַ טייל זעט נישט אין געגעבענעם מאָמענט קיין אַנדער וועג ווי נאָר דעם און ס'זיינען פאַראַן אַנדערע וואָס האָפן, אַז דער עקאָנאָמישער און קול־טורעלער אויפשוואונג וואָס וועט דורך דעם דערגרייכט ווערן, וועט זיי אין משך פון דער צייט דערמעגלעכן זיך צו באַפרייען פונעם יאָך פון דער נייער אָפּהענגיקייט. פאַרשיידענע אַזיאַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען זיי־נען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער סאָ־וועטישער פאָליטיק, ווייל זיי זעען אין דעם אַ מעגלעכקייט און אַ וויכטיקן באַדינג פאַרן אויפשטייג פון זייערע פעלקער. דער מקור פון די ניט־געֹ־לונגענע יידישע פּרואוון צו דערגרייכן אַ מעגלעך פּאַסיקן אויסגלייך צווישן ציוניזם און וועלט־קאָמוניזם ליגט אין דעם עצם מהות פון דער יידישער באַפרייאונג־באַוועגונג.

**
*

דער ציוניזם איז אַ באַפרייאונג־באַוועגונג פון אַ צעזייט פאָלק, וואָס לעבט אונטער פאַרשיידענע רעזשימען און איינפלוס־ספערן. זיין כוח און מעגלעכקייט הענגען אָפּ פון דער פאָלק־אייניקייט און פון דעם ווי ווייט־מעגלעך שטאַרקן קשר פון געמיינזאַמער אַרבעט צווישן אַלע זיינע טיילן. דורכן שטעלן זיך אויף דער זייט פון רוסלאַנד און קעגן דעם מערב, האָפן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון מאַלאַיאַ און אינדאָכינע צו דערגרייכן די באַפרייאונג פון זייערע פעלקער פון מערב־אימפּעריאַליסטישן יאָך. אַזוי שטרעבן די קאָרעאַנער אויף דעם וועג צו דערגרייכן די גאַנצקייט פון זייער לאַנד. דאָס יידישע פאָלק אָבער, נייטיקט זיך, אין דער ערשטער ריי, אין דער באַהעפטונג פון פאָלק אַליין, מוז אומפאַרזאַמט צונויפזאַמלען זיינע גלותן, ביי אַזאַ רעוואָלוציע קען מען נישט געהאָלפן ווערן דורך די רייסע־רייען צווישן די גרויסמאַכטן. אַזעלכע מלחמות קענען פאַרניכטן גאַנצע יידישע קבוצים, אָבער זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאָלפן ראַטעווען יידן און פאַרלייכטערן זייער עליה אין לאַנד. די פאָדערונג פון יידן זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער סאָוועטישער וועלט איז אַ פאָדערונג צו צע־

ברעכן די יידישע איינהייט, אָפּרייסן זיך פון דער גרויסער מערהייט פון יידישן פאָלק אין דער וועלט, פון דעם מקור פון דער ציוניסטישער קראַפט.

דער קאָמוניסטישער וועלט־לאַגער און דער ראַטנפאַרבאַנד זיינען נישט גרייט צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון קבוץ־גלויות, אפילו מיר זאָלן מסכים זיין, לויטןביישפּיל פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין פאַר־שיידענע קאָלאָניאַלע לענדער, צו פאַרציכטן אויף אונדזער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. זיי לייגן דאָס אונדז נישט פאָר, אין דער אמתן קען עס קיין שום קאָמוניסטישער פאַקטאָר אויפריכטיק נישט פאָרלייגן. דער קבוץ־גלויות איז אַ רעוואָלוציע פון אַ צעזייט פאָלק, וואָס קומט פאָר נישט אין איין לאַנד נאָר אין אַ סך לענדער. עס איז פאַרבונדן מיט אַ דירעקטע און אומדירעקטע באַטייליקונג פון אַלע יידישע תפוצות, מיט זייער אַק־טיוון איינפלוס אין די לענדער, וואו זיי וואוינען און אין אַנדערע מדי־נות, מיט דער דורכפירונג פון אויפגאַבן פאַרבונדענע און פאַרפלאָנטער־טע אין די אינטערעסן פון אַ סך פעלקער, באַוועגונגען און פאַרשיידענע רעזשימען. די ציוניסטישע באַוועגונג מוז באַשטימען איר באַציאונג צו יעדן ענין אין דער וועלט נאָר לויט די נויטן פון קבוץ־גלויות. אַ מאָל האָט פּאַסירט, אַז אונדזער שטעלונג איז געווען אידענטיש מיט דער שטעלונג פון ראַטנפאַרבאַנד און דעם קאָמוניסטישן לאַגער, וואָס פירט אויס זיינע באַפעלן, אָבער אפילו אויך אין די ווייניקע פאַלן, וואָס מיר האָבן גע־קעמפט צוזאַמען האָבן מיר זיך נישט געקענט אונטערוואַרפן די באַפעלן פון די פירער פון קאָמינטערן און זיין אַן אינסטרומענט אין זייערע הענט. אין די מלחמה־טעג קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, למשל, האָבן זיי געפאָ־דערט אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט צו די רעגירונגען פון די אַנגלאָ־זאַקסי־שע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען פאַרבינדע־טע פון ראַטנפאַרבאַנד. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ישראל האָט זיך טאַקע אַזוי נוהג געווען. מיר האָבן אַזוי נישט געקענט האַנדלען, און האָבן זיך נוהג געווען אין קעגנזאַץ צום ווילן פון די קאָמוניסטן. מיר האָבן גע־קעמפט פאַר עפענען די טויערן פון לאַנד פאַר די יידישע פּליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער היטלער־שווערד און מיר האָבן זיך געראַנגלט מיט דער ענגלישער מאַכט אין לאַנד אויך אין די טעג פון דער מלחמה קעגן היטלערן. בשעת דער מלחמה פאַר אונדזער אומאָפּהענגיקייט, האָבן די קאָמוניסטן געוואָלט פאַרשאַרפן אונדזערע באַציאונגען מיט דער גאַנצער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט, דערצו אויף אַ ווי־ווייט מעגלעך לענגערער צייט. מיר האָבן געהאַט געמיינזאַמע אַרבעט מיט סאָוועטישע פאַקטאָרן וואָס האָבן אונדז געהאָלפן, אָבער מיר האָבן אויך געהאַט אונדזער פריינדשאַפט

מיט די פעלקער פון אַמעריקע און איר רעגירונג, ווייל אַ קריג מיט יענע האָט געקענט באַשווערן אונדזער זאַך און איר ניזוקן, ווייל יידן און גע־ווער האָבן געשטראָמט אין לאַנד הן פון מזרח און הן פון מערב. סוף פער־ציקער יאָרן האָט זיך געשאַפן אַ מין אינטערעסן־שותפות צווישן אונדז און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס בנוגע דאָס אַרויספירן יידן פון דאָרט. עס איז צו האָפן, אַז מיר וועלן אין דער צוקונפט דערגרייכן אַזאַ שותפותדיקע טעטיקייט אַרויסצונעמען די יידן פון רוסלאַנד. אויך אין דער שותפות מוזן מיר גוט היטן אונדזער אַבסאָלוטע זעלבסשטענדיקייט, ווייל ס'זיינען פאַראַן יידן אין אַלע טיילן פון דער וועלט און די מערהייט לעבן אויסער דעם ראַיאָן פון סאָוועטישן איינפלוס. דאָס ווערק פון קבוץ־גלויות און זיי־נע נויטן זיינען פיל און פאַרשיידנאַרטיק. היינט איז עס מחייב אַ באַריי־רונג מיט אַ מדינה, וואָס איר רעזשים איז פאָלק־דעמאָקראַטיע און מאָרגן מיט אַ האַלב־פעאָדאַלע מדינה אין אָריענט. מען האָט בשעתו, געדאַרפט ראַטעווען פון אַ ליקווידאַציע־געפאַר די רעשטלעך יידן פון פוילן און באַלד נאָכדעם איז די עליה פון איראַקישע יידן געוואָרן אַ דרינגענדיקע אַקטועלע זאָרג.

אין מיינסטע פאַלן זיינען די פאָדערונגען פון סאָוויעטישער אויי־סערן־פּאָליטיק קעגנזעצלעך צו די נויטן פון קבוץ־גלויות. די דאָזיקע פּאָ־ליטיק איז אַלט העכער אַ דור, — דער דור וואָס איז געווען אַנטשיידנדיק פאַרן גורל פונעם יידישן פאָלק, — וואָס איז געשטאַנען צו הילף די אַראַ־בער אין זייער קאַמף קעגן ציוניזם און עליה. טריי דער פּאָליטיק האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ארץ ישראל געהאָלפן די אָנגריפן און מאָרד־טאַטן פון די אַראַבער קעגן די יידן. אין אָנהייב מלחמה, ווען היטלער האָט אַריינגעפירט די אייראָפּעאישע יידן אין די געטאָס מיטן צוועק זיי צו פאַרטיליקן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג געהאַלטן פאַר נייטיק צו שליסן אַ פּאַקט מיט דייטשלאַנד און דער קאָמינטערן האָט גערופן זיך צו בונ־טעווען קעגן די אַלע, וואָס שטייען אין קאַמף קעגן היטלערן און זיי צו באַקעמפן. קאָמוניסטן האָבן אַזוי געטאָן, אָבער דער ציוניזם האָט גערופן צו מאָביליזירן די כוחות קעגן היטלערן. צענדליקער טויזנטער פונעם ישוב זיינען פרייוויליק אַוועק אויף די פראָנטן זיך אָנשליסן צו די יעניקע, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געשעדיקט אין זייערע אָנשטרענגונגען. אין דער צייט פון דער קאַלטער מלחמה באַטראַכט די סאָוועטישע אויסערן־פּאָליטיק פאַר איר אינטערעס צו פאַרניכטן די נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן יעדער מדינה און די פאַראייניקטע שטאַטן און די קאָמוניסטן דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע אויך אין ישראל. אָבער דער ציוניזם זעט אין דער פריינדשאַפט

מיט אַמעריקע אַ תנאַי פאַר דער ווייטערדיקער מעגלעכקייט פון אַ גרויסער עליה און איר אַבסאָרבירונג. דער ציוניזם היט דעריבער און סטימולירט די דאָזיקע פריינדשאַפט.

אַזוי ווייט אין אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן. וואָס שייך דער אינערן־פּאָליטיק אויף די ערטער, איז דאָך די געשיכטע פון די באַציאונגען צווישן די קאָמוניסטן און דעם ציוניזם נישט מער ווי אַ קייט פון צוזאַמענשטויסן. ווען עס לוינט אים איז דער קאָמוניזם גענייגט צו דערמעגלעכן די יידן צו פאַרלאָזן די מדינות אין וועלכע ער הערשט. מייינסטנס אָבער, זעט ער אין זיי פון איין זייט אַ צוגאָב־מאַטעריאַל אויפצורייסן די נישט־קאָמוניסטישע רעזשימען און פון דער צווייטער זייט אַ נוצלעכע אַרבעט־קראַפט צו בויען די קאָמוניסטישע מדינות. רייצט ער דעמאָלט אויף קעגן דער עליה און פאַרמאַכט די טויערן. אָבער דער ציוניזם, וואָס ראַנגלט זיך פאַר עליה, קעמפט ביי אַלע באַדינגונגען, מיט די קעגנער פון דער עליה, צי עס איז יאָ אָדער נישט לוינבאַר און באַקוועם פאַרן קאָמוניזם.

די פירער פונעם וועלט־קאָמוניזם קענען אַרויפצווינגען זייער אַבסאָלוטע דיסציפלין אויף די אין אים אָנגעשלאָסענע באַוועגונגען, נאָר דעמאָלט, ווען די באַוועגונגען אַנולירן ביי זיך מיט איין מאָל אָדער בהדרגה, די פרייהייט פונעם מענטש. וואָס פאַר אַ ווערט האָט די דיסציפלין אין אַן אָרגאַניזאַציע, אויב די מיטגלידער האָבן אַ רעכט צו אַפּעלירן קעגן אַ פּסק־דין פון די מאַכטהאָבערס אין דער קערפּערשאַפט? ווען די קאָמוניסטן קומען צו דער מאַכט אַנולירן זיי דעריבער אויך די פרייהייט פון די בירגער אין דער מדינה, ווייל די פירער פונעם וועלט קאָמוניזם קענען נישט אָנוואַרפן זייער דיסציפלין אויף קאָמוניסטישע מדינות, אויב זייערע בירגער זיינען פריי און זיי קענען זיך אַנטקעגנשטעלן דער דיסציפלין.

דאָס יידישע פאָלק, אָבער, קען אָן פרייהייט נישט פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. די יידן זיינען נישט ביכולת צו אַפּעלירן קעגן אַ באַשלוס צו פאַרמאַכן די טויערן און קעמפן פאַר דער יציאה פון יידן ביי אַ רעזשים, וואָס האָט אָפּגעשאַפט ביי זיך די פרייהייט. ביי אַזאַ פרייהייטלאָזן רעזשים, וועלכער רייסט איבער דעם קשר צווישן די יידן וואָס לעבן אין זיין תחום און זייערע איבעריקע ברידער אויף דער וועלט, זיינען אויסזיכטלאָז די יידישע פאָדערונגען די דאָזיקע פאַרבינדונגען צו באַנייען.

אונדזערע חלוצים האָבן דערגרייכט וואָס זיי האָבן דערגרייכט אין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן געטראָגן אין זיך די פולע פרייהייט צו זוכן וועגן ווי צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק פון דעם אורטייל פון די פאַרשיידענע פוסקים, וועלכע האָבן אָפּגעפּסקנט אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק

פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, פון די רעוואָלוציאָנערע פּוסקים, אָנהייבנדיק פון מאַרקסן און ענדיקנדיק ביי סטאַלין, פון די מענטשן אין ערשטן אינ־טערנאַציאָנאַל ביז די מנהיגים פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז געשען נאָר דערפאַר, ווייל אונדזערע חלוצים האָבן געהאַט דעם כוח צו רע־וואָלטירן און אָפּפרעגן די סמיכות פון די אַלע פּוסקים. ווען זיי וואָלטן זיך דערצויגן אויסצופירן באַפעלן פון אימעצן חוץ דעם רוף פון זייער ציוניס־טישן געוויסן, וואָלטן זיי זיך געפירט ווי אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערן. ס׳וואָלט אין זיי נישט געווען דער כוח עולה צו זיין און צו בויען טראָץ אַלע פאַרבאָטן און באַיקאָטן פון די פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלן און זיך אַנטקעגנצושטעלן אַרמייען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון אַ מעכטיקער סאָציאַליסטישער רעגירונג.

פונקט אַזוי איז אויך אין דער מחנה אינעווייניק. מיר האָבן געהאַט דעם כוח איבערצוגיין פון דעם בוי־פאַרמעסט אין דער תקופה פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צום פאַרמעסט און צו די פאָרמען נאָך איר, ווייל די מענטשן פון דער דריטער און פערטער עליה זיינען געווען פריי צו רע־וואָלטירן קעגן דעם אָנגענומענעם, — אויפצושטעלן דעם גדוד העבודה, ראַנגלען זיך מיט זיינע פעלערן און שאַפן דעם קבוץ המאוחד; צעברעכן די ראַמען פון עקזיסטירנדיקע פאַרטייען און אויפשטעלן אַ געמיינזאַמע פאַר־טיי פאַרן גאַנצן קלאַס; גרינדן דעם „השומר״, די „הגנה״, אאַז״וו, אאַז״וו. אין לאַנד שטראָמען אַריין יידן פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן, פון פאַר־שיידענע רעזשימען, פון פאַרשיידענע קולטורן, און דו האָסט נישט אַ ווערק אויף דער וועלט וואָס זיינע פּלענער און די וועגן פאַר זייער פאַר־ווירקלעכונג ווערן באַשטימט דורך דער דעצידירטער אַרבעט פון כלל און דורך זיינע אומאויפהערלעכע זוכענישן, ווי עס איז דאָס ציוניסטישע ווערק. דער ציוניזם ווערט פאַרווירקלעכט נישט נאָר דורך דעם רבים, נאָר אויך דורך די מחשבות פון רבים, וואָס ווערן געשפּייזט פון דער פּראַקטי־שער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג־אַרבעט, פון דער כסדרדיקער באַרירונג פון דעם אַרבעט־מענטש מיט דער נאַטור און לעבן אַרום זיך, מיט זיינע שוואַכקייטן און עמאָציעס, זיינע אייגענע עליות און ירידות. נעם אַוועק פון דעם יידן זיין פרייהייט, די פרייהייט פון כלל צו טראַכטן, צו זיין איניציאַטאָרן און רעוואָלטירן קעגן דעם אָנגענומענעם, און דו האָסט אַוועק־גענומען פון אים דעם אינסטרומענט צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם.

ציוניזם הייסט ציוניסטישע אויטאָריטעט, וואָס מיינט די מעגלעכ־קייט, אין יעדער צייט, אין יעדן אָרט, און אין יעדן וויכטיקן ענין, צו אַנטשיידן נאָר לויטן ציוניסטישן ווערט, ווייל ס׳איז כמעט נישטאָ קיין

וויכטיקער ענין אין דער וועלט, וואָס אונדזער באַציאונג צו אים איז נישט עלול צו באַאיינפלוסן אונדזער ציוניסטישער אָנשטרענגונג צום גוטן אָדער צום שלעכטן. דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַ וועלט־אימפּעריע און מיט דער הילף פון קאָמוניזם וואַרפן זיך אונטער דער הערשאַפט פון זיינע נויטן די אַלע, וואָס שטיצן אים אין יעדן אָרט און אין יעדער זאַך. אָבער דאָס יידי־שע פאָלק איז אַ וועלט־פאָלק, דאָס צונויפזאַמלען זיינע גלותן איז אַ ווערק, פון וועלט־מאָסשטאַב און דער ציוניזם האָט נישט קיין אַנדער וועג ווי נאָר אַרויפצווינגען אויף די ציוניסטן אין אַלע ערטער די דיסציפּלין פון זיינע נויטן, די נויטן פון יידישן פאָלק. אויסער אין איינצלנע פאַלן, זיינען די פליכטן וואָס דער קאָמוניזם לייגט אַרויף אויף זיינע מענטשן, קעגנזעצלעך צו די נויטן פון ציוניזם, סיי אין יידישע און סיי אין אַלגעמיינע ענינים. דער ייד דאַרף אַנטשיידן: וועמענס דיסציפּלין נעמט ער אָן?

דער ציוניזם לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער ראַם פון אויבער־הערשאַפט פונעם וועלט־קאָמוניזם, ווייל דער ציוניזם הערט אויף צו עק־זיסטירן אויב ער אַליין איז נישט די הערשנדיקע אויטאָריטעט. אַ ציוניסט וואָס איז מוותר אויף דער אַבסאָלוטער ציוניסטישער אויטאָריטעט לטובת דער אויטאָריטעט פון אַנדערע, איז ער מוותר אויפן ציוניזם. פאַרן יידישן פאָלק עקזיסטירט נישט קיין סוראָגאַט פאַר דער פולשטענדיקער פרייהייט פון דעם מענטש אין אים. די דאָזיקע פרייהייט איז דער מקור פון קראַפט פונעם פאָלק, זיין קוואַל פון מעגלעכקייטן אויסגעלייזט צו ווערן. אַ ציו־ניסט וואָס איז מפקיר זיין פרייהייט פאַר אַנדערע, איז מפקיר זיין מעג־לעכקייט צו טאָן פאַרן ציוניזם.

די פירער פונעם וועלט־קאָמוניזם האָבן נישט אנערקענט די מפּ״ם, און זי געפינט זיך מחוץ פון זייער מחנה. אָבער דאָס יאָגן זיך פון די פאַרטיי־מנהיגים נאָך דער קאָמוניסטישער אנערקענונג, און די באַמיאונג אים צו באַווייזן טרייקייט, בינדן זייערע הענט און די הענט פון זייערע סימפּאַטיקער אויפן שטח פון ציוניסטישער אַרבעט, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין הילף־אינסטרומענטן, וואָס ווערן אויסגענוצט דורך די קאָמוניסטן כדי צו שעדיקן די מערכה פון קבוץ־גלויות.

קיבוץ־גלויות און סאָציאַלע גלייכקייט

די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד ווילן מיט זייער רעזשים באַהערשן די גאַנצע וועלט. זיי שטעלן די מענטשהייט פאַר דער ברירה — די אויסשליסלעכע מאַכט פאַר די, וואָס זיינען מקיים זייער רצון ווי דער וועג צו באַפרייאונג, אָדער אַבסאָלוטע פאַרקנעכטשאַפט צום קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם. ס׳איז פאַראַן אַן אונטערשייד און אפילו אַ שטאַרקער קעגנזאַץ צווישן די שטרעבונגען פון ראַטנפאַרבאַנד און די שטרעבונגען פונעם מערב־אימפּעריאַליזם, אָבער אין זייערע אָנשויאונגען איז פאַראַן אַן ענלעכקייט: אויך די גרויס־קאַפּיטאַליסטן אין דער וועלט און זייערע וואָרטזאָגער דרשענען צו די פעלקער וועגן נאָר צוויי מעגלעכקייטן — פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליזם און זיין הערשאַפט, אָדער אונטערטעניקייט צו די פירער פון וועלט־קאָמוניזם. די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד כאַפּן זיך אָן, דער עיקר, אין די אונטערדריקטע פעלקער פון דער קאָלאָניאַלער און האַלב־קאָלאָניאַלער וועלט, וועלכע שטרעבן זיך צו באַפרייען פונעם יאָך פון קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם. די מערב־הערשער באַמיען זיך אָנצוהאַלטן אין די פעלקער פון אייראָפּע און אַמעריקע, וועלכע שרעקן זיך פאַרן גורל פון זייער מענטשלעכער פרייהייט און זעלבסשטענדיקייט און שטרעבן זיך צו פאַרטיידיקן קעגן קאָמוניזם, וואָס נעגירט די דאָזיקע ווערטן. ביידע צדדים, וואָס יעדער איינער פון זיי וויל הערשן איבער דער גאַנצער וועלט, זעט גאָרנישט מער פאַר זיך ווי נאָר זייערע אייגענע אינטערעסן, אַלע אַנדערע פעלקער זיינען אין זייערע אויגן נישט מער ווי אַן אָביעקט און אינסטרומענט אין זייערע צאַנקערייען. די וואָרט־זאָגער פון איינעם אָדער אַנדערן בלאָק שילדערן די מענטשהייט אין אונדזער צייט גלייך זי וואָלט געווען צעטיילט בעיקר נאָר אויף צוויי טיילן — די וואָס שטיצן דעם קאָמוניזם פון ראַטנפאַרבאַנד פון איין זייט, און די חסידים פון קאַפּיטאַליזם פון אַמעריקע פון דער אַנדערער זייט. די ווינציקע, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אָנגעשלאָסן אין איינעם פון די טיילן וועלן סוף־כל־סוף זיך אויך אָנשליסן אָדער צעריבן ווערן צווישן זיי. אין רשות פון ביידע קעמפערישע לאַגערן געפינען זיך כוחות און אינסטרומענטן צו באַווירקן וועלט־אָנשויאונגען, וואָס אַזוינס איז נאָך נישט געווען, — שרייבער און קינסטלער, וויסנשאַפטלער און גייסטלעכע, צייטונגען און דערציִאונג־אינסטיטוציעס, קאָנגרעסן און מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ראַדיאָ און קינאָס. זיי באַמיען זיך איינצוקנעלן זייער באַליבטע תורה, אימפּאָנירנדיק דורך אַלע

וועגן און מיטלען איר הערשאַפט. מיליאָנען מענטשן געווייִנען זיך צו צו זען די וועלט מיט די אויגן פון די מעכטיקע און הערשער, — פון די פי־רער פון דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם פון איין זייט און קאַפּיטאַליסטישן אימ־פּעריאַליזם פון דער צווייטער זייט, — און באַציִען זיך צו די אָנשויאונגען, וואָס מ׳האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען גלייך זיי וואָלטן געווען זייערע אייגענע. אָבער די ווירקלעכקייט איז נישט אידענטיש נישט מיט דער באַ־צייכענונג און נישט מיט די אָנשויאונגען.

אַ סך פעלקער אין אונדזער דור האָבן רעוואָלטירט און רעוואָלטירן נאָך קעגן די אונטערדריקונג־רעזשימען פון אימפּעריאַליזם און קאַפּיטאַ־ליזם. אייניקע פון זיי שוואַכע און מער אָפּגעשטאַנענע, האָבן מוותר געווען אויף זייער פרייהייט און אויף זייער מענטשלעכער פרייהייט לטובת די פירער פון וועלט־קאָמוניזם ווי אַ באַלוינונג פאַר דער הילף, וואָס איז זיי פון דעם צד געגעבן געוואָרן. זיי האָבן עס געטאָן בלית־ברירה. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס וואַרטן אויפן טאָג, אין וועלכן זיי וועלן זיך באַ־פרייען אויך פון דעם יאָך. ווער ס׳האָט כוח, ראַנגלט זיך פאַר זיין פולער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פרייהייט קעגנאיבער די מערב־ און מזרח־הערשער מיטאַמאָל. אינדיע האָט זיך באַפרייט פון דער ענגלישער אימפּע־ריאַליסטישער הערשאַפט; זי דערמוטיקט דעם קאַמף פון אַנדערע אַזיאַ־טישע פעלקער קעגן אימפּעריאַליזם, אָבער זי האָט אויך זיך נישט גענו־מען דעם דיסציפּלינאַרן יאָך פון די קאָמוניסטישע פירערס, נאָר זי באַ־קעמפט זיי. כינע האָט זיך באַפרייט פון דער אָפּהענגיקייט פונעם מערב־אימפּעריאַליזם און זיינע מיטהעלפער. זי בויט איר ניי לעבן אויף יסו־דות פון מער גערעכטיקייט און סאָציאַלער גלייכקייט, און די קאָמוניסטי־שע פאַרטיי וואָס שטייט אין איר שפּיץ זוכט צו דערגרייכן די פולע ליק־ווידאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם אין כינע, אָבער אַ סך פון אירע וויכטיקע פירער ראַנגלען זיך אָפּצוהאַלטן, אַז די קעפּ פון ראַטנפאַרבאַנד זאָלן באַ־הערשן זייער לאַנד. און די פעלקער פון אינדיע און כינע באַטרעפן נאָענט פון אַ ה ע ל פ ט פ ו ן ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך פאַרברייטערט די איינ־פלוס־גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד אין איראָפּע, און צום סאָוועטישן בלאָק זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן די שכנותדיקע לענדער פון רוסלאַנד. די פּאָ־ליטיק פון די פירער פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַרויפצוואַרפן אויף די דאָ־זיקע לענדער זייער אַבסאָלוטע דיסציפּלין. זיי רעאַליזירן די דאָזיקע פּאָ־ליטיק זייערע עקשנותדיק און אויסגעהאַלטן, אָבער טרעפן זיך אויך אָן אויף האַרטער קעגנערשאַפט. דאָס פאָלק פון פינלאַנד האָט באַוויזן אין אַ

גרויסער מאָס צו באַפרייען זיך פון דעם נייעם יאָך פון אָפּהענגיקייט און ער היט אָפּ זיינע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און די פרייהייט פונעם מענטש ביי זיך אין לאַנד. אין די לענדער פון די פאָלק־דעמאָקראַטיעס הערשט אַ דיקטאַטאָרישער רעזשים, וואו דער ווילן פון די בירגער קומט נישט צום אויסדרוק ביי די אָפּשטימונגען; אָבער די שטראָף־עקספּעדיציעס, וואָס הערן נישט אויף, זיינען סמנים פון שטאַרקער יערונג צווישן די באַפעלקערונגען און אויך אין די קאָמוניסטישע קרייזן. אין די גרענעצן פון דער סאָוועטישער השפעה אין אייראָפּע איז נישטאָ קיין איין מדינה, וואו עס זיינען נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין מאַסן־אַרעסטן צווישן די קאָמוניסטן גופא, בעת די הויפּט־מנהיגים פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיינען, אין זייער גרעסטן טייל, אַרעסטירט אָדער פאַרמשפט צום טויט. אין יוגאָסלאַוויע איז די רוסישע שליחים נישט געלונגען צו דערשטיקן דעם רעוואָלט קעגן זיי און קעגן זייער הערשאַפט, און ס'איז דערגאַנגען דאָרט צו אַ קריזיס. יוגאָסלאַוויע האָט דורכגעבראָכן די ראַם פון מזרח־בלאָק און איז פון אים אַרויס. די צאָל יוגאָסלאַווישע קאָמוניסטן וואָס שטרעבן מיט גוטן ווילן צו אנערקענען די אויטאָריטעט פון דער רוסישער רעגירונג צו הערשן אין יוגאָסלאַוויע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייער נישטיקע.

***

ביי אַ סך פעלקער שטייגט די קעגנערשאַפט צום קאָמוניזם, וועלכער גראָבט קעגן זייער זעלבסטשטענדיקייט און מענטשלעכער פרייהייט באַמיענדיק זיך אַרויפצוצווינגען אויף די פעלקער די דיקטאַטאָרישע הערשאַפט פון די רוסישע פירער. עס שטאַרקט זיך אָבער אויך די שטרעבונג צו באַפרייען די קאָנסטעלאַציע פון דער פאַרבינדונג און אָפּהענגיקייט אין קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם, וואָס זוכט צו פאַרוואַנדלען די מלחמה קעגן קאָמוניזם פאַר אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע־רעזשימען אויף דער וועלט.

אין די סקאַנדינאַווישע לענדער באַמיען זיך די אַרבעטער־פּאַרטייען צוצוציען די אַנטשיידנדיקע מערהייט פון פאָלק צום דעמאָקראַטישן וועג פון סאָציאַליזם, און זייער קאַמף קעגן קאָמוניזם איז באַגלייט פון אַן ערלעכן געראַנגל פאַר אומאָפּהענגיקייט אויך פון דעם מערב־אימפּעריאַליזם. דעם שוועדישן פאָלק איז נישט ווייניק געלונגען אויף דעם וועג און ער טרעט פון אים נישט אָפּ, טראָץ דעם גרויסן דרוק פוןביידע זייטן.

ווען די לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט, האָט געהערשט צווישן איר די מיינונג, אַז זי וועט קענען היטן די פולע

פרייהייט פון פאָלק, עוסק זיין פאַרן פאַרווירקלעכן פון סאָציאַליזם אין לאַנד און גלייכצייטיק הערשן איבער אַנדערע פעלקער, איבער די פאַרשידענע קאָלאָניאַלע לענדער. אָבער אין אונדזער צייט איז פאַראַן אַ קעגנזייטיקע השפּעה צווישן די פאַרשיידענע וועלט־טיילן מער ווי אין יעדער פריערדיקער תקופה. די דערוואַכונג צום קאַמף פאַר גלייכקייט, וואָס האָט דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד געבראַכט צו דער מאַכט, האָט אויך דערהויבן די פאָלקמאַסן אין דער קאָלאָניאַלער און האַלב־קאָלאָניאַלער וועלט פאַר זייער באַפרייאונג־קאַמף. מ'קען שוין מער נישט הערשן איבער זיי מיט דער הילף פון אַ ביסל באַאַמטע און אַ קליינער קאָלאָניאַלער אַרמיי. די קאָלאָניאַלע הערשאַפט פון דער לייבאָר־רעגירונג איז געוואָרן אין אַן אַלץ־וואַקסנדיקער מאָס אָפּהענגיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווייל יענע האָבן איר צוגעשטעלט אַ גרויסן טייל פון די נייטיקע מיטלען אין קאַמף מיט די רעוואָלטירנדיקע פעלקער אין די קאָלאָניעס. אָבער די גרויס־קאַפּיטאַליסטן, וואָס זייער השפּעה אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז שטאַרק, האָבן נישט איינמאָל געפאָדערט ווי אַ תנאי פאַר זייער ווייטערדיקער הילף דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל אָפּשטעלן אירע סאָציאַלע רעפאָרמען. די אונטערדריקונג־מעשים כלפּי די אַנדערע פעלקער זיינען באַגלייט געוואָרן פון דער סכנה, אַז די פרייהייט פון ענגלישן פאָלק גופא, זאָל באַגרענעצט ווערן. פון דער אַנדערער זייט האָט דער המשך פון דער קאָלאָניאַלער עקספּלאָטאַציע־פּאָליטיק דורך דער לייבאָר־רעגירונג, געווירקט צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון קאָמוניזם אויף דער וועלט. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט פאַרוואַנדלט נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונגען אין אַזיע און אין אַפריקע אין פאַרבינדעטע פון קאָמוניזם. זי האָט אַריינגעשלעפּט דאָס ענגלישע פאָלק אין שווערע קאָלאָניאַלע מלחמות, און דערמעגלעכט די קאָמוניסטן אין ענגלאַנד גופא צו דערשיינען ווי הויפּט־מאַנער זיי אָפּצושטעלן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט פאַרשטאַרקט דעם פּראַצעס פאַר אַ געענדערטע אָפּשאַצונג אין אימפּעריאַלע פראַגן, וואָס איז איצט פאַראַן צווישן דעם ענגלישן אַרבעטער־קלאַס און צווישן דעם גאַנצן ענגלישן פאָלק. די לייבאָר־רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט דעם קאַמף קעגן דער אינדואישער באַפרייאונג־באַוועגונג און האָט איר צוגעטיילט זעלבסשטענדיקייט אויף אַ פרידלעכן וועג. אין קעגנזאַץ צו די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ענגלאַנד פרי אנערקענט די פאָלקס־כינע און שטרעבט זיך צו איר צו דערנענטערן, טראָץ דעם וואָס כינע איז געוואָרן אַ שאַרפער שונא פון אימפּעריאַליזם. ס'פילט זיך אַ טענדענץ פאַר אַן ענלעכער ווערטן־איבערשאַצונג צווישן אַנדערע אימפּעריאַלע פעלקער אין אייראָפּע און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

***

ס'איז נישטאָ אין דער וועלט קיין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל קאָאָר־דינירן און פאַראייניקן דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע רעוואָלטירנ־דיקע און זיך באַפרייענדיקע. די קאָמוניסטישע אינטערנאַציאָנאַלן דינען דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק און ווילן אַרויפצווינגען אויף דער מענטשהייט די הערשאַפט פון די רוסישע פירער און זייער רעזשים, וואָס אונטערדריקט די מענטשלעכע פרייהייט. די סאָציאַליסטישע אינ־טערנאַציאָנאַלן זיינען געבונדן מיט דער אימפּעריאַליסטישער מערב־פּאָ־ליטיק, און עס שטייט אַ מויער פון האָס צווישן זיי און אַ סך קאָלאָניאַ־לע פעלקער. ס'איז איצט פּאַקטיש, נישטאָ קיין פרייע שותפות־אָרגאַני־זאַציע פון קעמפער פאַר פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג צוזאַמען, אַמאָל קעמפט גאָר איינער מיטן אַנדערן. אָבער ס'עקזיסטירט אויך דאָ אַ קעגנזייטיקער איינפלוס אין זייערע קאַמפן. דער אויסגעהאַלטענער קאַמף פון אינדישן פאָלק פאַר אַבסאָלוטער זעלבסשטענדיקייט, האָט געשטאַרקט דעם כוח פון די ענגלישע סאָציאַליסטן קעגן דער אימפּעריאַ־ליסטישער פּאָליטיק פון ענגלאַנד, און האָט אַ סך צוגעאיילט דעם באַ־שלוס פון דער לייבאָר־רעגירונג אָפּצוזאָגן זיך פון דער מאַכט איבער אינדיע. פון דער צווייטער זייט, האָט די דערהויבונג פון ענגלישן אַר־בעטער צו אַ העכערער שטופע פון יושר און צדק, געהאָלפן דעם ווידער־שטאַנד פון אינדישן פאָלק קעגן אימפּעריאַליזם און קאָמוניזם גלייכ־צייטיק און געשטאַלטיקן די נייע אינדיע ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה, וועלכע קעמפט אין אַזיע פאַר מענטשנרעכט, פאַר פרייהייט צוזאַמען מיט סאָציאַלער דערהייבונג.

די יידישע מלחמה איז געווען די מלחמה פון אַ קליינעם פאָלק אין צאָל אויף אַ קליינעם וועלט־טייל, אָבער אויך זי האָט מיט עפּעס גע־האָלפן דעם קאַמף פון ענגלישן אַרבעטער פאַר אַ נייעם און גערעכטערן וועג פון זיין פאָלק און זיין רעגירונג צווישן די פעלקער. זי האָט גע־האָלפן דעם ענגלישן פאָלק צו אַ פּראָצעס פון דערהייבונג און צו אַ באַציאונג פון מער כבוד און פאַרשטענדעניש דירעקט פאַר די נויטן פון יידישן פאָלק און אומדירעקט פאַר די נויטן פון יעדן אַנדערן קליינעם פאָלק. דער טייערער און וויכטיקער צושטייער פון יעדן גערודפטן, אונ־טערדריקטן און עקספּלאָאַטירטן איז לטובת דעם פּראָגרעס און באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַזוי לאַנג ווי ער קעמפט פאַר זיינע רעכט נישט שרעקנדיק זיך פאַר די פאַנען וועלכע עס צעוויקלען זיינע עקספּלאָאַ־טאַטאָרן און אונטערדריקער כאַראַקטעריזירט אין אַרבעטער־קלאַסן —

דערהייבט ער זיך אַליין, און מיט זיין זיג דערהייבן זיך אויך די אַרבעטער פון דעם הערשנדיקן פאָלק.

די פירער פון קאָמוניזם ווייזן אָן אויף דער פאַרטיילונג פון דער מענטשהייט אין צוויי וועלטן, און אויף דער ברירה וואָס שטייט פאַר יעדן פאָלק — זיך אָנצושליסן אין דעם סאָוועטישן בלאָק אָדער זיין אונטערטעניק צום אימפּעריאַליסטישן בלאָק. אָבער דער דאָזיקער פּראָצעס פירט נישט די מענטשהייט צום פּראָגרעס, נאָר פאַרקערט: אַ סך פעלקער אין אַזיע און אַפריקע שמאַכטן אונטער דעם שרעקלעכן יאָך פון עקספּלאָאַטאַציע פונעם אימפּעריאַליסטישן קאַפּיטאַליזם, און אַ סך פעלקער אין אייראָפּע און אַזיע לעכצן אונטער דעם יאָך, וואָס צעברעכט די מענטשלעכע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט אונטער די קאָמוניסטישע רעזשימען. די צוויי „וועלטן" ווילן איינשלינגען די גאַנצע מענטשהייט. וואָס מער זיי דערנענטערן זיך צו זייער ציל, דערנענטערט זיך די סכנה פון אַ דריטער וועלט־מלחמה, אַ מלחמה פון פאַרניכטן און פאַרטיליקן די מענטשהייט.

דער פרייער מענטש אין אונדזער צייט רעוואָלטירט קעגן דער אומגליק־ברענגענדיקער ברירה, צו וועלכער ער ווערט געשטויסן. די באַפרייאונג פון אינדיע, די באַפרייאונג פון ישראל, די קעגנערשאַפט פון די פראַנצייזישע פאָלקמאַסן צו די קאָלאָניאַלע מלחמות פון זייער רעגירונג, די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט פון די מלחמות און פון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק צווישן די אַנגלאָ־זאַקסישע פעלקער, דאָס וואָס יוגאָסלאַוויע האָט זיך אָפּגעריסן פון סאָוועטישן בלאָק, דאָס זידעניש אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, אין די פאָלק־דעמאָקראַטיעס, דער געראַנגל אין דער רעגירונג פון דער פאָלק־כינע פאַר אַן אומאָפּהענגיקן וועג לגבי מאָסקווע — דאָס אַלץ זיינען דורכבראָכן און זייער ערנסטע שפּאַלטן סיי אין דער אימפּעריאַליסטישער און סיי אין דער קאָמוניסטישער וועלט. זיי ווייזן אָן אויף אַ פראָנט און קאָנסאָלידאַציע, פאַרשיידן פון יענע, וועלכע עס באַמיען זיך צו קאָנסאָלידירן די קאָמוניסטן; זיי זאָגן עדות אויף דעם מענטשלעכן רעוואָלט קעגן טיראַניע אין אַלע אירע פאָרמען.

***

די ציוניסטישע באַוועגונג און דער יידישער ישוב אין לאַנד שטייען שוין העכער אַ דור אין אַ טאָפּלטן פראָנט — קעגן די אימפּעריאַליסטישע לויערונגען און קעגן דער אונטערגראָבונג פון קאָמוניזם גלייכצייטיק

טיק. מיר האָבן אויף זיך גענומען דעם יאָך פון דעם טאָפּלטן פּראָנט, ווייל ס׳איז אונדז קלאָר געווען, אַז דאָס שטייגן און פאַלן פון אונדזער ווערק איז אָפּהענגיק פון דער זעלבסטשטענדיקייט און אַבסאָלוטער אַליינבאַשטימונג פון אונדזער באַוועגונג, וואָס קען זיך נישט אונטער־וואַרפן דעם יאָך פון פרעמדע אינטערעסן סיידן אויב זי וועט מוותר זיין אויף דער רעאַליזירונג פון דער ציוניסטישער אידייע. אָבער דער באַ־וואוסטזיין אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג צו פאַרזיכערן דעם נצחון און פאַרשריט. מיר האָבן געקענט אַלע יאָרן שטיין קעגן דעם קאַ־פּיטאַליסטישן אַפּעטיט פון באַהערשן און אפילו אים גובר זיין נישט מפקיר זייענדיק אונדזער פרייהייט לטובת דעם קאָמוניזם און זיינע אַגענטן, נאָר צוליב דעם גאַנץ באַזונדערן כאַראַקטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם וועג אויף וועלכן זי איז געגאַנגען.

די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ באַוועגונג פון חלוצים, פון רעוואָלוציאָנערע קעמפער. אין דעם זין איז זי ענלעך, און עס זיינען ענלעך געווען אירע טרעגער, צו די איבערגעגעבענע קעמפער פון אַנדערע אידעאַליסטישע פרייהייט־באַ־וועגונגען. די און יענע האָבן זיך אַליין און זייער גאַנצן לעבן פאַר־וואַנדלט אין אַן אינסטרומענט צו רעאַליזירן אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענדערונג. אָבער די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל, להיפּוך צו די אַנדערע באַפרייאונג־פּאַרטייען, האָט נישט פאַרבונדן איר גורל מיט דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן די מאַכט אין דער מדינה. אַזאַ מעגלעכ־קייט האָט בשעתו פאַר איר כלל און כלל נישט עקזיסטירט. די יידן זיי־נען געווען ווינציק אין לאַנד, און אנשטאט איין פרעמדע און פיינדלעכע מאַכט האָט נאָר געקענט קומען אַן אַנדער פרעמדע און פיינדלעכע מאַכט. פאַר די רעוואָלוציע־פּיאָנערן פונעם גלות־פאָלק האָט עקזיסטירט נאָר איין האָפענונג און איין אָנהאַלט: די ווייט־מעגלעך גיכע עליה פון אַלע יעניקע, וואָס די ציוניסטישע רעוואָלוציע קומט זיי אויסלייזן, — אַן עליה וואָס דערהייבט אפילו ביי די שווערסטע באַדינגונגען פון דעם עקזיסטירנדיקן אונטערדריקונג־רעזשים. פון די תפוצות האָט גע־שטראָמט ס׳רוב יוגנט וואָס אַלע האָבן זי אָפּגעשטויסן — גויים און יידן, קאַפּיטאַליסטן און אָרגאַניזירטע אַרבעטער, קאָנסערוואַטאָרן און רעוואָלוציאָנערן, — אָבער זי איז געווען דער יסוד פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד. די טויזנטער עולים און חלוצים האָבן זיך אין די אָפּשטאַם־לענדער גערעכנט פאַר אַן „איבעריקן״ שיכט, און זיי זיינען געקומען אין לאַנד אַן גאָרנישט.

די ציוניסטישע באַוועגונג און די פרייע שטאַרקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג זיינען געווען אַ סטימול פאַר זייער אייגענער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און קולטורעלער דערהייבונג, און פאַר דער עליה פון נייע יידישע מאַסן. זיי האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר אַ נייעם לעבן, און געאַרבעט אָן אויפהער אים צו פאַרבעסערן און פאַרפולקאָמערן, ווייל זיי זיינען געווען פריי, ווייל זיי האָבן געקענט רעוואָלטירן קעגן דעם אָנ־גענומענעם און באַנייען מעשה בראשית מיט זייער אייגענער איניציאַ־טיוו, מיט זייער אייגענעם שעפערישן דענקען. אָן דעם וואָלטן זיי דער־גאַנגען צו אַ מדרגה פון שפלות. זיי האָבן דירעקט געפילט און געזען, וואָס עס ברענגט מיט זיך די פאַרגעטערונג פון פרייהייטלאָזן קאָמוניס־טישן רעזשים, וואָס איז אויפגעקומען דאָ און דאָרט אין דעם ציוניסטישן אַרבעטער־לאַגער און וואָס די אָפט אַנטדעקטע גרינגשעצונג צום פריי־הייט־געדאַנק ביי אונדז איז עלול צו טאָן דעם ציוניסטישן אויפבוי־ווערק.

זיי זיינען געשטאַנען ווי אַ מויער קעגן קאָמוניזם, און זיינען גע־ווען די זיכערסטע אַרמיי קעגן זיין פּאָליטיק פון אונטערגראָבן. ס׳איז געווען אין לאַנד אַן אַנטי־ציוניסטישער קאָמוניזם, וואָס האָט געשטאַמט פון גייסטיקער קעגנערשאַפט און מאָראַלישער געפאַלנקייט. ס׳איז גע־ווען אַ ציוניסטישער קאָמוניזם, וואָס איז געוואַקסן איזאָלירט פונעם כלל, און גאַווהדיקער האַלטונג לגבי די פאָלקמאַסן. אַ קאָמוניזם פון ענגן צעכיזם, וואָס האָט געזוכט אַ סוראָגאַט צום חלוציזם. פון פאַרגעטערן די ווייטע רעוואָלוציע, וואָס פאָדערט נישט קיין ערנסטן קרבן. אַ קאָמוניזם פון מאַכט־אינסטינקטן און האָפענונג צו דערגרייכן הערשאַפט צוליב די נצחונות פון ראַטנפאַרבאַנד. אָבער די אַלע האָבן קיינמאָל נישט קאָנ־צענטרירט אַרום זיך מער ווי קליינע גרופּן, און זייער איינפלוס איז גע־ווען זייער אַ רעדוצירטער. דער קאָמוניזם איז ביי אונדז געוואַקסן, בעיקר, מחמת סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע טעמים, און ס׳איז אומזיסט געווען זיין זוכן פאַר זיך אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן יסוד. די ניט־באַזיצנדיקע ביי אונדז, די צום מערסטן דערנידעריקטע, זיינען געשטיגן און זיך דערהויבן ווען אונדזער ציוניסטישע באַוועגונג, די פרייע און אַליין־באַשטימענדיקע, איז פאַר זיי געווען אַן עיקר־געווער אין זייער געראַנגל. אין דער תקופה פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען ווי אַ הוראגאַן דורכגעלאָפן אין אייראָפּע און מחוץ פון איר, די אומאויפהערלעכע שפּאַלטונגען אין גרויסע און איינגעוואָרצלטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, כדי זיך אָנצו־שליסן אין קאָמינטערן. די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד איז געווען

צווישן די ווינציקע, וואָס האָט זיך פּאַקטיש נישט געשפּאָלטן, נישט פאַרן אַנטיציוניסטישן קאָמוניזם און אויך נישט פאַרן ציוניסטישן קאָמור־גיזם. מאַסן חברים האָבן אָפּגעהיט איר פרייהייט, איר גאַנצקייט און פּירנדיקע ראָל. די חברים וואָס האָבן זיך דערהויבן פון דער טיפעניש פון יידישע ליידן און צער און זיינען אין אָט־דעם אויפשטייג געווען די פּאָק־טישע פאָרמירער פונעם געשטאַלט און וועג פון דער באַוועגונג.

***

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער רוב־מנין און רוב־בנין פון די עולים קיין ארץ־ישראל געקומען פון די אייראָפּעאישע גלותן. אין מיטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער שווער־פּונקט אַריבער אין די מער אָפּגעשטאַנענע גלותן. ס׳ווערט גרעסער די צאָל נייע עולים, וועל־כע קומען פון לענדער אָן וועלכן ס׳איז געזעלשאַפטלעכן לעבן און מאָ־דערנער בילדונג. פאַר די הונדערטער טויזנטער נייע עולים איז זייער שווער זיך דורכצובורעכן אַ וועג אין דעם זודיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מדינת־ישראל. זיי דרינגען נישט אַריין אין אַ גענוגנדיקער מאָס, מיינסטנס דרינגען זיי בכלל נישט אַריין, אין דער אָנפירונג פון די גע־זעלשאַפטלעכע ענינים. זייערע נויטן זיינען על־פי־רוב פאַרטראָטן, אומ־דירעקט, דורך עסקנים אָדער באַאַמטע פון דעם עלטערן ישוב, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט די ענינים פון אַבסאָרבירונג. דער סדר פון דעם דע־מאָקראַטישן לעבן אין ישראל גיט אַ מעגלעכקייט יעדן שיכט צו באַ־איינפלוסן און אַנטשיידן דעם גאַנג פון די ענינים וואָס זיינען אים נוגע. דער עלטערער ישוב נוצט פולשטענדיק אויס די דאָזיקע מעגלעכקייט, דאַקעגן פעלט ס׳רוב די מאַסן עולים די נייטיקע מעגלעכקייט און פעאי־קייט דערצו. דאָס געזעץ פאַרזיכערט יעדן יידן וואָס איז עולה אין לאַנד פולע און גלייכע רעכט, אָבער דער דרוק און דער דירעקטער איינפלוס אויף די אויספיר־אָרגאַנען אין דער מדינה, אין דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, אין דער הסתדרות — זיינען פאַקטיש איינזייטיק. די אָרגאַני־זאַציעס פון די פאַבריקאַנטן, הענדלער, פּלאַנטאַטאָרס, האַנטווערקער, נעמען אַרום איבערהויפּט מענטשן פון אַלטן ישוב, און זיי האָבן אַ די־רעקטע און אַנטשיידנדע דעה אין אַלע שטחים. און דאָס זעלבע אויך אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די וויכטיקסטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציעס נעמען אַרום בעיקר אַרבעטער פונעם אַלטן ישוב, אין זייערע לייטונגען פעלן אין אַלגעמיין עולים וואָס זיינען ערשט נישט לאַנג גע־קומען. דער קאָלאָסאַלער איינפלוס פון דער הסתדרות אויף דעם גאַנג

פון די ענינים אין ישראל, איז אין דער ערשטער ריי, דער איינפלוס מער פון די אַרבעטער־ותיקים, וועלכע זיינען פאַרהעלטנישמעסיק איינגעאָרדנט און גוט סיטואירט.

דער עצם קיום פון יעדן יידן אין ארץ־ישראל, הענגט אָפּ, אין דעם פאַרווירקלעכונג־טעמפּאָ פון דער ציוניסטישער וויזיע. אָבער דער איינגעזעסענער אין לאַנד, אויך דער עלטערער אַרבעטער וואָס איז אַ פאַכמאַן און האָט אַ שטענדיקן אַרבעט־אָרט, האָט זיין אייגענע דירה, אַ נחלה — האָט אין דעם ווייניקער געפיל ווי דער נייער עולה וואָס האָט גאָרנישט, וואָס דער ציוניסטישער אויפבוי שאַפט פאַר אים דעם יסוד פאַר אַ דיי־רעקטן קיום. דער עלטערער אַרבעטער, דער איינגעאָרדנער, אים איז אָפט שווער גובר צו זיין די ענגע עגאָאיסטישע אינטערעסן, און זיי ברעכן אַמאָל אויס ווי אַ פאַקטאָר וואָס באַשווערט דעם טעמפּאָ און רעאַליזי־רונג פון אונדזער ווערק. אַזוי לאַנג ווי די נייע מאַסן עולים זיינען גע־ווען פולע שותפים צום אייגנטום און אַנטשיידענעם איינפלוס אין אַלע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, זיינען זיי געווען דער „קעגן־אינ־טערעס״, וואָס מיט זיין הילף האָט די באַוועגונג גובר געווען דעם „אינ־טערעסנטום״ פון די איינגעאָרדנטע, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט באַ־וויזן. איצט, ווען דער דירעקטער איינפלוס פון הונדערטער טויזנטער נייע עולים איז זייער קליין אין פאַרגלייך מיט זייער צאָל און באַזונדערע צאָלרייכע נויטן, איז דער קאַמף פון דער באַוועגונג מיט דעם אַלץ־וואַקסנדיקן אינטערעסן־גייסט פון די איינגעאָרדנטע געוואָרן זייער שווער.

זינט ס׳איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל ווערן אין לאַנד געמאַכט מעשי־בראשית אין אַ טעמפּאָ און פאַרנעם, וואָס מיר האָבן נישט פאָראויסגעזען. דאָס ווערט בעיקר געטאָן דורך די הענט פון נייע עולים, וועלכע דרינגען אַריין אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער און באַשעפטיקן זיך מיט די שווערסטע אַרבעטן, כדי גובר זיין די וויסטעניש און זי אויפ־לעבן. אָבער די גרויסע מערהייט פון די נייע עולים — יידן פון תימן, פון מאַראָקע, פון רומעניע, פון איראַק — קענען נישט דערפילן די אויפ־גאַבן פון פאַך־אַרבעטער, באַאַמטע, לערער, דאָקטוירים, הענדלער, אינ־דוסטריעלער אאַז״וו. ס׳פעלט זיי דערצו די מיטלען, די בילדונג און די דערפאַרונג. די מענטשן פון אַלטן ישוב זיינען אין דער היינזיכט אין דער ראָלע פון „איינציקן אונטערנעמער״ צו רעאַליזירן די אויפגאַבע פון קבוץ־גלויות און בנין־הארץ, נוצן זיי אויס, אָפטמאָל, אין אַ זייער גרוי־סער מאָס דעם פאַקט, אַז זיי זיינען דער „איינציקער אונטערנעמער״. זיי

מאַכן די אַרבעט פאַר אַ זייער טייערן פּרייז, וועלכן דאָס פאָלק קען נישט ביישטיין. דאָס גראָבט אונטער די אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ פון גאַנצן ישוב, אָבער די ערשטע געליטענע, די דירעקטע, וואָס ליידן צום מיינסטנס זיינען די מאַסן נייע עולים. אַ גרויסער טייל פון ישוב פאַר־דינט אָפּט אַ סך און זיין לעבנסטאַנדאַרט איז הויך, טראָץ דעם וואָס זיין אַרבעט־פּרוכט איז נישט גרויס. דאָס קען געמאָלט זיין איבערהויפּט, ווייל אַ קאָנטיקער טייל פון אונדזער פאַרמעגן ווערט אויפגעגעסן, אָנ־שטאָט ער זאָל אינוועסטירט ווערן אין ווייטערדיקן בוי און ווייטערדי־קער אַנטוויקלונג, אנשטאט ער זאָל אינוועסטירט ווערן אין באַזעצן און פאַרוואָרצלען פון נאָך צענדליקער טויזנטער עולים. ס׳איז פאַראַן אַ קאָ־לאָסאַלער אונטערשייד צווישן די לעבנסבאַדינגונגען פון דער מערהייט פון אַלטן ישוב אין זיינע פאַרשיידענע שיכטן, און צווישן די לעבנס־באַדינגונגען פון הונדערטער טויזנטער עולים אין די מחנות, אין די מעברות און אויך אין די נייע ישובים.

די געקומענע פון די גלותן פון אַזיע און אַפריקע און אויך אַ טייל פון אייראָפּע, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן קיינמאָל נישט גע־פילט דעם טעם פון אַזאַ רעזשים און דעמאָקראַטישן לעבנשטייגער. זיי האָבן צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט אַזאַ אָרדענונג אין ישראל. די מדינה האָט זיי צוגעטיילט אַלע רעכט און פּאָליטישע פרייהייטן. אָבער זיי לעבן אין זייער שווערע באַדינגונגען, זייער עקזיסטענץ איז נישט קאָנסאָלידירט. אָפּט ווייסן זיי נישט וואָס וועט זייער פּרנסה זיין מאָרגן. ס׳איז פאַראַן אַ שרייענדיקער אונטערשייד צווישן די לעבנסבאַדינגונגען פון די און פון אַנדערע, טראָץ דעם וואָס אין ישראל הערשט אַן אַבסאָ־לוט דעמאָקראַטישער רעזשים. זיי זעען נישט דעם נוצן וואָס מ׳קען אַרויסציען פון די רעכט און דעמאָקראַטישע פרייהייטן. זיי קענען זיך מיט זיי נישט באַנוצן אויף צו לייזן זייערע שווערע פּראָבלעמען, צו זיין שותפים ממש אויף דער באַלעבאַטישקייט פון דער מדינה און פון דער באַוועגונג, און צו זיין בעלי־בתים פון זייער אייגענעם גורל. זיי זיינען ווייטער באַעוולט, שוין זייענדיק בירגער פון דער פרייער יידישער דע־מאָקראַטישער מדינה. אַזאַ צושטאַנד מוז ברענגען גלייכגילט צו פריי־הייט און אויך גרייטקייט זי איבערצוגעבן אין די הענט פון דעם, וועך ס׳וועט פאַרזיכערן אנשטאט איר די מעגלעכקייט פון עקאָנאָמישער שטייגונג. ס׳וואַקסט אַ שיכט אין ישוב, אַ גרויסע פאָלקשיכט, וואָס איז עלול אַרויסצוגעבן פון זיך קאָמוניזם, וואָס נעגירט פרייהייט, אַ קאָמור־ניזם, וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט געקענט און וואָס שטאַמט פון סאָ־ציאַלער דערנידערונג און באַליידיקונג.

**
*

דער שווער־פונקט פון דעם געראַנגל צווישן דעם מזרח־בלאָק און דעם מערב־בלאָק איז אין די לעצטע יאָרן, אין אַ גרויסער מאָס, אַריבער־געגאַנגען קיין אַזיע.ביידע צדדים האָבן פאַרשטאַרקט זייערע אָנשטרענגונגען, כדי צו עקספּלאָאַטירן פאַר זייערע צוועקן יעדן פונק פון כוח און יכולת אויף דעם קאָנטינענט. פיל אַזיאַטישע פעלקער האָבן נישט קיין מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן פאַר זייער אייגענער היים, ווייל זיי זיינען פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכטפעלד צווישן די וואָס טוען דעם ווילן פון איין גרויסמאַכט און די משרתים פון דער צווייטער גרויסמאַכט.

די וואָס רייסן זיך איבער דער הערשאַפט אויף דער וועלט זיינען נישט גענויגט דורכצולאָזן אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט גענייטיקט אין אַ נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע און אַבסאָלוטער פרייע טעטיקייט, מער ווי אין אונדזערע היינטיקע טעג. דאָך, איז דער דרוק אונדז צו שפּאַלטן און צעפּיצלען כדי אונדז צו פאַר־קנעכטן צו נישט־אונדזערע אינטערעסן, וואָס ווערט איצט אויסגעאיבט, אַ סך גרעסער ווי ער איז ווען עס איז אַמאָל געווען. מיר ווענלן בייקומען דעם דאָזיקן דרוק נאָר דעמאָלט, ווען די טרעגער און פּלאַנירער אין אונ־דזער באַוועגונג וועלן ווידער זיין די באַוועלטע פונעם פאָלק, די וואָס ניי־טיקן זיך צום מיינסטן אין איר פולער אָנפירערשאַפט און אין דער פריי־הייט פון מענטש אינערהאַלב דער באַוועגונג.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין ארץ־ישראל קאָנצענ־טרירט יידן בעיקר פון די גלותן, וואָס די אונטערשיידן און דאָס פאַר־שיידענע צווישן זיי זיינען נישט געווען קיין זייער גרויסע. אַלע זיינען געקומען פון די אייראָפּעאישע תפוצות, פון אַנטוויקלטע לענדער, און אין זיי האָט מען די יידן געגעבן אַ באַשטימטע מעגלעכקייט צו בילדן זיך, אַריינצודרינגען אין וויכטיקע לעבנס־שטחים און באַקומען דערפאַ־רונג אין פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ס׳איז אין דעם זין נישט געווען קיין גרויסער מהלך צווישן דעם ניוואָ און מעגלעכקייט פון די אַריינגעקומענע פון איינעם אָדער אַנדערן אייראָפּעאישן לאַנד. איצט זיינען עולה קיין ישראל יידן פון אָרעמע און זייער אָפּגעשטאַנע־נע לענדער. הינטער זיי אַ שווערער, מער דערדריקנדיקער גלות פון יע־נעם, אין וועלכן ס׳האָבן געלעבט דער גרעסטער טייל פון עלטערן ישוב, זיינען זיי שוואַכער פון אַנדערע יידן. אַזוי לאַנג ווי ס׳זיינען געקומען עולים בעיקר פון אייראָפּעאישע לענדער און די אונטערשיידן צווישן זיי זיינען נישט געווען גרויס, האָבן זיך די עליות צוזאַמענגעשמאָלצן אין אַ

גרויסער מאָס פון זיך אַליין. אָבער כדי ס׳זאָלן זיך קענען צוזאַמענ־שמעלצן די עולים פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנער גלותן מיט די יידן פון אייראָפּעאישער אָפּשטאַמונג, וואָס זיינען שוין לאַנג דאָ אין לאַנד און מיט יידן פון די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער וואָס וועלן עולה זיין אין דער צוקונפט, פאַר דעם איז, קודם־כל, נייטיק צו פאַרקלענערן און אויך ליקווידירן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער מעגלעכקייט פון איינע און פון די אַנדערע. די יידן פון תימן, מאַראָקאָ, איראַק, טוניס, אא״א, וואָס זיינען אין משך פון דורות מוראדיק באַהאַנדלט געוואָרן אפילו אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יידן אין גלות, זיי מוז ישראל איצט, נאָכדעם ווי זיי זיינען עולה געווען, בעסער באַהאַנדלען לגבי אַנדערע, כדי זיי זאָלן וויסן ווי געהעריק צו באַנוצן זיך מיט די רעכטן און פרייהייט, וואָס דאָס געזעץ האָט זיי צוגעטיילט; כדי זיי זאָלן קענען צוזאַמען מיט אַלע באַוווּסטע אין דער מדינה, שטייגן שנעל צו סאָציאַלער גלייכקייט צו־זאַמען מיט די איבעריקע טיילן אין ישוב.

די מדינה אין אונדזער צייט איז אַ מעכטיקער אינסטרומענט צו לייזן שווערע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. דורך דעם וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט מדינת ישראל, קענען מיר רעאַליזירן די אויפגאַבע פון קבוץ־גלויות אין אַ גרויסן פאַרנעם און פאַרשנעלערטן טעמפּאָ. אָבער די מדינה איז אויך אַן אינסטרומענט פון מאַכט פון מענטש איבער מענטש און זי קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מיטל אין די הענט פון שטאַרקע צו הערשן איבער שוואַכע און זיי עקספּלאָאַטירן. די עיקר־סיבה פון די קריזיסן און דורכפאַלן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אונדזער דור איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צוזאַמען מיט איר זיג ווערט זי און דאָס לאַנד אָפט באַהערשט פון שטאַרקע אַרבעטער גרופּן, וועלכע האָבן מער געזאָרגט צו באַפעסטיקן זייערע סופּער־רעכטן און לאַוו־דווקא דאָס דערהייבן די פאָלקמאַסן. צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין דער וועלט האָבן דער פאַר אויסגעדרייט דעם רוקן צום סאָציאַליזם און צו דער דעמאָ־קראַטיע, און זיינען געוואָרן אַן אָנשפּאַר פאַרן פאַשיזם און קאָמוניזם, די נעגירער פון דער מענטשלעכער פרייהייט. קיין שום פרייהייט־באַוועגונג, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט איז פון פריער אויס נישט פאַרזיכערט קעגן דער געפאַר פון אַזאַ אומגליק־ברענגענדיקער אַנטוויקלונג.

דער מיטעלער מזרח, וואו עס ליגט מדינת ישראל, איז אַ טייל פון דער האַלב־קאָלאָניאַלער וועלט, און אין אים הערשן רייכע און שטאַרקע, וואָס זיינען פאַרבונדן און אָפּהענגיק פון פרעמדן קאַפּיטאַל. דער קוואַל פון זייער מאַכט ליגט אין דער פאַרגרעבטקייט, דערדריקונג און אָפּ־

העצטיקייט פון די פאָלקמאַסן, די זעלבסטשטענדיקייט פון די פעלקער איז דאָ זייער אַ באַשרענקטע און אָפט עקזיסטירט זי נאָר כלפי חוץ. מדינת ישראל איז אַן אויסנאַם אין דעם וועלט־טייל. דאָרט הערשט אַ דעמאָקראַטישער רעזשים, וועלכער היט די זעלבסטשטענדיקייט פון דער מדינה, און ער איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די אימפּעריאַליסטישע און רעאַקציאָנערע כוחות אַרום. זיי וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט, כדי אויך אונדז אַריינצונעמען אין קרייז פון קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג. אויב ס׳וועלן זיין און זיך מערן צווישן אונדז מאַסן באַעוולטע און השפּעה־לאָזע, וועט זיך אויך אין ישראל געפונען אַ שיכט רייכע און שטאַרקע וואָס וועט זיי באַהערשן און פּרואוון מיט זייער הילף באַהערשן די גאַנצע מדינה. דעמאָלט וועט זיך שוין געפינען אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציאָנערער קאַפּיטאַל, וואָס וועט אויסשטרעקן אַ האַנט אויף שותפות און קעגנזייטיקער הילף אין דער עקספּלאָאַטאַציע־אַרבעט. אויב ס׳וועט לאַנג אָנהאַלטן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אומגלייכקייט צווישן די פאַרשיידענע טיילן אין ישוב, אויב ס׳וועט זיך נאָך מער פאַרשאַרפן די אומגלייכקייט אין דעם אַרבעטער־קלאַס גופא, איז פאַראַן אַן ערנסטע געפאַר, אַז אויך אין אונדזער מדינה וועט אויפקומען די הערשאַפט פון די תקיפים געשטיצט פון פרעמדן קאַפּיטאַל, צו וועלכן זיי וועלן זיך אונטערטעניקן. ביי מאַסן באַעוולטע און אָפּהענטיקע אין דער טעאָרע־טיש־דעמאָקראַטישער ישראל מוז זיך, דעריבער, שטאַרקן סיי די ניי־גונג צו קאָמוניזם און סיי די נייגונג צו פאַשיזם מיט אַלע קאָנסעקווענצן און רעזולטאַטן, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן כלפי דעם גורל פון ציוניזם און דער אויפגאַבע פון קבוץ־גלויות.

מיט דעם בלוטיקן צוזאַמענשטויס צווישן די גרויסמאַכטן, אין אַנהייב פופציקער יאָרן, זיינען גרעסער און שאַרפער געוואָרן די פאָדערונגען, אַז ישראל זאָל זיך אויך אָנשליסן אין איינעם פון די קריגערישע לאַגערן און זיינע מלחמה־צוגרייטונגען. ס׳לויערן אויף אונדז פון דעם שטאַנדפּונקט שוועריקייטן און אויך ערנסטע סכנות. דער ערשטער באַדינג פאַר ישראל, זי זאָל קענען מיט דערפאָלג קעמפן פאַר איר זעלבסט־שטענדיקייט און פאָליטישער אומאָפּהענגיקייט, איז, עס זאָל וואָס שטאַרקער קלענער ווערן איר עקאָנאָמישע און מיליטערישע אָפּהענגיקייט פון אַנדערע, און מ׳קאָן דאָס דערגרייכן נאָר דורך הייבן אונדזער פּראָדוקטיוויטעט, דורך אַ באַשיידענעם און שטרענגן לעבנשטייגער, דורך אַן אָנשטרענגונג און ערנסטן קרבן פון די מאַסן האָרעפאַשניקעס. אָבער די אַלץ־וואַקסנדיקע אומגלייכקייט אין דעם אַרבעטער־קלאַס איז אַ שווע־

רע שטרויכלונג אויפן וועג פון אַזאַ קאַמף־פראָנט. דעם אַרבעטער־צבור, צעפּיצלט אויף אייבערשטע און אונטערשטע שיכטן, אויף גוט־סיטואיר־טע און אָפּגעשטאַנענע עדות, איס איז דאָפּלט שווער צו זיין כסדר אַ קאַמף־לאַגער, וואָס איז מקריב פון זיינע טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש־ן כדי צו פאַרווירקלעכן אַ דערהויבענעם אידעאַל.

מדינת ישראל איז מחויב זיך צו באַנוצן מיט אירע פולע מעגלעכ־קייטן, כדי דערציען אירע בירגער און זיי העלפן גובר זיין די מאָדע פון גרינגשאַצן די פרייהייט, און קעגן דער נייער בענקשאַפט צו לעבן אין שוץ פון פרעמדע און זייער חסד. זי דאַרף זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר, אָנפירן און לייטן דעם גייסטיקן געראַנגל צווישן דער נייער יידישער זעלבסטשטענדיקייט און צווישן די אינסטינקטן פון אָפּהענגיקייט און פון גלות־אַסימלאַציע, וואָס אַנטפּלעקן זיך אויפסניי אויף דער ישראל־ערד. אָבער די דאָזיקע דערציערישע טעטיקייט פון מדינת ישראל און פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס טראָגן דעם יאָך פון איר עקזיס־טענץ און אַנטוויקלונג וועט געבן פרוכט אין דער מאָס, אויף וויפל די מדינה וועט קענען זיך באַנוצן מיט אירע פולמאַכטן און אירע שטאַר־קע מעגלעכקייטן צו ליקווידירן די שרייענדיקע אומגלייכקייט צווישן אונדז, וואָס פון איר קען אויסוואַקסן די מער געפערלעכסטע אָפּהענגי־קייט און קנעכטשאַפט, וואָס שטאַמט פון באַליידיקונג און סאָציאַלער עוולה. אין דער מאָס וואָס די מדינה וועט קענען אָננעמען שנעלע טריט, כדי צו דערהייבן די מער־באַעוולטע צווישן אונדז און מאַכן זיי פאַר גלייכע שותפים אין אונדזער ווערק אוןביים געשטאַלטיקן אונדזער וועג.

פון דעם הענגט אָפּ אונדזער קענען ביישטיין די פאַרשיידענע און פיל שטורעמס קעגן אונדזער אָנפירונג און קעגן דער פרייהייט פון מענטש ביי אונדז. פון דעם הענגט אָפּ אין אַ אַנטשיידנדיקער מאָס דער גורל פון אונדזער ווערק.

אינהאַלט:

	זייט
***	5
דער אינטערנאַציאָנאַל און די אונטערדריקטע פעלקער	7
דער באָלשעוויזם	17
דאָס רוסישע יידנטום	35
דער קאָמאינטערן	93
דער יידישער פראָנט	117
קאָמוניזם קעגן ציוניזם	143
קאָמוניזם אינעם ציוניסטישן ארבעטער־לאַגער	181
קיבוץ־גלויות און סאָציאַלע גלייכקייט	241

קיום
פארלאג
פועלי-ציון-התאחדות

דירעקטאָר:
ש. קאַטשערגינסקי

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

א. דוד בן גוריון — נצח ישראל
ב. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
ג. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק

אין צוגרייטונג:

ד. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
ה. ה. לייוויק — נייע לידער
ו. מלך ראַוויטש — דין־וחשבון פון אַ נסיעה קיין ישראל

Este libro de terminó de imprimir el día 1º de Abril de 1954, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN. Avda. Corrientes 1976. Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrigth by
I. HALPERN, Israel

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

**Editado por la
EDITORIAL "KIUM"
Ayacucho 352**

JECHIEL HALPERN

"DER REVOLT FUN A GULES FOLK"

(REBELION DE UN PUEBLO DISPERSO)

▼

Buenos Aires

1954